STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09174

VEGN FELKER UN LENDER

Raphael Posner

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רפאל פאָזנער

וועגן
פעלקער
און
לענדער

אַרויסגעגעבן פון
רפאל פאָזנער בוך-קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

LENDER UN FELKER

(Countries and People)

by

RALPH POSNER

Copyright © 1971
by Ralph Posner
Los Angeles, Calif.

100

ביכער פון דעמזעלבן מחבר:

אַ מענטש אין וועג

היים און וועלט

אַ דאַנק...

מיין אויפריכטיקער דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון רפאל פאַזנער בוך קאָמיטעט, צו אַלע אָרגאַניזאַציעס און ספּאָנסאָרס, פאַר העלפן אַרויסגעבן דאָס בוך.

רפאל פאַזנער

רפאל פאָזנער

שרה׳ן —
מיט ליבשאפט

רפאל פּאָזנער

אַריינפיר — פון **חיים לובין**

אין גייסט פון עמאָציאָנעלן אויסדרוק און ערנסטע באַציאונג האָב איך געלייענט אַ צאָל פּאָזנערס סקיצן, באַשרייבונגען, באַריכטן, רייזע־בילדער און באַמערקונגען, און געקומען צום שלוס, אַז זיין אויסדרוק באַזיצט באַדייטנדע קרעאַטיווע מאָמענטן. זייער מעלה איז פּשטות און פּאָלקישקייט, וואָס רייסט זיך ניט אין טיפע פילאָזאָפישע פאַרטראַכטונגען; זיי זיינען באַמערקונגען און פאַרצייכענונגען פון טאָג־טעגלעכן לעבן פון ע מ ך.

אַלס אַזעלכע זיינען זיי לעבעדיקע פאַקטן, באַמערקט פון איינעם, וואָס קוקט אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן און אַ האַרץ פון וואַרעמער סימפּאַטיע, ליבע און ברידערלעכקייט.

אַלס באַאָבאַכטער פון דער מענטשלעכער לעבנס־דראַמע, רירט פּאָזנער אָן פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון אונדזער געזעלשאַפט, כאַפּט אויף פּאַסירונגען, באַלייכט זיי און דערציילט וועגן זיי פּשוט און פאַרשטענדלעך, אָן פליטערלעך און באַפּוצונגען, נשמהדיק וואַרעם, וואָס ברענגט זיינע איינדרוקן פון אַרום פון אונדזער געוויסן.

די בלומען פון דער מענטשהייט, קינדער, לאָקן אים אין זייערע לויטערע פרייד און טראַגיק. אָט שילדערט ער אַ וויינענדיק קינד (אין דער דערציילונג „אַ קינד וויינט אין האַליוואוד"), וואָס האָט פאַרלוירן די פּרוטה מיט וועלכער די מוטער האָט עס געשיקט עפּעס איינקויפן אין געוועלב. אַ טראַגישע פּאַסירונג פאַר אַ קינד! — און ווער קען מעסטן די טיפקייט פון אַ קינדס געפיל, פאַרבונדן מיט דער טראַגיק פון אָרעמקייט און דחקות, וואו אַ פּרוטה איז אַ פאַרמעגן. אַ צווייטע פּאַסירונג איז אַ פאַרפּלייצונג, וואו מענטשן האָבן פאַרלוירן זייער גאַנצע האָב־און־גוטס, אָנגעזאַמלט דורך יאָרן שווערער פּראַצע.

אָבער לעבן איז ניט לויטער טראַגעדיעס. אין אַ סעריע בילדער, „ביים ים", שילדערט פּאָזנער מענטשן און קינדער — ספּעציעל אין שפּיל און צאַפּרו. דאָ אַנטפּלעקט זיך דער שרייבער אַלס געפילפולער מענטש, וואָס שילדערט די נאַטור, דעם זוניקן דרויסן און די ים־כוואַליעס, וואָס וואַשן די ברעגן מיט אַן אייביקער פּליסטערונג. דער מענטש וואָס האָט זיך פאַר אַ ווייל אויסגעטאָן פון טעגלעכע פליכטן, פאַרגעסן די מאַשין, די פאַרפּעסטעטע לופט פון ענגע וואוינונגען און זיך באַהעפט מיט דער נאַטור פון ברייטע האָריזאָנטן, מילדע ים־ווינטן, גרינע גראָזן אוןביימער אין פּאַרק; אַן אידיליע וואָס פאַרכאַפּט און באַצויבערט מיט איר לעבנס־רייץ און חלום. זיינע קינדער־שילדערונגען זיינען לעבעדיק, בילדלעך און קאָלירפול. ס'שלאָגט אין זיי דאָס ברויזנדיקע לעבן און רייצט אייך מיט איר נאַאיווער רעאַליטעט, וואו חלום

ווערט וואָר. אימפּרעסיעס נשמהדיקע, וואָס רירן אָן די האַרץ־סטרונעס און שפּילן אויס אַ מעלאָדיע, וואָס ווערט נאָענט און אייגן, און באַזיצט אירע אייגענע פּאָעטישע שטימונגען און ניואַנסן.

ספּעציעל חנוודיק און נאָסטאַלגיש זײַנען פּאָזנערס יום־טוב־בילדער, וואָס האָבן דאָס ייִדישע קינד אַזוי געריצט אין די פאַרגאַנגענע יאָרן: חנוכה — מיט די ליכטלעך, וואָס האָבן באַשײַנט און געריצט דעם קינדס פאַנטאַזיע וועגן די מאַקאַבייער־העלדן. פּורים — מיטן גראַגער און פריילעכער סעודה, צו פּייערן המנס מפּלה, און שבועות, וואו דער גרינער זומער מיט די זוניקע טעג, האָט דאָס קינד אין פעלד און וואַלד גערופן.

פּאָזנער פאַרגעסט אָבער אויך ניט די דחקות און אָרעמקייט פון זײַן היימישן „באַלוט": מ'האָט עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. דערפאַר פירט אים זײַן שפּאַן צייכנווייז אין מעקסיקאַנער קוואַרטאַל, צווישן די פאַראָרעמטע מאַסן צונויפגעשבאַרט אין ענגשאַפט, וואָס דערמאָנען אים מיט ווייטיק און צאָרן אַמאָליקן „באַלוט".

פּאָזנער איז אַ פאָלקס־מענטש, וואָס איז אין קיין קאַלעדזשעס ניט גע־גאַנגען. זײַן קאַלעדזש, ווי ביי גאָרקין, איז געווען דאָס לעבן אַליין, דאָס לעבן פון אַן אַרבעטער. וואָס האָט געזען, באַמערקט און דערפילט. זײַנע בילדער זײַנען אימפּרעסיעס און שפּריצן, אויפגעכאַפּט דירעקט פון קאָכעדיקן לעבן פון די מאַסן. זיי פאַרמאָגן פּאַטאָס, טראַגיק און אַמאָל הומאָר. זײַן פּען איז לייכט, קאָלירן — ליכטיקע און ניט שווער באַלאָדענע. זײַנע טעמעס זײַנען פאַרשידן; זכרונות פון קינדער־יאָרן, ייִדיש שטייגער־לעבן, וואָס פילן אייך אָן מיט אַ נאָסטאַלגיע פאַרן נעכטן, פון די חדר־יאָרן, גאַסן און געסלעך, אין אַ וועלט וואָס עקזיסטירט ניט, אַ וועלט וואו די יוגנט האָט געברויזט מיט פריי־שער פרייד, וואָס האָט קוואַליק געשלאָגן אין די אָדערן.

די ענגע, טונקעלע שטיבער האָבן ווי פּאַלאַצן אויסגעזען, ספּעציעל אין יום־טובים און שבתים, מיט מאַמעשער ליבע און צאַרטקייט באַלויכטן. די שבת־יום־טוב־ליכט האָבן ווי שטערן געפינקלט און געשפּינט הייליקע לעגענדעס.

די וואָכעדיקייט האָט אָבער מיט האַרבע ווערטער פון רעאַליטעט דעם שבת פאַרטריבן און די שבת־מלכה געפאַנגען. אָבער ערגעץ־וואו האָט אַ שטערן געגלימערט פון אַ זאַטן מאָלצייט, אַ שוך און אַ בגד...

פּאָזנער איז קיין אַמעריקע געקומען. ער איז געווען איינער פון די גרויסע מאַסן וואָס האָבן אַ ניי לעבן גענומען בויען, אַ לעבן פון יושר, גערעכ־טיקייט און גלייכהייט. זײַן אויג, זײַן האַרץ זײַנען אָפן געווען צום אָרום, וואָס האָט געפאָדערט און געקעמפט. און ער האָט עס פאַרצייכנט אין זײַנע צוויי ביכער, וואָס זײַנען דערשינען ביז הײַנט. חוץ דעם האָט ער פאַרעפנטלעכט אומצאָליקע אַרטיקלען אין דער היגער און אויסלענדישער פּרעסע.

לאָמיר באַגריסן די דערשיינונג פון דעם נייעם, דריטן בוך פון אַ מענטשן, וואָס האָט אָפּגעגעבן אַ סך מי פאַר געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייטן, אין די אינטערעסן פון ייִדישן פּראָגרעסיוון וואָרט און טאַט.

אין וועג

וועגן זיך

„שרייבן זכרונות איז דער חוב פון די,
וועלכע האָבן איבערגעלעבט זייערע חברים.״
(וועראַ פיגנער)

עס גייען אַמאָל אַוועק וואָכן ווען איך ריר זיך ניט־צו צו דער פען. ציטנווייז, ביינאַכט, ווען כ׳ליג זיך אין בעט און קאָן ניט שלאָפן, טראַכט איך וועגן דעם וואָס ס׳האָט פּאַסירט דורכן טאָג . . .

איך בין ניט קיין פּליסיקער שרייבער און אויך ניט קיין פּליסיקער... איך צעריס מער דערפון וואָס איך שרייב, ווי דאָס וואָס איך האַלט אין ארכיוו פאַר שפּעטער. . .

עפּעס דאַרף מיך אָנרעגן, אָדער, אויפרעגן, כדי דאָס פאַרשריבענע זאָל האָבן אַ קיום אין מיין שופלאָד, אָדער — אויפן טיש פון אַ רעדאַקציע... איך קאָן ניט אויסטראַכטן קיין מעשה אָדער אַ דערציילונג; דאָס וואָס איך שרייב דאַרף זיין אַ שטיק אמת.

איך האָב ניט געהאַט קיין הויכע בילדונג — וואָס איז זיך דאָ צו שעמען?... מ׳זאָגט דאָך, אַז דזשעק לאָנדאָן איז געווען ווייט פון פינקטלעכער אָרטאָגראַפיע, אָבער אַ דאַטשע האָט ער פאַרמאָגט; אַ „ביוטי רענטש״ אויך. איך — האָב דאָס נישט . . .

אַוודאי דאַרף אַ שרייבער אַ סך לייענען, ווייל אַן דעם וואָלט ער קיין לייטישן זאַץ נישט געקאָנט אָנשרייבן.

אַ שרייבער מוז אויך האָבן אַביסל פאַנטאַזיע. ציטנווייז דאַרף ער זיין אַ מאָלער, האָבן אַן אויג פאַר נאַטור־שיינקייט; ער דאַרף זיין באַשאַנקען מיט אַן אויסוואַל פון געדאַנקען; ער דאַרף וויסן מער ווי דער, וואָס ווייסט ניט קיין סך. . .

אין מיין שרייבן האָב איך ניט ליב צו פאַרגעטערן „גרויסע מענטשן״, איך האָב אויך פיינט „קליינע מענטשעלעך״; איך האָב ליב מענטשן... אַוודאי זיינען פאַראַן מענטשן מיט גראַדאַציעס; מען קאָן דאָך ניט אַלעמען אויסגלייכן, ווי אַ פּעקל שוועבעלעך. . .

איך היט זיך אויס פון באַגיין פּלאַגיאַט, ווייל עס איז אַ שלעכטע מידה, אַז איינער זאָל אַרבן און דער צווייטער גאַרבן... מען איז דאָך אָבער ניט מער ווי אַ זינדיקער מענטש אויף גאָטס ערד, שלעפּט זיך אַמאָל נאָך אַ פרעמדער געדאַנק, וואָס מ׳מיינט, אַז ס׳איז אייגן . . .

איצט, ווען איר ווייסט שוין וויאַזוי איך שרייב, ליגט צו אַן אויער און הערט.

* * * * *

קיינער ווייסט ניט מיין פרייד... איך בין געבוירן געוואָרן מיט זיבעציק יאָר צוריק. געקומען אויף דער וועלט, ווי די מאַמע פלעגט דערציילן, מיט אַ געשריי, אַז דאָס גאַנצע שטעטל האָט זיך דערשראָקן... מיין געשריי האָט געמיינט, אַז דער פאַרשוין וועט ניט זיין קיין שטומער... מיינע בלוי־גרויע אויגן האָבן זיך געעפנט. דאָס געהער איז געוואָרן שאַרף און האָט אויפגע־כאַפּט דעם דינסטן קלאַנג. מיטן עלטער ווערן האָבן מיינע הענט זיך צוגע־וואוינט צו שווערע פּראַצע; מיינע פיס האָבן מאַרשירט פון דאָרף אין שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד און נישט געוואוסט פון קיין מורא...

קיינער האָט ניט געפילט מיין מאַמעס פרייד, ווען זי האָט געזאָגט: „קינדער ביי אָרעמעלייט ווערן געבוירן מיט „בלאַנעס" אויף די אויגן, מיט פאַרמאַכטע אויערן, אַ שלעכטע צונג צום ריידן, שטאַמלדיקע, געליימטע — און דו ביסט אַזוי שיין געראָטן, גאָט־צו־דאַנקען."

פליען איצט מיינע רעיונות אַוועק צו יענע יאָרן, ווען מיין מאַמע האָט מיט גרויס פרייד, שוין צום הונדערטסטן מאָל, דערציילט:

„מען מען האָט דיך מל־געווען, ביסטו אָפּגעגאַנגען מיט אַ סך בלוט, געמיינט האָט דער טאַטע, אַז דו, דאָס פּערטע קינד, הויכט אויס די נשמה, אַז עמיצער האָט אַן עין־הרע געגעבן"...

עס איז געווען אַן אָרעם לעבן, אוי, אָרעם!... די מילך פון איר ברוסט האָט די מאַמע פאַרקויפט צו נגידישע קינדער, דעם מאַרך פון די ביינער האָבן זיי ביי איר אַרויסגעצויגן און זי, נעבעך, האָט דער היטלעריזם פאַרצוקט.

היימאַן סאַלניק פון בראָנקס שרייבט מיר:

„איך האָב געלייענט וועגן דיר. וויל איך וויסן, צי דער נאָמען פון דיין פאָטער איז ניט אַמאָל געווען יחיאל יצחק פאָזנאַנסקי, ביי וועמען איך בין געווען אַ וועבער־לערן־ייִנגל אין יאָר 1894. דאָס רופט דאָך אַרויס אַסאָסיאַציעס, פרייד און אומעט, און איך טראַכט איצט, אין יאָר 1971, ווען ס'וואָלט מיר געווען באַשערט נאָכאַמאָל דורכצומאַכן אַזאַ מאַרשרוט אין לעבן, וואָלט איך זיכער ניט געהאַט קיין כוח..."

אין דער אַלטער היים, אין לאָדזש, ווען איך בין געווען אַ חדר־ייִנגל פון אַ יאָר זעקס־זיבן, געדענק איך, ווי דער פּאַקן־טרעגער, אַ איד אַ מוכר־ספרימניק, וואָס איז געגאַנגען איבער די היקזער, האָט געטראָגן צו פאַרקויפן: יאַרמעלקעס, גאַרטלען, ציצית, מזוזות, לאָטאַריי־צעטלען, און אין איינוועגס אויך אַ פּאָר מעשה־ביכלעך פאַר אַ גראָשן אָדער אַ קאָפּיקע, וואָס די דינסט־מיידלעך און לערן־ייִנגלעך האָבן געקויפט און געלייענט באַהאַלטענערהייט. ביי אונדז אין הויף פלעגט מען זיך צוזאַמענקומען פרייטיק־צו־נאַכט, ביי אסתרן אין שטוב, נעמען ביכלעך אויף באָרג און זינגען רעוואָלוציאָנערע לידער אין דער שטיל...

אין הויז ביי אסתרן, האָבן זיך געפונען אַ פּאָר טוצן ביכער, ראָמאַנען איבערזעצט פון רוסיש, פראַנצויזיש, דייטש און אויך יידיש. פּאָר אַ קאָפּיקע האָט איר דאָס געקענט איבערלייענען אין אַ וואָך צייט. דאָס בוך איז אָבער „איינגעשלונגען" געוואָרן אין צוויי נעכט.

ווען עס זיינען אַנטשטאַנען די ביבליאָטעקן פון „השומר הצעיר" און אויך פּריוואַטע, גרעסערע ביבליאָטעקן, איז שוין געווען אַ גרעסערער אויס־וואַל פון הונדערטער ביכער: רעוואָלוציאָנערע, מאַרקסיסטישע, ראָמאַנען און וויסנשאַפטלעכע ביכער וועגן „הימל און ערד", ליבעס־געשיכטעס, פּיצינקע ביכעלעך, און היסטאָרישע ביכער, בריוונשטעלער און פיל אַנדערע. (עס איז דעמאָלט געווען אַ מאָדע צו טראָגן אַ שטעקעלע און אַ בוך אונטערן אָרעם...)

אַ יידישע צייטונג, אַ ביכל, איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז עס איז צעריבן געוואָרן ווי קאַשע. ניט בלויז אין דער פאַבריק־שטאָט, לאָדזש, האָט זיך אַזוי אָנגעהויבן דער פּראָצעס פון לייענען אַ בוך. אויך דאָ אין אַמעריקע האָבן מיר געהאַט מוכרי־ספרים, וואָס זיינען אַרומגעפאָרן מיט פערד־און־וואָגן פאַרקויפן ביכער. ערשט אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1887 איז אַנטשטאַנען דער קינדער בוך־חודש. כאָטש אַנדערע פעלקער האָבן געהאַט גרעסערע מעגלעכקייטן אויף דעם געביט, האָבן מיר, יידן, זיך ניט מיט וואָס צו שעמען מיט אונדזערע דערגרייכונגען אין אונדזער יאָרהונדערט, ניט געקוקט דערויף, וואָס אונדזער לערע האָבן מיר באַקומען אין חדר...

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן

דעם 27טן מערץ, 1968, האָט זיך די באַן אַ ריר געטאָן. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון פאָרן אויף באַנען, שיפן, אויטאָבוסן, איבער שטעט און לענדער אויף אַ שטרעקע פון אַכצן טויזנט מייל.

ווען לאָס אַנדזשעלעס ווערט פאַרלוירן פון אויג, פאָרן מיר אַריין אין די סאַן בערנאַרדינאָ בערג, וואָס דערגרייכן ביזן הימל און ציען זיך מיילן־ווייט.

די באַן פאָרט קיין שיקאַגאָ; זי גליטשט זיך ווי אויף גומענע רעדער, זי איז רחבותדיק; עס שעמערירט אין יעדן ווינקעלע.

געמינט האָבן מיר, אַז קיינער פאָרט שוין נישט מער אויף באַנען; אַז אַלע פליִען...

דער לאָקאָמאָטיוו שלעפּט פופצן וואַגאָנען; צען זיינען פול מיט פּאַסאַזשירן — פון אַ נאַר־וואָס געבוירענער בעיבי ביז אַ זקן.

די פענצטער זיינען ריין, ווי געשליפן גלאָז. איר זעט ווייטע, ליכטיקע, גרינע פעלדער, וואָס ציען זיך אויף ברייטע, לאַנגע שטרעקעס. עס קומען אַנטקעגן בערג פון שטיינער און זאַמד. דער דורכפאָר איז שמאָל, די באַן רירט כמעט אָן די זייטן פון אַ מעכטיקן באַרג, וואָס איז רויט ווי מאַסיווער קופּער און גלאַנצט אונטער די קאַלטע, קלאָרע זון־שטראַלן.

די באַן שלענגלט זיך פאַרביי הונדערטער אָרעמע כאַטעס. פון האָלץ און ליים. די כאַטעס זיינען אָפּגעלאָזענע, וואָס פּאַסט אַזוי ניט פאַר דער רייכער אַמעריקע. קינדער שטייען, קוקן שטאַר אויף די דורכפאָרער. אַ קינד פאָכעט מיט אַ הענטעלע, ווי ס'וואָלט זיך מיט אונדז געזעגנט...

עס קומען אַנטקעגן בערג ווי מאָנסטערס, מיט גלאַטיקע קעפּ און אויך באַוואַקסענע מיט דערנער. זיי קייטלען זיך איינע איבער די אַנדערע. פון גאָר ווייט זעט זיך אַרויס אַ רונדיקער קופּאָל וואָס איז באַדעקט מיט שניי, ווי ווייסער פּוך.

פלוצלונג דערשרעקן מיר זיך, ווען עס ווייזט זיך אויס, אַז אָט־אָט פאָרן מיר אַריין אין אַ באַרג, וואָס פאַרשטעלט דעם וועג...

די באַן טוט זיך אַ דריי, פאָרט אַריין אין אַ טונעל פון אַ שוואַרצן באַרג, וואָס איז דורכגעעקבערט אין סאַמע אינגעווייד. אַ רגע ווערט פינצטער — אָבער באַלד לויכט ווידער אויף די בלענדענדיקע זון מיט אירע גאָלדענע שטראַלן.

די באַן ציט זיך, שלענגלט זיך און סאָפּעט, ווי זי וואָלט פּלוצלונג קראַנק געוואָרן. זי שלעפּט זיך פּאַוואָליע אַרויף אין דער הויך אויף אַ ריזיקן

באַרג. עס איז אַ מורא אַראָפּצוקוקן אין טאָל. ווידער שניידט זי דורך אַ טונעל. ווען מיר קומען אַרויס, איז די וועלט ווייס פון שניי.

שנעל, צו־שנעל לויפט די באַן פאַרביי שטעטלעך, וועלדלעך. דאָס אויג כאַפּט אויף אין מדבר הילצערנע הייזקעס, וואָס בויגן זיך צו דער מאַמע־ערד. אַ מענטש און אַן אייזל אַרבעטן מיט אַ הילצערנעם אַקער. אַן עראָפּלאַן שניידט דורך דעם הימל מיט האַסט. דער קאָנדוקטאָר זאָגט, אַז מיר גייען איצט באַרג אַראָפּ נײַנציק מייל אַ שעה. — יאָ — זאָגט ער — די יוגנט פליט אין דער לופטן; די אַלטע פאָרן מיטן „טשיף״...

די באַן האָט אַ גלעזערנעם דאַך, איר זעט בערג ווי מענטשן, להבדיל: רויט, שוואַרץ, ווייס, גרין, הויך־מאַיעסטעטיש און קאַרליקעס. די בערג שלאָגן זיך אָבער ניט צווישן זיך און עס איז דער מענטש, וואָס צעשטערט זיי אויך. מ'ברענגט זיי אום מיט האָוויצערס, טאַנקען, אויפּרייס־מאַטעריאַל, פּונקט ווי די מענטשן. זיי, די בערג, לעבן אַמאָל טויזנטער יאָר — און דער מענטש?...

עס איז שוין שפּעט. דער עולם גרייט זיך שלאָפן. מ'ציט זיך אויס אויף די אויסלייג־שטולן, עס הערט זיך אַ שנאָרכן און כראָפּען: פּערציק מענטשן זייבן געגאַנגען שלאָפן אין איין צימער. ווען נישט די ווענטילאַציע וואָלט געווען שווער צו אָטעמען..

שיקאַגאָ

שיקאַגאָ — די שטאָט וואו מיר האָבן געלעבט, געקעמפט, געסטרייקט, געזיגט, געוואונען און פאַרלוירן. עס שווימען פאַרביי זכרונות פון ראָמאַנטישע צייטן. שוין באַלד פאַרגעסן דאָס פּנים פון די פאַרסאַזשעטע הימל־קראַצערס, פאַרפעסטעטע הייזער, נויט, הונגער־מאַרשן, שוואַרצע מויערן מיט אויסגעהאַקטע פענצטער — ווער קאָן דאָס פאַרגעסן די גאַסן: דירבאָרן, סטייט, קלאַרק, וואַן ביורען, מיטן אומגעלומפּערטן וואָקזאַל, וואָס פּאַסט זיך גאָר ניט פאַר אַזאַ ריזן־שטאָט.

עס דערוועקט זיך אַן אומבאַשרייבלעכע נאָסטאַלגיע. אויפן געדאַנק שווימט אַרויף די באַגעגעניש מיט מיכאל מירסקי אין די היימען פון גרעיס און ג. גערטלער, פייגע און משה שטראַסבורגער און מאַקס שולמאַן. מירסקי איז דער רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע לעבן אין לאָדזש.“ די לאָדזשער לאַנדס־לייט האָבן פאַר זיין אָוועקפאָרן אים צוגעטראָגן אַ גאָלדן זייגערל, אויף וועלכן עס איז געווען אויסגראַווירט: „פון לאָדזשער און אומגעגנט פאַראיין.“

מ. מירסקי האָט דעמאָלט געזאָגט: „איך נעם אָן די מתנה מיט דעם באַדינג, אַז איר וועט טאָן אייער הייליקע פליכט צו די יידן אין לאָדזש, צו די יידן אין פוילן. מירסקי האָט דערציילט, אַז אין לאָדזש געפינען זיך 25 טויזנט יידן, געקומענע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון בונקערס, גאַז־קאַמערן, קאָנצענטראַציע לאַגערן, פון וועלדער און פעלדער...

ווער קאָן דאָס פאַרגעסן די צוזאַמענאַרבעט מיט דעם באַוווסטן רבי שאול סילווער, דר. פערלצוויג, רבי גאָלדמאַן, ראַבאַי בערמאַן, ראַבאַי מאָרטאָן, דר. טענענבאַום, מאַקס ברעסלער, דער ריכטער פישער, ז. טיגל, אייב קאָרן, הערמאַן בוש, פּאַול בלו! שיקאַגאָ איז דאָך די שטאָט וואו מיר האָבן געלעבט מיט 35 יאָר צוריק. דאָס זיינען געווען ראָמאַנטישע יאָרן פון בויען דאָס פּראָגרעסיווע לעבן.

עס שווימט אויף אין זכרון דאָס אָפּעראַ־הויז, וואו מען האָט אין די הונגער־יאָרן באַצאָלט פופציק סענט צו זען וועלט־באַרימטע אַרטיסטן. ווער קאָן עס פאַרגעסן דעם אָרקעסטער־זאַל אויף מישיגען בולוואַרד, וואָס איז אין יענער צייט, אין סוף צוואַנציקער יאָרן, געווען צוגעדעקט מיט אַ ליילעך פון ווייסן שניי. דער פראָסט האָט געברענט, אָבער אין אָרקעסטער־זאַל, אויף דער גאַלערי, איז געווען געשמאַק, וואַרעם — פאַר פופציק סענט. ווער קאָן עס פאַרגעסן דעם ליבעראַלן מענטשן, דעם גרויסן מוזיקער און דיריגענט, פרעדריק סטאַק, וועלכער האָט ליב געהאַט צו זאָגן אַ גלייכווערטל

בשעת דעם איבעררייס. ווען ער איז מיט יאָרן שפּעטער געשטאָרבן אין האליוואוד, זיינען פונקט צען מענטשן געקומען צו דער לוויה...

עס געדענקט זיך ראָזע ראַיסאַ, די יידישע טאַכטער פון ביאַליסטאָק, אין איר אויפטריט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, און פּאָול ראָבסאָן, וואָס האָט געגעבן אַ פרייען קאָנצערט פאַר צענדליקער טויזנטער צוהערער אין גרענד פּאַרק. ווער קאָן עס פאַרגעסן דאָס שפּרודלדיקע יידיש־פּראָגרעסיוו לעבן פון יענער צייט! די גרויסע, געפּאַקטע זאַלן, וואו מ. אָלגין פלעגט ברענגען זיין קלאָרקייט פון וואָרט; אַך, וואָס פאַר אַ גרויסן דרך־ארץ מיר האָבן געהאַט פאַר אים! ער, וואָס האָט יעדעס מאָל באַגייסטערט די האָרע־פּאַשניקעס. „דרך־ארץ פאַרן פאָלק" איז געווען זיין מאָטאָ.

* * * * *

און ווער קען פאַרגעסן די צייטן ווען די היטלעריסטן האָבן געמיינט, אַז שיקאַגאָ באַלאַנגט שוין צו דעם „פיורער" פון דייטשישן „פאַטערלאַנד". מעיאָר קעלי האָט באַגריסט די היטלעריסטן צו דער פייערונג פון „דייטשן־טאָג", די ענגלישע פּרעסע האָט גערופן די דייטשן פון שיקאַגאָ, אַז זיי זאָלן געדענקען זייער „פאַטערלאַנד". אַלע סטריט־קאַרס, אין צענטער פון שטאָט, האָבן אין גרויסע רעקלאַמעס גערופן אַלע מענטשן, וועלכע פאַרגעטערן די דייטשישע קולטור, די דייטשישע שפּראַך, אַז זיי זאָלן זיך באַהעפטן אין דעם טאָג מיטן גייסט פון „פיורער". משה רעזניקאָוו, דער דעמאָלטדיקער פאַר־וואַלטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", האָט מיר געזאָגט: „אויף דיר איז אויס־געפאַלן דער גורל צו „דעקן" דעם ספּעקטאַקל, ווייל דו זעסט אויס ווי איינער פון זיי..."

„סאָלדזשערס פילד" נעמט אַריין העכער הונדערט טויזנט מענטשן. די ברוינע שטורעם־טרופּערס זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, אויסגעטיילט דעם „דויטשן וועקרוף", דעם „אַמעריקען דזשענטאַיל", וואָס איז געווען פול מיט גיפט אויף די „יודן". עס האָבן מאַרשירט אין נאַצישע מונדירן זעלנער מיט אויסגעשטרעקטע באַיאָנעטן, די יונגע היטלעריסטן, מיט קינדשאַלן אין די זייטן, אין נאַצישע אוניפאָרמען, האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא...

דער שיקאַגער פּאָסטמייסטער, גוסטאַוו א. בראַנד, און דער סיטי טרע־זשורער, זיינען געווען ערן־געסט. פריץ קון, דער אַמעריקאַנער היטלער, האָט שי־־טלעך באַגריסט. אַזוי האָט אויך געטאָן מעיאָר קעלי.

די פאָן מיטן האַק־און־קרייץ איז אַרויפגעצויגן געוואָרן אויפן מאַסט און דער אָרקעסטער האָט געשפּילט „דויטשלאַנד איבער אַלעס."

די פּראָגרעסיווע באַוועגונג האָט אין אַ נומער „פאָלקס־שטימע", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין שיקאַגאָ, רעאַגירט און דערציילט ווי אַזוי מיר האָבן אַנטדעקט זייער געהיימע דרוקעריי. 58 אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַלטן

פאַרשפּרייטן די „פאָלקס־שטימע" אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן.

אויפן געדאַנק שווימט אַרויף די האַרציקע, היימישע, חברישע און אינטימע, אָפטע באַגעגענישן מיט פּראָפעסאָר אָסקאַר לאַנגע. דאָס איז געווען אַ פּשוטער, הויך־געלערנטער, ליבעראַלער אַנטי־פאַשיסט, וואָס איז פעסט געשטאַנען מיטביידע פיס אויף דער ערד, און וואָס האָט מיט זיין טיפער מענטשלעכקייט שטאַרק באַווירקט די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

* * * * *

ווען מ'קומט קיין שיקאַגאָ אויף אַ טאָג אָדער צוויי אויפן וועג אַהיים, מיד פון אַ לאַנגער רייזע, וואָלט מען געוואָלט באַזוכן אַלע ערטער אין דער שטאָט וואו מען האָט געטיילט די שווערע יונגע יאָרן מיט פריינט, חברים, אויף דעמאָנסטראַציעס קעגן פאַשיזם, הונגער־מאַרשן, ביי די רעליף־סטיישאַנס, עוויקשאַנס פון דירות. עס שווימען אויף דערינערונגען פון קריכן אויף די העכסטע שטאַקן... העלפן בויען יידישע סעקולערע שולן, שאַפן לייענער פאַרן פּראָגרעסיוון יידישן וואָרט. — מיר האָבן אָבער בלויז צייט זיך אַרומצודרייען אין דעם „לופּ" און זען מאָנומענטאַלע קאָנסטרוקציע פון פּיקאַסאָ „פויגל מיטן לאַנגן שטאָלענעם שנאָבל", וואָס איז פּופּציק פוס הויך, און ווען די זון שיינט, איז די גאַנצע פּיקאַסאָ־סקולפּטור אַרומגענומען אין גאָלד־קאָליר, וואָס באַצירט דאָס קוק־קאַונטי הויז, וואָס וואָלט אָן דעם נישט געצויגן קיין אויפמערקזאַמקייט.

פּיקאַסאָ איז קיינמאָל נישט געווען אין שיקאַגאָ. מ'דערציילט אָבער, אַז ער האָט געהאַט אַ וואַרעמען געפיל פאַר דער שטאָט וואו דער אַרבעטער קלאַס האָט געמאַכט געשיכטע, און פון וועלכער עס זיינען אַרויסגעקומען באַרימטע שרייבער, וואָס האָבן דערציילט וועגן דער שקלאַפעריי אין די שטאָל־פאַבריקן, אין די שעכט־הייזער, און וועגן דער אַנטשטייאונג פון ערשטן מאַי.

פּיקאַסאָ איז איצט, אין 1971, אַלט געוואָרן 89 יאָר. קונסט־מבינים קאָנען נאָך אַלץ נישט באַשטימען צו וועלכער קאַטעגאָריע זיין קונסט־ווערק אין שיקאַגאָ זאָל צוגערעכנט ווערן. די סקולפּטור, וואָס איז פּופּציק פוס הויך, איז געבויט פון טיפן ברוינעם שטאָל און שטייט ביים אַריינגאַנג פון דער 31־שטאָקיקער געביידע, דאָס קוק קאַונטי געריכט־הויז.

אינטערעסאַנט איז, אַז נאָך לאַנג, איידער מ'האָט די געביידע אָנגעהויבן בויען, האָט דער אַרכיטעקט און אַנדערע איינפלוסרייכע מענטשן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט פּיקאַסאָן וועגן אַ מאָנומענט פאַר דער שטאָט שיקאַגאָ.

דאָס אויפבויען פון דער געביידע, אַ זעלטענע שטאָל־קאָנסטרוקציע, האָט געקאָסט נײַנציק מיליאָן דאָלער.

איבערן מאָדעל אַליין, זאָגט מען, האָט פּיקאַסאָ געאַרבעט מער ווי אַ יאָר, ביז ער האָט באַשלאָסן דעם אויסזען און אינהאַלט פון דער סקולפּטור. וויליאַם האַרטמאַן, אַן אַרכיטעקט, איז מער ווי איין מאָל געפאָרן קיין דרום־פראַנקרייך צו זען פּיקאַסאָן אין זיין ווילע זיך מיט אים דורכשמועסן וועגן דעם ריזיקן פּראָיעקט.

טאָראָנטאָ

די באַן וואָס איז געפאָרן קיין טאָראָנטאָ איז געווען קליין. מיר פירן מיט זיך ״בן פעק און פעקלעך, ווייל מען זאָגט, אַז אין דעם לאַנד וואוהין מיר פאָרן, גייען מענטשן נאַקעט... אומעטום וואו מיר שטעלן אַ פוס אויף פרעמדער ערד, שטייט פריינט און וואַרטן אויפצונעמען די געסט. דאָ אין טאָראָנטאָ קומען מיר צו מיין שוועגערינס שוועסטער, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון היטלערס גיהנום. איר שוועסטער, מיין שוועגערין, האָט זיך נישט געראַטעוועט, מיין ברודער מיט די קינדער אויך ניט. וואו און ווען זיי זיינען אומגעקומען, איז נישטאָ קיין שפור...

פרייען מיר זיך, וואָס גענוג, איך מאַן, און זייער טעכטערל, פייגעלע, זיינען דאָ. די משפחה ווערט מיר נאָענט, ליב און טייער. אין טאָראָנטאָ קאָן מען פאַרבלייב נאָר איין נאַכט, ווייל עס וואַרט אויף אונדז די פּוילישע שיף „באַטאָרי” אין האַליפאַקס. די זיסהאַלץ משפחה ראָט אונדז, אַז מיר זאָלן דעם אָוונט גיין צו אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג, פאָלגן מיר זיי. מיר הערן דאָרט נייעס פון אַ מענטשן, וואָס איז נאָר־וואָס צוריקגעקומען פון פּוילן, וואָס ס׳קומט איצט דאָרט פאָר.

די באַן וואָס פאָרט קיין מאָנטרעאַל איז פול מיט 120 פּוילישע טוריסטן, וואָס פאָרן צוערשט קיין האַליפאַקס, און פון דאָרט צו זיך אַהיים: קיין וואַרשע, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו. זיי וועלן זיך צעפאָרן איבער דערפער, שטעט און שטעטלעך. איצט קומען זיי פון שיקאַגאָ, ניו־יאָרק, דעטראָיט — פון איבער דער לענג און ברייט פון אַמעריקע.

ווען דער טאָג גייט אויף ביים ראַנד פון הימל, וואָס מיר זען דורך די פאַררויכערטע פענצטער, איז פינף אַזייגער. דער ווייסער שניי איז אויסגע־שפּרייט איבער ענדלאָזע שטרעקעס. די באַן שלענגלט זיך, קריכט פּאַמעלעך, פאַרזיכטיק, איבער אַ לאַנגער שמאָלער בריק. דער עולם ווערט אומרואיק:

„מיר האָבן שוין פּאַרשפּעקטיקט אויף צוויי שעה, ווען די שיף וואַרטן?" צווישן די פּוילישע מענטשן גייט אָן אַ „קאָנטעסט", ווער עס האָט זך אויס־געלערנט מער ענגלישע ווערטער. דאָס איז דער באַגאַזש וואָס זיי פירן אַהיים — אוּן אַ ביסל טאַשן־געלט.

דורך דעם וואַלד וואָס מיר פאָרן פאַרביי, פינקלען אַרויס פליאַמעס ווייסער שניי. עס פאָרן אויך אַ פּאָר מענטשן פון אַמעריקע און קאַנאַדע, זיי קוקן מיט ביטול אויף די עמיגראַנטן, וואָס האָבן פאַרבונדן זייער האָב־און גוטס אין קאָשיקעס, וואַליזעס, פלאַכטעס, קאָרזינקעס, מיט גראָבע שטריק. דער קאָנדוקטער איז גוט אויפגעלייגט, פאַרפירט ער אַ שמועס וועגן פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע. ער רעדט ווי אַ באַוואוסטזיניקער אַרבעטער וועגן דעם לאַנד אַמעריקע און וועגן זיין לאַנד קאַנאַדע, וואָס פאַרמאָגט בלויז צוואַנציק מיליאָן מנטשן אוּן איז אפשר גרעסער ווי די פאַראייניקטע שטאַטן און וואָס לאָזט ניט אַריין קיין אייראָפּעאישע עמיגראַנטן...

ווען ער גייט אַוועק, וואַקסט אויס אַן אומבאַקאַנטער מענטש אין אַ אוניפאָרם און פרעגט: „קאָן איך זען אייערע פּאַספּאָרטן? איר פאָרט מיט דער „באַטאָרי"?...

אויף דער שיף

אַנקומענדיק קיין האַליפאַקס האָט זיך דער עולם דערפרייט, ווען מ'האָט דערזען, אַז די שיף „באַטאָרי", געפאַרבט שוואַרץ און ווייס, שטייט אין איר פולן פראַכט און וואַרט אויף די פּאַסאַזשירן. קלענערע שיפלעך פאָדיען אַרום, וואַרטן אויפן סיגנאַל זי אַרויסצופירן פון דאָק.

די שיף האָט צוויי קוימענס און וועגט צען טויזנט טאָן. „דאָס איז דאָך אַ „מידזשעט" אַנטקעגן די 40־30 טויזנט־טאָניקע שיפן", רופט זיך אָן אַ פרוי, וואָס טראָגט אַ טייערן פוטער־מאַנטל.

די שיף „באַטאָרי" האָט אַ לאַנגע געשיכטע: מ'לאָזט איר נישט אַריין אין די אַמעריקאַנער וואַסערן, צוליב דעם „פאַרברעכן" פון גערהאַרד אייזלער, וועלכער איז אויף דער שיף אַנטלאָפן פון לאַנד און נישט געוואָלט גיין אין טורמע...

דער קאַנאַדער פאַרם־אַרבעטער, דער טשעך קורביצקי, וואָס איז שוין אין לאַנד פערציק יאָר, האָט איבערגעלאָזט דעם פאַרם, אַז די קינדער זאָלן דאָרט אַכטונג געבן. ער פאָרט קיין פוילן, און פון פוילן קיין פראַג, זיך היילן אין קאַרלסבאַד, פאַר פינף דאָלער אַ טאָג. „כאָטש איך האָב הונדערט אַקער לאַנד אין קאַנאַדע", זאָגט ער, „וואָלט מיר אויסגעקומען צו גיין בעטלען, ווען איך זאָל דאַרפן זיך אָנהייבן מיט די היגע דאָקטוירים..."

איך שפּאַציר איבער די „גאַסן" פון דער שיף. דאָס פוילישע מיידל, טשעסלאַוויק, וואָס שטייט ביי דער טיר פון שיינהייט־סאַלאָן, דערקענט אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער. זי האָט פאַרענדיקט אַ העכערע שולע אין וואַרשע און איצט אַרבעט זי אויף דער שיף שוין דריי יאָר. „איך אַרבעט דאָ, ווייל אויף דער שיף פאַרדין איך מער ווי אין לאַנד." זי איז ניט צופרידן, וואָס אפילו דאָ, אויף דער שיף, זיינען דאָ קלאַסן פון רייכע און אָרעמע מענטשן. זי איז דרייסיק יאָר אַלט און איר מאַן, וואָס געפינט זיך אין פוילן, איז 54 יאָר אַלט.

„די מאַמע — דערציילט זי מיר — האָט מיך חתונה געמאַכט. ער איז געווען אַן אַלמן מיט דריי קינדער. איך בין נישט פרום, אָבער איך גיי אין קלויסטער. די פוילישע רעגירונג איז אַ גוטע. זי האָלט אויס מיין מאַן. פאַר שפּיטאָל־הוצאות דאַרף איך נישט צאָלן. ווען מ'אַרבעט און מען היילט זיך, דאַרף מען צאָלן האַלב פון דעם, וואָס די היילונג קאָסט. ווען מען גייט צו אַ פּריוואַטן דאָקטאָר, אָדער צו אַ פּראָפעסאָר, דאַרף מען אַליין צאָלן. די בילדונג איז דאָרט פריי. אַלע קינדער לערנען אויפן חשבון פון דער רעגירונג."

עס פאָרן צוריק אַהיים אַמאַטאָרן און פּראָפעסיאָנאַלן: זינגער, שפּילער, טענצער, קינסטלער, וואָס האָבן געמאַכט אַ ביסל געלט אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע. קויפט מען איין אין די שיף־געשעפטן פון שענסטן און בעסטן, וואָס זיי קריגן נישט אין פוילן. עס פאָרן אויך צוריק מעכאַניקער, מויערער, עלעקטרישנס און פאַרשידענע פאַכלייט, וועלכע האָבן פאַרבראַכט אַ קורצע אָדער לענגערע צייט אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע. זיי האָבן פאַרדינט אַמעריקאַנער געלט, וועלן זיי איצט קויפן אַן אייגענע היים, זיך בעסער איינ־אָרדענען, און אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווידער פאָרן קיין אויסלאַנד, ווייל עס לוינט זיך...

איגנאַץ איז שוין דאָס פערטע מאָל אין אַמעריקע. איצט פירט ער מיט זיך אַ פרוי, אַן אמתע שיינהייט. זי איז אַן אַרמענישע. ביידע ריידן אַ ביסל ענגליש. דאָס איז זייער געמיינזאַמע שפּראַך, ווייל ער קען נישט קיין אַרמעניש און זי — נישט אַ וואָרט פּויליש. זי איז אַן איידעלע, קוים וואָס מ'הערט איר שטימע. ער איז אַ געזונטער, אַ שיינער, יונגער מאַנסביל.

איגנאַץ האָט ליב נעמען אַ שנאַפּסל, בעט ער זיך ביי איר: „טרינק, טו אַ זופּ, עס וועט דיר נישט שאַטן." קוקט זי אויף אים מיט צוויי גרויסע שיינע, ברוינע, פאַרליבטע אויגן... ער וויל רייזן צו איר שיינע, צאַרטע רייד — פעלט אים אָבער אויס לשון...

זי איז שלאַנק, טראָגט די בעסטע קליידער און צירונג. ער איז אויך שיין אָנגעטאָן. ער גלעט אירע ווייסע הענטלעך מיט אירע לאַנגע גאָלדענע פינגער־נעגל, שמייכלט זי צו אים מיט אַ דין, וואַרעם שמייכעלע, וואָס אַנט־פּלעקט אירע ווייסע, פּערלדיקע, גלייכע ציינדלעך, וואָס גיבן צו נאָך מער חן דער אַרמענישער פרוי, וואָס פאָרט מיט איר מאַן קיין וואַרשע.

שוין ניין טעג ווי מיר געפינען זיך אויף דער שיף. מאָרגן, אויפן צענטן טאָג, קומען מיר אָן קיין קאָפּענהאַגען, אין דענמאַרק, וואו די שיף וועט אַנקערן אַ גאַנצן טאָג. מיר האָבן קיינמאָל נישט געחלומט צו זיין אין דעם לאַנד און אין דער שטאָט, וואָס ווערט אַזוי ברייט און שטאַרק געלויבט פאַר דעם וואָס זי איז.

זעצן מיר זיך אַריין אין אַן אויטאָבוס, צוזאַמען מיט נאָך פופציק שיף־פּאַסאַזשירן און פאָרן באַטראַכטן די אייגנאַרטיקע שטאָט, די סקווערן, מאָנומענטן, קירכן, די אַרכיטעקטור פון די הייזער — ווי איין אַרכיטעקט וואָלט זיי באַשאַפן.

עס איז די וואָך פון הייליקן יום־טוב פּאַסכאַ. די מערסטע געשעפטן זיינען געשלאָסן, נאָר אין דער האַלע קאָן מען קויפן אַלץ וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

די שיף „באַטאָרי" איז אַ נאָמען נאָכן פּוילישן קעניג סטעפאַן באַטאָרי, וועלכער האָט געהערשט איבער פוילן צען יאָר אין דער צווייטער העלפט

פון 15טן יאָרהונדערט. די שיף קאָן באַדינען 850 פּאַסאַזשירן; היינט פאָרן נישט מער ווי דריי הונדערט.

די מערסטע זיינען געקומען קיין אַמעריקע אויף וואַקאַציע צו זייערע אייגענע. זיי זיינען דאָ געווען זעקס חדשים, אַנדערע אַ יאָר, און האָבן דערוויל געאַרבעט ביי פאַרשידענע פאַכן, אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, לאָזן זיי זיך איצט וואוילגיין אויף דער שיף. די באַרס זיינען פול און די קראָמען האָבן אַ רייכן אויסוואַל פון פאַרשידענע מענער־ און פרויען־„נאָוועלטיס" און זיינען באַלאַגערט מיט קונים.

די שיף האָט זיך באַטייליקט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון 1939 ביז 1945; געווען ביי די ברעגן פון נאָרוועגיע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, צפון־אַפריקע און איטאַליע; געפירט זעלנער און שפייז צו העלפן די אַליאירטע אַרמייען אין קאַמף קעגן נאַציזם.

אַ פרוי, וואָס פאָרט צוריק קיין פוילן, דערציילט מיר:

„איך האָב נאָך קיינמאָל נישט פאַרלוירן קיין דאָלער אין געמבלינג, ניט איך און ניט מיין מאַן. מיר האָבן דאָס פיינט, ווי מיר האָבן פיינט שכורים — וואָס ביי אונדז אין פוילן איז דאָס אַ גרויסע מכה, וואָס איז געווען נאָך ערגער אין די צייטן איידער ס'איז אויפגעקומען די פאָלקס־רעגירונג. היינט איז דאָרט דאָס לעבן בעסער. די יוגנט האָט ליב אַ הוליע טאָן. בין איך מיט מיין מאַן איין מאָל געפאָרן קיין לאָס וועגאַס, ווייל מ'הערט ניט אויף צו ריידן וועגן די דאָרטיקע וואונדער... וואַרפן מיר אַריין אַ זילבערשטיק... פאַלן אַרויס מטבעות אין ווערט פון צוועלף דאָלער... דער סוף איז: מיר האָבן פאַר־שפּילט פערציק דאָלער. . ."

כמעט אַלע זיינען געווען אין „דיזנילענד", לאָס וועגאַס, האָליוואוד; זיי ווייסן אויך, אַז יעדע מינוט ווערט געגנבעט אַ קאַר אין אַמעריקע. אין פוילן איז די צאָל פון מינדעריעריקע פאַרברעכער שטאַרק רעדוצירט, כמעט נול. איבערפאַלן, פאַרגוואַלטונגען, מאָרדן, איז אַ זעלטנהייט. עס פעלט אָבער אין לאַנד אַביסל מער פרייהייט פון וואָרט, אָפענע קריטיק, און דער אַנטי־סעמיטיזם איז נאָך אויך ניט פאַרשוואונדן.

זיצט אַ מאַן מיט אַ פרוי, וואָס האָבן זיך באַקענט אויפן שיף און שמועסן וועגן דער רייזע. איר פיסקל איז עפּעס פאַרצויגן, זי איז נאָך יונג, אָן אַ מאַן; ער איז אויך נישט אַלט — אָן אַ פרוי. איך הער ווי זי זאָגט אים: „ניו־יאָרק, דאָס איז אַ געמיינע שטאָט... דאָס עסן, אָן געשמאַק. אַזאַ גרויסער אויסוואַל פון 'טשאַסטעס', ברויט, פרוכטן; אַזוי פיל שפּייזן, וואָס האָבן אָבער נישט קיין טעם. איך וועל בעסער עסן אַ קאַרטאָפל אין ווראָצלאַוו, וואָס איז געשמאַק, מעליק, איידער זייערע עסן פון קענדלעך... די סופּערמאַרקעטס — פע! וואָס יאָגט מען זיך אַהין ?. . ."

אײן פּאָרל האַלט זיך אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע. זײ האַלטן זיך נאָענט מיט מיר און שרהן. זײ רײדן אַ בעסערן ענגליש און זײ דערצײלן אונדז װעלכע טעאַטערס, אָפּעראַס, קאָנצערטן, מוזעאומס און היסטאָרישע פּלעצער זײ האָבן באַזוכט און װאָס פֿאַר אַ טיפֿן אײנדרוק דאָס אַלץ האָט אױף זײ איבערגעלאָזט אױף זײער רײזע איבער אַמעריקע.

זײ דערצײלן װעגן דער רעליגיע און אבערגלױבן, װאָס הערשט נאָך אין פּױלן. אַז דעם דריטן מאַי איז אַ יום־טוב װען מען קומט פֿון גאַנצן לאַנד קײן טשענסטאָכאָװ און די „אײביקע נאַראָנים" ראַטשקעװען זיך אױף די קני צו דעם קלױסטער אױף דער „יאַסנע גורא" אין טשענסטאָכאָװ.

דאָס פּאָרל פֿאָרט צוריק קײן װראָצלאָװ. ער איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ ביוראָ בײ דער רעגירונג, און זי אַרבעט אין אַ טעכנישן אינסטיטוט.

אַוודאי האָבן זײ געװאוסט װעגן דעם געיעג אױף ייִדן בעת די אָקופּאַנטן, די נאַציס, האָבן זיך געפֿונען אין פּױלן. עס איז געװען זײער שװער צו ראַטעװען אַ ייִדיש קינד, װײל דאָס אײגענע לעבן איז געװען אײנגעשטעלט... דאָך האָבן פּױלישע מענטשן געראַטעװעט ייִדן און אָפֿט באַצאָלט מיט זײער אײגן לעבן.

עס זײנען אױך געװען מענטשן — אױב מ'קאָן זײ אַזױ אָנרופֿן — װאָס האָבן פֿאַר אַ קילאָ צוקער, פֿאַר ברױט, פֿאַר געלט, איבערגעגעבן ייִדישע מענטשן צום אָקופּאַנט.

זײ פֿאַרדאַמען דאָס אומגערעכטע פֿון פּױלישן פֿאָלק. זײ זאָגן אָבער, אַז „אײן ייִד דעם צװײטן האָט אױך געהאָלפֿן אומברענגען; װײל אױך זײ, װי 'מײנע' פּאָליאַקן, האָבן געמײנט זיך אַזױ אַרום צו ראַטעװען..."

„מיר האָפֿן אַז איר װעט אונדז גלױבן: מיר אַלײן האָבן אױסבאַהאַלטן בײ זיך אין דאָרף, װאו מײן מוטער האָט געהאַט אַ פֿאַרם — אַ פּאָר פֿאָלק. מיר האָבן זײ געהאַלטן אין אַ סטאָדאָלע, װײט פֿון מענטשן. מיר האָבן זײ געטראָגן עסן און געפֿלעגט, װײל מײן פֿאָטער איז געװען אַן אַלטער ליבעראַל, און אַזױ האָט ער דערצױגן זײנע קינדער," זאָגט דער מאַן.

„אין אַ געװיסן טאָג האָבן זײ אָבער געמוזט פֿאַרלאָזן דאָס באַהעלטעניש, װײל עס איז געװאָרן צו פֿאַרדעכטיקט"...

דענמאַרק

די שיף „באַטאָרי" בלייבט שטיין אין קאָפּענהאַגען אַ גאַנצן טאָג. עס איז נאָך גרויסער טאָג, ווייל 10 אַזייגער פאַרנאַכט שיינט נאָך די זון. אַ פּאָרל לאָדט אונדז איין, אַז מיר זאָלן נעמען אַ טעקסי און גיין אין שטאָט אַ הוליע טאָן.

ביי דער שיף שטייען פּאַסאַזשיר־באַסעס מיט אַ „גאַיד". מיר זעצן זיך אַריין אין אַ באַס, וואָס פירט אונדז צו צו אַ קירכע, געבויט אין פופצנטן יאָר־הונדערט. אין דער קירכע שטייען טויזנט בענקלעך, אָבער נאָר איין פרוי, אַן איינזאַמע, זיצט דאָרט. זיצט זי און פּרעפּלט און קוקט זיך ניט אום אויף די נייגעריקע מענטשן, וואָס באַוואונדערן דעם געבוי, די אַרכיטעקטור, די קאָנסטרוקציע פון דער ריזיקער קירכע.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי אַ האַלע, וואָס זעט אויס ווי אַ ברייטער, לעב־האַפטער גרויסער בולוואַרד, און דער גאַיד זאָגט אונדז: „איר האָט עטלעכע שעה צייט, גייט זען די שטאָט..."

דענמאַרק האָט אַ באַפעלקערונג פון פיר און אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. דאָס לאַנד האָט הונדערטער יאָרן געליטן פון פרעמדע אַריינדרינגער.

קאָפּענהאַגען איז אין יאָר 1807 באָמבאַדירט געוואָרן פון בריטישן פלאָט, ווייל דאָס פאָלק האָט לאַנג זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן — און האָט לסוף זיך געמוזט בויגן צו דער אימפּעריע פון גרויס בריטאַניע.

אין די געשיכטע־ביכער און אין די טעקסט־ביכער פאַר שול־קינדער ווערט דערציילט: „אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע זיינען פאַר־געקומען וואָלן און בלויז צוויי פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָט געשטימט פאַר אַ דיקטאַטור. אין לאַנד זיינען געווען בלויז געציילטע קאָלאַבאָראַטאָרן. די גרעסטע מערהייט האָט געגעבן אַ ווידערשטאַנד. דער ווידערשטאַנד פון פאַבריק־אַרבעטער איז געווען גרויס. זיי האָבן דורכגעפירט סטרייק־אַקציעס, סאַבאָטאַזש; אַ גרויסע אונטערערדישע פּרעסע האָט צירקולירט, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַ מיליאָן קאָפּיעס טעגלעך.

פון די 6,500 יידן אין דענמאַרק, זיינען 600 דעפּאָרטירט געוואָרן. די באַפעלקערונג האָט אויסבאַהאַלטן יידן, זיי גערעטעוועט און האָט ממש איינגעשטעלט דאָס לעבן. זיי האָבן אַרויסגעשמוגלט די מערסטע יידן קיין שוועדן און אַזוי אַרום זיי געראַטעוועט פון די נאַצישע הענקער.

דאָס איז פאַרשריבן אין דער געשיכטע דורך היסטאָריקער איבער דער וועלט און די דענישע באַפעלקערונג איז שטאָלץ מיט איר הומאַניטאַרי־שער אַקציע, וואָס איז באַוואוסט איבער די גרענעצן פון זייער לאַנד.

מיר זיינען שוין אָפּגעפאָרן באַלד האַלב וועג. אין אָט דער צייט דאַרפן זיין גרויסע שטורעמס אויפן ים. די שיף שווימט אָבער גלאַטיק, ווי אויף אַ פּאָלירטן טיש... דער ים איז רואיק, ווי ער וואָלט געדרימלט. ביינאַכט זעען זיך קלאָרע, מיניענדיקע שטערן, וואָס זיינען גרויס און ליכטיק. איר זעט זייער אָפּשפּיגלונג אין ים, אויף די שוימיקע כוואַליעס, וואָס שלאָגן זיך אָן אין די „באָקעס" פון דער שיף. די טעג זיינען געמיטלעך שיין, די זון טרעט נישט אָפּ פון דער שיף. זי גייט איר נאָך פון פרי ביז אָוונט, ווען זי לאָזט זיך אַראָפּ ערגעץ ווייט אונטער'ן בלויען הימל.

די שיף גייט זיך איר וועג, געלאַסן, גלאַטיק, אָן רעש. אויפן דעק איז די לופט קרישטאָל־ריין, אַ שאַרף, דין פרעסטל דרינגט אַריין אין די לונגען, עס אָטעמט זיך גרינג מיט דער געזאַלצענער ים־לופט. מענטשן שטייען אָנגעלייגט אויף דער פּאַרענטש; זיי קוקן אין די ווייטע האָריזאָנטן און חלומען.

מיר פאַרפירן אַ שמועס מיט דער באַדינערשאַפט און מיט די פּאַסאַזשירן, וואָס ריידן עטלעכע שפּראַכן: „פּראַשע פּאַני, האָט איר ליב אייער לאַנד מיט דער נייער סיסטעם?" פרעגן מיר די פּאַסאַזשירן, וואָס פאָרן צוריק אַהיים. „ווער עס האָט ליב, און ווער, נישט", באַקומען מיר אַן ענטפער...

אין שטאָט וועקט מיך אויף פון שלאָף דער קלענסטער רויש פון אַ מאַשין, דער טומל פון אַ שכן, דאָס בילן פון אַ הינטל, דאָס מיאַוקען פון אַ קעצל אונטערן פענצטער, אָדער דאָס געזאַנג פון נאַר־וואָס געבוירענע פייגעלעך. דאָ שלעפערט מיך איין דאָס וויגן פון דער שיף, אפילו דאָס סקריפּען פון די ווענט און דער רויש פון די מאָטאָרן. אָבער פּלוצים כאַפּ איך זיך אויף אין מיטן דער נאַכט. עס איז שטיל ווי אויף אַ בית־עולם.

די רעדער דרייען זיך ניט, די ווענט סקריפּען ניט, די כוואַליעס קלאַפּן ניט אין די קליינע פענצטערלעך — און עס באַפאַלט מיך אַ מורא... איך גיי אַרויס פון דער קאַבינע אויפן דעק. אַ פּרעכטיקער אויסגעשטערנטער הימל, די לופט דערפרישט, וועקט מיך אויף פון אַ חלום. איך גיי צוריק אין דער קאַבינע. איך ליג אויפן בעטל, איך האַלט וואָך דאָס אויער: אפשר וועט באַלד זיין אַן אַלאַרם... איך ליג וואָך, ביז די אויגן פאַרמאַכן זיך און אין חלום זע איך די קאַפּיטאַנען אַרומלויפן, וועקן די פּאַסאַזשירן: אַ קאַטאַסטראָפע האָט פּאַסירט, יעדער לויפט אַרויס מיט די רעטונגס־גאַרטלען; די שיף־סידענען שרייען, ליאַרעמען; עס קומען אָן רעטונגס־שיפלעך. איך הער מיין שרהס קול: „גוט וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט אַ צוואה." מיר האַלטן זיך פאַר די הענט. אַנדערע לויפן, שטופּן זיך, מיר טרעטן אָפּ אונדזער אָרט פאַר קליינע קינדער, שוואַנגערע פרויען און אינוואַלידן; מיר באַשליסן צו זיין די לעצטע... דאָס האַרץ קלאַפּט, דער קערפּער ציטערט, אַלע זיינען שוין באַלד געראַטעוועט; אַ גרויסער וייגער ווייזט, אַז אין צען מינוט אַרום גייט די שיף אונטער...

פלוצים הויבן די מאָטאָרן ווידער אָן צו קלאַפּן, די שיף הויבט זיך אָן באַוועגן... איך כאַפּ זיך אויף פון אַ זיסן שלאָף און הער דעם רוף צו פרישטיק און איך מורמל צו זיך: „די שיף איז ניט אונטערגעגאַנגען"...רופט זיך אָן שרה.

מיר האָבן זיך באַפריינדעט מיט איינעם פון די קאַפּיטאַנען. ער ברענגט אונדז די נייעס, וואָס קומט אָן דורך דער ראַדיאָ. ער רעדט ענגליש און ער ווייסט, אַז מיר זיינען יידן. ער גיט אונדז איבער די לעצטע נייעס וועגן טראַגישן טויט פון דר. מאַרטין לוטער קינג, וואָס מאַכט אויף אַלעמען אַ שווערן איינדרוק.

אין דער „טאַמאַזשנע" האָבן מיר דורכגעמאַכט די פאָרמאַליטעט זייער שנעל. דער באַאַמטער איז געווען זייער פריינטלעך. ער האָט בלויז געפרעגט וויפיל געלט מיר פירן און וואָס מיר האָבן אין די גרויסע זיבן פעק און — היידאַ, אַרויס אין גאַס, וואו עס האָט געמראַקעט אַ דריבנע רעגנדל. אַ טעקסי־טרייבער האָט פאָרגעשלאָגן אונדז צו פירן קיין וואַרשע אין פינף שעה צייט. „וואָס דאַרפט איר זיך שלעפּן מיט דער באַן?" ער וועט די יאַזדע מאַכן פאַר 25 דאָלער. עפּעס איז מיר נישט געפעלן דער אַנטרייבער און אויך דער פּרייז איז געווען צו הויך. מיט דער באַן וועט קאָסטן אַ דריטל און אַ חוץ דעם, איז באַלד אַריין אַ פאַרדעכטיקטע מחשבה: „זיבן פעקלעך... אַמעריקאַ־נער, וואָס האָבן מיט זיך דאָלאַרן..." ניין, מיר זאָגן זיך אָפּ פון דעם „פאַר־גענייגן." דער אַנטרייבער פון דער טאַקסי מיט זיינע משרתים זיינען געוואָרן שטאַרק אַנטוישט, ווען אַ צווייטער אַנטרייבער האָט אַריינגעוואָרפן די פעקלעך אין זיין טאַקסי; עס זיינען אויך געווען עטלעכע אַרויסהעלפער און יעדער איינער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, אַ גלעט געטאָן די פעקלעך... איינעם האָבן מיר געגעבן אַ קליינע מטבע, דעם צווייטן, אַ גרעסערע, און דעם אַנ־טרייבער — צוויי דאָלער. ער האָט שטאַרק באַדאַנקט ווען ער האָט אונדז געבראַכט צום וואָקזאַל.

עס איז אונטערגעלאָפן אַ טרעגער, אַ קליינינקער, אַ געפּאַקטער, אַ זשוואַווער, וואָס האָט מיר שטאַרק דערמאָנט דעם יידישן טרעגער פון פּרצ'ס „שלום בית"... ער האָט אַראָפּגענומען דעם ברייטן לעדערנעם פּאַסיק מיט וועלכן ער איז געווען אַרומגעבונדן. די ברעגן פון פּאַסיק האָבן געהאַט האַטשיקעס, אויף וועלכער האָט ער אויפגעהאָנגען די צוויי גרעסטע פעק און זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן רעכטן אַקסל. די צוויי קלענערע פעקלעך — איינס אין דער לינקער און דאָס צווייטע אין דער רעכטער האַנט.

דער טרעגער, אַן ערלעכער, אַ פריינטלעכער, האָט אונדז איינגע־מאַשטשעט אין אַ וויגקל פון וואָקזאַל, געהייסן האַלטן אַ שאַרף אויג אויף דעם באַגאַזש. ער האָט אונדז געוואָרנט, אַז עס דרייען זיך אַרום גנבים... ווען די באַן וועט אָפּגיין אין צוויי שעה אַרום — האָט ער אונדז געוואָרנט — וועט ער זיין צוריק און אונדז העלפן.

דער געדראַנג איז געווען גרויס. ס'איז געווען די וואָך פון פסח, פאַרן מענטשן איבערן לאַנד צו משפחה. דער וואָקזאַל איז אָרעם, פינצטער; פאַר־דעכטיקטע פאַרשווינען דרייען זיך אַרום, זוכן עפּעס צושלעפּן, אַריינבאַרן, אָפּנאַרן... פּאָליציייליט דרייען זיך אויך אַרום. זיי קומען צו, באַטראַכטן די פּעק און זאָגן: „האַלט אַ שאַרף אויג"...

דער טרעגער איז צוריקגעקומען אין צייט. מיט גרויס פריינטלעכקייט האָט ער אונדז געהאָלפן אַריינצוזעצן זיך אין דער באַן קיין וואַרשע און האַרציק באַדאַנקט פאַר דעם „געשאַנק"...

וו א ר ש ע

מיט אַ טאָג שפּעטער האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט אין האָטעל „וואַר־שאַווא" אויפן פּלאַץ פּאַוסטאַנצאַוו, לעבן דער פּאָסט־געביידע, ניט ווייט פון נאָוואַ גראָדזקאַ, וואו עס געפינט זיך דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַר־באַנד פון די יידן אין פּוילן.

דער האָטעל געפינט זיך אין צענטער פון שטאָט. עס רוישט דאָ טאָג און נאַכט, סיי אין האָטעל און סיי אויפן סקווער. דאָ געפינט זיך אַ נעץ פון קאַפעען, רעסטאָראַנען, פּאַרוויילונג־פּלעצער, לוסטיקע, פריילעכע בירגער פון סאָציאַליסטישע לענדער קומען און גייען פון דעם האָטעל; אַלע זעען אויס זאַט, לייטיש אָנגעטאָן, אָן זאָרגן פאַרן מאָרגן.

מיר עסן אין „דאָם כלאָפּאַוו", אַנטקעגן דעם האָטעל. עס איז „סעלף סירוויס" (זעלבסט־באַדינונג) רעסטאָראַן. מיר עסן דאָרט ניט בלויז ווייל ס'איז ביליקער — דאָס אויך, נאָר ווייל מ'דאַרף נישט וואַרטן ביז די נשמה גייט אויס, איידער מען דערלאַנגט עפּעס...

די שפּייז — איז צו דערליידן. נישט קיין גרויסער אויסוואַל, אָבער געזונטע, היימישע עסנס.

עס קומט צו אַ מאַן און פרעגט צי ער קאָן זיך זעצן לעבן אונדז.

— „פּראָשע באַרדזאָ".

— „טהענק יו."

— דו רעדסט ענגליש ?

— ניין, איך קאָן בלויז צוויי ווערטער. ווילט איר אפשר אויסבייטן אַ פּאָר דאָלער?

— ניין — זאָג איך — אַ דאַנק. מיר קומען פון פּאַריז, האָבן מיר פראַנקן.
— „דאָבזשע", איך קאָן אויך בייטן פראַנקן און געבן אַ גוטן פּרייז...
ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז ביר און זיך פריינטלעך געזעגנט.

עס איז פרילינג אין וואַרשע. די בוימער הויבן אָן בייטן די קאָלירן, עס קומען אַרויס גרינע שפּראָצונגען, עס באַווייזן זיך שוין קנאָספּן אויף די צווייגן. די טעג זיינען שיין און וואַרעם, עס איז גוט צו שפּאַצירן. דאָ און דאָרט זיינען אויסגעקלעפּט אַפּישן אויף דער יידישער און פּוילישער שפּראַך, וואָס זאָגן אָן, אַז עס וועט געשטעלט ווערן אין יידישן מלוכה-טעאַטער חיים סלאָוועס'עס „צען ברידער זיינען מיר געווען." די פּרעמיערע קומט פאָר פרייטיק, דעם 19טן אַפּריל — אין כבוד פון די קדושים פונעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ.

די „פאָלקס-שטימע" גיט אַרויס אַ ספּעציעלן נומער, וואָס הייסט: „אייביקער רום די העלדן און מאַרטירער פון וואַרשעווער געטאָ." אויף דער ערשטער זייט ווערט געגעבן דאָס ליד פון מרדכי געבירטיג „ס'ברענט". בער מאַרק פאַרנעמט מער ווי אַ גאַנצע זייט מיט אַן אַרטיקל: „דער אויסברוך פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ." מער ווי אַ גאַנצע זייט פאַרנעמט אויך א. רוטקאָווסקי: „הילף פאַר יידן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע", מיט פּאַטאָסטאַטישע דייטשע צירקולאַרן, וואָס וואַרענען, אַז פאַר העלפן ראַטעווען יידן האָט געדראָט טויט-שטראָף. דאָך האָבן אייניקע פּאָליאַקן זיך נישט אָפּגעשטעלט פון ראַטעווען יידן...

חברים קומען צו מיר אין האָטעל, זייערע פּנימער זיינען פאַרצאָרגט, זיי ווייסן שוין, אַז עס וועט קומען אַן אומבייט אין דער פּאָליטיק, וואָס די רעגירונג גרייט צו.

מ'ווייסט שוין אַז עס וועט מער נישט זיין קיין יידישע קינדער-שולן... מ'נעמט צו די פּאַרטיי-ביכלעך פון חברים, וועלכע האָבן אָוועקגעגעבן זייער גאַנץ לעבן פאַר אַ לעבן אָן אַ קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג אין פּוילן... אַנדערע גיבן אַליין צוריק די ביכלעך, ווען מ'רופט זיי, אַז זיי זאָלן קומען אויפקלערן וועגן זייער שטעלונג צום ציוניזם...

עס איז שוין עטלעכע וואָכן נאָך די סטודענטן-דעמאָנסטראַציעס — וואו אויך יידישע סטודענטן האָבן זיך באַטייליקט — אַלס פּראָטעסט וואָס די רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט די אויפפירונג פון דער קלאַסישער אַנטי-צאַרישער פּיעסע „דזשאַדי", פון דעם פּוילישן פּאָעט פון סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט — אַדאָם מיצקעוויטש.

די פּיעסע „דזשאַדי" און די אינסצעניזאַציע „דעימעקס", וועלן אַריין אין דער געשיכטע. אַנשטאָט צו טאַדלען דעם סצענאַריע-שרייבער און דעם קאַרדינאַל ווישינסקי, וואָס האָט געלויבט און פאַרטיידיקט די פאַרשטעלונג,

האָט די רעגירונג אויסגעלאָזט דעם צאָרן צו די סטודענטן און אַן ערך דריי טויזנט אַרעסטירט.

די יידישע סטודענטן, ווי עס ווערט מיר איבערגעגעבן פון די סטודענטן, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אַ יידישן „באַבעל־קלוב״, וואו מען איז זיך פון צייט צו צייט צוזאַמענגעקומען און אויפגענומען פּראָבלעמען פון יידישן קיום און המשך פון פּוילן, איז אויפגעלייזט געוואָרן פון דעם קולטור־מיניסטעריום...

גייען מיר איצט איבער די גאַסן און בולוואַרן פון וואַרשע — אַ שטאָט וואָס איז פון חורבות אויסגעוואַקסן צו אַ באַפעלקערונג פון אַ מיליאָן מיט אַ פערטל איינוואוינער, מיט פּרעכטיקע מאָדערנע הייזער, סקווערן פון קלאַסישן סטיל, פילהאַרמאָניק קאָנצערט־זאַל, אָפּערא־הויז, מיט אַ ראַשיקער גאַסן־באַוועגונג פון מענטשן, טראַמוואַיען, געשעפטן, וואָס זיינען ברייט אָפן, פול מיט קונים, וואָלט נאָר געווען אַזוי פיל צו פאַרקויפן...

יאָ, עס איז פרילינג אין שטאָט. גאַסן ווערן געהאַלטן ריין. עס שטייען פרויען, יונג און אַלט, מיט לאַנגע בעזעמער און קערן די גאַסן: „מיר זיינען גאַסן־קערער — זאָגן זיי — ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין קאָפּ צו לערנען... מיר ווילן אָבער נאָך גיין אין שקאָלע...״

איך בין געווען אין וואַרשע אין 1920. איך בין אַנטלאָפן פון מיליטער, נישט געוואָלט גיין דינען אין אַנטיסעמיטישן פּוילן. אין יאָר 1946 בין איך ווידער צוריקגעקומען, כאָטש איך בין געלעגן מיט אַ „שפּייער״ אונטער׳ן קישן, ווייל עס איז געווען נאָכ׳ן קעלצער פּאָגראָם, האָב איך געלייגט גרויס האָפענונג אויף דער צוקונפט...

איצט מיט 22 יאָר שפּעטער, געפין איך זיך ווידער אין וואַרשע.

אין 1946 האָבן מיר געזען וואַרשע אַ צעשטערטע. צעשאָסן איז געווען יעדע הויז, יעדע גאַס. עס איז געווען אַ שטאָט פון ברוכוואַרג, ציגל, שטיינער און זאַמד. נאָר דאָ און דאָרט איז געבליבן שטיין אַ גאַנץ הויז, וואָס איז אויך געווען פול מיט לעכער פון קוילן, שראַפּנעלן אין די ווענט.

די אַלטע שטאָט, וואו עס האָבן אַמאָל, אַמאָל געוואוינט גוטבאַזיצער, אַדעללייט, די שליאַכטשיזנע — איז אויך געווען צעשטערט אין דער צייט פון דער היטלער אָקופּאַציע. דאָ איז אַ סקווער, וואָס זייער ווייניק יידן פלעגן אַהער האָבן אַ צוטריט. יעדעס הויז איז דאָ געווען אייגנאַרטיק, פון פאַרשידענע סטילן, מיט אָרנאַמענטן אין פּראַנט פון די הייזער. די אַרכיטעקטור — גאָר אַ געהויבענע. יעדעס הויז געבויט מיט אַ דאַך־שטיבל, וואָס קוקט אַרויס צו דער ברייטער וועלט, צו דעם סקווער.

די אָרנאַמענטיק און מיוראַלן אויף די ווענט צום אַריינגאַנג האָבן דערציילט וועגן עס געוועלטיקט אין דעם הויז: אַ גוטבאַזיצער, אַ פּרינץ און אַנדערע פון דעם מין... אויף דעם סקווער פלעגן קומען פאַקירן, פּריילעךמאַכער, פּאַיאַצן, זינגער, פידלער. איצט, אין 1968, מיט 22 יאָר שפּעטער,

איז דאָס צוריק רעסטאַווּרירט געוואָרן. די הייזער זיינען באַוואוינט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עלעמענט, די געוועלבן זיינען ברייט אָפן, די טירן פון שענקען זיינען אויפגעפראַלט און עס הערט זיך פון דאָרט דאָס הייזעריקע געפילדער און געזאַנג פון די ביר און וואָדקאַ־טרינקער...

מיר גייען דאָ שפּאַצירן, קיינמאָל איז מיר נישט אויסגעקומען צו זיין אין דעם קוואַרטאַל, כאָטש איך בין אַזוי פיל מאָל געווען אין וואַרשע.

עס איז זונטיק: יונג און אַלט פילן אָן די גאַסן. אַ געדיכטע מאַסע מענטשן גייען פון די קלויסטערס אויסגעפּוצט; רעסטאָראַנען, קאַוויאַרנעס, קאַפעען — אַלץ איז אָפן. אָט פון יענער זייט איז די ווייסל, וואו עס איז געשטאַנען די רויטע אַרמיי, איידער זי האָט געשטורעמט און אַרויסגעיאָגט די נאַצישע אַרייַנדרינגער.

עס גייט מיט אונדז אַ חבר, וואָס האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט... ער פירט מיך אַריין אין אַ שיינער באַקוועמער וואוינונג, אין אַ יידישער הים, פיין אויסגעמעבלירט. די מענטשן גרייטן זיך שוין ווידער איך וועג אַריין... ער איז איינער, וואָס האָט געהאָלפן בויען דאָס אידישע לעבן, געהאָלפן דערציען דעם נייעם אידישן דור... ער האָט געמיינט, אַז אַזוי וועט עס שוין בלייבן...

„איצט — זאָגט ער מיר — איז מען אים משלח... — און עס ווילט זיך אַזוי נישט אָנהויבן ערגעץ אין דער פרעמד אַ ניי לעבן; אָבער דאָס איז דער גורל...“

איר גייט אַריין אין אַ געשעפט, איר ווילט עפּעס קויפן און איר באַמערקט גלייך, אַז די פאַרקויפער זיינען נישט קיין פּאָלייט, ווייל היינט אַרבעטן זיי ביי פאַרקויפן שקאַרפּעטן און מאָרגן פאַרקויפן זיי גאָלדענע זייגערלעך; היינט — קינדער־שיכלעך און אַ צווייטן טאָג — קאַפּעלושן. עס אַרט זיי בכלל נישט: קויף יאָ, קויף נישט. זיי טראַכטן זיך:

„צוליב וואָס דאַרף איך איינריידן דעם קונה? אַז כ'וועל פאַרקויפן מער עפּל, יאַגדעס, אָדער ביכער, באַקום איך דען מער געצאָלט? און צופיל צו פאַרקויפן איז סיי ווי נישטאָ: מ'צעכאַפּט עס, ווייל מאָרגן וועט דאָס אויך נישט זיין...“

כאָטש די פאַרקויפער זיינען שוין פון יונגן דור, וואָס האָט שוין איינגעזאַפּט 23 יאָר פאָלקס־רעגירונג, געפינען זיך אָבער נאָך אַ סך אונטערן איינפלוס פון קאַפּיטאַליציזם, וואָס האָט פיינט די רעגירונג, ווייל מען צוימט אַביסל די אַלטע געוואוינהייטן פון פאָלק...

וואַרשע מיט די הימל־קראַצערס איז נאָך אַלץ אַ גרויסער דאָרף, ווייל 50 פּראָצענט פון דעם שטאָט־שטח פאַרנעמען נאָך אַלץ לאַנדווירטשאַפטן, וואָס ליגן כמעט אין פּריוואַטע הענט, קליינע און גרעסערע. ווירטשאַפטן פון פירות, גרינצייג און סעדער — אַלץ וואָס די מאַמע־ערד גיט אַרויס, איז נאָך אַלץ נישט נאַציאָנאַליזירט. עס זיינען דאָ אַ סך קאָאָפּעראַטיוון. אין אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו, „דאָם כלאָפּי“, עסן מיר דריי מאָל אַ טאָג: אינדערפרי

מילכיקס: קעז, אייער, פּוטער, ברויט; מיטאָג: באָרשטש, פליש, רעטעך, ציבעלעס, זעמל, אַ גלאָז טיי, אָדער ביר. אין אָוונט: טשאַפּסואי, אייער, ראַזעווע ברויט, באָרשטש און זיסע זעמל.

פאַר זלאָטעס האָבן מיר געקאָנט קויפן עסן, קליידער, שפּייז, גאָלדענע זייגערלעך, און טויזנט און איין זאַך... אָבער אין האָטעל דאַרף מען צאָלן מיט וואַליוטע. פאַר וואַליוטע זיינען פאַראַן ספּעציעלע געשעפטן, וואו איר קאָנט קויפן אַלץ וואָס אייער האַרץ גלוסט. דאָס וואָס איר באַקומט פאַר וואַליוטע, וועט איר נישט קריגן אין אַנדערע קראָמען. קיינער פרעגט דיך נישט ווער דו ביסט, פון וואַנען דו קומסט — סיי דאָרט וואו מען קויפט פאַר זלאָטעס און סיי דאָרט וואו מען קויפט פאַר סאָוועטיש, אַמעריקאַנער, פראַנצויזיש, טשעכיש, אָדער דייטשישע געלט.

* * * * *

ווען די וואַרשעווער געטאָ האָט געברענט, זיינען זיכער געווען פּוילישע מענטשן, וואָס האָבן געראַטעוועט יידן דורך קאַנאַלן און אויף אַנדערע אופנים. דאָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין די ביכער פון היסטאָריקער בער מאַרק און אַנדערע מחברים, וועלכע פאַרשן די געשיכטע פון אומקום.

ווען מיר האָבן געזען דעם רינגלבלום אַרכיוו אין היסטאָרישן אינסטי־טוט, געזען די מילך־קאַנען און די קעסטלעך, וואו עס איז געווען באַהאַלטן דער אַרכיוו, איז אונדז אַנטקעגן געקומען אַן אַלטער פּאָליאַק, וואָס איז גע־זעסן אויף אַ בענקל ביים אריינגאַנג אין היסטאָרישן אינסטיטוט, און אויס־געוויינט זיין ביטער האַרץ, אַז זינט דער זעקס טאָגיקער מלחמה איז איבער־געריסן געוואָרן די פאַרבינדונגען צווישן אים און זיינע פריינט אין מדינת ישראל, וועלכע ער האָט געראַטעוועט. ער נעמט אַרויס אַ דאָקומענט, וואָס די יידן אין ישראל האָבן אים צוגעשיקט, אַ באַשטעטיקונג פאַר זיינע גוטע מעשים אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין וואַרשע, און זאָגט: „זיי פלעגן מיר שרייבן האַרציקע בריוו און אויך פון צייט צו צייט עפּעס צושיקן. איצט האָט זיך אַלץ איבערגעריסן"...

לאָדזש

ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין לאָדזש, איז אַרויס די צייטונג „גלאָס ראַבאָטניטשי" מיט טענות צו די יידן, אַז זיי פירן אָן אַן „אַנטי פּאָלסקי קאַמ־פּאַניע." און ווי־עראַמאָל: אַז פּאָליאַקן האָבן אין דער צייט פון נאַציִשער הערשאַפט אין פוילן געטראָגן הילף צו די יידן און דער „דזשוואיש אבזוירוועער" און דער „דזשוואיש קראָניקל" רופן צו אַ באָיקאָט, איך דער צייט ווען אין אוישוויץ ווערט געגרייט די דערעפענונג פון יידישן מוזיי און עס ווערן אָנגע־נומען „אַנטי־פּוילישע רעזאָלוציעס."

„זשיטשע וואַרשאַווי" און „גלאָס ראַבאָטניטשי" און די ראַדיאָס האָבן כסדר אויפגעמישט אַ „ניי" בלעטל, אַז „די ציוניסטן־יידן פעלט פּוילישער פּאַטריאָטיזם ; אַז זייער סימפּאַטיע איז מיט ישראל"... איין צייטונג שרייבט, אַז דער יידיש־פּוילישער יוגנט און דעם עלטערן דור, איז אינגאַנצן פרעמד דער ציוניזם. זיי זיינען דאָס גאַנצע לעבן געווען איינגעוואָרצלט אויף דער פּוילישער ערד. ערשט נאָך דער זעקס טאָגיקער מלחמה האָבן געוויסע נאַציאָנאַל־געשטימטע סטודענטן זיך אידענטיפיצירט מיט „זיאָניזם". די צייט־טונגען דערציילן, אַז די ערשטע אסירים אין אוישוויץ זיינען געווען פּאָליאַקן, זעלנער פון דער דער סעפּטעמבער־מלחמה, אויך די אינטעליגענץ, וויסנ־שאַפטלער, גלחים, לערער און יידן. דאָס איז אַ באַוויז, אַז יידן מיט פּאָליאַקן האָבן געקעמפט צוזאַמען און צוזאַמען אומגעקומען...

אין יידישן קלוב אין לאָדזש, אויף זאַכאָדניע און שראָדמעיסקאַ, האָב איך אין אַן אָוונט געטראָפן העכער הונדערט מענטשן, יוגנטלעכע און עלטערע, שפּילן אַ שאַך, דאָמינע, לייענען אַ בוך. דאָ איז מען געווען ווייניקער דער־שראָקן ווי אין וואַרשע. דער קלוב געפינט זיך אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. עס איז פרילינג. די גאַסן זיינען געדיכט מיט מענטשן, דאָס איז נאָך אַלץ אַ פּאַבריק־שטאָט פון טעקסטיל און מאַנופאַקטור, דאָס איז אַ ברויזנדע שטאָט וואו איך בין אויסגעוואַקסן און געזען די באַריקאַדן־קאַמפן אין יאָר 1905; געזען ווי מען האָט געפירט מיין ברודער אונטער אַ וואַך פון פּאָליציי מיט בלאַנקע שווערדן; אַזאַ שטאָט פאַרגעסט מען נישט...

באַלוט ! אין געטאָ האָבן געוואוינט מיינע שוועסטער און ברידער, זייערע קינדער און מיין מאַמע. מיינע פעטערס און מומעס, פּלימעניקעס און פּלימעניצעס. גיי איך איבער די גאַסן און קוק אויף די אַראָפּגעלאָזטע צווייגן. איך בויג מיין קאָפּ און די צווייגן טרויערן אויף דעם היינט און נעכטן פון באַלוט...

מיר גייען איבער לאַדזשער גאַסן. פונוואַנען האָבן זיך גענומען אַזוי־פיל מענטשן, אַז קיין יידן זיינען נישטאָ?... וואו זיינען אַהינגעקומען די יידן פון די גאַסן און געסלעך? — פון באַלוט ביז ווילקע?... וואָס האָט פּאַסירט מיט די יידישע באַלמעלאָכעס און די הענדלער? די שנאָרער און די נגידים, וואָס האָבן פאַרפּלייצט די פּעפּער און פּייפער גאַסן? דאָס יידישע שמאָלע, ענגע געסל? די פרומע יידן, ציוניסטן, קאָמוניסטן, בונדיסטן, די יידן וואָס האָבן געהאַט פּרנסה ברווח, געשטאַנען אויף יונה־פילצערס פּלאַץ מיט בערג עפּל, באַרנעס, פּלוימען, אויבסט; און די אָרעמע לוין־וועבער, וועלכע האָבן קוים געהאַט אַ שטיקל ברויט מיט קרופּניק? וואו זיינען די יידן פון די שטיבער מיט די נידעריקע, קרומע דעכער, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעזונגען פון די וועבער דאָס געזאַנג פון נויט און פּיין, פּראָטעסט און צאַרן? וואו זיינען אַהינגעקומען די וויין־און־מילך־הענדלער, די נאַפּט־טרעגער, די פורמאַנעס און תהילים־זאָגער? וואו זיינען די יידן, וואָס האָבן קוים־קוים פאַרדינט אויף ברויט פאַר זייערע קליינע קינדער און פאַרשאָלטן די טעג פון זייער געבוירן?.. נישטאָ מער די יידן מיט די זיידענע קאַפּאָטעס, און אויך נישט די „וואוילע יונגען" מיט די „מוידן", וואָס האָבן געגרויכערט באַהאַלטענערהייט פּאַפּיראָסן — שבת און יום־טוב, און געפאָרן אויפן טראַמוויי קיין ראַדיגאָשטש, זיך שפּילן אויף לאַדקעס.

געווען אַ שטאָט מיט יידן, מיט געשעפטן פון מאַנופאַקטור, וואָל און זיידנס, מיט אַרבעטער פון זגערשער גאַס, וואו אין הויף איז געווען אַ יידישער טעאַטער, ביז פּיעטריקאָווער; פון ווילקע ביז שייבלערס און גייערס מאַרק. נישטאָ מער די „גרינע טישלעך" און דער סטאַוו, וואו עס האָט געקאָכט מיט האַנדל־וואַנדל.

עס איז היינט אַ שיינער פרילינג־טאָג, אין סוף פון אַפּריל, דער הימל איז בלוי, לויטער זיינען די נעבט. איך זוך נאָך אַלץ מיין מאַמע, שוועסטער און ברידער... איך גיי איבער די גאַסן, וואו מען הערט נישט מער דאָס קלאַפּן פון די יידישע וועב־שטולן, דעם געפילדער איבער די הויפן פון יידישע קינדערלעך. יידישע בעטלער גייען נישט מער איבער די הייזער און בעטן „שענקט אַ נדבה"... מען הערט נישט מער דעם קרעכץ און געבעט: „רבונו של עולם"!... עס איז פרילינג. מיט צאַרטע, גרינע בלעטלעך הויבן זיך אָן באַקליידן די יונגע בעז־ביימלעך; היגטער דער שטאָט וויזן שוין די סעדער סימנים אויף אַ געראַטעניש... די גאַסן זיינען ריין־אויסגעקערט. מיר גייען פאַרביי די הייזער פון מיין „אייגן בלוט און פליי"... עס ווילט זיך אַנקלאַפּן אין אַ טיר...

... מיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער אַרבעטער, אַ לוין־וועבער. די מאַמע האָט אויך מיטגעאַרבעט ביים שפּאָל־רעדל און געהאָדעוועט אַכט קינדער, געפאָרן אויף מערק, געגעבן איר מילך פון דער ברוסט צו פרעמדע

קינדער. זי איז אויך געווען אַ „זאַגערין" אין שול און געפּילנעוועט נגדישע קינדער. פון באַלוט ביז איך זעלטן געקומען אויף פּיעטריקאָווער גאַס, וואו איך נעכטיק איצט ביי די חברים מירל און ש. וועב, וואָס זיינען איצט אין ניו־יאָרק. פון באַלוט צו פּיעטריקאָווער גאַס האָט מען געמוזט דורכגיין דעם מאַרק, וואו פּויערים פלעגן קומען פון די דערפער יעדן ערב־יום־טוב, יעדן דאָנערשטיק — מיט גרינצייג, אויבסט, היינער, גענדז, קאַטשקעס, קאַרטאָפל, בוראַקעס, און אַלץ וואָס אַ ייד האָט געדאַרפט. די פּויערים זיינען געווען אָרעם, די יידן נאָך אָרעמער; „זיי" האָבן געהאַט אַ פערדל, אַ לייטער־וועגעלע — די יידן אין באַלוט האָבן געהאַט שווינדזוכט...

פונדעסטוועגן האָט זיך אין אונדזער הויז געפונען אַ שראַנק מיט ספרים. צוליב די ימים־טובים פלעגט דער טאַטע קויפן אַ ניי ספרל, און די מאַמע — אַ מחזור, אַ תחינה, און זי האָט פאַר די קינדער און שכנים געלייענט וועגן „חנה מיט די זיבן זין"...

ווען אַ קינד איז געבוירן געוואָרן, איין מאָל אין צוויי יאָר, האָט די מאַמע געקויפט אַ טייטש־חומש, אַ ראש־חודש בענטשערל, מגילת אסתר און מגילת רות. דער טאַטע האָט געקויפט אַ תהילימל, אפילו רבי משה בן מימון, דער רמב"ם, האָט זיך געפונען אין דעם גלעזערנעם שאַנק, צוזאַמען מיט אַן עין יעקב, אַ הגדה, אַ ספרל פאַר ראש השנה, יום כיפור, ברכי נפשי, פרקי אָבות, ספרים און ספרימלעך פון הונדערט זייטן און פון עטלעכע בלעטלעך.

אויף דער פּאָליצע לעבן שענקל, איז געלעגן אַן אַלטע „צאינה וראינה", אַ קרבן־מנחה־סידור און אַ פּאַר מעשה־ביכלעך און אפילו אַ בריוונשטעלער. מיין פאָטער איז נישט געווען קיין לערנער, ניט קיין חסיד. ער האָט נאָר ליב געהאַט די ספרים, געקויפטע און געירשנטע פון זיידע־באָבע.

אַ מאָל האָט אויסגעפּעלט אַ מאַלצייט, קאַרטאָפל, אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער — אָבער פאַר די „הייליקייטן" האָבן זיך אָפּגעזוכט עטלעכע גראָשן.

ווען די ספרים וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון זיידעס, באָבעס, צו די קינדער זיינען פון אַלטקייט צעשאָטן געוואָרן, האָט מען די שמות אַרויסגע־טראָגן אויפן בוידעם און שפּעטער אין בית־מדרש, אָדער אויפן „גוטן אָרט". און עס מקבר געווען ווי אַ מת.

מיט די ספרים האָט מען זיך געצירט ווי מיט אַ גרויס פאַרמעג, וואָס וואַרעמט און ברענגט גייסטיקע דערהויבונג. אַוועק זיינען איצט די ספרים צוזאַמען מיט מיין „בלוט און פליש"...

ס'איז איצט פסח 1968. אַ שיינער, וואַרעמער פרילינג־טאָג. די געשעפטן זיינען פול מיט קונים. די גאַסן זיינען געפּראַפט מיט מענטשן. עס קאָכט, עס רוישט, עס זשומעט, קוים זיך דורכצושטופּן אויף די טראָטואַרן. עפּעס ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט... וואו איז דער פערטל־מיליאָן יידן, וואָס לאָדזש האָט פאַרמאָגט? מען זעט גאָרניט, אַז זיי זאָלן דאָ אויספעלן...

עס פירט מיך אַוועק דער דמיון צו דעם יידישן פסח פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, צו די יידן אין באַלוט, צו די גאַסן: זגערזשער, זאַכאַדניע, אַלט־שטאָט, ניי־שטאָט, ווידזיווער, אַלעקסאַנדער גאַס, טויטע־גאַס, פייפער, שמאָלע־געסל, האָטעל־גאַס, מרדכי גבאי גאַס, קאָנסטאַנטינער: הונדערטער גאַסן און געסלעך, וואָס זיינען געווען געפּאַקט מיט יידן: הענד־לער, אַרבעטער, וועבער־געזעלן, דיינסט־מיידלעך און לערן־יינגלעך, וואָס זיינען געקומען אויף דער „בירזשע" זיך באַקלאָגן וועגן זייער „דאַברע־מזל", צו די אויפגעקלערטע אויף זאַכאַדניע גאַס, וואו זיי האָבן זיך געפונען אַ גאַנצן טאָג. מען פלעגט אויפנעמען די אַנקלאַגעס פון די באַעוולטע, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין פון די „מייסטערס" און באַלעבאַטים, און באַלד, דעם זעלבן טאָג, אָדער צומאָרגנס, זיינען געשיקט געוואָרן „פּאַרשטייער" צו די הייזער פון די באַלעבאַטים, וואָס האָבן פאַרשקלאַפט די דינסטמיידלעך און לערן־יינגלעך. זיי האָבן געמוזט צואָגן בעסערע באַהאַנדלונג.

אַט זיינען „מיינע" גאַסן. אַ סך הייזער שטייען נאָך אַלץ אַזוי ווי געווען... דאָ, אין באַלוט, האָט געקיניגט חיים רומקאָווסקי, דער ערגסטער יודנראַטלער פון אַלע געטאָס. איך גיי פאַרטראַכט... עמיצער לויפט פאַרביי, טוט אומגערן אַ קלאַפּ אין מיין האַנט מיט אַ האַרטע זאַך, פונקט אין עלנבויגן, און זאָגט „פשעפּראַשאַם". צוויי פרויען, צוויי שוועסטער — גראַטעוועטע, פאַרבעטן אונדז צו זיך אין הויז. מיר האָבן זיי געזען מיט 22 יאָר צוריק. די פרייד איז דעמאָלט געווען אין לשער. אונדזערע הערצער זיינען געווען פול מיט בטחון, אַז אין לאָדזש וועט אויפסנייי אויפבליען אַ ניי יידיש לעבן... דעמאָלט האָבן מיר גערעדט צו פופצן הונדערט פאַרזאַמלטע אין איין זאַל. היינט — הונדערט דערשראָקענע, וואָס וויסן נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען... „און עס ווילט זיך אַזוי נישט אַנהויבן ערגעץ אין דער וועלט אַ ניי לעבן — אָבער דאָס איז דער גורל", זאָגן די, וואָס האָבן שוין ווידער פאַרלוירן דעם גלויבן...

באַלוט! ווער קאָן דאָס פאַרגעסן! קינדער פון וועבער און אָרעמע טרעגער. די קרעמערלעך, מיט אַ שופלאָד רייז, אַ זעקל קאַרטאָפל, אין אַ ווינקל אַביסל קוילן, אַ שופלאָד מיט מעל, אַ צעשניטענער הערינג — אַ גראָשן אַ שטיקל. „וואָס ווילסטו, יינגעלע, אַ קאָפּ אָדער אַן עק?" אין אַ שופלאָד אַביסל אַרבעס. דאָס געוועלבל איז געווען פול מיט מייז, ווערים און פליגן. דאָס איז געווען אַ לעבן; שוין איין מאָל אַ לעבן!...

באַלוט! יעדע גאַס האָט געהאַט אַ חדר, אַ חסידים־שטיבל, אַ חברה־קדישא, אַ חברה בחורים; פאַנאַטישע פרומע מענטשן, אויפגעקלערטע, האַרעפּאַשניקעס, יונג און אַלט; איין גרויסע שול, איין דאָקטאָר, איין פעלד־שער, איין אַפּטייק, איין שוחט און אַ סך מלמדים... אפילו „לופט־מענטשן"

און נגידים. און אַזוי פיל בעטלער אין די גאַסן, וואָס זיינען געגאַנגען איבער די הייזער.

באַלוט. אין יידיש טעאַטער „פלאָראַ", וואָס האָט געהאַט אַ גאָרטן... דאָ האָט מען געשפילט איינאַקטערס, קאָמעדיעס, דועטן, קופּלעטן, און „אַן אורח אויף שבת." אָט איז איינער פון די קופּלעטן:

אין הונדערט יאָר אַרום וועט ניט זיין אַזוי קרום,
ברענגען וועט מען דאַן אַ וועלט, אָן אַ פּעני געלט.
מיט מיין מאַמען וואָלט איך איצט געהאַט אַ גרויסן „פּאַיט":
ווער האָט זי געבעטן זי זאָל מיך האָבן פאַר דער צייט?
אוי, אין הונדערט יאָר אַרום !...
מענטשן וועלן לעבן ווי טייבעלעך אַ פּאָר,
פון אָרעם און רייך, וועט ניט זיין קיין שפּאָר...
אוי, אין הונדערט יאָר אַרום !...

די אַקטיאָרן פון די גרויסע טעאַטערס זיינען נישט געקומען דאָ שפּילן. מיר זיינען געלאָפן צו זיי אין „גרויסן טעאַטער", וואָס איז יעדן שבת געווען פול מיט יונגעלייט אין רונדיקע היטעלעך און לאַנגע, געשניטענע קאַפּאָטעס, און אָרבעטער און דינסט־מיידלעך.

באַלוט ! מיט יידיש איז פול געווען די שטאָט. מען האָט דאָ אָפּגעלעבט אַ גאַנץ לעבן און ניט „אַריינגעשמעקט" אין ווילקע, וואו מען האָט געדאַרפט פאָרן מיטן טראַמוואַי.

מיר זיינען דאָ געווען אין 1946. איצט — אין 1968 בין איך ווידער אין לאָדזש, אין באַלוט. איך קוק אַריין אין די הויפן, וואָס זיינען געווען ווי קאַסטנס מיט אַ טויער, וואו זומער איז מען געשלאָפן איינס לעבן אַנדערן; אַרויסגעשלעפּט די שעניקעס און זיך מחיה געווען מיט דער פרישער לופט. ווינטער איז מען דאָ פאַרפרוירן געוואָרן אין די הייזער און געהאַפּט אויפן זומער.

באַלוט ! אַ שטאָט מיט יידן געווען: סאָציאַליסטן, פּראָסטע און געלערנטע יידן. — וואו זיינען זיי?! מיינע שוועסטער, מיינע ברידער, מיין מאַמע, מיינע חברים, די פרומע און די אויפגעקלערטע. די נאַצישע חיה האָט זיי פאַרצוקט אין די גאַז־קאַמערן. זיי זיינען אַוועק מיטן רויך... בלאָנדזשע איך איצט מיט שרהן איבער די חורבות פון באַלוט; זוך אַ שכן, אַ חבר, עמיצן פון מיינע ליבסטע, וואָס זאָל אַנטקעגנקומען מיט אַ האַנט־דרוק. איך שפּאַן, איך וואַנדער, קוק שטאַר אויף די הייזער און אויף שפּילעוודיקע, פריילעכע קינדער, וואָס יאָגן זיך איבער די גאַסן, און — געווען דאָ אַמאָל אַ יידיש לעבן, וואָס האָט געשריען און געמאָנט. געווען — און איז מער נישטאָ...

טשענסטאָכאָוו

וואָס עס דערמאָנט אַ רירנדיקער דאָקומענט פון צוואַנציק יאָר צוריק

עס קומען אויפן געדאַנק די פאַרפייניקטע אין מאַידאַנעק, אַשוויענטשים, טרעבלינקא, ראַווענסבּרוק, בּוכענוואַלד און אַלע אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן — 32 אין צאָל — וואו עס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן העלדן, מאַרטירער און קדושים, און מיר דערמאָנען זייער אָנזאָג: „ניט פאַרגעסן און ניט פאַרגעבן."

און אָט איז ניט לאַנג צוריק געוואָרן צוואַנציק יאָר זינט די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון דער טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד," האָט פאַרעפנטלעכט אַן איינמאַליקע אויסגאַבּע געווידמעט דעם אומקום פון טשענסטאָכאָווער יידנטום, 1942—1948. די רעדאַקציע־קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון בנימין אָרענשטיין, דר. קאַנטאָר, אסתר עפּשטיין און צבי ראָזענווין.

אין דער אויסגאַבּע, וואָס איז אַרויס אין אַן אַלבּאָם־פאָרמאַט, איז פאַראַן אַ שלל מיט אויפטרייסלענדיקן מאַטעריאַל.

ב. אָרענשטיין שרייבּט דאָרט, אַז די יוגנט האָט גענומען דעם פאָלקס־גורל אין אירע הענט און מיט געווער געקעמפט קעגן שונא פון דער מענטשהייט. די יוגנט האָט אַרויסגעוויזן איר מאָראַלישן, גייסטיקן און פיזישן כוח, פאַלנדיק אין קאַמף ווי העלדן. די יוגנט פון אַלע פּאָליטישע אנשויאונגען און פּאַרטיי אָנגעהעריקייטן, האָט פאַראייניקט געקעמפט קעגן דעם ברוטאַלן שונא.

אַ צווייטער אַרטיקל, פון בענא, דערציילט, אַז די ליקווידאַציע פון דער קליינער טשענסטאָכאָווער געטאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבּן דעם 26טן יוני, 1943, יענעם טאָג, לייענען מיר, האָבּן די רוצחישע באַנדעס פון רייכס־דייטשן און אוקראַינער, אַלע אין דינסט פון היטלערן, אַרומגערינגלט דאָס קליינע געטאָ און פון אַלע זייטן געעפנט אַ שיסעריי...

די שמאָלע געסלעך, נאַדזשעטשנאַ, גאַרצאַרסקאַ, מאַסטאָוואַ, זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בּלוטיקן שלאַכט־פעלד און עס האָט זיך אָנגעהויבּן דער לעצטער עטאַפּ פון קאַמף. די מיטגלידער פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג שיסן אויף די מערדער פון אויטאָמאַטישן געווער: רעוואָלווערן, גראַנאַטן און אַנדערע — און שטויסן אָפּ די אָנגריפן אויף די בּונקערס וואו יידן זיינען געווען באַהאַלטן. דער קאַמף האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג ביז די קעמפער זיינען געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט אויף זייערע פּאָזיציעס. אין דעם קאַמף זיינען אומגעקומען צוויי טויזנט יידן."

מיט בלוט און טרערן איז דורכגעווייקט אַ טיף־עמאָציאָנעלע באַשרייבונג פון דר. צבי קאַנטאָר.

ב. אָרענשטיין איז פאַרטראָטן מיט אַ גרויסע פּאָעמע, „ברויט", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין דעצעמבער, 1943, אין לאַגער „האסאג".

צבי ראָזענווייַן שילדערט די לעצטע זיצונגען פון אַרבעטער־ראָט. ער טראָגט אויך אַרויס אַן אָנקלאַגע אויף דעם יודנראָט. ער דערציילט אַז די געפּלאַנטע געווער־אייַנקויפן פון פּוילישע אַרבעטער פאַר דער געטאָ זייַנען נישט אויסגעפילט געוואָרן.

די לעצטע זיצונג פון אַרבעטער־ראָט איז געפירט געוואָרן פון משה לובלינג, יצחק ראָזענפעלד, מ. ווילנער, מ. אָפּענהיים, א. שמולעוויטש, רבקה גאַנץ און דר. ראָזענווייַן."

ב. א. שרייבט אין דעם בוך, אַז דער יידישער קיבוץ אין טשענסטאָכאָוו איז אַנטשטאַנען אין 18טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1799 האָט זיך געשאַפן די ערשטע יידישע קהילה און אַז אין יאָר 1834 האָט טשענסטאָכאָוו שוין געציילט עטלעכע הונדערט נפשות.

עס ווערט איבערגעגעבן, אַז דער פראַנצויזישער אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן האָט אין זיין מאַרש איבער אייראָפּע אין 1812 אַריינגעמאַרשיקט מיט זיין אַרמיי קיין פּוילן און געקומען קיין טשענסטאָכאָוו אַלס גאַסט פון דער יידישער באַפעלקערונג."

אין דער זאַמלונג ווערט אויך געשריבן וועגן די פּאָגראָמען אין די יאָרן 1918־1920, וואָס עס האָבן דורכגעפירט די האַלערטשיקעס און די פּעטלוראָס באַנדעס.

מען זעט אין דער שריפט אַ צאָל בילדער פון אומגעקומענע אין טרעבלינקע, אַ פאָטאָגראַפיע פון אַכט מענער, אַנטלאָפענע פון טרעבלינקע. צווישן זיי לעבנגעבליבענע: יאַקוב אייזנער, אברהם לייב באַמבאַ און משה ראַפּאַפּאָרט. אויף נאָך אַ בילד זעט מען די לערערין ווייַנמאַן, מיט אַ גרופּע יידישע קינדער, וואָס זייַנען געוועזן אויסבאַהאַלטן אין פאַרשיידענע בונקערס און האָבן איבערגעלעבט דעם נאַציזם.

מען זעט אויך אויף אַ בילד אַ קאַלך־גרוב אויף מאַסטאַוואַ גאַס, וואוהין אַ מערדער, לאשינסקי, האָט אַריינגעוואָרן די קרבנות; אַ בילד פון טשענסטאָכאָווער אין לאַגער בוכענוואַלד אין געשטרייפטע קליידער. נאָך אַ מערדער, קעסלער, שטייט פאַרן געריכט. ער האָט פאַרברענט יידן לעבעדיקערהייט צוזאַמען מיט אַ פּוילישער פרוי און איר טעכטערל, האלושאַ.

דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין דער קליינער געטאָ איז סוף־כל־סוף געלונגען צו קויפן געווער אויף דער אַרישער זייט. שפּעטער ווערט אָרגאַניזירט אַן אייגענע גראַנאַטן־פּראָדוקציע אין דער „וואולקאַן"־פאַבריק וואָס האָט פאַר דער מלחמה באַלאַנגט צו די יידן פּרעגער און לאַנדאָו. אין

לאַגער האַסאַג זיינען געווען שלאָסער, כעמיקער, עלעקטריקער — פּרויען און מענער. מיט דער צייט האָבן זיי אַליין געגומען פּראָדוצירן „קאַקטעיל״־געווער. דאָ זיינען געווען פאַלן פון „לאַנגע צינגער״ — מוסרים, וואָס האָבן געדינט די געסטאַפּאָ און האָבן געמוזט אָפּגעראַמט ווערן.

מ'האָט געפּלאַנעוועט אַריבערצופירן דעם אַרסענאַל אויף דער אַרישער זייט. אָבער דעם 26טן יוני איז די קליינע געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן. עס זיינען אין קאַמף געפאַלן דריי מיטגלידער פון דער טעכנישער גרופּע. די אַנדערע האָט מען אָפּגעשיקט אין דעם לאַגער „האַסאַג״. אָבער אויך דאָרטן האָבן זיי אין געהיים ווייטער פּראָדוצירט גראַנאַטן פאַר די פּאַרטיזאַנען אין די וועלדער, און דערמיט צוגעאיילט די נאַצישע מפּלה.

די יידן אין טשענסטאָכאָוו, ווי עס ווערט דערציילט אין דער שריפט, זיינען ניט געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה. זיי האָבן געקעמפט, געפאַלן און געזיגט איבער דעם שונא — היטלעריזם.

„אין דעם אַלגעמיינעם חורבן פון יידישן פאָלק אין אייראָפּע האָט דאָס טשענסטאָכאָווער יידנטום ביי געטראָגן פופציק טויזנט קרבנות״, ווערט דערציילט אין דעם בוך.

די נאַצישע מערדער זיינען נאָך צווישן אונדז. עס טאָר ניט זיין קיין „שלוס דאַטע״ פאַר מערדער פון יידישן פאָלק, פאַר רוצחים, וואָס האָבן אומגעבראַכט צענדליקער מיליאָנען מענטשן.

* * * * *

מיט העכער טויזנט יאָר צוריק האָבן יידן זיך באַזעצט אין פּוילן. זיי האָבן זיך אַהין געראַטעוועט פון די פאַרפאָלגונגען אין שפּאַניע, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פּאָרטוגאַל און אויך די, וועלכע האָבן זייערע אור־אור־עלטערן איבערגעלאָזט אויף דער ערד פון הייליקן לאַנד נאָך דעם ערשטן און צווייטן חורבן. אין אונדזער צייט איז די יידישע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן אין פּוילן צו דריי מיט אַ האַלבן מיליאָן.

אין דער שטאָט טשענסטאָכאָוו, וואָס האָט געהאַט אַ שם איבער דער וועלט, האָבן געוואוינט דרייסיק טויזנט יידן. די שטאָט איז באַרימט געוואָרן דערמיט, וואָס אין יאָר 1906 איז דאָרט פאָרגעקומען אַ פּראָצעס, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אָנזען איבער דער וועלט. דאָס איז געווען דער פּראָצעס קעגן אַ גרופּע רוסישע סאָלדאַטן, וועלכע האָט געהערט צו אַ קרייז פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן; און צוליב נאָך אַ געשעעניש — וואָס אויפן מאַגיסטראַצקע פּלאַץ האָט אַ פּוילישע דעמאָנסטראַציע פּראָטעסטירט קעגן צאַריזם ביי דער דערפענונג פון דער פּראַוואָסלאַוונע צערקווע אין יאָר 1874.

טשענסטאָכאָוו איז אַרויף אויף דער וועלט־מאַפּע, ווען די באַרימטע אַדוואָקאַטן שומאַנסקי, בערסאָן און מעדאַליס, זיינען אַרויסגעטראָטן אַלס

פּאַרטייזיקער פון הויך־ראַנגיקע מיליטער־לייט, וואָס זיינען געמשפּט געוואָרן פאַר באַלאַנגען צו אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט אומ־וואַרפן די מאַכט פון דעספּאָטישן צאַריזם, וואָס האָט דריי הונדערט יאָר רעגירט איבער פּוילן.

אין שפּאַניע זיינען פּיל טשענסטאָכאָווער יונגעלייט געפאַלן אויף די שלאַכטפעלדער אין באַרצעלאָנע און מאַדריד, אין קאַמף קעגן פראַנקאָ־שפּאַניע; זיי האָבן שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז אויב דער פאַשיזם וועט זיגן, וועט אויסברעכן אַ גרויזאַמע וועלט־מלחמה, אין וועלכער עס וועלן אומקומען צענדליקער מיליאָנען מענטשן.

און אַזוי האָט עס טאַקע פּאַסירט: דער היטלעריזם האָט געזיגט אין שפּאַניע און האָט איינגעצונדן די וועלט, פאַרניכטעט אַ דריטל פון יידישן פאָלק, און כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון טשענסטאָכאָוו איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן.

די טשענסטאָכאָווער יידישע שמאַטע־הענדלער, דאַרפס־גייער, שניי־דער, שוסטער, לופט־מענטש, דער אָרעמער קרעמער, דער אַרבעטער, רעלי־גיעזע און פריידענקער; די פאַרערער פון י. ל. פּרץ, ליעסין, יהואש, ביאַליק; די ליבהאָבער פון באָוושאָווער, עדעלשטאַט און ראָזענפעלד — זיינען געוועזן ווי די שטערן אין הימל; געוועזן — און שוין מער נישטאָ...

* * * * *

מיט 22 יאָר צוריק איז העלען געבוירן געוואָרן. ווען זי איז אַלט געווען זעקס חדשים, האָבן מיר זי צום ערשטן מאָל געזען אין אַ וויגל, מיט ליכטיקע, גרויסע, ברוינע אויגן, אַ רונדיק פּנימל, פּוכקע, ווייסע הענטלעך און קורצע פעטע פיסלעך, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין טאַנצן... העלען האָט געהאַט פאַרוואָס זיך צו פרייען און טאַנצן: געקומען אויף דער וועלט פון אַ טאַטן, וועלכער האָט זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, און פון אַ מאַמען, וואָס איז צוריקגעקומען פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער האָט זיך נישט געלאָזט אומברענגען, געקעמפט פאַרן לעבן און אין 1946 איז ביי אים געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע — העלען.

ווען העלען האָט אונדז דערזען אין 1968, אַרויסגעיין פון דער באַן, אַנגעלאָדן מיט פּעק, איז זי אַנטקעגן־געלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט...

„ווי אַזוי האָסטו געוואוסט, אַז דאָס זיינען מיר?"

„איך האָב איינגעשטעלט" — זאָגט זי אין אַ געשמאַקן יידיש, און זעצט פאָר שפּאַסיק: „איך האָב אייך געזען מיט 22 יאָר צוריק, איר זעט אויס פּונקט ווי דעמאָלט"...

„האָסט זיך דאָך געקענט אָפּנאַרן"...

„ניין, מיינע טייערע, אַזעלכע קומען נישט קיין פרעמדע מענטשן, בפרט נאָך אַ ייד... דאָס איז ווי אַ בריליאַנט..."

אין הויז האָבן מיר געטראָפן אַ שיינע, באַקוועמע היים. אַ גרויסער באַלקאָן צו דעם געסל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַ באַרימטן פויליש־יידישן שרייבער, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ „ט". דאָס געסל איז געווען אויסגעפוצט ווי צו אַ פעסטיוואַל. מען האָט זיך געגרייט צו דעם ערשטן מאַי. ווען מיר האָבן געפרעגט העלענען, צי זי וויל אַרויס פון דעם געסל און מיטפאָרן קיין אַמעריקע, האָט זי געענטפערט:

„ווען איך זאָל אַוועקגיין פון דאַנען, ווער־זשע וועט די העלדן דערמאָנען? ווער וועט די גריבער פאַרשיטן, די הייליקע קברים פאַרהיטן? און זי ציטירט פון דוד ספאַרדס ליד:

„און ווער וועט די גאָלדענע קייט ווייטער שמידן
פון די גרויסע שבת־יום־טובדיקע יידן,
וואָס מיט נשמות צעפלאַקערטע שפּאַנען,
אַז איך וועל אַוועקגיין פון דאַנען ?"...

העלען לערנט אין אוניווערסיטעט; זי האָט דאָ נישט קיין חברטעס; זי איז איין יידיש מיידל.

העלען האָט הייראַט־אַנבאָטן ...

„אַמאָל וואָלט איך מסתמא נישט איבערגעטראַכט... אַ יינגל איז אַ יינגל... אָבער זינט די אַנטיסעמיטישע העצעס וועגן ציוניזם האָבן זיך אָנגעהויבן, האָבן זיך אין מיר אויפגעוועקט נאַציאָנאַלע געפילן..."

העלען שווייגט אַ ווייל און זאָגט :

„איך וואָלט געפאָרן קיין ישראל, נאָר דער טאַטע איז אַלט און קראַנק, די מאַמע אויך. ער, אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער — ווי קאָן איך זיי איבערלאָזן?

העלען האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אַרויספאָרן פון איר לאַנד, וואָס גיט איר אַ גוטע דערציאונג, האַלט אויס מיט כבוד טאַטע־מאַמע, אָבער איצט... איך האָב קיינמאָל נישט געפילט אַז אַ ייד איז עפּעס אַנדערש... איצט פיל איך, אַז אַ יידיש קינד האָט דאָ נישט קיין צוקונפט ... "

„ווילסטו פאָרן קיין אַמעריקע? מיט וועלן דיך מיטנעמען..."

„ניין, עס ציט מיך ערגעץ אַנדערש..."

„זאָג מיר טייערינקע העלען, פון וואַנען האָט זיך צו דיר גענומען יידיש לשון?"

„פון יענע גוטע קינדער־יאָרן... איך האָב אַ ליבע צו דער יידישער שפּראַך."

צוזאַמען זיינען מיר געפאָרן קיין קאַטאָוויץ און פון דאָרט קיין אוישוויץ. קיין איין מינוט טרעט העלען פון אונדז נישט אָפּ; זי וואַרעמט זיך אין דער ליבשאַפט, וואָס מיר ווייזן איר אַרויס און זי שאַצט דאָס שטאַרק אָפּ, „ווייל ווער ווייסט"...

אוישוויץ

צו דער פייערונג לכבוד דעם 25סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, איז מיט צוויי טעג שפּעטער געעפנט געוואָרן אינעם בלאָק נומער 27 אין אָשווענטשים, דער יידישער מוזיי. אויף דעם אָרט האָבן די היטלעריסטן אומגעבראַכט פיר מיליאָן מענטשן. באַלד ביים אַריינגאַנג לייענט איר די ווערטער פון סאַנטאַיאַנען:

„יענע, וואָס פאַרגעסן אין דער געשיכטע, זיינען פאַראורטיילט אויף איבערלעבן זי װאָכאַמאָל"...

צווישן די אויסלענדישע געסט, בין איך און מיין פרוי שרה, געווען די איינציקע פון לאָס אַנדזשעלעס. נאָך די שווערע איבערלעבונגען אין לאָדזש, וואַרשע, טשענסטאָכאָוו, האָבן מיר מיט אַ שווער געמיט זיך צוגעהערט צו די רעדעס פון מיניסטער מאָטיקאַ, וואָס האָט געזאָגט, אַז דער יידישער אָפּטייל פונעם אשווענטשים מוזי, איז געווידמעט דער מאַרטירעלאָגיע פון די יידן, וועלכע זיינען פאַרברענט און דערמאָרדעט געוואָרן און אומגעקומען אין די לאַגערן. דער מיניסטער ל. מאָטיקאַ, זאָגט ווייטער:

„מיר, וועלכע זיינען געווען אין לאַגער אין דער צייט פון מאַסן־מאָרדן, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם שטיקנדיקן ריח פון פאַרברענטע קערפּערס, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער דער געגנט פון אָשווענטשים..." און ער זעצט פאָר:

„...די מאַרטיראָלאָגיע פון אָשווענטשים־מוזיי, די דאָקומענטן, ריידן אויך פאַר וואַרשע, לאָדזש, און פיל אַנדערע שטעט... די עקספּאָנאַטן ווייזן אייך דאָס פּנים פון אַנטיסעמיטיזם און ספּעציעל דער דעגענערירטן דייטשישן, זיין קלאַחן־כאַראַקטער און די גוואַלדטאַטן איבער די יידן."

אויף אַ שטיינערנער פּליטע איז אויסגעקריצט דער אויפשריפט:

„קין, וואָס האָסטו געטאָן מיט דיין ברודער הבל?"

די אויסשטעלונג „קיינמאָל נישט פאַרגעסן, קיינמאָל נישט פאַרגעבן!" מאַכט אַ גרויליקן איינדרוק. אויף אַ מאָמענט פאַרמאַכן מיר די אויגן און זעען ווי אונדזערע אייגענע שוועסטער און ברידער, באָבעס און זיידעס, פּעטערס און מומעס — צווישן די פיר מיליאָן יידן, וואָס ווערן געפירט צו די גאַז־קאַמערן. מיר קאָנען ניט איינהאַלטן די געדיכטע טרערן, וואָס קייקלען זיך איבער די באַקן...

מיר זיינען געגאַנגען איבער די בלאָקן, געזען בערג מיט קינדער־שיכלעך, קיך־געשיר, קינסטלעכע גלידער פון אינוואַלידן, שטראָף־קאַמערן, תפיסות נאָר די וואָס האָבן ווידערשפּעניקט, זיך נישט געוואָלט בייגן...

אַ נאַצישער אויפשריפט איז נאָך געהאַנגען: „איין פאָלק, איין פירער.״ עס שטייען נאָך די וואַך־טורעמס, די רעפלעקטאָרס, שיין־וואַרפערס, קאַנען מיט צייקלאָן פון דער פירמע „איי־דזשי פאַרבן טראַסט״, די מלחמה־מערדער, וועלכע געפינען זיך ווידער ביי דער מאַכט אין מערב־דייטשלאַנד. אונטער אַ גלעזערנער שויב זעען מיר אַ באַרג מיט פרויען־האָר, וואַליזקעס, טשעמאָ־דאַנען, געפלאַכטענע צעפּ: שוואַרצע, בלאָנדע, שאַטינענע; רייזע־טאַשן און אַנדערע זאַכן. זיי האָבן אָפּגענאַרט די אומגליקלעכע, וואָס זיינען געגאַנגען דעם „לעצטן וועג״ און האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן געפירט אויף אַרבעט... „אַרבעט מאַכט פריי״, האָבן מיר געזען אַן אויפשריפט מיט ריזיקע אותיות ביים טויער. דורך אַ גרויסער וויטרינע־שויב פון גלאָז זעען מיר אַ באַרג מיט קאַשיקעס, טליתים, יידישע רעליגיעזע חפצים. אויף די ווענט אין די צוויי־און־דרייסיק בלאָקן זיינען אויסגעקריצט מיליאָנען נעמען פון די פאַר־גאַזטע מענטשן, וואָס האָבן ניט געוואוסט ביז דער לעצטער מינוט, אַז דאָ ענדיקט זיך זייער וועלט...

מיר גייען איבער די שטראָף־קאַמערן אין אוישוויץ. מיר באַטראַכטן די בלאָקן וואו מען האָט אויסגעטאָן די מענטשן נאַקעט — אַלץ פאַרשריבן מיט דער דייטשער פּינקטלעכקייט, פון אַ פּאָר זאָקן ביז אַ חתונה־רינגל.

אַ שוידערלעכן איינדרוק מאַכן די טאָג־ביכער פון קינדער און דער־וואַקסענע. איר זעט דאָ ספרים, טליתים, דאָקומענטן פון עס־עס־לייט און — ווידערשטאַנד פון יידישן פאָלק.

אויף די ווענט אין די קאָרידאָרן זעט מען הונדערטער טויזנטער פאָטאָ־גראַפיעס און די נעמען פון פּאָליאַקן און יידן, וואָס די גאַז־קאַמערן האָבן אויפגעפרעסן.

דאָ ליגן נאָך די באַן־רעלסן, צעבראָכענע טירלעך פון די אויוונס, דאָס וואָס די נאַציס האָבן געוואָלט צעשטערן, איידער זיי זיינען אַנטלאָפן, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט.

עס קומט אָן דער אָוונט. מיר געזעגענען זיך... די זון פאַרגייט אין שטילן טרויער; ווי עס זיינען דאָ די פאַרזאַמלטע מענטשן... עס ווערט שטיל אין טויטן־לאַגער — אוישוויץ...

* * * * *

די ערשטע גאַז־קאַמערן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן אין גרויסע פאַרמאַכטע קאַמיאָנען. דאָס זיינען געווען די „ערשטע פּראָבעס״ פאַר די אויסראָטונגס־לאַגערן אין אוישוויץ, מאַיידאַנעק און אַנדערע.

דער לאַגער־פירער פון אוישוויץ, ק. פריטש, וואָס איז געווען דער ערשטער איינצופירן די גאַז־קאַמערן, האָט די טראַנספּאָרטן־מענטשן אַזוי באַגעגנט: „איר זייט געקומען אַהער ניט אין קיין היילאַנשטאַלט, נאָר אין

אַ דייטשן קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער איינציקער וועג פון דאַנעט איז דורכן קוימען. אויב עמיצן געפעלט עס ניט, קאָן ער שוין, די מינוט, לויפן צו די עלעקטרישע פאַרצוימונגען דראָטן. אויב עס זיינען דאָ יידן אין דעם טראַנספּאָרט, האָבן זיי ניט קיין רעכט צו לעבן לענגער ווי צוויי וואָכן; אויב עס איז דאָ פאַראַן אַ „הייליקער", קאָן ער לעבן אַ מאָנאַט; די אַנדערע — דריי מאָנאַטן." (ציטירט פון אַלבאָם „מיר האָבן ניט פאַרגעסן", אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, 1959, אין דריי שפּראַכן: רוסיש, ענגליש און פראַנצויזיש).

דאָ האָט מען יעדן טאָג געבראַכט דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן, שרייבער, גלחים, רבנים, אַרטיסטן, פּויערים, אַרבעטער, אַלט און יונג, פרויען און קינדער — זיי צוגעפירט צו דער ראַמפּע...

אין 1942 איז אוישוויץ אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן פאַר דער אינקווי־זיציע פון מיליאָנען מענטשן. די „שפּייכלער" זיינען אַלע מאָל געווען גע־פּאַקט מיט האָב און גוטס פון די מענטשן, וואָס האָבן געמיינט, אַז מען פירט זיי אַרבעטן פאַר דעם דייטשן רייך...

די גאַז־קאַמערן האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרצוקן שנעל גענוג די מענטשלעכע לעבנס. די מענטשן, וואָס זיינען באַגעגנט געוואָרן פון עס־עס־לייט, ביז מען האָט זיי געפירט אין די „דושן", האָבן ניט געוואוסט, אַז אויף יענער זייט קרעמאַטאָריע ליגן בערג מיט מתים, וואָס קאָנען ניט שנעל גענוג אָפּגערוימט ווערן... די אָפּנאַרעריי איז געווען אַזוי ביטערע פאַר־שטעלט, ראַפינירט, אַז די וואָס מען האָט געלאָזט אויף אַ צייט אַרבעטן, האָבן געשריבן בריוו צו די אייגענע, אַז זיי ווערן מענטשלעך באַהאַנדלט..

אין לאַגער האָבן זיך געפונען אַ סך טרענירטע שפּור־הינט... דאָס איז געווען אַן „אינדזל" ווייט פון שטאָט, קאַמאָפלאַזשט. דאָך האָבן זיך געציילטע מענטשן איינגעגעבן צו אַנטלויפן און דערציילן דער וועלט, וואָס האָט נישט געגלויבט...

ווען מיר האָבן זיך דערנענט צו דעם טויער פון אוישוויץ און דערזען דעם אויפשריפט: „אַרבעט מאַכט פריי", האָט דאָס האַרץ שטאַרקער גענומען קלאַפּן. אַ מורא איז באַפאַלן... איך האָב געטראַכט, אַז אָט־אָט וועלן די קוימענס באַלד אָנהויבן רויכערן... עס וועט זיך פילן פאַרברענט פלייש... דערנאָך וועט דאָס אַש זיך פאַרשפּרייטן איבער דעם ליכטיקן הימל, וואָס איז היינט אַזוי לויטער און קלאָר, און די זון שיינט, ווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט געשען... אָט ליגן נאָך די אייזערנע קייטן אין אַ צעל, וואו מען האָט געפּייניקט די, וואָס האָבן געגעבן אַ ווידערשטאַנד; די שטראָף־קאַמערן, וואו מען האָט געהאַלטן הויך־ראַנגיקע פּאָליאַקן, וואָס זיינען געווען פאַרדעכטיקט...

יעדן טאָג זיינען מענטשן געלאָפן צו די עלעקטרישע דראָטן און גע־בליבן דאָרט „הענגען"... זיי האָבן מער נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם גיהנום פון איבערמענטשלעכעליידן און די שווערע אַרבעט.

מיר גייען איבער די בלאָקן און איך זע פּאָר מיינע אויגן אויסגעטאָענע מאַמעס, מיט נאַקעטע קינדער אויף די הענט, גייען דעם לעצטן וועג... מ'זעט נאָך די צוואַנגען, טראָגבעטלעך, די גאַז־אויטאָס...

ביים אַריינגאַנג אין יעדן בלאָק ברענט אין אַש אַ פלאַם, ווי אַ מין נר־תמיד. איר קאָנט זיך ניט באַפרייען פון די שווערע און טרויעריקע געדאַנקען, וואָס כאַפּן אייך דאָ אַרום און איר ווישט אין דער שטיל אַ טרער...

נאָכן באַפרייען דעם לאַגער, פאַרן אַנטלויפן, האָבן די עס־עס־לייט פאַרברענט די באַראַקן, וואו עס האָבן זיך געפונען זייער רויב; אָבער אין זעקס באַראַקן איז נאָך געבליבן: 35 טויזנט פרויען־קליידער, גאָלד און זילבער, וואָס האָט געדאַרפט איבערגעשיקט ווערן צו דער רייכסבאַנק אין דייטשלאַנד.

אין ווייניקער ווי פינף יאָר, פון יוני 1940 ביז יאַנואַר 1945, זיינען דאָ אומגעבראַכט געוואָרן פיר מיליאָן מענטשן. דורך די געפונענע דאָקומענטן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז בלויז אין 46 טעג, פון ערשטן דעצעמבער 1944 ביז יאַנואַר 1945, האָבן די מערדער אָפּגעשיקט קיין דייטשלאַנד 99,922 קינדער־קליידער, 192,652 פרויען־קליידער און 222,269 מענער־קליידער. וועלן דאָס די קומענדיקע דורות געדענקען?...

פראג

אויף די ווענט פון דער פינקוס סינאַגאָגע, אין פּראַג, איז מיט דריב־נער האַנטשריפט פאַרשריבן די נעמען פון 77,297 מענער און פרויען, וואָס די נאַציס האָבן דעפּאָרטירט פון טשעכאָסלאָוואַקיע אין קאָנצענטראַציע לאַגערן. די נעמען זייַנען אויסגעקריצט געוואָרן אויף די ווענט דורך פיר קינסטלער־גראַווירער, וואָס האָבן געאַרבעט איבער דעם גאַנצע פיר יאָר.

אין דער פראַגער קהילה געפינען זיך טוריסטן־באַגלייטער, וועלכע ריידן פראַנצויזיש, דייטש, אידיש, ענגליש, רוסיש, שפּאַניש און אַנדערע שפּראַכן. זיי קענען אויסגעצייכנט די טויזנט־יאָריקע געשיכטע פון יידישן לעבן אין פראַג, פון די אַלע אַלטערטימלעכקייטן. זיי פירן אייך איבער דער יידישער געטאָ, דערקלערן וועגן די יידישע חפצים, וואָס געפינען זיך אין די סינאַגאָגעס, ווייזן די אויסשטעלונג פון די אומגעקומענע קינדער אין טערעזיענשטאַט; די מאַלערייען, וואָס די קינדער האָבן געצייכנט אין די לעצטע שעהען פון זייער לעבן.

אין דער אַלטער שול דאַוונט מען נאָך. דאָ, אין דער שול, איז געווען דער באַרימטער רבי לעוו; דאָרט, וואו ער איז געזעסן, איז דער באַלעמער אָפּגעצוימט מיט אייזערנע, הויכע שטאַנגען, מיט אַ טירל אַרייַנצוגיין. מענטשן קומען אַהער באַוואונדערן, וויאַזוי עס האָט זיך אָפּגעהיט דאָס לעבן פון אַ טויזנט יאָריקער געשיכטע. דאָ, אין דער יידישער געטאָ, וואָס פאַרנעמט אַ סך קליינע געסעלעך, איז באַשאַפן געוואָרן די גולם־לעגענדע, און עס זייַנען דאָרט איינגעזאַמלט היסטאָרישע, רעליגיעזע אַנטיקן. דער שטאַט־מוזעאום שפּיגלט אָפּ די גאַנצע געשיכטע פון טשעכאָסלאָוואַקישן יידנטום, אונטער דער אָקופּאַציע פון היטלעריזם. אין דעם מוזיי ווערן אויך אַרייַנגערעכנט די זעקס סינאַגאָגעס און דער יידישער בית־עולם. די אַרכיטעקטור פון די סינאַגאָגעס, וואָס האָבן זיך געבויט אין 13טן יאָרהונדערט, איז איינע אין דער וועלט.

דער בית־עולם איז קליין, אויסברייטערן איז נישט געווען קיין פּלאַץ, ליגן עטלעכע שיכטן מתים איינס איבערן אַנדערן. אויף די מצבות, וואָס שטייען צוזאַמענגעדריקט איינע לעבן די אַנדערע, זייַנען אויסגעקריצט פאַר־שידענע סימבאָלן. דאָס איז קונסט פון גרויסע מייסטער־פאַכלייט. איר זעט דאָ נעמען פון אַסטראָנאָמער, מאַטעמאַטיקער; די נעמען פון: דוד גאַנז, דזשאָזעף דעל מעדינא, רבי לעוו; באַרימטע טעאָלאָגן, ווי דוד אָפּענהיימער, און פיל באַרימטע נעמען, וואָס שטאַמען פון 14טן יאָרהונדערט. צווישן די

געדיכטע מצבות געפינט זיך דער קבר פון מהר"ל — רבי לוי יהודה בצלאל, דער באַשאַפער פון גולם.

אָן ערך פופציק טויזנט יידן האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט אין פּראַג. אין 1968 — פינף טויזנט. כאָטש דובטשעק האָט פאַרדאַמט די אַנטיסעמיטן, זיינען זיי פונדעסטוועגן אַרויסגעקראָכן ווי ווערעם פון די לעכער און געלאָזט פון זיך הערן מיט אַנטיסעמיטישע טענער אויף די טשעכישע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף וויכטיקע רעגירונגס־שטעלעס, ווי: טעאַטער, ראַדיאָ און דיפּלאָמאַטן.

פון די 140,000 יידן, וואָס האָבן געלעבט פאַר דער מלחמה אין טשעכיע, זיינען געבליבן פופצן טויזנט. אין דער צייט ווען איך האָב זיך געפונען אין פּראַג, בעת די רעפאָרמען פון דובטשעק און סוואָבאָדאָ, האָבן די יידן דאָרט צוריק אָנגעהויבן אויפלעבן זייער טויזנט יאָריקע געשיכטע.

אויף דעם אַלטן בית־עולם פאַרזאַמלען זיך טוריסטן פון דער גאַרער וועלט. זיי באַטראַכטן די העכער צוועלף טויזנט מצבות. איין מצבה־שטיין פון אביגדור קאַראָ, קאָן מען קוים איבערלייענען. דער שטיין איז אויפגעשטעלט געוואָרן דעם 25טן אַפּריל, 1439.

שוין העכער צוויי הונדערט יאָר ווי דער בית־עולם איז פאַרשלאָסן, און עס איז אויף אים אויסגעוואַקסן אַ באַרג פון צוועלף שיכטן מתים...

סיי אין פּראַג און סיי אין פּוילן ווערן באַטראַכט די בית־עלמינס אַלס היסטאָרישע מוזייען.

אין וואַרשע האָט מען מיר געגעבן אַ קאַטאַלאָג, צוזאַמענגעשטעלט פון זלמן גאָסטינסקי, ש. ליכטענשטיין, מיט גראַפישער באַאַרבעטונג פון: ז. וויגליוש, א. סקאָלימאָווסקאַ, סטאַניסלאַוו טשערפּאַק און א. פּאַללאַ.

זלמן גאָסטינסקי דערציילט:

„טיילמאָל האָט מיר אין מיין אַרבעט געהאָלפן אַן איין־און־איינציקער ייד, וועלכער איז געבליבן וואוינען אין זיין געבורטס־שטעטל. אָדער ווער פון די עלטערע איינוואוינער, וועלכע 'וויסן אַלץ'... כ'וועל נישט פאַרגעסן די גרייז־גרויע 'סטרושקע' (היטערן) פון בית־עלמין אין קאָרטשינע. אַ מאָל איז דאָס אַ שטעטל געווען, היינט איז עס אַ דאָרף, נעבן קראָסנע. אין אַ גרויסער מאָס טאָקע און אַ דאַנק דער 'סטרושקע' איז דער בית־עולם געבליבן גאַנץ, נישט באַשעדיקט און נישט געשענדעט. זי האָט מיך געפירט פון מצבה צו מצבה, און נאָך אײדער איך האָב באַוויזן איבערצולייענען, האָט זי שוין אונטערגעזאָגט וואו, ווער ס'איז באַגראָבן. די סקאַרפּאַנען, דער קונסט־היסטאָרישער ווערט פון די אָרנאַמענטן, די עפּיטאַפן, דענקמעלער פון אומקום און פון יידישער פאַרגאַנגענהייט — דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן."

דאָס יידישע, ווי דאָס אַלגעמיינע לעבן אין פּראַג איז העכער טויזנט יאָר אַלט. דער טייך ווּלטאַווע, וואָס צעטיילט די שטאָט און גיט צו אַ פּאַנ־

טאָסטישע שיינקייט, די שענסטע אָדעס און סימפּאָניעס זיינען געווידמעט געוואָרן דער שטאָט און דעם טייך. צווישן זיי — די פּראַכטפולע סימפאָניש פּאָעמע פון ב. סמעטאַנאַ. פּראַג, ווי אַנדערע אייראָפּעאישע שטעט, איז געוואָרן געפּלינדערט פון אַריינדרינגער: פראַנצויזן, באַוואַריער, פּאָליאַקן, שוועדן, פּרייסן, און צום סוף, די נאַצישע פּלינדערער. אַ סך בלוט האָט דורך די טויזנט יאָר געפלאָסן אויף די בריקן און דעם טייך, וואָס פליסט איבער דער שטאָט. פּראַג איז כמעט געווען די לעצטע הויפּטשטאָט אין אייראָפּע, וואָס האָט זיך באַפרייט פון די נאַצישע אַריינדרינגער.

דער מחבר מיט זיין פרוי שרה, אויפן בריק איבערן וועלטאַוואַ טייך, אין פּראַג

ווען איר גייט איבער דער שטאָט, זעט איר ווי אין פּאַריז, הונדערטער אָנדענק־טאָוולען אויף די ווענט פון הייזער און פיל אָנדענק־מאָנומענטן, געווידמעט די געפאַלענע אין לעצטן קאַמף מיט די היטלעריסטן.

פּראַג איז אַ שטאָט פון וויסן און לערנען — ווייל מיט אַן ערך פינף הונדערט יאָר צוריק, האָט פּראַג שוין פאַרמאָגט אַן אוניווערסיטעט, וואָס איז געווען באַוואוסט אין אַ סך לענדער.

פּראַג איז אַלע מאָל געווען וועלטלעך און רעליגיעז. די שטאָט פאַר־מאָגט נאָך היינט מער ווי הונדערט קירכן, וואָס זיינען געבויט געוואָרן מיטן אויפקום פון דער שטאָט, און אַזעלכע, וואָס זיינען באַנייט געוואָרן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן.

דער גלח יאַן הוס האָט אין 15טן יאָרהונדערט אַרונטערגעריסן די קאַטוילישע היעראַרכיע, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען מעכטיק. ער האָט גערופן צו מאַכן אַ סוף צו דער קאָרופּציע. ער האָט געפירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דער קאַטוילישער, פאַלשער, קראַנקער היפּאָקריטסטווע.

די קאַטאָליקן האָבן אים געמשפּט און פֿאַרברענט אויפֿן שייטערהויפֿן. היינט שטייט אַ מאָנומענט אויפֿן סקווער, וואָס דערציילט די געשיכטע פֿון זיין קאַמף און וועגן דעם זיג פֿון זיינע נאָכפֿאָלגער.

קיין פּראָג איז אַריינגעשיקט געוואָרן דער נאַצי־הענקער היידריך ריינהאַרד. די ווידערשטענדלער האָבן אים דערשאָסן אין 1942, פֿאַר זיין רציחהשער אויפֿפֿירונג און פֿאַר אומברענגען אַ צאָל קעמפֿער פֿון דער רעזיסטאַנץ־באַוועגונג.

פּראָג האָט דורך איר גאַנצער געשיכטע פֿאַרשריבן אַ הערלעך בלאַט אין קאַמף פֿאַר איר זעלבסטשטענדיקייט.

פּראָג איז באַוואוסט מיט אירע וועלט־באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן פֿון סימפֿאָניעס און אָפּערעס. אין שטאָט געפֿינען זיך מוזעאומס, וואָס האָבן אויפֿגעהיט אַלץ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך יאָרהונדערטער.

עס ווערט דערציילט, אַז מאָצאַרט האָט אַמאָל באַגעגנט אין האָטעל „גאָלדענער מלאך" דעם רייזענדן וואַנדערער, האַרפּע־שפּילער, הייזלער, וועלכער האָט געשפּילט אין אַלע עפֿנטלעכע פּלעצער און באַצויבערט אַלעמען מיט זיין שפּילן. הייזלער איז געווען ווייט און ברייט באַקאַנט איבער דער שטאָט מיט זיין שפּילן. קיין נאָטן האָט ער נישט געקענט, נישט געוואוסט פֿון קיין האַרמאָניע; אָבער געשפּילט האָט ער פּערפֿעקט ווי אַ מייסטער. מאָצאַרט, דער גרויסער זשעני, האָט אים פֿאַרבעטן צו זיך אויף אַ גלעזל ווין. דעם האַרפּע־שפּילער האָט ער אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק לעבן זיך, און ער האָט אויסגעשפּילט איינע פֿון זיינע בעסטע מוזיקאַלישע שאַפֿונגען. הייזלער האָט געבעטן מאָצאַרטן, אַז ער זאָל דאָס נאָכאַמאָל איבערשפּילן, און מאָצאַרט האָט עס געטאָן. באַלד האָט דער האַרפֿיסט דאָס איבערגעשפּילט מיט אַ זעלטענער פֿינטלעכקייט. דאָס מוזיק־שטיק איז שפּעטער פֿאַרצייכנט געוואָרן אַלס „דזשאָזעף הייזלער־מאָצאַרט—דאָס מוזיק־שטיק פֿון רייזענדער," וועלכער איז דעמאָלט, אין 1834, אַלט געווען 80 יאָר.

אין איינער פֿון די הינטערגעסלעך אין אַלטן פּראָג, געפֿינט זיך אַ „טעווערן" (טרינק־פּלאַץ"). דאָ קומען זיך נאָך היינט צוזאַמען אַרטיסטן, מאָלער, שרייבער, סקולפּטאָרן און אַנדערע קינסטלער פֿון פּראָג און אויסלאַנד. אין דעם פּלאַץ, באַרימען זיך די שענקערס, איז אַריינגעקומען פּיקאַסאָ, איליאַ ערענבורג, פּאַבלאָ קאַסאַלס, און אַנדערע. דאָ, ווערט אויך דערציילט, זיינען געשריבן געוואָרן אָפּערעס, סימפֿאָניעס און באַלאַדן.

די גרויסע איינוואַנדערונג קיין פּראָג האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון שפּאַניע, דייטשלאַנד, פּאָרטוגאַל. באַרימט איז דאָ די פּינקוס סינאַגאָגע און די מייזעל־סינאַגאָגע. דאָ איז געשאַפֿן געוואָרן די יידישע געטאָ. די יידן האָבן ערשט אין 1848 באַקומען די רעכט

צו וואוינען און אַרבעטן אין דער גאַנצער שטאָט פּראַג; פּריער האָבן זיי זיך געפונען אין דער ענגער געטאָ און ניט געטאָרט זיך אַרויסקלייבן פון דאָרט.

די יידן האָבן געהאַט זייער אייגענער קהילה און האָבן זי אָנגעפירט ווי אַן אייגענע מלוכה. אַ טייל פון די סינאַגאָגן זיינען עטלעכע מאָל איבער־געבויט געוואָרן מיט דער פּרעציזקייט און פאַנטאַסטישער איינפעלערישקייט פון אַרכיטעקטור.

פּראַג איז די שטאָט וואו עס האָט געלעבט און געשאַפן דער באַרימטער שרייבער פראַנץ קאַפקאַ. דאָ, אין די ענגע, שמאָלע, אַלטע געסעלעך איז ער אויסגעוואַקסן. די שטאָט איז געבויט געוואָרן אָן אַ פּלאַן, מיט לאַבירינטן, וואָס רופן אַרויס נייגעריקייט... איר שפּאַצירט איבער די כאַאָטישע, געהיימע געסלעך מיט וואונדער־אַרכיטעקטור, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ און איר זעט פאַר זיך אַ שטאָט, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביז אַ מיליאָניקער באַפעלקע־רונג און האָט איינגעהאַלטן איר אייגנאַרט.

אויפן סקווער, שטייט אויף דער רעכטער זייט דער ריזיקער אָנדענק־מאָנומענט פון יאַן הוס. ניט ווייט — אויף דער לינקער זייט — פאַרזאַמלען זיך יעדע שעה אין טאָג הונדערטער מענטשן ביים „טאַון האָל“, וואו עס שטייט דער געביידע־טורעם, דער טעכנישער וואונדער, וואָס ווייזט, ווי די זון און די לבנה באַוועגן זיך אין טאָג־ליכט.

פּראַג איז פול מיט געשיכטע־קאַמפן קעגן דער האַפּסבורגער דינאַסטיע און אַנדערע אַריינדרינגער; זיגן, נידערלאַגעס, באַריקאַדן־געפעכטן, וואָס זיינען שוין הונדערטער יאָרן אַלט. איר גייט איבער די גאַסן טאָג־איין טאָג־אויס און איר ווערט נישט מיד פון באַוואונדערן די סקולפּטורן פון דער גאָטישער און רענעסאַנס־עפּאָכע.

אין דעם ראָקאָ־פּאַלאַץ געפינען זיך הונדערט טויזנט מאָלערייען פון פאַרשידענעם קאַליבער: באַרימטע טשעכישע מאָלער, צייכענונגען, וואַסער־קאָלירן. דאָ, ביי דעם פּאַלאַץ, האָט קלעמענט גאָטוואַלד, אין 1948, געהאַלטן אַ היסטאָרישע רעדע, און מיט אַ וואָך שפּעטער האָט ער נאָכאַמאָל גערעדט צו די בירגער פון פּראַג, צו דעם פּרעזידענט בענעש, אַז עס זאָל אָנגענומען ווערן דיי רעזיגנאַציע פון די מיניסטאָרן, וואָס האָבן פאַרטראָטן די בורזשואַזע פּאָליטישע פּאַרטייען.

אויף מייזעל גאַס נומער 18, האָט אונדז אויפגענומען דער פּרעזידענט פון דער קהילה, דר. רודאָלף אילטוס — זייער אַ פריינטלעכער, ליבער מענטש.

דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַטאַ העטלינגער, איינער פון די וואַרעמע, סימפּאַטישע מענטשן פון דער טעאַטער־בינע, אַ פאַרדינסטפולער קולטור־מענטש, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט בלומען, בעת זיינעם אַן אַרויסטריט אין גרויסן זאַל פון דער קהילה, וואו עס איז אויסגעלייגט גע־וואָרן דער פּלאַן פון דער טויזנט יאָריקער פּיערונג פון יידישן לעבן אין פּראַג.

ביים אַוועקגיין האָט דר. אילטוס מיר געגעבן אַ מתנה: עטלעכע זשור־נאַלן אין ענגליש, דייטש, פראַנצויזיש, טשעכיש און רוסיש, וואָס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אין פּראַג פון דער קהילה, מיט דער הילף פון דער רעגירונג.

* * * * *

אַ חבר פירט אונדז אַרום איבער דער שטאָט. ער איז דאָ געבוירן געוואָרן. איצט איז ער אַ לערער אין אַ העכערער רעגירונגס־שול. ער פירט אונדז אַריין אין „זלאַטאַ אוליצקאַ״, דאָס גאָלדענע געסעלע. דאָ שטייען זעכצן פּרימיטיוו־געבויטע, נידעריקע הייזלעך; איר קאָנט דערגרייכן מיט די הענט דעם דאַך. אַלץ איז דאָ ראָמאַנטיש. דאָ האָט געוואוינט די אָרעמקייט, די באַדינערשאַפט. דער צוגאַנג איז דורך אַ פעסטונג, וואָס פירט דורך שמאָלע טרעפּלעך צו דער גאָלדענער געסעלע. די הייזלעך זיינען געבויט מיט פּיצינקע פענצטערלעך, אין סטיל פון נייגטן און עלפטן יאָרהונדערט. די שטיבעלעך זיינען גרויס ווי אַ טורמע־צעל. דאָס געסל איז מיסטעריעז און איז ברייט בלויז פאַר צוויי מענטשן דורכצוגיין.

אין דעם געסעלע, הויז נומער 20, האָט געלעבט פראַנץ קאַפקא. דאָ האָבן אויך געוואוינט כעמיקער, פילאָזאָפן, געלערנטע. אַלץ איז דאָ ווי געווען: אַ טישל, אַ באַנק, איבערן קאָפּ — אַ ברעט אַריבערגעלייגט איבער צוויי בעלקעס, וואָס זיינען איינגעפּעסטיקט אין די ווענט, און אַן אויוון. דאָ האָבן זיך געפונען הונדערט איינוואוינער; צווישן זיי: גאָלדשמידן, קונצנמאַכער, זשאָנגלירער, „גאָלד־מאַכער״ און כעמיקער; אַט־די אַלע האָבן געוואוינט אין די היילעך, וואָס זיינען נישט גרעסער פון אַ הינער־שטייג.

דאָ זעט מען אויך אַ טורמע, אַ פייניקונגס־קאַמער, אַ קעלער, וואו מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קרבן. די שטראָף איז געגעבן געוואָרן צו די, וואָס האָבן רעוואָלטירט, ווידערשפּעניקט קעגן דעם הערשנדיקן קלאַס, וואָס האָט געלעבט עטלעכע שפּאַן ווייטער אין לוקסוס.

די בריקן פאַרבינדן איין טייל שטאָט מיט דער צווייטער. עס קורסירן צענדליקער שיפלעך, וואָס פירן אייך צו די הויכע בערג און איר זעט די גאַנצע שטאָט, וואָס גיט אייך אַ פאַרכאַפּנדע פּאַנאָראַמע פון פּראַג.

אויב איר ווילט וויסן די גאַנצע געשיכטע פון דעם גאָלדענעם געסעלע — שטייט דאָ ניט ווייט אַ מאַשינקע. איר וואַרפט אַריין 50 העלער, איר טוט אַ דריק אַ קנעפּל און אַ פּלאַסטינקע דערציילט אייך אַלץ אויף ענגליש, פראַנ־צויזיש, דייטש און אַנדערע שפּראַכן.

די שטאָט האָט פראַכטפולע פּאַרקן, וואו מען טראָגט אייך צו אַ טעפּעלע קאַווע, אַ גלאָז ביר, לימאָנאַד, זיסקייטן און אַ גאַנצן מאָלצייט.

עס איז שווער צו פאַרלאָזן פּראַג. דאָס יידישע טויזנט אָדער צוועלף הונדערט יאָריקע לעבן. 260,000 יידן האָבן די נאַצישע רוצחים

דעפּאָרטירט. פון פופצן טויזנט קינדער, וואָס זיינען געווען דעפּאָרטירט אין טערעזינשטאָט, זיינען קוים הונדערט צוריקגעקומען. מיר גייען איבער דער געטאָ־אויסשטעלונג, זען די מאָלערייען, פּאָעמעס, לידער, צייכענונגען, וואָס ווערן אָפּגעהיט פאַר דער אייביקייט. אָט איז אַ קינדער־צייכענונג — אַ לוויה...

פאַרכאַפּנדיק מיט זייער רייכער אַרכיטעקטור, זיינען די סינאַגאָגעס, מיט אַלטערטימלעכע סטילן. אינעווייניק — אַן עשירות פון ספר־תורה מענ־טעלעך, זילבערנע קידוש־בעכער, בשמים־פושקעס, פּרוכתן, מנורות. דער באַלעמער, ארון קודש — אַלץ איז נאָך פריש און אָפּגעהיט, שוין הונדערטער יאָרן אַלט — און דאָך ניי. דאָס זיינען פאַרבליבענע אוצרות, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון דור צו דור.

הונדערט און פופציק יידישע צענטערס האָט דער היטלעריזם צעשטערט און צוגערויבט דאָס האָב־און־גוטס פון העכער טויזנט יאָר יידיש לעבן.

די זעקס סינאַגאָגעס און דאָס בית־עולם, וואָס ווערן אויסגעהאַלטן, געשטיצט און אָפּגעהיט פון דער רעגירונג און פון דער יידישער קהילה, וואָלטן אַן דעם נישט געקענט פּרעזערווירט ווערן.

אויפן בית־עולם זעט מען מצבות פון פערצנטן יאָרהונדערט. אותיות מיט רש״י־כתב; הויכע קונסט־אָרנאַמענטיק. פאַרשידענע שריפט־פאָרמען און אַלערליי עפּיטאַפן. פון די מצבות, וואָס דערציילן פון יידישער פאַרגאַנ־גענהייט, דערוויסט איר זיך, אַז דאָ האָבן געלעבט טעאָלאָגן, למדנים, פילאָ־זאָפן: מענטשן מיט גרויס וויסן. די שטיינקריצער זיינען אַליין געווען גרויסע פאַכמענער. די דעקאָראַציעס זיינען קונסט־אַרבעטן, וואָס האָבן צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער וועלט.

מיין חבר, אַ געבוירענע אויף דער טשעכישער ערד, קאָן יעדעס ווינ־קעלע פון יידישן לעבן. ער ווייסט די רייכע געשיכטע פון לאַנד און פון יידישן לעבן. ער איז אַ לערער אין אַ רעגירונגס־שול, האָט איבערגעלעבט דעם נאַציזם און איז ווי דורך אַ נס געבליבן לעבן. ער פירט אונדז אַריין אין דער קהילה־געביידע, וואו מיר עסן אַ כשרן מאָלצייט. ער באַקענט מיך מיט אַ צאָל מענטשן, וועלכע פירן אָן מיט דער אַרבעט אויף דער מייזעל גאַס.

מיר זיינען דאָרט געווען, ווען דער דירעקטאָר פון יידישע מלכה־מוזיי אין פּראַג, ווילהעלם בענדאַ, האָט דערקלערט, אַז דער אָנהויב פון דער אויס־שטעלונג וועט אָפּקלינגען ווייט און ברייט; דאָס איז נאָר אַן אָנהויב פון דער טויזנט־יאָריקער פייערונג, וואָס וועט טראָגן אַ סעקולאַרן און רעליגיעזן כאַראַקטער.

ווי אין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער זיינען די יידן אין פּראַג, מיט טויזנט יאָר צוריק, געצוואונגען געווען צו לעבן אין אַ געטאָ, און האָבן זיך פאַרנומען מיט אַגריקולטור, האַנדל און פאַרשידענע פאַכן, און האָבן געוואוינט אין דער מייזעל גאַס און אין די אַרומיקע גאַסן. די פאַבלייט פלעגן לאָזן וויסן

די קונים וועגן זייערע פּאַכן, דורך ארויסשטעלן אַ שילד. אַ שוסטער, אַ קצב, אַ שניידער, אַ בעקער — האָבן אַרויסגעשטעלט סימבאָלן, וואָס האָבן באַצייכנט זייער פאַך אָדער האַנדל.

אין דער פּינקוס סינאַגאָגע, איז ביים אָרון־קודש אויסגעקריצט אויף די ווענט, פון ביידע זייטן, דרייסיק נעמען פון 30 קאָנצענטראַציע־לאַגערן; אויף יעדן טראָט פון דער אויסשטעלונג ווערט דערמאָנט און געוואָרנט...

דער פּראַגער יידישער בית־עולם איז געווען קליין. די יידישע באַפעל־קערונג איז געוואַקסן, און ווען דער בית־עולם איז אָנגעפילט געוואָרן מיט מתים, איז ער פאַרשאָטן געוואָרן מיט אַ שיכט ערד. די מצבות זיינען אויפ־געהויבן געוואָרן און זיינען אוועקגעשטעלט אויפן נייעם שיכט ערד; אַזוי עטלעכע מאָל, ביז עס איז געוואָרן אַ הויכער באַרג מיט מצבות, צוזאַמענ־געדריקט ווי ביימער אין אַ געדיכטן וואַלד.

יעדע מצבה האָט אויף זיך אויסגעקריצטע סימבאָלן, וואָס דערציילן ווער דער געשטאָרבענער איז געווען: אַ סוחר, אַ דאָקטאָר, אַ געשעפטסמאַן, אַ פידלער, אַ מאַן אָדער אַ פרוי.

אָנשטאָט אַ האַנטפּאַס, וואָס האָט זיך געפונען אין שטעטלעך אויף אַ בית־עולם, איז דאָ געווען אַ פלומפּ, צו וואַשן די הענט, איידער מ׳האָט פאַר־לאָזט דעם בית־עולם, ווי עס ווערט געוויזן אין אַ מיוראַל פון 18טן יאָר־הונדערט. אויף איין מצבה איז דאָ אַ שער — אַ סימבאָל פון אַ שניידער. פאַר אַן אַפּטייקער איז אויסגעקריצט אַ סימבאָל פון אַ הירש, וואָס צעשטויסט קרייטעכצער. די מערסטע מצבות זיינען הויך און ברייט און עס איז אויף זיי אויסגעקריצט אין העברעאיש שבחים פאַר דעם געשטאָרבענעם.

פּראַג האָט אַ מאָצאַרט גאַס. אין אַ הויז וואָס מיר גייען פאַרביי, האָט ער געשריבן די אָפּערע „דאָן דזשיאָוואַני" און די אָפּערע „טיטוס", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן צו דער קאָראָנאַציע פון לעאָפּאָלד דעם צווייטן, אין יאָר 1791.

אין פּראַג זיינען דאָ אַ סך הייזער, וואָס די נאַציס האָבן זיך געגרייט צו פאַרניכטן, איידער זיי זיינען אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון פּראַג. דאָס זיינען הייזער, וואו באַרימטע מענטשן האָבן געמאַכט אַ בייטראָג צו דער וועלטלעכ־קייט און פּראָגרעס אין זייער לאַנד.

יעדער אַרטיסט, יעדער מוזיקער, קאָמפּאָזיטאָר — די וואָס זיינען גע־וואָרן וועלט־באַרימט, זיינען דאָ אויף איינעם אָדער אויף אַן אַנדערן אופן פאַרשריבן אין דער געשיכטע וואָס די שול־קינדער געפינען אויס בעת זייער לערנען, און זיי דערוויסן זיך וועגן פראַנץ ליסט, פּיאָטער טשאַיקאָווסקי, איגאָר אויסטראַך, קריסטאָפער וו. גלאָק, לודוויג פאַן בעטהאָווען, סמעטאַנאַ און וועגן פיל אַנדערע באַרימטע מענטשן פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע לענדער.

איר וועט דאָ זען טאָוולען אויף וועגט לעבן אַ ווילע, אַ קירכע; אַ טאָוול וועגן ריכאַרד וואַגנער, דער פידלער־ווירטואָז קובילעק. אייניקע פון די אויסגערעכנטע זיינען פאַרקערפערט אין סקולפּטורן, וואָס שטייען אין אַ גאָרטן, לעבן אַ טעאַטער און לעבן רעגירונגס־הייזער.

ווען פּאַבלאָ קאַסאַלס איז דאָ געווען, האָט ער אויסגעדריקט זיין באַ־גייסטערונג פאַר די פּראַגער ליבהאָבער פון מוזיק. אַ סך ליטורגישע מוזיק איז דאָ געשאַפן געוואָרן, ווייל פּראַג האָט מער ווי הונדערט קירכן, וואו די אָרגלען און כאָרן שפּילן און זינגען דעם רעפּערטואַר פון די מוזיק־שאַפער, וואָס זיינען באַרימט ניט נאָר אין פּראַג, נאָר אויך איבער דער גאַנצער ציווי־ליזירטער וועלט.

מיר שטעלן זיך אָפּ ביי דער באַסיליקאַ פון סיינט לאָורענס, וואָס איז געבויט געוואָרן אין עלפטן יאָרהונדערט. דאָ זיינען געקרוינט געוואָרן די פּאַרציייטיקע טשעכישע הערשער. אויך פעסטונגען, וואָס זיינען געבויט אין 6טן און 7טן יאָרהונדערט, זעען אויס נאָך ניי, ווי מען וואָלט זיי היינט געבויט. די אַרכיטעקטור איז אָבער אַנדערש ווי די פון אונדזער יאָרהונדערט.

אין דער צייט פון פעאָדאַלן סיסטעם האָבן די יידן אין פּראַג שוין דורכגעבראָכן אַ וועג פון מערב־אייראָפּע צו מזרח. פּראַג איז געוואָרן אַ האַנדלס־צענטער. מיט דער צייט איז דער האַנדלס־פּלאַץ אָנגערופן געוואָרן „יידישע גאַס" און איז געוואָרן אַן אָפּגעצוימטע געטאָ, וואָס האָט איינגעפירט איר אייגענע קולטור, טראַדיציעס און מנהגים. עס איז אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע סינאַגאָגע אין גאָטישן סטיל, מיט אַן אייגנאַרטיקער אַרכיטעקטור.

אין פערצנטן יאָרהונדערט זיינען שוין געווען הונדערט יידישע הייזער אין דער געטאָ. עס איז שוין געווען אַ פאַרמעגלעכער שיכט יידן, וואָס האָט געגומען טעקסעס; עס האָט שוין דאָרט געלעבט אַ פאַרמעגלעכער און אַן אָרע־מער קלאַס יידן. שפּעטער, אין אָנהויב פון זעכצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך די געטאָ אויסגעברייטערט. עס זיינען שוין דאָרט געווען: האַנטווערקער, שוס־טער, שניידער, הענדלער פון אַלטע און נייע קליידער, דאָקטוירים און אַנדערע פּראָפעסיאָנאַלן. זיי האָבן געעפנט אַ טויער צו דער ווילטאַווע גאַס, אַ הויפּט־גאַס, וואו מיר זיצן איצט אין דער קאַוויאַרנע, וואָס גיט סערוועטקעלעך מיט אַ שלום־טויב.

ערשט אין אָנהויב פון ביינצנטן יאָרהונדערט, ווען דער פעאָדאַליזם האָט שוין געצאַנקט, האָבן די יידן זיך גענומען אויסברייטערן.

ווען דער נאַציזם האָט רעגירט איבער פּראַג, זיינען די סינאַגאָגעס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין סחורה־סקלאַדן, וואָס דער היטלעריזם האָט ראַבירט און איינגעזאַמלט איבער טשעכאָסלאָוואַקיע. די יידן זיינען פאַרשפּאַרט גע־וואָרן אין אַ געטאָ און דערנאָך דעפּאָרטירט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

מיר גייען איבער די שולן, געבויט אין ראָקאָקאָ אין רענעסאַנס־סטיל. איר זעט אַ מחזור פון פּערצנטן יאָרהונדערט, באַזוימט מיט האַנט־אַרבעט אויפן שער־בלאַט: ציגעלעך און הערשעלעך אָרנאַמענטן.

איר זעט דאָ אַ חומש, בראשית, פון דרייצנטן יאָרהונדערט; אַ הגדה פון פופצנטן יאָרהונדערט. דאָס שער־בלאַט איז באַצירט מיט פרויען און מענער־פיגורן און קונסט־צייכענונגען, וואָס זיינען אַן אמתער שעדעווער.

אויפן בית־עולם קאָן מען נאָך זען די מצבה פון פּאָעט אביגדור קאַרא, פון יאָר 1439 און אַן אויפשריפט אויף אַ צווייטער מצבה דערציילט, אַז סאַלאָמאָן פּראָוואָזניק, געשטאָרבן אין 1548, איז געווען פון די גוטהאַרציקע. ער האָט געהאַסט ליגנער, אומגערעכטיקייטן; מיט ערלעכקייט האָט ער געהאַלטן דאָס אייגנטום פון אָרעמאַן.

מיר זיצן אין אַ פּראַכטפולן פּאַרק, וואָס קוקט אַראָפּ צו אַ פּליסנדיקן טייך. דאָ געפינט זיך דער באַרימטער רעסטאָראַן פון דער בריסעל וועלט־אויסשטעלונג פון 1958, וואָס האָט דעמאָלט פּאַרדינט אַ גאָלדענעם מעדאַל. דער רעסטאָראַן איז פון אַלומינום און גלאָז. עס איז אַ פרילינג־טאָג. פון דאַנען זעען מיר די שטאָט און הערן דאָס גערויש פון טייך.

נישט אַלץ איז גאָלד וואָס גלאַנצט — זאָגט אַ ווערטל. עס זיינען דאָ געגנט מיסטעריעזע געסעלעך, לאַבירינטן, וואָס געפינען זיך אין טאָלן, ווייל די קיסרים־הערשער האָבן געבויט זייערע פּאַלאַצן אויף בערג און דער המון האָט געמוזט אַרויפקוקן צו די קיניגן... דאָך האָט דער צאָרן געמוזט אַרויס אין די גאַסן — און די ערשטע מאַי־דעמאָנסטראַציע איז פּאָרגעקומען אין יאָר 1890.

עס איז געווען שווער צו גיין איבער די שלעכט־ברוקירטע גאַסן. בערג־לעך און גריבלעך האָבן פאַרשווערט דאָס גיין איבער די גאַסן און איינזאַפּן אין זיך דאָס טויזנט־יאָריקע יידישע לעבן און דער רייכער פּראַגער קולטור.

עס איז געקומען די צייט צו פאַרלאָזן פּראַג, ווייל מיר האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן קיין פּאַריז. מיר האָבן נאָך געוואָלט אַרויפגיין אויפן טורעם פון דריי הונדערט טרעפּ און זען די פּרעכטיקע שטאָט — נאָר קיין כוח איז שוין ניט געווען. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אין אַ קאַפע. מיין חבר, וואָס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט, האָט ביי אַ גלעזל לימאָנאַדע און אַ צובייס, דערציילט אָט וואָס:

דאָ ניט ווייט איז געווען אַ מעטאָדיסטישע קירכע, זי איז נאָך היינט אויך דאָ. די קירכע איז ניט פון די וואָס מען קומט באַוואונדערן. אָבער אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט אַ העל־דישער אַקט.

עס איז געווען אין מאַי, 1942, אין ברען פון דער מלחמה. ריינהאַרד היידריך, דער עס־עס־פירער, האָט רעגירט מיט אַן אייזערנער האַנט איבער

מאָראַוויע און באָהעמיע אַלס הויפּט פון דער פּאָליציי. אָנקומענדיק קיין פּראַג, האָט ער אָנגעצייכנט: ווען מען צום טויט און ווען מען צו לעבן. דער ערשטער וואָס איז געפאַלן אונטער זיין האַק, איז געווען דער פּרעמיער־מיניסטער פון יענער צייט.

די ערשטע פאַראַשוטיסטן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נקמה צו נעמען פון די נאַצישע אַריינדרינגער, זיינען געכאַפּט געוואָרן און מ'האָט זיי דערשאָסן. אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און אָרגאַניזירט אַ רעזיסטאַנץ־גרופּע. צוויי פון די פאַראַשוטיסטן האָבן באַקומען אינפאָרמאַציע וואו און ווען היידריך, דער עס־עס אָבערגרופּן־פירער דאַרף אָנקומען. מיט אַ מאַשין־ביקס און אַ האַנט־גראַנאַט האָבן די צוויי געוואַרט לעבן אַ בריק. דער לוקסוס־אויטאָמאָביל האָט זיך דערנעענטערט. דזשאָזעף גאַבטשיק און יאַן קוביס האָבן געזען, ווי דעם הענקערס אויטאָמאָביל איז פאַמעלעך צוגעפאָרן — האָט ער שנעל ווי אַ וויכער געלאָזט אין גאַנג זיין מאַשין־ביקס, וואָס האָט זיך פאַרהאַקט. נאָר איידער וואָס־ווען האָט דער צווייטער אַ שליידער געטאָן זיין האַנט־גראַנאַט, וואָס האָט אויפגעריסן. היידריך איז אַרויסגעפאַלן פון דעם אויטאָמאָביל אַ שווער־פאַרוואונדעטער. אין דעם טומל זיינען די צוויי חברים אַנטלאָפן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוויזיע פון גאַס צו גאַס, פון הויז צו הויז. אַ באַלוינונג פון צען מיליאָן קראָנען איז באַשטימט געוואָרן פאַר זייערע קעפּ.

אַ וואָך שפּעטער איז היידריך געשטאָרבן. דער טעראָר איז פאַרשטאַרקט געוואָרן. אָבער די צוויי העלדן האָט מען אַלץ נישט געפונען. דעמאָלט האָבן זיי אומגעבראַכט לידיצע. דאָס דאָרף איז פאַרניכטעט געוואָרן, אַ גרויסע צאָל מענטשן איז דערמאָרדעט געוואָרן און אַנדערע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די היידריך־אָנגרייפער זיינען די גאַנצע צייט אויסבאַהאַלטן געוואָרן אין אַ קליינער מעטאָדיסטישער קירכע. מיט די צוויי זיינען געווען נאָך עטלעכע פאַראַשוטיסטן. איינער פון זיי איז אַוועק צו דער געסטאַפּאָ, זיך איבערגעגעבן און האָט אַרויסגעגעבן די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

זיבן זיי זיינען געווען, די פאַראַשוטיסטן. די רעזיסטאַנץ האָט געליטן אַ שווערן פאַרלוסט דורך דעם גרויסן פאַרראַט. הונדערטער באַוואָפנטע עס־עס־לייט האָבן אין מיטנאַכט באַלאַגערט די קירכע. זיי זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט פייער. דער ערשטער היטלעריסט איז געפאַלן. אַ סך פאַרוואונדעטע נאַציס ווערן אַוועקגעפירט. דער קאַמף גייט אָן. די נאַציס שיסן מיט שווער געווער. עס האָט אָנגעהויבן טאָגן. די היטלעריסטן האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרנומען די קירכע, וואָס איז שוין צעלעכערט פון אַלע זייטן.

די נאַציס קריגן פאַרשטאַרקונגען. טויזנטער היטלעריסטן שיסן פון אַלע זייטן. דער ווידערשטאַנד ווערט שוואַכער, אָבער דער קאַמף גייט אָן. די נאַציס שליידערן גאַז־באָמבעס אין קעלער פון דער קירכע. דער קאַמף האַלט אָן. פייערלעשער ווערן אַרויסגערופן און פילן אָן מיט וואַסער די

קירכע. די וואַסער־קישקעס ווערן צעשניטן און אַרויסגעוואָרפן. דער ערש־טער נאַצי, וואָס לאָזט זיך קריכן דורכן פּענצטער, ווערט דערשאָסן. אַ צווייטער נאַצי ווערט אויך באַגעגנט מיט אַ קויל אין קאָפּ. אין דעם מאָמענט, ווען די טשעכישע פּאַטריאָטן האָבן געזען אַז אָט־אָט פאַלן זיי אַריין אין די הענט פון די נאַצישע רוצחים, האָבן זיך דערהערט עטלעכע לעצטע שאָסן אין דער קירכע — און די קעמפער זיינען שטיל געוואָרן...

אין דער קאַוויאַרנע אויף דער ווילטאַוואַ גאַס זיצן מיר זאַלבעפערט: איך מיט שרהן, מיין חבר הערשקאָוויצא, זיין 13־יאָריקע טאָכטער העלענקאַ. מיר שמועסן וועגן אונדזער פרייד און די פרייד פון פאָלק ביי דער ערשטער מאַי־פייערונג אין פּראַג, און וועגן דער פאַרערונג פון פאָלק צו סוואָבאָדען און דובטשעקן.

פּלוצים זאָגט מיר מיין חבר:

„איך האָב באַך געוואָלט דערציילן וועגן די קרוינען, סאַפּירן, עמיראַלדן, וואָס פלעגן איבערגעגעבן ווערן פון איין דינאַסטיע צו דער אַנדערער, פון איין קיניג צו דעם צווייטן; וועגן די קרוינען מיט 90 איידלשטיינער, וואָס וועגן צוועלף פונט און זיינען באַצירט מיט גאָלדענע אָרנאַמענטן. די און אַנדערע אומשעצבאַרע מאַיאָנטקעס, וואָס די קיניגן האָבן פאַרמאָגט, געפינען זיך איצט אין מוזיי, וואו מיר האָבן אַ טייל פון דעם געזען.

אין דער צייט פון היטלעריזם איז דאָס אומשעצבאַרע געווען פאַרבאָרגן אין טיפע היילן, קאַטאַקאָמבען, אין אַ פעסטונג פון צוועלפטן יאָרהונדערט.“

מיר זיצן אין דער קאַוויאַרנע לעבן פענצטער, וואָס איז ברייט אָפן. אַ מילדער פרילינג־ווינטל פלירטעוועט מיט די דינע, זיידענע פאָרהאַנגען, מענטשן גייען אַריין און אַרויס, באַגריסן זיך פריינטלעך מיט אַ האַנט־דרוק און אַ פאַרנויג.

„איך וויל דיר עפּעס דערציילן וועגן דער קרוין וואָס מיר האָבן געזען — זאָגט מיין חבר. — עס איז דאָ אַ לעגענדע, אַז דער וואָס טוט אָן די קרוין, וואָס איז ניט אויטאָריזירט אָדער באַרעכטיקט, וועט זיין קאָפּ פאַלן.

„דער נאַצי היידריך האָט זיך איין מאָל באַוויזן פאַר אַן עולם מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ. ער האָט בלויז די קרוין אָנגעמאָסטן. איז ווי איך האָב דיר שוין פריער דערציילט... איז זיין קאָפּ געפאַלן דורך די הענט פון די מענטשן, וואָס ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן...“

הערשקאָוויצא ווייסט די געשיכטע פון לאַנד און די אוראַלטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, און ער וויל, אַז איך זאָל דאָס אַלץ געדענקען...

מיין חבר ווייסט אויך צו דערציילן וועגן דער לעגענדע, אַז נאָך דעם ווי דער זייגערמאַכער כאַנוש האָט אויף אויף דער באַשטעלונג פון דער מוני־ציפּאַליטעט אויסגעפאַרטיקט דעם זייגער, האָבן די פירער פון שטאָט מורא געהאַט, אַז ער, דער באַרימטער זייגערמאַכער כאַנוש, זאָל נישט מאַכן פאַר

אַנדערע לענדער און שטעט נאָך אַזאַ זייגער, אָדער נאָך אַן אַנדערן, נאָך אַ שענערן פון דעם ערשטן — האָבן זיי באַשלאָסן אים אויסשטעכן די אויגן. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער זייגער זאָל זיין איינער אין דער וועלט — ווי דער אייפעל־טורעם אין פּאַריז.

כאַנוש זאָל אויך, ווי עס ווערט דערציילט אין דער לעגענדע, האָבן פּאַרפּירט אַ ליבע מיט אַ יידישער טאָכטער אסתר, און ער זאָל איר האָבן דערציילט דעם סוד פון דעם זייגער און אפילו איר געגעבן אַ צייכענונג... דאָס האָבן צופעליק אויסגעפינען די שטאָט־טאַטעס און כאַנושן געוואָלט אומברענגען.

אין זייגער איז איינגעפּאַסט אַ קאַלענדאַר־טאָוול, וואָס ווייזט די חדשים און וואָכן פון יאָר. ווען דער זייגער קלינגט אויס יעדע שעה דעם קלינג־קלאַנג, וואָס הערט זיך גאַנץ וויט, עפענען זיך צוויי פענצטערלעך, אַ סטאַטועלע באַוועגט זיך, וואָס ציט אַ שטריק, און פאַר די פענצטער גייען פאַרביי די צוועלף אַפּאָסטאָלן. דאָס איז באמת אַ גרויסער וואונדער און אַ צוציאונג־אַטראַקציע פאַר טוריסטן, ווי אויך פאַר פּראַגער איינוואוינער.

אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, איז אַ טייל פון די ווערטפולע, היסטאָרישע, טויזנט־יאָריקע מאָנומענטן, צעשטערט געוואָרן. אָבער נאָך דער באַפרייאונג — צוריק רעסטאַווריִרט געוואָרן.

עס איז גוט באַקאַנט, אַז אין טשעכאָסלאָוואַקיע האָט אין פופצנטן יאָר־הונדערט געלעבט אַ יידישע באַפעלקערונג פון 25,000 נפשות. יידן האָבן דעמאָלט געלעבט אין גרויס דחקות און געמוזט אָנקומען נאָך שטיצע צו דער קהילה. די פּראַגער קהילה האָט זיך געווענדט מיט אַ בקשה צום קיניג, וולאַדיסלאַוו דעם ערשטן, פון פּוילן, וועלכער איז געקומען נאָך דער טשעכישער קרוין — אַז ער זאָל עפּעס טאָן פאַר די יידישע אָרעמע פּראַגער תושבים.

עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין טשעכיע האָט זיך די הוסיסטישע באַוועגונג, ספּעציעל אין איר ראַדיקאַלער־טאַבאָריטישער געשטאַלט, אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער סימפּאַטיע. די אידעאָלאָגיע פון די טאַבאָריטן האָט אַרויסגעוויזן אַ וויטגייענדיקע טאָלעראַנץ און אָפּטמאָל אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער טרויעריקער לאַגע און פאַרן שווערן גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג, און בפרט פון דער יידישער אָרעמקייט.

אין דער צייט פון קרייצצוג קעגן די הוסיטן, האָבן די טאַבאָריטן אָפן און ברייט געפּריידיקט דעם לאָזונג: „נישט די יידן זיינען דער אַנטיקריסט, נאָר דער פּויפּסט; נישט די יידן זיינען די רויטע חיה פון דער אַפּאָקאַליפּטיס, נאָר דער קיניג זיגמונט."

די טאַבאָריסטן האָבן זיך גערופן מאַקאַבייער. אויך אין דעם האָבן די יידן געזען אַ פּריינטשאַפט צו דער יידישער געשיכטע און קולטור. די טאַבאָ־

ריסטן האָבן אָפּגעשאַפט די „געלע לאַטע" און אַנדערע גזירות, וואָס האָבן דערנידעריקט דעם יידישן כבוד און באַשווערט דאָס יידישע לעבן.

יידן האָבן אנטייל גענומען אין די רעוואָלוציאָנערע אַרויסטריטן פון דער פּראָגער טשעכישער באַפעלקערונג און אין דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט קעגן דער קרייצצוג־אַרמיי פון קיניג זיגמונט. צוזאַמען מיטן יובלדיקן פּראַגער פאָלק, האָבן די יידן אויך געזונגען דאָס קאַמפּס־ליד פון די טאַבאָריטן:

„שטייט אויף, שטייט אויף, פּראָגער מענטשן,
קעגן דעם רשע, דעם ביבלישן קיניג זיגמונט.
ער דראָעט אונדזער שטאָט ירושלים — פּראָג:
דער רומפּולער פּראָג און דעם טשעכישן פאָלק.
מיר דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַרן אונגאַרישן מלך,
זיין מלחמה קעגן אונדז וועט זיך ענדיקן מיט זיין שאַנד.
און די טשעכן וועלן זיך פרייען מיט זייער נצחון."

די טאַבאָריטן האָבן אין אַ קאַמפּס־ליד געשריבן:

„צי ביסטו אַ ייד, אַ מאַכמעדאַנער, אָדער אַ קריסט — איינס זאָלסטו וויסן: אַז נישט אַ גשמיותדיקער גאָט איז דיין דערלייזער."

אין שפּיץ פון יידישע סימפּאַטיקער פון דעם טאַבאָריטישן לאַגער האָבן זיך אַרויסגערוקט יידישע געלערנטע, וועלכע זיינען געשטאַנען אין פריינט־לעכע באַציאונגען מיט די טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן. איינער פון די וויכ־טיקסטע געשטאַלטן פון די פּראָגער יידן אין דער הוסיטישער צייט, איז געווען דער געלערנטער רב און שריפטשטעלער, אביגדור קאַראַ, אַ זון פון אַ קדוש, וואָס איז אומגעקומען בעת אַ פּאָגראָם. איז קאַראַ געווען אַ פריינט פון פאָלק און אַ קעגנער פון עשירות און הולטייסקן לעבן. אַליין האָט ער געלעבט ווי אַן אַסקעט, ווי אַ סך טאַבאָריטישע אידעאָלאָגן. אין שייכות מיטן פּאָגראָם איבער די יידן אין פּראָג, אין יאָר 1389, האָט אביגדור קאַראַ פאַר־פאַסט אין העברעאיש אַ ליד, אין וועלכן ער האָט אויסגערופן צו גאָט, אַז ער זאָל שוין לאָזן קומען דעם טאָג פון באַצאָלונג. אין דעם ליד רעדט אביגדור קאַראַ וועגן דער ווילדער וועלט און דריקט אויס די האָפענונג, אַז: „עס וועט קומען דער טאָג פון פאַרברידערונג, וועלכן עס האָט פאַראויסגעזאָגט דער נביא ישעיהו."

פּראָג איז אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון יידישער מאַרטירער־געשיכטע, און געשיכטע פון קעמפער פאַר אַ וועלט פון יושר, סיי ביים יידישן און סיי ביים קריסטלעכן פאָלק.

פאריז

אַ געסל אין אַלט פּאַריז.

פוןביידע זייטן שטייען צוואַנציק הייזער. צוזאַמען זיינען זיי צען טויזנט יאָר אַלט. קיין מויער איז נישט יינגער ווי פיר הונדערט יאָר. דאָס געסל געפינט זיך צווישן דער באַסטיליע און רעפּובליק.

אין אַט־די הייזער האָבן טאַטע־מאַמע חתונה געהאַט, געבוירן דורות. ווען די אַלטע זיינען אַוועק, האָבן די קינדער און אייניקלעך נייע דורות געבוירן. עטלעכע דורות האָבן איבערגענומען איינער פון אַנדערן די הייזער מיט׳ן גאַנצן עשירות...

יעדעס הויז האָט אַ טויער און אַ טירל. יעדעס הויז האָט אַ געשעפטל, אַ געוועלבל — די צוואַנציק הייזער האָבן צוואַנציק קרעמלעך.

די געוועלבלעך עפענען זיך 8 אינדערפרי, ווערן פאַרמאַכט פון 12 ביז 2 נאָכמיטאָג, און ווערן 7 אַזייגער פאַרמאַכט אויף אַ גאַנצער נאַכט, ווען עס לאָזן זיך אַראָפּ שווערע לאַדנס איבער די פענצטער און טירן.

אַזוי האָבן זיך געפירט זייערע אורעלטערן, און אַזוי פירט זיך דער נייער דור...

אין משך פון דער מלחמה האָט דאָ דער היטלעריזם פאַרטיליקט הונדערט און צוואַנציק טויזנט יידן. זיינען די געוועלבלעך געווען פאַרהאַקט. די, וואָס זיינען שפּעטער צוריקגעקומען, האָבן זיך ווידער איינגעאָרדנט: דער ייד מיט זיין געשעפטל, און דער פראַנצויז מיט זיין וואַרשטאַט און געוועלבל.

דאָס פאַריתומטע געסל האָט ווידער אויפגעלעבט, אָנגעהויבן אָטעמען.

לעבן דעם שטילן געסל האָבן אין דעם 14טן און 15טן יאָרהונדערט געוואוינט פּרינצן און באַראָנען.

ניט וויט פון דעם שטילן געסעלע געפינט זיך אַ פּאַרק מיט אַ סטאַטוע פון אַ העלד. אויפ׳ן גראָז טאָר מען דאָרט ניט טרעטן, ניט ליגן. זומער, ווען ס׳טוט אַ יאָג אַ ווינט, הויבט זיך אויף אַ שטויב פון זאַמד. דאָס פּאַרקל האָט אַ געשיכטע.

דאָרט געפינט זיך דער וויקטאָר הוגאָ מוזיי. דער פּאַרק שטייט אין מיטן פון אַ סקוועער; אַרום שטייען צענדליקער אייגנאַרטיקע הייזער, אַמאָל האָבן אין די הייזער געוואוינט די „פּאַרנעמסטע" מענטשן פון דער „הויכער געזעלשאַפט", די וואָס האָבן באַשאַפן די גילאָטינע. היינט לעבן דאָ קינסטלער, מאָלער, סקולפּטאָרן.

ביינאַכט איז שטיל אין יעדן פאַרשלאָסענעם הויף פון געסל. פון צייט־צו־צייט הערט מען דאָס וואָרקען פון טויבן, וואָס האָבן געמאַכט זייערע

נעסטן אין לעבער פון ווענט, אָדער מען הערט דעם „ציר־ציר" פון אַ פייגעלע, וואָס איז געבוירן אויפ'ן דאַך האַרט לעבן דעם קוימען פון זעקסטן שטאָק.

ביי טאָג ווערט דאָס געסל אויפגעלעבט מיט דער הילף פון הענדלער, סוחרים, וועלכע קומען פון אויסער שטאָט. עס ווערט געדיכט מיט אויטאָמאָבילן, וואָס שטעלן זיך אָפּ אויףביידע זייטן פון די טראָטואַרן. עס עפענען זיך די אייזערנע לאָדנס פון די געוועלבן. אויטאָמאָביל־אַנטרייבער שעלטן איינע די אַנדערע פאַר פאַרשטעלן זיי דעם וועג. אַ „מידזשעט"־אויטאָמאָביל שטופט זיך דורך שנעל ווי אַ וויכער. אין גאַס שפּילן זיך קינדער; צעפליען זיי זיך ווי די הינדלעך...

איצט איז אין דעם געסעלע נאָך שטילער ווי שטיל. די געוועלבלעך זיינען האַרב־אָפּ קיין קינד זעט מען ניט. שטייען די סוחרים אויף דער שוועל, אַ ביסל דערשראָקן: עס איז אַ גענעראַל־סטרייק אין פּאַריז. דאָס געסעלע איז עפּעס איצט ווי לענגער און ברייטער געוואָרן.

שבת און זונטיק ווערן דאָ די געשעפטן פאַרמאַכט, ווייל דאָ פאַרקויפט מען „הורטאָוונע" צו די קליינע לאַחדים־קרעמלעך (ריטייל סטאָרקעס), וואָס זיינען אין פּאַריז געדיכט ווי שוועמלעך אין וואַלד.

אין דעם קליינעם געסעלע איז דאָ אַן „אָדעסער שול." אַ גאַנצע וואָך איז די טיר פאַרשלאָסן. קומט אָבער דער ליבער שבת, אָדער יום־טוב, קומען יידן פון נאָענט און ווייט, פּילן־אַן דאָס געסעלע מיט היימישקייט. מ'הערט אַ יידיש וואָרט, אַזוי ווי אַמאָל אין שטעטעלע — דעם היימישן, געשמאַקן פּוילישן „ברייטן" יידיש. אַזוי שפּאַצירנדיק, זינגט עמיצער אַ זמרל און שטעלט־אָפּ אַ יידן פון אַנטקעגן צו פאַרבעטן אים צו אַ מנין אָדער צו אַ יאָרצייט און אַ קידוש...

כאָטש דאָס געסעלע איז סימפּאַטיש צום גענעראַל־סטרייק, צו די פאָדערונגען פון די אַרבעטער און סטודענטן, פאַלן אייניקע איינוואוינער אַריין אין אַ שטיקל פּאַניק, ווייל די קינדער זייערע גייען אויך אין דעמאָנסטראַציעס און זינגען לידער, וואָס הילכן־אָפּ איבער גאַנץ פּאַריז.

פּאַריז, פּאַריז — וואו זיינען אַהינגעקומען די טוריסטן, וואָס באַלאַגערן געוויינלעך אַלע מוזייען, דענקמעלער, פאָנטאַנען? מיר פאַלן אַריין אין דער מיליאָניקער מענטשן־מאַסע אויפן באַסטיל. די אַרבעטער דערפרייען זיך: „איך זייט אַמעריקאַנער טוריסטן — ווי געפעלט דאָס אייך? ווען וועט איר זיך שוין אַ ריר טאָן?..." מ'נעמט אונדז אַריין ווי אייגענע.

דאָס געסעלע האָט גרויס זאָרג. דער פראַנק איז „געפאַלן"; „מען נעמט נישט דעם פראַנק; דער דאָלער איז אַרויף; דער גרויסער 'דראַנג' (געמיינט דע גאָל) מאַכט־אָן צרות."

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט קוקן מענטשן אַרויס פון די פענצטער. עס פילט זיך רויק, ווי פון אַנגעברענטע שמאַטעס. דאָס געסעלע געפינט זיך

לעבן באַסטיל. עס הערט זיך אַ שאָס... מענטשן שרייען. נאָך אַ שאָס פון גאַז־ביקסן, וואָס די ווילדע פּאָליציי האָט געלאָזט אויפרייסן צווישן די קעמפער פאַר אַ בעסער אַרבעטער־לעבן. עס רעשט זיך אין פּאַריז: אַרבעטער און סטו־דענטן בויען באַריקאַדן. טויזנט אַרעסטירט. הונדערטער אין די שפּיטאָלן...

אין דעם שטילן געסעלע הערט מען אַ גאַנצע נאַכט דאָס פּייפן פון סירענען. אַמבולאַנסן לויפן, גיבן הילף די פאַרוואונדעטע. פּאָליציי־וועגענער יאָגן זיך, סירענעס וואַרפן אַן אַ פּחד אויף דעם שטילן געסעלע...

די הייזער קרישלען זיך פון אַלטקייט. עס פעלן שטיקער פון די 500־יאָריקע געביידעס. ווען אַ וואַנט בויגט זיך, ווערט זי אונטערגעשפּאַרט מיט דעמבעס.

דאָ וואוינען אַרבעטער און אויך די פון פּיצינקע געוועלבלעך. דער אַרבעטער האָט ניט וואוהין צו גיין. אַן אַפּאַרטמענט דאַרף מען קויפן: דאָס קאָסט מיליאָנען פראַנק. לעבט מען דאָ אָן באַקוועמלעכקייט. דעריבער האָט זיך אָנגעזאַמלט דער צאָרן.

ווען מען באַקענט זיך מיט'ן מיזעראַבעלן לעבן פון די אַרבעטער, הייבט מען אָן פאַרשטיין, פאַרוואָס צען מיליאָן אַרבעטער און פּראָפעסיאָנאַלן פירן אַ ביטערן קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן.

* * * * *

ווען מען פאַרברענגט עטלעכע וואָכן אין פּאַריז, זעט מען די אַנדערש־קייט פון יידישן פאָלקס־מענטשן, פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. מען זעט ווי אַזוי זיי רעאַגירן אויף די געשעענישן פון זייער לאַנד און אויסלאַנד.

דער טראַגישער טויט פון פּרעזידענט קענעדי איז אַן אָפטע טעמע אין די צייטונגען און אויף דער טעלעוויזיע. דאָס בוך פון מאַנטשעסטער וועגן יענעם מאָרד, האָט אויפסניי אויפגערודערט די געמיטער אין פּאַריז. זיי ריידן וועגן דער מיסטעריע פון קענעדיס טויט און פאַרבינדן עס מיט וויעטנאַם.

די געגנערשאַפט צו דער מלחמה אין וויעטנאַם דריקט זיך אויס אויף פאַרשידענע אופנים — אפילו אין טעאַטער. — ווען אין דער פּאַריזער אָפּערע האָט געשפּילט „ריגאָלעטאָ" און „לאַ טראַוויאַטאַ" מיט די אַמעריקאַנער „סטאַרס" אין די הויפּט־ראָלן, האָבן זיך געהערט צווישנרופן, בוען — נישט דערפאַר ווייל דאָס שפּילן איז געווען שלעכט, נאָר „ווייל זיי זיינען געקומען פון אַ לאַנד וואו זייער רעגירונג הרגעט אויס אַ פאָלק אין וויעטנאַם."

„עס איז טאַקע ניט עטיש, אָבער דער צאָרן איז אַזוי גרויס, אַז מיר לאָזן אים אויס אפילו צו אומשולדיקע... זאָלן זיי דערציילן וועגן אונדזערע געפילן צו דעם אַמעריקאַנעם פאָלק," האָט אַ פרוי געזאָגט, ווייל „מיר ווייסן וואָס עס מיינט פרעמדע אַריינדרינגער. פּאַריז האָט זיך נישט אונטערגעגעבן

דעם נאַציזם און די וויעטנאַמער וועלן זיך נישט אונטערגעבן די אַמעריקאַנער אַריינדרינגער,״ זאָגט איר 20 יאָריקער זון מישעל.

דער פראַנצויז האָט ליב לאַנג און געמיטלעך צו שמועסן, ער איילט זיך נישט; אויב ער ווערט אויפגעצאָרנט, רעדט ער הויך, האַסטיק. ער זאָגט:

„וואָס ווייסט איר אַמעריקאַנער פון מלחמה, פון פרעמדע אַגרעסאָרס?״

אין פּאַריז איז זייער ענג. אַ געדראַנג אין די גאַסן, אויף בולוואַרן. די שמאָלע געסלעך זיינען אַנגעפּראָפּט מיט מענטשן און אויטאָמאָבילן ווי סאַרדינען. פּאַריז שפּאַצירט אַ סך. מיר האָבן אויך שפּאַצירט אויף רעפּובליק, באַסטיל, אויף סקווערן, פּלאַץ אָפּערא, און אַוודאי אויפן „פּלעצל״. צו אונדזער גרויסער איבערראַשונג האָבן מיר געהערט ריידן אַ היימישן, געשמאַקן יידיש, אפילו אין די קאַפעען, שוין אָפּגערעדט אין פיל יידישע היימען, וואו קינדער און אייניקלעך שמועסן זיך דורך מיט׳ן גאַסט פון אַמעריקע אין דער יידישער שפּראַך.

גאַנץ פראַנקרייך האָט ווייניקער יידן ווי לאָס אַנדזשעלעס, פונדעסט־וועגן גייען דאָרט אַרויס צוויי יידישע טעגלעכע צייטונגען, צייטשריפטן, אַ חודש־שריפט. עס איז דאָ אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן אין פּאַריז, באַזונדערס אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, וואו אַרום פערציק לאַנדסמאַנשאַפטן מיט אַ מיטגלידערשאַפט פון אַן ערך פינף טויזנט געהערן צו דער „אוניאָן״, וואָס פירט אָן מיטן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך בין געווען פאַרבעטן צו דריי לאַנדסמאַנשאַפטן: לאָדזשער, טשענסטאָכאָווער און יצחק קאַצענעלסאָן (טייללוויז לאָדזשער). דאָס זיינען געווען יערלעכע אימפּאָזאַנטע פייערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן 4 אַזייגער און פאַרענדיקט אין דער שפּעטער נאַכט.

די ימים־טובים ווערן געפּראַוועט אין די שענסטע זאַלן. עס קומען זיך צונויף צוויי דורות, דער דור פון דער אַלטער היים און אויך די, וואָס זיינען געבוירן אויף דער פּאַריזער ערד. נאָך דעם ווי מען באַצאָלט 10־15 דאָלער פּאַר א י י ן מיטגליד און אָפט קומען פיר און זעקס מענטשן פון אַ פאַמיליע און שפּעטער ווערט געמאַכט אַן אַפּיל פּאַר פאַרשידענע צוועקן, וואו עס קומט אַריין אַ היפּשע סומע געלט. דער פאָרזיצער האָט אַנאָנסירט, אַז „מיר האָבן דאָ אַ גאַסט, אַ לאַנדסמאַן, אַ שרייבער פון לאָס אַנדזשעלעס. מיר וועלן הערן זיין וואָרט און שפּעטער, אויב איר ווילט, שאַפט זיך איין זיין ערשט־דערשינענע בוך „היים און וועלט.״

איך באַדויער זייער שטאַרק, וואָס איך האָב נישט געהאַט גענוג ביכער פּאַר אַלע אַנוועזנדע, וועלכע האָבן געוואָלט קויפן אַ בוך. איך האָב צוגעזאָגט, אַז איך וועל די ביכער באַזאָרגן. איך האָב זיך באַגעגנט מיט לאַנדסלייט פון לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, קלאָביצק, וואַרשע און פיל אַנדערע שטעט פון אַמאָליקן פּוילן און אויך מיט די וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט נס לעבן־געבליבענע פון גאַז־קאַמערן, זיי פלעגן קומען צו

מיר אין הויז און דערציילן ווי אַזוי די רויטע אַרמיי האָט זיי אויף די הענט געטראָגן, באַפרייט פון קאָנצענטראַציע לאַגערן. זיי האָבן געוואָלט זיצן מיט מיר שעהען לאַנג און דערציילן וועגן דער גוטסקייט פון די סאָוועטישע סאָני־טאַרן, קראַנקן־שוועסטער. כ׳האָב זיך אויך באַגעגנט ביי די טשענסטאָכאָווער מיט מיין לאַנדסמאַן, וויינמאַן, וועמען איך האָב באַגעגנט אין קלאָביצק אין יאָר 1919 ...

„אין אַמעריקע האָט איר דווקא מער באַקוועמע היימען ווי מיר אין פּאַריז, אָבער אין פּאַריז לעבן מיר וויניקער אין שרעק. דאָ וועלן די נאַציס זיך נישט באַווייזן אין די גאַסן — זיכער נישט אין די יידישע גאַסן — און פּאַרפירן אַ געשלעג, ווי ביי אייך אין לאָס אַנדזשעלעס. דאָ, אין פּאַריז, האָבן מיר אַ שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אַ גרויסן איינפלוס. צום באַדויערן האָט איר דאָס ניט אין אַמעריקע.״

ווען איך בין געווען אין פּאַריז האָט מען זיך געגרייט אויף דער יאַנואַר־וואַקאַציע, וואו אַן ערך צוויי־דריי מיליאָן מענטשן פּאָרן צו די גרענעצן פון איטאַליע, שפּאַניע, שווייצאַריע א.ד.גל., דאָס איז דער ווינטער־„וואַקאַנס״. זומער פּאָרט מען אויף אַ לענגערן אָפּרו.

עס ווערן דאַן פאַרמאַכט די קלענערע געשעפטן. מען יאָגט זיך דאָרט וויניקער נאָך געלט. אין אַלגעמיין, איז פּאַריז נאָך נישט אַריין אין די סופּער־מאַרקעטס. די גאַסן און בולוואַרן זיינען פול מיט קליינע געשעפטן. די ריזיקע געשעפטן, ווי „גאַלערי לאַפּאַיעט״ אָדער „באַזאַר האָטעל דע וויל״, וואָס זיינען אַלע מאָל פול מיט מענטשן ווי מוראַשקעס, זיינען אַן אויסנאַם אין פּאַריז. די לייכטע אינדוסטריע, וואָס איז אַמאָל געלעגן אין די הענט פון יידישע מענער און פרויען, האָבן היינט פאַרנומען די עמיגראַנטן פון שפּאַניע און איטאַליע. דאָס יידישע קינד פון עמיגראַנט איז געוואָרן אַ טעכ־ניקער, עלעקטראָניקער, אינזשענער, דאָקטאָר, אָפּיס אַרבעטער א.אַז.וו. אָבער דער עלטערער דור האָלט נאָך אַן פיל קליינע געשעפטן, פון דער קליינער אינדוסטריע, מעבל און די פאַבריקלעך פון לעדער, שיך און שניידעריי.

דער שאָפּ איז אָפט צוזאַמען מיט דער דירה. עס איז ענג אין פּאַריז, ענג אין די גאַסן, ענג אין די קלאַס־צימערן פאַר שול־קינדער און קיין נייע הייזער בויט מען נישט. די גאַסן ווערן ניט געהאַלטן ריין; די הייזער, וואָס זיינען שוין הונדערטער יאָרן אַלט און שוואַרץ, ווערן לעצטנס אָפּגעשאָבן, אַרומ־געוואַשן; עס ווערט ליכטיקער אין די לאַבירינטישע געסלעך און אויך אויף די בולוואַרן.

די אַלטע הונדערט־יאָריקע אַפּאַרטמענט־הייזער, וועלכע איך האָב מיט צענדליקער יאָרן צוריק געזען אונטערגעשפּאַרט מיט ריזיקע קלעצער, וואָס האָבן דערגרייכט ביז׳ן אַכטן שטאָק; די הייזער וואָס מען האָט געמיינט אַז אָט־אָט פּאַלן ־זיי איין — שטייען נאָך אַלץ אונטערגעפּאַרט; די בעלקעס

זיינען שוין צעפוילט, אָבער פאַמיליעס מיט קינדער וואוינען דאָ, ווייל זיי האָבן נישט וואו צו גיין...

דער יקרות איז גרויס אין פּאַריז. די פאַרדינסטן פון אַרבעטער זיינען קליין. דאָ אין פּאַריז איז מען נישט געוואוינט צו האַלטן שפּייז אין די „רעפרידזשעדערס". מ'גייט יעדן טאָג אין יאַטקע, אין געוועלב, אין מאַרק, איינקויפן, אַלץ איז פריש, ס'קומט פון פאַרמער אין דער „האַלע", פון דער „האַלע" צום „פּושקאַרט" אָדער געשעפטל, און אַלעריי גרינסן, שפּייזן, גייען גלייך צו דעם קאָנסומער.

דאָס לעבן איז געמיטלעך, אָן צופיל רעש. זיי לאַכן פון אַמעריקאַנער לעבן, וואו מען עסט פון קענדלעך... זייער לעבן איז ניט אַזוי באַקוועם אין די אַלטע, הונדערט יאָריקע וואוינונגען, אָבער מען באַקלאָגט זיך ניט. דער פּאַריזער איז נישט מקנא די אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס דערציילן גוזמאות פון אַמעריקאַנער לעבן. זיי, אין פראַנקרייך, וויסן דעם ביטערן אמת ווי עס לעבן ביי אונדז די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, און זיי האָבן ליב צו שמועסן וועגן אונדזער דעמאָקראַטיע אין לאַנד און אין אויסלאַנד: „איר זייט געוואָרן דער זשאַנדאַר איבער דער גאָרער וועלט, עס וועט אייביק נישט אָנהאַלטן."

קיין קינדער, „טין־איידזשערס", זעט מען נישט שפּעט־אָוונט אויף די פּאַריזער גאַסן, ווי אין לאָס אַנדזשעלעס אויף סאַנסעט סטריפּ, וואו זיי טומלען אַרום דער „פּאַנדאַראַ־באַקס", טאַנצן, פאַרברענגען, צעשטרייען זיך, ווייל זיי האָבן ניט וואו צו גיין אין די „וויק־ענדס". מען ווייסט וועגן דעם אין פּאַריז. „איר האָט זיך ניט מיט וואָס צו גרויסן מיט אייער אַמעריקע", הערט מען אָפט אין די געשפּרעכן מיט אַמעריקאַנער געסט.

אויף איין בולוואַר, אין פראָנט פון אַ גרויסע געביידע, האָב איך געזען הענגער אַ באַקאַנטמאַכונג אַז — „הייגט קומט דאָ פאָר אַ מיטינג פון דער קאָמוניסט־שער פּאַרטיי." און אין הייזער וואו מען האָט גערעדט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע פון פראַנקרייך און איבער דער וועלט, האָט מען ניט פאַר־מאַכט די פענצטער ווי אין אַמעריקע... און אַ פּראָגרעסיווע צייטונג אין יידיש אָדער ענגליש קאָנט איר פריי קויפן אומעטום, אָן מורא.

אויפן לופט־פעלד אין אָרלי, אויף מיין וועג צוריק פון פּאַריז, ווען איך האָב געזען, אַז צווישן אַלעריי זשורנאַלן, צייטונגען, ביי די סואווענירן־ביידלעך, וואו מענטשן קויפן מתנות, ווערט אויף דעם סאַמע אָנגעזעענעם פּלאַץ פאַרקויפט די „הומאַניטע". פּאַריז איז אַנדערש, כאָטש זי איז אין אַ קאַפּיטאַ־ליסטיש לאַנד.

איך בין זיך מודה: עס איז דאָס ערשטע מאָל ווי איך פלי דורכן נאָרט־פּאָל, עס איז דאָס ערשטע מאָל אַז איך פלי... דורכן קליינעם פענצטערל זע איך ווי די זון הויבט אָן פאַרגיין אויף דער מערב־זייט. מיר פליען פון „יענער זייט וואָלקנס", וואָס זעען אויס ווי צוזאַמענגעדריקטע ווייסע שעפעלעך. אַזאַ

הימל, אַזאַ פּראַכט האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. פאַנטאַסטיש זיינען די קאָלירן. ווי אַנדערש זעט אויס דער הימל. איך ווייס ניט, צי זע איך דעם רעגנבויגן פון קאָלירן אויפן הימל אָדער אויף די וואָלקנס. אָט זיינען די שטראַלן פייער־רויט, גרין, בלוי און פּורפּל, און אָט ברענט דער גאַנצער ראַנד פון הימל און עס אַנטפּלעקט זיך צווי זון־פאַרגאַנגען. אָט באַווייזט זיך אַ גרינער פּייזאַזש ווי אַ פלאַך פעלד. מיינע אויגן זיינען ווי צוגענאָגלט צו דעם קליינעם פענצטערל, איך קאָן זיך נישט אָפּרייסן פון דעם מיראַזש. די יונגע פרוי, וואָס איז געזעסן לעבן מיר און האָט דעם גאַנצן וועג געשוויגן, האָט אָנ־גערירט מיין אַקסל און געזאָגט: „דו הערסט? מ׳דאַרף שוין פאַרציען דעם פּאַסיק. וועסט באַלד זיין אין אַמעריקע; זאָג זיי דאָרט, אין אַמעריקע, אַז מיר פאַראַכטן זייער באַרבאַריזם אין וויעטנאַם."

* * * * *

יענעם שבת נאָכמיטאָג איז געגעאַנגען אַ רעגן, אָבער מענטשן פון אַלע עקן פּאַריז האָבן געשטראָמט אין די טויזנטער און זיך צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער, ברויזנדיקער מאַסע. עס זיינען אויך געווען דעלעגאַציעס פון פאַרשידענע טיילן לאַנד.

אויף ווייטע גאַסן האָבן די שטימען פון די רעדנער זיך דערטראָגן צום ריזיקן עולם דורך מיקראָפאָנען.

מען האָט דאָרט געזען קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער פון יידישע אָרגאַניזאַציעס, לאַנדסמאַנשאַפטן, פּאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן איבער־געלעבט דעם גרויל פון דער מלחמה און נאַציזם. פלאַקאַטן און טראַנספּאַ־ראַנטן האָבן פאַרדאַמט די בלוטיקע אַגרעסיע קעגן דעם פאָלק אין וויעטנאַם. דער צאָרן קעגן דער וואַשינגטאָנער אַוואַנטורע איז געקומען צום אויסדרוק קרעפטיק און אַנטשלאָסן. דעלעגאַציעס זיינען אַוועק מיט פּראָטעסטן צו אַמבאַ־סאַדעס פון רעגירונגען, וועלכע זיינען פאַרמישט אין דער גרויזאַמער מלחמה.

דער יידישער אויפברויז קעגן נאַציזם

עס גייט ניט פאַרביי אַ טאָג, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל ניט גערופן ווערן צו אַ מאַניפעסטאַציע קעגן ניי־אויפגעוואַכטן נאַציזם. אָט קומען זיך צוזאַמען די יידישע ווידערשטענדלער אויפן קבר פון „אומבאַקאַנטן סאָלדאַט" און צינדן־אָן דעם פלאַם. אָט ווערט גערופן דער פאַרבאַנד פון געוועזענע יידישע דעפּאַרטירטע (פאַרשפאַרטע אין נאַצי־לאַגערן) אויפן בית־עולם פון פּער־לאַשעז, וואו עס ווערט דורכגעפירט אַ רירנדיקע צערע־מאָניע ביים מאָנומענט פון אָשוויענטשים מיטן אָנטייל פון מיניסטער פון

ווידערשטענדלער און מלחמה־קרבנות. אַט איז דער 25טער יאָרטאָג פון די ערשטע 100 ערובניקעס, וואָס דער נאַצישער אַריינדרינגער האָט דער־שאָסן, צווישן זיי 53 יידן. מען האָט זיי אַרויסגענומען פון לאַגער דראַנסי. אפשר זיינען מיינע אייגענע געווען צווישן זיי. אַ העלפט פון מיין גרויסער משפּחה איז פּאַריז האָט דער היטלעריזם אומגעבראַכט. פּאַריז וויל ניט פאַרגעסן און קאָן ניט פאַרגעסן.

אין די עטלעכע וואָכן, וואָס איך בין געווען אין פּאַריז, האָב איך געהאַט פאַרשיידענע איבערלעבונגען. גאָר אַ גרויסע איבערלעבונג האָב איך דורכ־געמאַכט ווען איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זיין ביים אויפטריט אין אַלהאַמבראַ און אין גאַוואָ, און געזען דעם יידישן יוגנט־אַנסאַמבל פון ליג־ניק, פּוילן. דרייסיק יוגנטלעכע זיינען אויפגעטראָטן אין אַ רעוויו פון יידישע פאָלקס־לידער, מיט חנוודיקע טענץ, קאָסטיומען, דעקאָראַציעס. דער אויפ־טריט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורכן פאַרבאַנד פון יידישע געזעלשאַפטן. דער ליגניצער מוזיקאַליש־וואָקאַלישער יוגנט־אַנסאַמבל האָט אויפגעפירט „האָף און גלויב" פון י. ל. פּרץ, „דער קראַנקער שניידער" פון ש. אַנסקי, „יאַנקעלע" פון מרדכי געבירטיג, „שמואליק" פון דאָרע טייטלבוים; אינס־צענירט „אַ חתונה", וואָס האָט געדויערט 20 מינוט; געזונגען צען יידישע פאָלקס־לידער, ווי אויך צוויי פּוילישע פאָלקס־לידער. אין צווישן איז אַרויס־געטראָטן אַ באַרימטער קאָמפּאָזיטאָר און זינגער אין אַ פּרעכטיקן פראַנצוי־זישן רעפּערטואַר. דאָרט איז אויך אַנווועזנד געווען דער פּוילישער אַמבאַ־סאַדאָר מיט זיין פרוי, וועלכע האָבן צוגעטראָטן בוקעטן בלומען דעם אַנסאַמבל. די שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן און דער ענטוזיאַזם זיינען געווען אומבאַ־שרייבלעך.

דער אַנסאַמבל האָט אַרויסגעוויזן גראַציעזקייט, קינסטלערישקייט, מיט נשמה־געפיל אין אַלע לידער. עס איז געקומען אַן עולם פון אַלע ריכטונגען. עס האָבן זיך אָנגעזען שרייבער, קינסטלער, ריכטער, קולטור־טוער און די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן ביים אַרויסגיין געזאָגט מיט באַגייסטערונג: „ערשט־קלאַסיק! אַ נייער דור פון פאָלקס־פּוילן!"

אין די טעג פון „קריסטמעס" האָט איך פאַרלאָזט פּאַריז. די שויפענצטער פון די געשעפטן זיינען געווען אויסגעפּוצט; בולוואַרן און סקווערן—באַלויכטן. איך האָב ניט געזען קיין קינדער־שפּילצייג פון הארמאַטלעך, ביקסן, טאַנקן, קינזשאַלן; קיין מלחמה־געווער פאַר קינדער. שפּילצייג פאַר קינדער אין פּאַריז זיינען פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער, ווייל דעם גרויל פון מלחמה, דעם גרויל פון נאַציזם קאָן מען דאָ ניט פאַרגעסן. מיר האָבן יאָ געזען אויף אַ קירך אַ גרויסע שילד: „קעגן מלחמה — פאַר שלום."

מיר זיינען נאָכאַמאָל געגאַנגען צום „מעמאָריעל"־הויז פון יידישע מאַרטירער, אין דער היסטאָרישע היים פון יידישע מאַרטירער, פון דאָקו־

מענטן, עקספּאָנאַטן, אויסשטעלונג וועגן די, וועלכע האָבן מקריב געווען זייער לעבן אין קאַמף קעגן נאַציזם — די קדושים פון פּוילן, סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער.

אין „מאַרטירער־הויז"

דאָס מאַרטירער־הויז איז אויפגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון דער פראַנצויזישער רעגירונג. אין קעלער ברענט דאָס „אייביקע ליכט". אין דעם דריי־שטאָקיגן הויז געפינען זיך דאָקומענטן, ביכער, פאָטאָגראַפיעס און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו די יידישע מאַרטירער.

מיר האָבן — שוין צום צווייטן מאָל — דאָרט פאַרבראַכט צוויי שעה, איבער די פאָטאָגראַפיעס. ערשט איצט האָבן מיר באַמערקט אַ צאָל דאָקומענטן און פאָטאָגראַפיעס פון פּאָליאַקן, און עס דערציילט זיך, אַז דער און דער פּוילישער קאָמוניסט, אַנטי־פאַשיסט איז אומגעקומען, טראַגנדיק געווען אין געטאָ; דער און דער איז געפאַלן, קעמפנדיק אין געטאָ; דער און דער פּאָליאַק, אַן אַנטי־נאַצי, האָט אויסבאַהאַלטן יידן. אַזוי האָבן אומצאָליקע פּאָליאַקן מקריב געווען זייער לעבן, כדי צו ראַטעווען אַ לעבן פון אַ יידישער פרוי, מאַן און קינד.

העלד פון וואַרשעווער געטאָ, יוסף לעוואַרטאָווסקי

רחל לעוואַרטאָווסקי, די אַלמנה פון יוסף לעוואַרטאָווסקי, איז געווען מיט אונדז. אייניקע פון די נעמען זיינען איר גוט באַקאַנט. זי האָט דאָ אויך צום ערשטן מאָל דערזען אַ פאָטאָגראַפיע פון איר 17־יאָריקן זון, וועלכער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך נאַצישע מערדער.

זאָל דאָס זיין אַ לערע פאַר אונדזער אַמעריקאַנער ישוב: שוין אַוועק אַזוי פיל יאָרן נאָכ'ן חורבן, נאָכ'ן אומקום פון אַ דריטל פון יידישן פאָלק, און דער זעקס־מיליאָניקער יידישער ישוב אין אַמעריקע האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצושטעלן אַ מאָנומענט, וואָס זאָל אונדז דערמאָנען אין דעם, וואָס אַ סך ווילן פאַרגעסן...

* * * * *

פּאַריז, דעצעמבער 5, 1966

אין אָט־דעם פרעכטיקן טאָג איז די יוגנט אַרויס אויף די גאַסן פרענקלין רוזוועלט, עליזעי צום אַרק דע טריאומף, אויף די שענסטע בולוואַרן פון פּאַריז, אין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם אויפשטייג פון דער „נאַציאָנאַל דעמאָקראַטישער נעאָ־נאַצישער פּאַרטיי אין מערב דייטשלאַנד.

צען טויזנט יוגנטלעכע — קאָמוניסטן, ציוניסטן, סטודענטן, אַרבעטער, קעגנער פון אַנטיסעמיטיזם, לעבן־געבליבענע פון אוישוויץ אין געשטרייפ־טע אַרעסטאַנטן־קליידער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער; צען טויזנט שטימען האָבן ריטמיש ווי איין מענטש געשאָלט: „דער פאַשיזם וועט ניט דורכגיין"!

ריזיקע טראַנספּאַראַנטן מיט אַנטינאַציִשע לאָזונגען האָבן אויסגעשריגן: „קיינמאָל מער קיין גאַז־קאַמערן! קיינמאָל מער קיין קאָנצענטראַציע לאַגערן!"

עס האָט געשטראָמט מיט יוגנט פון די מעטראָס (סאָבוועיס) און אויטאָ־בוסן, די וועלכע זיינען געזעסן אין די קאַפייען ביי טישלעך, האָבן זיך אָנגע־שלאָסן אין די רייען. אויף אַלע ראָגן, בולוואַרן, זיינען געשטאַנען מענטשן און אָנגעוויזן וואו זיך פאַרזאַמלען.

זעקס אַזייגער אין אָוונט איז דער צען־טויזנט־קעפּיקער עולם געווען אַרומגערינגלט מיט הונדערטער פּאָליציי־לייט וואָס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג ביי דער מערב־דייטשישער אַמבאַסאַדע און ניט געלאָזט צוקומען.

גערופן די דעמאָנסטראַציע האָט דער „מראפ", די באַוועגונג קעגן ראַסיזם, אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, מיט דער הילף פון דער ברייטער אַנטי־נאַציִשע באַוועגונג.

אין דער דעמאָנסטראַציע האָבן זיך אויך אָנגעזען די פראַנצויזישע יידישע סאָסייעטיס, אָדער לאַנדסמאַנשאַפטן, די גרעסטעוועטע פון נאַציִשע נעגל און גאַז־קאַמערן.

הויך האָבן געקלונגען די לאָזונגען פאַר שלום, אַ סוף צו דער מלחמה אין וויעטנאַם. אָבער העכער פון אַלץ האָט ריטמיש געקלונגען דער לאָזונג: „פאַשיזם וועט ניט דורכגיין"!

עס האָבן מונטער געקלונגען די מאַרסעלעזע און פּאַרטיזאַנען־לידער. פון די הויכע מויערן האָט אַרויסגעקוקט אַ סימפּאַטישער עולם און באַגריסט די דעמאָנסטראַנטן. און ווידער האָט זיך געהערט דער אויסגעשריי: „קיינמאָל פאַרגעסן, קיינמאָל פאַרגעבן"!

און נאָך לאָזונגען: „די יוגנט וויל ניט ווידער איבערלעבן דעם שווידער," „זאָל פאַרבאָטן ווערן די נעאָ־נאַציִשע פּאַרטיי"! „באַשטראָפן די פאַרברעכער, וואָס געפינען זיך אין דער באָנער רעגירונג!"

די באַוועגונג קעגן ראַסיזם, אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם האָט גרויס איינפלוס צווישן דער יוגנט ווי אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. די דיס־ציפּלין ביי דער דעמאָנסטראַציע איז געווען אַן איינדרוקספולע. די דעמאָנס־טראַנטן איז פאַרשטעלט געוואָרן דער וועג צו דער מערב־דייטשישער אַמבאַ־סאַדע, אָבער דאָך האָט אַ גרויסע צאָל דורכגעריסן דעם קאָדראָן פון הונדער־טער פּאָליציאַנטן און צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צו דעם ערשטן סעקרעטאַר, וועלכער האָט זיך דאָרט געפונען.

אין דעם מעמאָראַנדום איז באַטאָנט געוואָרן, אַז די נאַציס פאַרנעמען היכע פּאָסטנס אין דער באָן־רעגירונג און זיינען אַ גרויס געפאַר פאַר שלום איבער דער גאַרער וועלט.

אין דער דעלעגאַציע זיינען געווען באַרימטע פערזענלעכקייטן: פּיער פּאַראַף, שאַרל פּאַלאַנס, זשאַק מאַצאָל, פּיער בלאָך, מאַדאַם לעדערמאַן, פּראָפעסאָר יאַנקעלעוויטש.

ווען די דעלעגאַציע איז צוריקגעקומען איז די דעמאָנסטראַציע אַוועק צו דעם מאָנומענט פון אומבאַקאַנטן סאָלדאַט מיט לאָזונגען וואָס האָבן אָפּגעהילכט איבער די ברייטע פּאַריזער בולוואַרן. דאָ איז מען געבליבן שטיין אין אַ מינוט פון שטילשווייגן און זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען — פּאַרצוזעצן די פּראָטעסטן.

* * * * *

דער גרעסטער גענעראַל־סטרייק אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך אין משך פון די לעצטע יאָרן, איז פּאַרענדיקט. דער סטרייק איז פּאַריז, דעם 13טן מאַי, 1968, האָט אָנגעהאַלטן 24 שעה. ניין הונדערט טויזנט מענטשן האָבן זיך באַטייליקט.

היינט פּאַרטאָג, דעם 13טן מאַי, האָבן ריזיקע מאַסן אַרבעטער פון שעפּער און פאַבריקן אָנגעהויבן מאַרשירן צום „פּלאַץ פון דער רעפּובליק — אין אויסדרוק פון סאָלידאַריטעט מיט די סטרייקנדיקע אוניווערסיטעט־סטודענטן פאַר מער אַקאַדעמישער פרייהייט.

אַלע, אַלע — שניידער, שוסטער, בעקער, עלעקטריק און גאַז־אַרבעטער, טעכניקער, זשורנאַליסטן, שרייבער, שריפטזעצער דאָקטוירים, הויז־אַרבעטער — אַלע פון אַלע פאַכן און אינדוסטריען, זיינען אַרויס אויף די גאַסן אין סימפּאַטיע־סטרייק מיט די סטודענטן פאַר זייערע גערעכטע פאָדערונגען.

די גאַסן, די בולוואַרן זיינען פאַרפליצט געוואָרן מיט טויזנטער פּלאַקאַטן מיט לאָזונגען. די געשעפטן אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן זיינען געווען געשלאָסן.

אין געשלאָסענע רייען האָבן מאַרשירט די טרייד־יוניאָנס, קאָלאָנע נאָך קאָלאָנע; סטודענטן, פּראָפעסאָרן, רייען נאָך רייען. צום ערשטן מאָל אין משך פון יאָרן האָבן געסטרייקט אויך טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־ אַרבעטער; טעקסי־אָנטרייבער, בריוו־טרעגער.

עס האָבן געהילכט לאָזונגען: „קעגן דער וויעטנאַמער מלחמה!" „זאָל לעבן דער אַרבעטער־קלאַס אין סאָלידאַריטעט מיט דער שטודירנדיקער יוגנט!"!"

די בילעטן־אָפּנעמער און די „מעטראָס" (סאָבוועיס) האָבן אויך געסטרייקס. די „מעטראָס" זיינען געווען פריי — ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל אָפּנעמען די בילעטן.

דער טאָג איז געווען זוניק און וואַרעם.

אַ טאָג פֿאַר דעם גענעראַל־סטרייק איז דער פּרעמיער־מיניסטער זשאָרזש פּאָמפּידו אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע און צוגעזאָגט צו באַפרייען די אַרעס־טירטע סטודענטן, נאָכגעבן זייערע פֿאָדערונגען פֿאַר מער דעמאָקראַטיע, אַרויסציען די פּאָליציי פֿון די קאַלעדזש־קאַמפּוסעס.

באַלד נאָך דעם פּרעמיערס רעדע זיינען די אַרעסטירטע סטודענטן באַפרייט געוואָרן.

דער ריזיקער עולם האָט געיובלט אויפ'ן „פּלאַץ פֿון דער רעפּובליק".

הונדערטער פּראָפעסאָרן און לערערס זיינען געווען גרייט צו רעזיגנירן, אויב די פּאָליציי וועט ניט אַרויסגעצויגן ווערן פֿון די קאַמפּוסעס, און אויב די אַרעסטירטע סטודענטן וועלן נישט אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פֿריי און די קלאַגן קעגן זיי וועלן ניט צוריקגעצויגן ווערן.

אַ גאַנצע וואָך פֿאַר דעם גענעראַל־סטרייק זיינען אָנגעגאַנגען קאַמפּן פֿון סטודענטן מיט דער פּאָליציי אין דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל, אויף די קעמפּוסעס, און אין אַנדערע געגענטן אין פּאַריז. די גאַז־באָמבעס, וואָס די פּאָליציי האָט געוואָרפֿן, האָבן די סטודענטן צוריקגעשליידערט.

פּאָליציי איז געשטאַנען אויף די גאַסן, אויף די דעכער פֿון הייזער. הונדערטער סטודענטן זיינען אַרעסטירט געוואָרן. צענדליקער גרויסע פּאָליציי־וועגענער זיינען געשטאַנען גרייט אָוועקצופֿירן זיי. סאַניטאַרן מיט אַרעם־בענדער האָבן געגעבן די ערשטע הילף צו די סטודנטן און דער פּאָליציי.

עס זיינען געבויט געוואָרן באַריקאַדן.

די סטודענטן זיינען אַרויסגעקומען מיט אַ רוף צו די טרייד־יוניאָנס פֿאַר סאָלידאַריטעט־אַקציע. די פֿירער פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, פֿון אַלע ריכ־טונגען, האָבן באַשלאָסן צו ענטפֿערן מיטן סאָלידאַריטעט־סטרייק.

די קאַמפֿן האָבן אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. אין איין צייט האָבן זיך צוואַנציק טויזנט סטרייקנדיקע סטודענטן און פּראָפעסאָרן פֿאַרבאַריקאַדירט אין דעם לאַטיינישן קוואַרטאַל און געגעבן אַ ווידערשטאַנד די ברוטאַלע אַטאַקעס פֿון דער פּאָליציי..

מאַטאָריזירטע, באַוואָפֿנטע פּאָליציי האָט באַוואַכט די בריקן פֿונעם טייך סעין; אָפּגעשטעלט די וואָס האָבן געוואָלט דורכפֿירן אַ מאַרש.

אַ וואָך צייט האָט אויפֿן באַרימטן בולוואַר סאַן מישעל געברויזט מיט צאָרן. די שטודירנדיקע יוגנט און סימפּאַטיקער האָבן מאַרשירט אין געשלאָ־סענע רייען.

די פּאַריזער שול פֿון מעדיצין איז אַרויסגעקומען מיט אונטערשטיצונג פֿאַר די סטודענטן. די שולן פֿון נידעריקער און העכערער בילדונג; דער נאַציאָנאַלער סטודענטן־פֿאַרבאַנד און דער נאַציאָנאַלער פֿאַרבאַנד פֿון אוני־ווערסיטעט־לערער זיינען געווען צווישן די ערשטע צו פֿאָדערן, אַז די אַרעס־

טירטע סטודענטן זאָלן באַפרייט ווערן און אַז די פּאָליציי זאָל אַרויסגעצויגן ווערן פונעם לאַטיינישן קוואַרטאַל.

די ערשטע טעג האָט די רעגירונג ניט געוואָלט הערן פון די גערעכטע פאָדערונגען פון די סטודענטן פאַר אַמנעסטיע פאַר די אַרעסטירטע. היינט, ביי דער ריזיקער דעמאָנסטראַציע פון נאָענט צו אַ מיליאָן מענטשן, האָט זיך קיין איין פּאָליציימאַן ניט באַוויזן...

דר. משה סנה אין פּאַריז

פראַנקרייך איז אַ לאַנד מיט אַ באַפעלקערונג אַן ערך פופציק מיליאָן, מיט אַ האַלבן מיליאָן יידן, פון וועלכע די גרעסטע מערהייט געפינט זיך אין פּאַריז, מאַרסעל און ליאָן. די גרעסטע מערהייט פון דעם האַלבן מיליאָן זיינען פּוילישע יידן, פון זיי: אַ קליינע צאָל פּראָפעסיאָנאַלן. די גרעסטע מערהייט, קליינהענדלער, האַנדווערקער, שניידער, בייטל־מאַכער, קליינע אינדוסטריעלער און אָנגעשטעלטע.

דאָ גייען אַרויס יידישע טעגלעכע, מאָנאַטלעכע, צייטשריפטן, זשורנאַלן, ווי: „קיום", „אַרבעטער וואָרט", „שטימע", „אונדזער וואָרט", „נייע פּרעסע" און יידיש־פראַנצויזישע אויסגאַבן. אַלע אויסגאַבן און נאָך אפשר מער ווי עס ווערט דאָ דערמאָנט, זיינען פון די לינקע פּאַרטייען, רעכטע, מיטעלע, „בונד", פּועלי־ציון, השומר הצעיר, רעליגיעזע און אַנדערע. אָט־די אַלע אויסגאַבן קאָנט איר קויפן אין אַלע טיילן שטאָט, אויף די ברייטסטע און שמאַ־לסטע בולוואַרן, אפילו אויף דער „עליזע" און אין אַלע הינטערגעסלעך, אויף אַלע צייטונגס־קיאָסקן.

עס איז נישטאָ קיין דיסקרימינאַציע מצד די פּאַרקויפער. זיי אַרט לחלוטין ניט, צי די אויסגאַבן זיינען קאָמוניסטישע, אָדער אַנטי־קאָמוניסטי־שע, רעליגיעזע, אָדער אַנטי־רעליגיעזע, ראַסיסטישע, אָדער אַנאַרכיסטישע. דאָ הערשט „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט", וואָס איז אויסגעקריצט אויף אַלע רעגירונגס־געביידעס...

היינט איז אָבער נישט מעגלעך צו באַקומען קיין צייטונג איבער גאַנץ פּאַריז. אַלע סטרייקן. גייען מיר צופוס צו דעם טויער וואו עס ברענט דאָס „אייביקע ליכט", ביי דעם „אומבאַקאַנטן זעלנער". געמיינט האָבן מיר, אַז דער טויער איז געבויט געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווייזט זיך אַרויס, אַז דער פּאָליציי־מאַן, וואָס דרייט זיך דאָ אַרום און איז זייער פריינט־לעך צו די מענטשן, וועלכע קומען באַוואונדערן דעם געבוי, קאָן די געשיכטע פון טויער און ער דערציילט אונדז אַז עס האָט געדויערט גאַנצע דרייסיק יאָר, פון 1806 ביז 1836, אויפצובויען דעם טויער, אויפן באַפעל פון נאַפּאָלעאָנען. ווען מיר באַדאַנקען אים פאַר דער אינפאָרמאַציע, שטעלט ער צו די האַנט צו זיין היטל און זאָגט: „צו אייער דינסט".

מיר שפּאַצירן איבער פּאַריז פון איין עק שטאָט צו דער צווייטער. ווען מיר ווערן שטאַרק מיד, זעצן מיר זיך צו לעבן אַ טישל אין אַ קאַפע, כאַפּן אַ טרונק און אַ בייס, און ווייטער מאַרשירן צום לאַטיינישן קוואַרטאַל, וואו עס רעשט מיט פּראָטעסטן פון אוניווערסיטעט־סטודענטן, וואָס פאָדערן רע־פאָרמען אין די קורסן, ווייל אַלץ וואָס מ׳לערנט איז פאַרעלטערט, צוריק־געשטאַנענע און ס׳שמעקט מיט מיטלאַלטער. די סטודענטן פון די הויך־ און מיטל־שולן, ווילן מער דעמאָקראַטיע; זיי ווילן האָבן פאַרשטייער ביי די פאַקולטעט־באַראַטונגען, אַז די קורסן און לעקציעס זאָלן קענען דיסקוטירט און קריטיקירט ווערן.

אויף סאָן מישעל בולוואַר שטייען צענדליקער רעדלעך מענטשן, סטו־דענטן און אַרבעטער. יעדער איינער דערציילט אויף זיין שטייגער וועגן דעם שווערן לעבן אין לאַנד. די דיסקוסיעס זיינען הייסע. מ׳רעדט וועגן דער פּאָליציי־ברוטאַליטעט און וועגן באַריקאַדן־קאַמפן פון לעצטער נאַכט. די סימנים זעען זיך נאָך איצט שטאַרק אָן: עס ליגן בערג מיט שטיינער, צעבראָ־כענע שויב־פענצטער, מענטשן זיינען נאָך באַנדאַזשירט. טויזנטער יוגנטלעכע ציען זיך איבער דעם בולוואַר, וואָס איז לעצטע נאַכט געווען אַ שלאַכט־פעלד. דאָס לעבן איז שווער פאַרן אַרבעטער און שווער פאַרן סטודענט, וועלכער קומט פון אַן אַרבעטער, אָדער קליינבירגערלעכער פאַמיליע.

די סטודענטקע, מיט וועלכער מיר האָבן זיך באַקענט, פירט אונדז צו איר מוטער אין הויז. מיר קומען אַריין אין דער וואוינונג, פון דריי ענגע צימערלעך, גרויס ווי הינער־שטייגן. די אַלטע מאַמע זיצט ביי אַ ניי־מאַשין. נייט עפּעס פאַר אַ פרוי, וואָס קאָן זיך נישט דערלויבן קויפן אַ ניי קלייד. אין הויז איז אַזוי ענג, אַז מיר מוזן זיצן אויפן בעט. מיר דערציילן פון אַמעריקע · זיי דערציילן פון פּאַריז.

שפּעט אין אָוונט פאַרלאָזן מיר דאָס הויז. אויף די טראָטואַרן פון אַ ברייטן בולוואַר ליגן מענער און פרויען אויף די האַרטע שטיינער. צום גליק איז היינט אַ וואַרעמער אָוונט. ליגן זיי אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט פאַר אַ קישן, אַ פאַר שמאַטעס פאַר אַ ליילעך, אַ צייטונג פאַר אַ צודעק. דאָס זיינען נישט קיין „היפּיס". זיי טראָגן דעם קלינגענדיקן נאָמען: „קלאָשאַרן". זיי וועלן אַזוי אָפּליגן עטלעכע שעה, ביז די פּאָליציי וועט אויף זיי רחמנות האָבן און זיי געבן אַ נאַכטלעגער...

יענעם אָוונט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דער אָוונט אין גרויסן זאַל פון מוטואַליטע, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון „יידישע געזעלשאַפטן אין פראַנקרייך," צו פייערן דעם 20סטן „יום העצמאות", ביי וועלכן עס האָט גערעדט משה סנה עס זיינען געקומען טויזנט מענטשן, כאָטש דער גאַנצער

פאַרקער פון טראַנספּאָרטאַציע איז געווען פאַרגליוועט... שפּעטער אין זיין רעדע, ביים געזעגענונגס־אָוונט אין רעסטאָראַן „עדן", וואָס האָט מער נישט געקאָנט אַריינגעמען ווי צוויי הונדערט מענטשן, האָט דר. משה סנה געזאָגט אומגעפער דאָס פאָלגנדיקע:

„איך וועל היינט אָוונט ריידן וועגן יידישע פּראָבלעמען אין ראַטן־פאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע, און אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער — אפילו וועגן כינע, וואו קיין יידישע פּראָבלעמען עקזיסטירן איבערגאַנצן נישט...

צו דער אָקטאָבער־פייערונג אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען פון 91 קאָמוניסטישע פּאַרטייען איבער דער וועלט, געקומען 44. פון אַלע 14 סאָציאַליסטישע לענדער זיינען געקומען בלויז זיבן. דערפאַר ווייל אין יעדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון דער וועלט זיינען איצט פאַראַן מענטשן, וועלכע זיינען איינשטימיק מיט אונדזער שטעלונג בנוגע די ישראל פראַגע...

און ער זאָגט ווייטער:

„מיר פירן אַ קאַמף, ווייל מיר זיינען נישט קיין נאַציאָנאַלע ניהיליסטן. דער טשעכאָסלאָוואַקישער יידישער שרייבער מיאַטשקין, וואָס איז אַוועק פון פּראַג אין א״י געקומען קיין ישראל — האָט די נייע רעגירונג פון דובטשעק און אַלעקסאַנדער סוואָבאָדאַ אים צוריקגערופן...

די פּאַרטייען דאַרפן האַנדלען ניט לויט דעם, וואָס עס דיקטירט אַן אַנדער לאַנד, נאָר האַנדלען אין די אינטערעסן פון זייער אייגן לאַנד; קיין לאַנד דאַרף נישט נאָכמאַכן אַ צווייטן לאַנד..."

דר. משה סנה ווייזט אָן, אַז 78 פּראָצענט אין מדינת ישראל זיינען פאַר אָפּגעבן די פאַרנומענע געביטן. „מיר, אין ישראל — זאָגט ער — ווילן שלום, ניט קיין עקספּאַנסיע. מיר פאַרטיידיקן דעם סאָציאַליזם און דורך פאַרשידענע עטאַפּן גייען מיר צום סאָציאַליסטישן זיג."

ריידנדיק וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פּוילן, זאָגט דר. משה סנה:

„די פּוילישע רעגירונג אַטאַקירט „ציוניסטן" און מיינט אַלע יידן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט פאַרשידענע וועגן וויאַזוי צו אַטאַקירן יידן... און מאַכט נישט קיין טעות: איך בין נישט אַנטוישט אין קאָמוניזם, כ'בין אַ געטרייער נאָכפאָלגער פון מאַרקסיזם. איך בין נאָר אַנטוישט אין די, וועלכע פעלשן דעם קאָמוניזם — און דאָס טוט די איצטיקע פירערשאַפט פון דער פּוילישער פאָלקס־רעגירונג.

יאָ, מען קריטיקירט אונדז וועגן אונדזער שטעלונג צו דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. — זאָג איך: „בעסער איצט צו קריטיקירן, איידער שפּעטער צו באַוויינען..."

„מיר, אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינען מיטן פאָלק, מיט די

78 פּראָצענט וואָס זאָגן, אַז מיר דאַרפֿן פֿאַרהאַנדלען מיט די אַראַבער, וואָס ווילן שלום.״

ביי דעם אָוונט, וואָס איז געווען גאָר אינטערעסאַנט, האָבן מיר זיך אויך באַגעגנט מיט חיים איצל גאָלדשטיין, דער מחבר פֿון „זיבן אין אַ בונקער.״ חוץ אַ טאַלאַנטפֿולער שרייבער איז ער אויך אַ האַרציקער פֿאָלקס־מענטש. מיר האָבן דאָרט אויך באַגעגנט די דיכטערין, דאָראַ טייטלבוים, מיט איר מאַן, יערשל מייער; ד״ר. חיים סלאָוועס, פּראָפֿעסאָר אַלפֿרעד קאַסט־לער, נאָבל־פּרייז־טרעגער פֿאַר פֿיזיק, און פֿיל קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע טוער פֿון רעכטס, מיטל און לינקס, וועלכע האָבן מיט גרויס אינטערעס אויפֿ־גענומען די אויפֿריכטיקע רעדע און אַנאַליז פֿון ד״ר. משה סנה.

אין הויז ביי קלמן און דבורה גינזבורג זיינען מיר געווען פֿאַרבעטן אויף אַן אָוונט. עס זיינען געקומען צו דעם אָוונט קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע טוער, ברייט־באַוואוסטע אין פּאַריז; אַ פּאָר שרייבער, און צווישן זיי אַ פֿיינער, פּשוטער פֿאָלקס־מענטש, מחבר פֿון „זיבן אין אַ בונקער,״ ח. י. גאָלדשטיין. אַלע פֿאַרזאַמלטע האָבן געוואָלט הערן, צי דאָס וואָס מען דערציילט וועגן דער אידישער לאַגע אין פּוילן, איז אמת; און איך בין געווען דער איין־און־איינ־ציקער, דער ערשטער שליח, וואָס איז געווען אין וואַרשע, אין יאָר 1968.

די עטלעכע שעה, וואָס מיר זיינען דאָרטן געזעסן, האָב איך נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פֿון דעם לעגענדאַרן מענטשן — חיים איצל גאָלדשטיין. איך האָב זיך מיט אים שפּעטער עטלעכע מאָל באַגעגנט. פֿאַר מיר איז געשטאַנען אַן ערלעכער יידישער האָרעפּאַשניק, סיי מיט זיין אויסזען און באַנעמען, און אויך מיט זיין ריידן ביי גרעסערע פֿאַרזאַמלונגען פֿון הונדער־טער מענטשן.

אין דער צייט פֿון מיין זיין אין פּאַריז, איז דערשינען ח. י. גאָלדשטיינס בוך „זיבן אין אַ בונקער״ אין פֿראַנצויזיש. די דיכטערין דאָרא טייטלבוים האָט אין אַ פּרעכטיקער רעדע געזאָגט וועגן דעם בוך:

„איך וויל דאָ דערמאָנען, אַז דער איבערבלייב פֿון אַמאָליקן דריי מיליאָניקן ישוב, די עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, וואָס לעבן אין היינטיקן פּוילן, זיינען טיף פֿאַרוואָרצלט מיט אַ טויזנט יאָריקער געשיכטע אויף דער פּוילישער ערד. באַלד נאָך דעם טויט־מבול, האָט די שארית־הפּליטה אויף די חורבות פֿון אַש, פֿון זייערע פֿאַרברענטע שוועסטער און ברידער, זיך געשטעלט אין די ערשטע רייען צו העלפֿן בויען פּוילן, דער נייער סאָציאַליסטישער פּוילן — אין די וואַרשטאַטן, מינען, אין שולן און אין רעגירונגס־אַנשטאַלטן... זייערע קולטור־אינסטיטוציעס, זייער פּרעסע, ביכער־אויסגאַבן, היסטאָרישער אינ־סטיטוט, זייער טעאַטער, שול און יוגנט־כאָרן — זיינען געוואָרן דער שטאָלץ און דער כבוד פֿון פּראָגרעסיווע יידן איבער דער גאָרער וועלט . . .

„ . . . מיט עטלעכע טעג צוריק האָט די פּוילישע רעגירונג געעפנט אין אוישוויץ אַ פּאַוויליאָן אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידן, מיט פאָלגנדיקע אויפשריפטן: דער ערשטער—'ווער עס פאַרגעסט די פאַרגאַנגענהייט, איז פאַראורטיילט זי נאָכאַמאָל איבערצולעבן.' דער צווייטער—מיט דער ביבלישער שאלה: 'קין, וואָס האָסטו געטאָן צו דיין ברודער הבל?'. . .

„ . . . דאָ ווילט זיך פרעגן: איז קין שוין זאַט געוואָרן? און דו, הבל, וואָס האָסט. געטאָן צו קינ'ען? פון וואַנעט זיין טויזנט יאָריקע שנאה צו דיר? ניין, די קינ'ס זיינען נאָך נישט זאַט, נישט די פון באָן-דייטשלאַנד, נישט די פון פאַשיסטישן שפּאַניע און גריכנלאַנד און נישט די פון אַמעריקע און וויעטנאַם . . . קין איז קיינמאָל נישט געווען און וועט קיינמאָל נישט ווערן אונדזער ברודער "

יעדן טאָג, יעדע מינוט האָבן מיר דערוואַרט אין פּאַריז אַ בירגער-קריג. די שטאָט איז געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער, ווייל דעגאָל האָט מורא געהאַט זיך צו פאַרלאָזן אויף דער שטאָטישער פּאָליציי. . .

פּלוצים איז דעגאָל פאַרשוואונדן. עס איז געוואָרן אַ מורמל, אַ שושקעריי... די נערוון זיינען געווען אָנגעשטרענגט. די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן האָבן געהייסן זייערע בירגער פאַרלאָזן פּאַריז... עס איז געוואָרן אַ שטילע פּאַניק. מ'האָט געזאָגט, אַז דעגאָל איז געפלויגן זיך דורכשמועסן, עצהנען זיך מיטן גענעראַל-שטאַב פון דער אַרמיי. . .

אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס מיליטער שטייט שוין ביי די טויערן פון פּאַריז. דעגאָל האָט זיך שטאַרק געשראָקן, אַז די פּאָליציי זאָל נישט צושטיין צו די צען מיליאָן סטרייקער, וואָס וואָלט געקאָנט ברענגען צו אַ צוזאַמענשטויס פון מיליטער מיט דער פּאָליציי. . .

דער סטרייק האָט אַריינגעשפּילט אין די הענט פון דעגאָלן, ווייל דער יוגנט-פירער, דאַניעל קאָהן-בענדיט, וואָס איז געקומען פון מערב-דייטשלאַנד, האָט גערופן צו אַנאַרכיסטישע געוואַלט-טאַטן און האָט געקראָגן אַ גרויסע נאָכפאָלגערשאַפט צווישן די סטודענטן. די טראָצקיסטן האָבן אויך אָנגעפירט אַ שעדלעכע און צעשטערערישע אַגיטאַציע צווישן די סטרייקנדיקע אַרבעטער.

עס האָט זיך אויך אָרגאַניזירט אַ גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן: „די יוניאָן פון קאָמוניסטישע סטודענטן." טעאָרעטיש איז זי געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אָבער גלייכצייטיק צוריקגעוויזן פּאַרטייי-דיסציפּלין און באַצייכנט די פירערשאַפט אַלס: „אַלט-פרענקיש פאַרטריקנט גראַז . . . "

די קאַמפן פון די סטודענטן — לינקע, עקסטרעמיסטן, רעאַקציאָנערע, פּראָ-פאַשיסטן, האָבן געפירט שווערע קאַמפן אין די געגנטן פון לוקסעמבורגער גאָרטן, בולוואַר סען זשערמען און אַנדערע.

איך האָב זיך אַביסל געשראָקן און דאָך געגאַנגען צו די דעמאָנסטראַציעס. איך האָב געזען ווי די סטודענטן האָקן שויבן, צינדן אונטער אויטאָמאָבילן, צעשטערן די גאַסן דורך אויסרייסן די ברוק־שטיינער. אָט לויפן זיי מיט רייטע פאָנען, שוואַרצע פאָנען; מ׳רופט אויס טראָצקיסטישע לאָזונגען, מ׳פּאַ־כעט מיט מאַאָ־טצע־טונגס רויטע ביכעלע — אַלץ איז כאַאָטיש, ניט אָרגאַ־ניזירט, אָן אַ ציל — ספּאָנטאַנע אויפברויזן.

די „הומאַניטע" האָט געשריבן וועגן די דעמאָנסטראַנטן, אַז דאָס זיינען רייכע קינדער, וואָס שפּילן זיך מיט לינקיזם, קאָסמאָפּאָליטיזם... זיי האָבן אָבער מיטגעריסן גרויסע מאַסן צוליב דער שלעכטער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד.

איידער דער גענעראַל־סטרייק פון צען מיליאָן אַרבעטער האָט זיך אָנגע־הויבן, בין איך אַרויסגעפאָרן מיט דער מעטראָ הינטערן שטאָט. אויפן וועג צוריק, זיינען די מעטראָס נאָך געגאַנגען, אָבער ווער עס זאָל אָפּנעמען די בילעטן איז שוין ניט געווען — האָב איך געהאַט אַ פרייע רייזע...

די פרייד און שרעק וואָס איך האָב דעמאָלט איבערגעלעבט, איז שווער איבערצוגעבן. די פּאָליציי, האָט מען געזאָגט, וועט זיך ניט שלאָגן קעגן די סטרייקערס. ווייל זייערע קינדער, שוועסטער, ברידער, טאַטעס און מאַמעס, געפינען זיך אין די גאַסן, אויף די בולוואַרן.

אַזוי איין טאָג נאָכן צווייטן, איין נאַכט נאָך דער אַנדערער. ביי־טאָג האָט מען אָפּגערוימט די חורבות פון די באַריקאַדן־קאַמפן, געשלעגן, פּראָ־וואָקאַציעס — און ביינאַכט האָט מען ווידער געהערט דאָס שיסן פון ביקסן, רעוואָלווערן, דאָס לויפן פון אַמבולאַנסן.

פּאַריז רוישט. עס ברויזט אין די באַרימטע גאַסן, בולוואַרן, סקווערן און באַרימטע פּלעצער. איך וויל זיין אומעטום. גיי איך צו צו אַ פּאָליציימאַן, וואָס איז עלעגאַנט אָנגעטאָן; אויף די אַקסלען, אַ בלויע פּעלערינע, די שיך אויסגעפּוצט; ער טראָגט, צוגעפּוצטע וואָנסעלעך. „מעסיו" — שטעלט ער צו צום דאַשעק פון היטל די האַנט און באַגריסט זיך מיט מיר זייער העפלעך.

איך פרעג אים: „ווי לאַנג וועט נעמען פון 'פּלעצל' ביז 'רעפּובליק,' פון די ריוואָלי ביז באַסטיל און פון 'פּלאַץ דיוואָזש' ביז דעם 'גוסטאַוו איפּעל טורעם'?" טוט ער אויף מיר אַ שעלמישן קוק און חזרט איבער: „גוסטאַוו איפּעל"? ער טוט אַ באַוועג מיט די ליפּן, נעמט אַרויס פון אונטער דער פּעלע־רינע אַ שוואַרץ ביכעלע, ווי אַ קליין תהילימל, וועגט און מעסט, און פרעגט:

„איר ווילט שפּאַצירן מיט דער דאַמע, וואָס שטייט דאָ לעבן אייך?"

„יאָ — איך — דאָס איז מיין פרוי, שרה."

מעסט ער זי אָפּ פון קאָפּ ביז פיס, צי זי וועט אויסהאַלטן דעם מאַרש־רוט... ער נעמט אַרויס דעם קעשענע־זייגער, קוקט אויפן הימל, וואָס איז

פאַרכמורעט, און זאָגט: „קיין טראַנספּאָרטאַציע איז נישטאָ, אויב ס'וועט צוגיין גלאַטיק, וועט איר אָנקומען מאָרגן אינדערפרי"...

מיר געזעגענען זיך. ער שטעלט ווידער צו די האַנט צום דאַשעק פון עלעגאַנטן רונדיקן היטל, און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „אַ בעלנות פון אַ מענטשן — אין אַזאַ שטורמישע צייט!..."

נאָך דעם שטורמישן אויפברויז וואָלט דאָס אפשר פאַר אַ נאַאיוון פאָלקס־מענטשן אויסגעזען, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קאָן איצט, שוין היינט, איבער־נעמען די מאַכט. דאָס וואָלט אָבער געווען אַ פאַטאַלער טעות. הינטער פּאַריז איז געשטאַנען די אַרמיי, וועלכע וואָלט געווען גרייט צו גיין מיטן שטראָם פון די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, סטודענטן און ברייטע פאָלקס־מאַסן; אָבער קעגן דער סימפּאַטישער אַרמיי, וועלכע האָט זיך סאָלידאַריזירט מיטן פאָלק פון די מאַי־יוני געשעענישן, זיינען געשטאַנען אַנדערע מעכטיקע כוחות מיט טאַנקן, באָמבעס, האַרמאַטן, וואָס וואָלטן דורכגעפירט די גרעסטע שחיטה אין דער געשיכטע פון פּאַריז.

ביז צו דער אָפּערע איז געווען אַ גרויסער מהלך. קיין טאַקסיס זיינען נישט געפאָרן. קלינגען מיר אָן צו דר. הערשל מייער און דאָראַ טייטלבוים:

— מיר זיינען אין אַ פאַרלעגנהייט...

— וואָס האָט פּאַסירט? — דערשרעקן זיי זיך.

— ס'איז אַ גענעראַל־סטרייק אין פּאַריז...

— דאָס איז נישט דער ערשטער און ניט דער לעצטער...

— מיר דאַרפן פון אייך אַ טובה.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — ענטפערן דאָראַ און הערשל.

דאָראַ, הערשל, און זייער טאָכטער דזשול, זיינען געקומען „צופליען" מיט זייער אויטאָמאָביל, זיך קוים אַריינגעשפּאַרט אין דעם ענגן שמאָלן געסל סענט אַנאַסטאַס, וואו עס וואוינט מיין ברודער. מיר האָבן דזשולן קוים דערקענט. מיר האָבן זי געזען ערשט „נעכטן", ווען דזשול איז געווען אַ בייבי פון פיר וואָכן. דזשול האָט אונדז אימפּאָנירט מיט איר פשטות, אינטעליגענץ, מיט די לויטערע פערלדיקע ווערטער פון יידיש־ליטעראַרישן לשון. מיר קוקן אויף דזשולן און קוועלן אָן: ווי שיין און נחתדיק זי איז אויסגעוואַקסן און ווי לייכט זי גייט איבער פון יידיש אויף ענגליש, פון פראַנצויזיש אויף יידיש — און איך זאָג צו זיך: וואָס פאַר אַ וואונדערלעך קינד! אין ניו־יאָרק געבוירן, אין פּאַריז אויסגעוואַקסן, און רעדט אַזאַ מחיהדיקן יידיש! אַן אמתער וואונדער אין דער איצטיקער צעשייבערטער וועלט!

בריסל, בעלגיע

ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, זיינען מיר שוין געווען אַריבער דער גרענעץ, אַרויס פון פּאַריז. דער אָוונט איז געווען מילד, די גאַסן מאַט באַלויכטן. אַ פריש פריילינג־ווינטל האָט דורך די פענצטער פון אויטאָבוס געגלעט דאָס פּנים. דורך שמאָלע, שלעכט־ברוקירטע גאַסן, האָבן מיר זיך געדרייט און געשלענגלט. דער אויטאָבוס האָט זיך געיאָגט מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיר זיינען ווידער אין אַ סכנה...

די פּאַסאַזשירן האָבן געגאַפּט באַוואונדערט די פּיצינקע געסעלעך, וואָס האָבן געשאַפן דעם איינדרוק פון אַ מיניאַטור שטעטל. מענטשן זיינען געשטאַנען פאַר די הייזער, באַגריסט די דורכפאָרער, און דער אַנטרייבער איז געפלויגן פייל־פון־בויגן. ער האָט געוואָלט אָנקומען ניט צו־שפּעט אין דער נאַכט קיין בריסל, בעלגיע. אויפן סקווער ניט ווייט פון וואָקזאַל, איז דער אויטאָבוס געבליבן שטיין. די פּאַסאַזשירן האָבן פריי אָפּגעאָטעמט און אַרויס אין גאַס, זוכן אַ האָטעל.

אויפן וועג טרעפן זיך פאַרשיידענע קוריאָזן. אַזוי האָט עס אויך געטראָפן אין בריסל, בעלגיע. מיר האָבן געוואָלט עסן. עס איז געווען שפּעט אין דער נאַכט און בלויז איין רעסטאָראַן איז געווען אָפן. גייען מיר אַריין. קיין בעלגיש געלט האָבן מיר ניט. עס זיצן פרויען און מענער און טרינקען קופּלעס ביר. מיר זיינען שטאַרק דורשטיק. דרייען מיר זיך אַהין און אַהער און קוקן מיט קנאה אויף די וואָס עסן און טרינקען. עס קומט צו אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן, וועלכער איז געפאָרן מיט אונדז אויפן זעלבן אויטאָבוס. ער באַטראַכט מיך און זאָגט:

„ביסט ייד? איך אויך יידיש... איך האָב געלט, איך באַצאָלן". ער האַלט אין זיין האַנט אַ פּעקל געלט און איז גרייט צו טראַקטירן אַלעמען וואָס זיינען אין גרויס געאייל אַרויס פון פּאַריז. ער פאָרט, זאָגט ער אונדז, קיין האָלאַנד, וועלן מיר זיך דאָרט באַגעגענען ביים אים הויז — ווייל ער וויל וויסן וועגן ייִדיש לעבן אין אַמעריקע.

פאַר דער מלחמה האָבן אין בעלגיע געלעבט אַן ערך 85,000 יידן. 25,000 מענער, פרויען און קינדער האָבן פאַרלאָזט בעלגיע, איידער די נאַציש‌ע אַרמיי האָט אַריינמאַרשירט. די מערסטע יידן האָבן געוואוינט אין בריסל, אַנטווערפּן, נאָר אַ קליינע צאָל האָט זיך געפונען אויסער די צוויי שטעט.

דורך די נאַצישע הריגות, דורך דעפּאָרטאַציעס פון די יידן, און אין קאַמף און ווידערשטאַנד, זיינען אומגעקומען העכער פערציק טויזנט יידן. די יידן אין בעלגיע, ווי עס איז דערציילט געוואָרן, זיינען ניט געגאַנגען ווי

שפּעסן צו דער שחיטה. די קעמפּער האָבן זיך געראַנגלט מיט דער נאַצישער חיה, ווי די גלאַדיאַטאָרן אין אַלטן רוים קעגן ווילדע באַדריקער.

די ייִדישע און ביט־ייִדישע באַפעלקערונג פון דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט מיטגעאַרבעט אין „רויטן אָרקעסטער", ווי עס שילדערט לייב דאָמב אין זיין בוך מיט דעם נאָמען. אונטער דער נאָז פון דער געשטאַפּאָ האָט געאַרבעט אַ טראַנסמיטער, וואָס האָט געשיקט געהיימע דע־פּעשן קיין מאָסקווע און אַזוי אַרום צעשטערט די פּלענער פון נאַצישן גענעראַל־שטאָב.

ערשט זעקס אַזייגער אינדערפרי גייט אָפּ אַ באַן קיין ראָטערדאַם. און דאָ איז דער זייגער אַרום 12. וואָס טוט מען דערווייל? זיצן מיר דערווייל אין ־עסטאָראַן. דער באַלעבאָס זעצט זיך אויך אַוועק לעבן אונדז. ער נעמט עפּעס אין מויל און פאַרטרינקט מיט אַ גלאָז ביר. ער רעדט פלעמיש און פראַנצויזיש. ער איז באַהאַוונט אין וועלט־פּראָבלעמען, און זעט אויס צו זיין אַ פריינט פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן, אריינגערעכנט די ייִדן און מדינת ישראל.

— דער קיניג פון בעלגיע האָט אויך צרות — זאָגט ער — און גראָדע דאַרף עס פּאַסירן פּונקט ווי איר זענט אַהער געקומען — לאַכט ער מיט זיין ברייט מויל. ער לאָזט אונדז וויסן, אַז די קריסטן־סאָציאַליסטן האָבן נאָר וואָס דערווײַלט 69 דעפּוטאַטן; סאָציאַליסטן — דאָס איז מיין פּאַרטיי — 59; און די קאָאַליציע־רעגירונג פון ליבעראַלן און קאָנסערוואַטיווע — 47.

— האָט איר נאָך אַנדערע זאָרגן?

— יאָ, מערב דייטשלאַנד און אַמעריקע...

מיר האָבן איבערגעלאָזט די פּעקלעך אין וואָקזאַל און געגאַנגען זוכן אַ נאַכטלעגער. אומעטום איז געווען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן. דאָרט וואו אַ טיר איז געווען אָפן — איז אַלעס געווען פאַרנומען, און אין קאָרידאָר האָבן זיי נישט געוואָלט לאָזן שלאָפן...

אַרומבלאָנקענדיק אין גאַס, האָבן מיר באַגעגנט דעם שאָפער פון אויטאָבוס, ער האָט אונדז דערקענט.

— נאָך וואָס גייט איר דאָ אַרום?

— מיר זוכן אַ צימער וואו איבערצונעכטיקן.

— איך זוך אויך — זאָגט ער.

— וואָס איז דיין עצה?

— איך האָב אַ פּלאַן: לאָמיר איבערזיצן אין באָס.

איך קוק זיך איבער מיט שרהן... עס איז אַ פּלאַן... נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. מיר האָבן זיך „באַקוועם" איינגעמאָשטשעט אין אויטאָבוס, ווייל אַ האָטעל איז סיִיווי ניט געווען צו געפינען. דער שאָפער — אין פראָנט ביים רעדל; שרה און איך — אין צענטער פון אויטאָבוס.

אויסגעמאַטערט און מיד, האָב איך באַלד איינגעדרימלט און אַ גאַנצער

קאַליידעסקאָפּ פון חלומות האָט זיך געדרייט פאַר די פענצטער. . .

צוביסלעך האָט דער הימל אָנגעהויבן ווערן בלוי. עס האָט אָנגעהויבן אויפגיין אַ ליכטיקער טאָג. די גאַסן־לאָמפּן האָבן זיך אויסגעלאָשן. אַ רויטער פלאַם האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט — אַ סימן אויף אַ שיינעם טאָג.

דער שאָפער האָט אויסגעריבן די אויגן, זיך ברייט אויסגעגענעצט, אויסגעצויגן די הענט איבער דער ברייט פון אויטאָבוס און געזאָגט: „עס איז צייט פאַר מיר אָנצואוואַרעמען דעם מאָטאָר. איך מוז באַלד צוריקפאָרן קיין פּאַריז.“

מיר האָבן אים געוואָלט באַלוינען פאַר זיין גאַסטפריינטלעכקייט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט: „פאַר אַ טובה נעם איך נישט באַצאָלט“, האָט ער געזאָגט. דער מאָטאָר האָט אָנגעהויבן רוישן.

אין וואָקזאַל זיינען מיר די ערשטע צו קויפן אַ בילעט. דער קאַסירער זעט, אַז מיר שלעפּן זיך מיט זיבן פּעק, זאָגט ער:

— אייב איר דאַרפט האָבן אַ טרעגער, קלינג איך אָן און ער וועט באַלד קומען.

— מאַכט דאָס גיכער, איידער מיר פאַרשפּעטיקן די באַן און די שיף. מיר דאַרפן זיין אין ראָטערדאַם 10 אינדערפרי.

אין 10 מינוט אַרום וואַקסט אויס אַ הויכער, דאַרער, שיינער יונגערמאַן, אין אַ ווייס געפּרעסט העמד, פאַרבונדן דעם קאַלנער מיט אַ קאָלירטן קראַוואַט. ער זעט גיכער אויס ווי אַ זאַנגעשטעלטער פון אַ באַנק, איידער אַ פּעקל־טרעגער.

דער וואָקזאַל איז גרויס און רחבותדיק, הויך און מאַסיוו, און זעט אויס ווי אַ פּאַלאַץ מיט מאָזאַאיק און אָרנאַמענטן. מיר באַוואונדערן די שיינקייט און אַרכיטעקטור. דער וואָקזאַל איז נאָך ליידיק. דער טרעגער, אַ פאַרשלאָפענער, איז שלעכט געשטימט, מסתמא דערפאַר וואָס מען האָט אים אַזוי פרי אויפגעוועקט. כאַפּט ער די פּעקלעך, פאַרפּלאָנטערט זיך אין זיין לאַנגן, ווייסן כאַלאַט, וואַרטשעט עפּעס אין פלעמיש. עס זעט אויס אַז ער איז ניט צו שטאַרק צופרידן פון דעם פאַרטאָגיקן פאַרדינסטל... ער כאַפּט די פּעק און לויפט שנעל אַראָפּ מיט זיינע דאַרע, לאַנגע פיס, איבער די עטלעכע און דרייסיק ברייטע, מאַרמאָרנע טרעפּ, טוט אַ וואָרף די פּעקלעך און ווערט נעלם... איידער מיר קומען נאָך צו זיך, קומט אָן די באַן, וואָס זעט אויס ווי אַ פאַריזער מעטראָ. די באַן טוט אַ פייף און אַנטלויפט און מיר בלייבן שטיין פאַרצווייפלט . . .

איך האָב שטאַרק מורא, אַז די שיף וועט נישט וואַרטן. וואָס וועט איצט זיין? עס קומט אָן אַ פרוי, קוקט אויף אונדז. זי זעט אַז מיר זיינען אין אַ פאַרלעגנהייט און נאָך פרעמדע דערצו — שטעלט זי זיך אַוועק קעגן אונדז, באַטראַכט מיין שרהן און פרעגט מיט אַ רחמנות־טאָן: — יו ספּיק אינגליש?

— אפילו יידיש אויך — זאָג איך. . .

ראָטערדאַם

אַ דאַנק דער עצה פון דער פרוי זיינען מיר מיט צוויי שעה שפּעטער אָנגעקומען קיין ראָטערדאַם.

דער זייגער איז געווען 10 אינדערפרי, האָבן מיר געהאַט דעם גאַנצן טאָג צו שפּאַצירן איבער דער פּראַכטפולער, אייגנאַרטיקער שטאָט. צופעליק באַגעגענען מיר אין אַ געשעפט אַ יידישע פרוי פון ראָטערדאַם און זי פאַרבעט די צוויי אַמעריקאַנער טוריסטן צו זיך אין הויז. ביי אַ גלעזל טיי שמועסן מיר וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פוילן. אין הויז, אין אַ גלעזערנער שאַפע, זעען מיר אויסגעשטעלט די ביכער: „אַ לאַמטערן פאַר ירחמיאלקען", „יידן אין האָלאַנד," „יידן אין אַמסטערדאַם", „די וועלט פון נעכטן", „די געשיכטע פון נעגער אין אַמעריקע", „די שטימע פון נעגערס", און אַ גרויסע צאָל ביכער פון יידישע קלאַסיקער און היינט־צייטיקע שרייבער.

מיר דריקן אויס אַ דאַנק צו דער סימפּאַטישער פרוי פאַר איר גאַסט־פריינטלעכקייט. זי איז אַ געראַטעוועטע פון היטלערס גיהנום. זי האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אין דייטשלאַנד און זי דערציילט אונדז ווי אַזוי אַ דייטשע פרוי האָט געראַטעוועט זי מיט איר טאָכטער.

די טאָכטער, באַשקע, וואָס האָט זיך געפונען אין הויז די גאַנצע צייט מיט אירע צוויי קינדער, איז צוזאַמען מיט אונדז אַראָפּ אין גאַס אונדז באַ־גלייטן. ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און זיך אומגעקוקט, האָבן מיר געזען ווי זי שטייט נאָך און וואַרפט אונדז צו קושן פון וויטנס.

ראָטערדאַם איז אַן אינטערעסאַנטע שטאָט. עס שימערירט אין יעדן ווינקעלע. דאָס איז די צווייטע גרעסטע שטאָט פון לאַנד. איר ווערט ממש אַנטציקט פון דער שיינקייט און ריינקייט פון דער שטאָט.

אין 1940 איז די שטאָט באָמבאַדירט געוואָרן פון דער נאַצישער לופט־וואָפע, וואָס האָט חרוב געמאַכט די שטאָט, צעשטערט העכער דרייסיק טויזנט הייזער, שולן, קירכן, פאַבריקן און מאָנומענטן.

מיר שפּאַצירן איבער דער שטאָט און באַוואונדערן דעם „טאַון־האָל", וועלכער איז געבויט אין רענעסאַנס־סטיל. מיר זעען אַ נייע שטאָט, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַש.

ראָטערדאַם איז אַמאָל געווען אַ דאָרף פון פישערלייט און דאָרפס־מענטשן. די שטאָט, ווי דאָס גאַנצע לאַנד, האָט אַלע יאָרן געליטן פון פרעמדע אַריינדרינגער, ווי אירע שכנישע לענדלעך, וואָס האָבן נישט געקאָנט געבן קיין ווידערשטאַנד די שווער־באַוואָפנדע פרעמדע חילות.

אין ראָטערדאַם באַגעגנט זיך דער טייך רהיין און דער מויז. ביי דעם געבורט פון דער שטאָט האָבן זיך די פישערלייט באַשעפטיקט מיט פלאַקס און הערינג. די טייכן זיינען געווען ברייט און טיף און האָבן געגעבן חיונה די פישער־מענטשן מיט זייערע פאַמיליעס.

עס איז צום באַוואונדערן דעם געבוי, די סטילן און די אייגנאַרטיקייט פון די הייזער. דאָס זיינען הייזער פון רויטע, קופער־קאָלירטע ציגל, געבויט אין דער ברייט און ניט ווי די הויכע מויערן אין אַלע אַנדערע לענדער.

ראָטערדאַם פאַרמאָגט אַ שלל מיט היסטאָרישע מאָנומענטן. די שטאָט איז רייך מיט מוזעאומס, היסטאָרישע פּאַלאַצן פון קיניגן, פּרינצן, פּרינצע־סינס, „שלעסער" און פעסטונגען, וואָס זיינען רעסטאַווּרירט געוואָרן נאָך דער מפּלה פון היטלעריזם.

די ראָטערדאַמער האָבן ליב מענטשן. זיי האָבן אויך ליב ביכער, קונסט, מוראַלן, פּלאַסטישע קונסט, און די נאַטור־שיינקייט פון לאַנד.

ביז היינט דערציילט מען נאָך, ווי אַזוי קונסט־הענדלער האָבן אָפּגענאַרט דעם גרויסן מייסטער רעמבראַנדט. זיי האָבן אָפּגעקויפט ביי אים זיינע מייסטער־ווערק פאַר אַ שיבוש, און ער אַליין האָט געלעבט אַלע זיינע יאָרן אין גרויס אָרעמקייט.

איר גייט אין גאַס און גאַפט פון אַלץ וואָס איר זעט און פון אַלץ וואָס קומט אייך אַנטקעגן. מערסטנס באַוואונדערט איר די געמיטלעכקייט פון די מענטשן.

אויפן דאַך פון „טאַון־האָל" נעסטן זיך באַטשאַנעס. זיי קומען אַהער די לעצטע פיר הונדער יאָר אין חודש מערץ. ווען מיר זיינען אַהער אָנגעקומען, האָט די יידישע געמיינדע אָפּגעמערקט מיט אַ גרויסער פייערונג און ספּעציעלער אויסשטעלונג דעם 1400 יאָריקן יובילײ, געווידמעט דער געשיכטע פון יידן אין ראָטערדאַם, וואָס האָבן דאָרט גרויס אָנזען. דער יידישער ישוב איז ווי אַ שפּיגל, איינגעראַמט אין דער קאָנסטרוקציע פון דעם אַלגע־מיינעם לעבן פון לאַנד.

לאָס אַנדזשעלעס

ווען האָליוואָוד איז געווען אַ ווילדערניש

די געשיכטע דערציילט, אַז לאָס אַנדזשעלעס און האָליוואָוד ווערן צוגערעכנט צו דער אייז־עפּאָכע, ווי עס ווייזן סימנים אין הענקאָק פּאַרק: די „טאַר פּיטס" (סמאָלע גריבער).

לויט דער מיינונג פון געאָלאָגן האָבן מיט אַ האַלבן מיליאָן יאָר צוריק געלעבט חיות אין דער געגנט און זייערע סקעלעטן ווייזן שפּורן פון די פּרע־היסטאָרישע צייטן.

אין די טיפע „טאַר־פּיטס", וואָס זיינען איצט אַרומגעצוימט, האָט מען געפונען סקעלעטן פון בערן, וועלף, ריזיקע לייבן, אייזלען, וועלכע זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן. עס זיינען אויך געפונען געוואָרן די ביינער פון אַ „סלאָט", אַ דרום־אַמעריקאַנער זויג־חיה וואָס האָט געלעבט אויף בוימער און געקראָכן ווי אַ טשערעפּאַכע. מ'האָט אויך געפונען אַ „באַיסאָן"— דאָס איז אַ ווילדער הארבאָטער אָקס — און אַנדערע באַשעפענישן פון דער אור־אַלטער עפּאָכע. זיי זיינען אַלע אומגעקומען.

ניט ווייט פון די „פּיטס" איז געווען וואַסער, וואו חיות פלעגן קומען זיך אָנטרינקען און האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין די סמאָלע־גריבער אָדער זיינען פאַרצוקט געוואָרן.

האָליוואָוד איז איצט אַ שטאָט וואו עס לעבן אַ פערטל מיליאָן מענטשן. זייער אָפט וועט איר זען ווי די פילם־סטודיאָס שיקן אַרויס זייערע אַפּאַראַטן אין די בערג, אין אַ זייטיק עקזאָטיש געסל, אין אַ פּאַרק אָדער אויף אַ „לאָט" (אַ ליידיק שטיק באָדן) וואו עס ווערט אויפגעשטעלט אַ גאַנץ טעאַטער און עס ווערט „געשאָסן" (פילמירט) סצענעס.

די גאַסן ווערן אָפּגעצוימט. דער נייגעריקער עולם זעט זיך צום ערשטן מאָל פּנים־אל־פּנים מיט די שטערן פון דער טעאַטער־וועלט. צו אַזעלכע סצענעס קומען ניט די סאַמע באַרימטסטע שטערן. זייערע סצענעס ווערן פילמירט אין דער סטודיאָ, אויף פּרעריעס און אָפט גאָר אין אויסלאַנד, וואו עס ווערן פּראָדוצירט היסטאָרישע פילמען פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע.

מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק האָבן אין האָליוואָוד, צווישן בערג, געלעבט מאַסן אינדיאַנער. ווען די אינדיאַנער האָבן פאַרלאָזט די בערג און טאָלן, זיינען מיט הונדערט יאָר צוריק געקומען פאַרמערס און אויף אַ פּרימי־טיוון אופן גענומען אַנטוויקלען אויף ריזיקע שטרעקעס אַן אַגריקולטור־געגנט.

אין יענער צייט איז האָליוואָוד געווען אַ ווילדערניש און שפּעטער— אַ שטאָט פאַר זיך, וואו עס האָבן זיך געפּאַשעט שעפּסן, ציגן, וואָס זיינען פריי אַרומגעלאָפן און זיינען אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסל וואַסער. ערשט מיט 60

יאָר צוריק איז האָליוואוד געוואָרן אַ טייל פון לאָס אַנדזשעלעס. ס'איז אָבער געבליבן דער נאָמען האָליוואוד, וואָס לאָקט יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע חלומען אַז אויך זייערע נעמען וועלן אַמאָל גלאַנצן.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געקומען דער „בום". צוזאַמען מיטן ערשטן פּראָדיוסער, סעסיל ב. דע מיל, האָבן זיך באַוויזן אַ ריי אַנדערע אונטערנעמער, וועלכע האָבן באַצייטנס אויסגערעכנט, אַז האָליוואוד וועט מאַכן געשיכטע...

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך באַוויזן די באַרימט־געוואָרענע פילם־שטערן (סטאַרס) ווי דאַגלאַס פעירבענקס, העראָלד לאָיד, רודאָלף וואַלענטינאָ, גלאָריאַ סוואַנסאָן, און מערי פּיקפאָרד, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אונטער־געשריבן אַ קאָנטראַקט פאַר הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר...

אויפן שטייגער פון אַמפי־טעאַטערס אין גריכנלאַנד און איטאַליע, זיינען דאָ געבויט געוואָרן דער „האָליוואוד באָול", דער „גריק טעאַטער" און דער „פּילגרים", וועלכע געפינען זיך צווישן הויכע בערג און טאָלן.

מיט 75 יאָר צוריק איז אויף פּראָספּעקט עוועניו, איצט האָליוואוד בולוואַרד, געלאָפן אַ באַן צווישן געדיכטע קוסטעס און אָראַנדזש־בוימער.

דער מילדער קלימאַט — די זון האָט געשיינט יעדן טאָג דורכן גאַנצן יאָר — האָט צוגעצויגן אַרבעטלאָזע, היימלאָזע, אָרימע מענטשן. זייער חשבון איז געווען אַז דאָ קאָן מען זיך באַגיין אָן אַ דאַך איבער'ן קאָפּ...

ווען ס'איז אָנגעגאַנגען דער „בום" פון די פילמען, זיינען הונדערטער היימען אין פאַנטאַסטישע סטילן אויפגעבוט געוואָרן צווישן בערג, טאָלן און וועלדער, אין דער געגנט וואו איך וואוין, לעבן גאָוער און סאַנסעט בולוואַרד, איז אין אַ שעבק איינגעאָרדנט געוואָרן די ערשטע פילם־סטודיאָ.

לאַנג־יאָריקע איינוואוינער דערציילן, אַז אַרום די האָליוואודער גאַסן זיינען געוואַקסן ציטרוס־פּרוכטן און הינטער יעדן הויז זיינען געווען אָראַנדזש און פייגן־בוימער. די געשיכטע דערציילט אויך, אַז ווען די אינדיאַנער האָבן פאַרלאָזט די בערג און טאָלן, זיינען געקומען שפּאַניער און „וועסטערנערס" (איינוואוינער פון מערב־געגנט) וועלכע האָבן זיך געיאָגט נאָך גאָלד. פון אַ דאָרף, איז האָליוואוד מיט דער צייט געוואָרן אַ שטאָט פאַר זיך, איידער זי איז „איינגעשלונגען" געוואָרן פון לאָס אַנדזשעלעס.

אין יענער צייט איז מען באַשטראָפט געוואָרן ווען מ'איז געפאָרן שנעלער ווי 10־15 מייל מיט פערד און וואָגן אָדער מיט אַ „פאָרדל".

די פילמס, ווי די פאַרוויילונגס־אינדוסטריע בכלל, האָבן איצט פאַרלוירן דעם רייץ און גלאַנץ. טויזנטער אַרטיסטן, זינגער, טענצער, בינע־אַרבעטער, טעכניקער — אָן ערך פינף טויזנט — זיינען אַרבעטלאָז. האָליוואוד איז ניט מער בלויז אַ צענטער פון פאַרוויילונג־אינדוסטריע. דאָ זיינען די לעצטע יאָרן אויך אויפגעשטעלט געוואָרן פאַבריקן פאַר מלחמה־צוועקן. פונדעסטוועגן

פון די נאָענט צו הונדערט טעלעוויזיע־און־פילם־סטודיאָס, גרויסע און קלע־נערע, געפינען זיך פּופּציק נאָך אַלץ אין האָליוואוד.

די פּוסטריט פון פופצן הונדערט באַרימטע סטאַרס זיינען איינגראַווירט אין „וואָרק אָוו פעים" אויף די טראָטואַרן, וואו מענטשן שפּאַצירן. ווי עס ווערט איבערגעגעבן, וואַרטן איצט אויף דעם כבוד נאָך טויזנט באַרימטקייטן.

צווישן די טויזנטער האָטעלן און מאָטעלן, וואָס זיינען איינגעאָרדנט מיט די טייערסטע מעבל און לוקסעריעזע טעפּיכער, קאָן מען נאָך געפינען גענוג אַלטע, איינגעהויקערטע הייזקעס, וואָס געהערן צו בענק און ריעל־עסט׳יט פירמעס. יעדער שפּאַן ערד קאָסט אַ מאַיאָנטעק. אַזוי איז האָליוואוד, וואָס איז 65 יאָר געווען אַ דאָרף, געוואָרן מיט דער צייט וועלט־באַרימט. ס׳איז דאָס אָרט, וואו אַ סך יונגע מענטשן וואַרטן אויף אַ נס — און וואו חלומות ווערן צערונען...

ס׳איז פאַרשוואונדן אין האָליוואוד דער פאַנטאַסטישער פעריאָד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פון 1930 בי׳ן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. נאָענט צו טויזנט פילמען זיינען פּראָדוצירט געוואָרן יערלעך. איצט איז אַריינגעקומען אויסלענדישע קאָנקורענץ, מיט בעסערע פילמען.

דער אַלטער אַקטיאָר, אַרט מעריק, דערציילט מיר, אַז אין „יענע יאָרן" זיינען צווישן אַקטיאָרן „פאַרגעמבלט" געוואָרן יערלעך הונדערטער טויזנטער דאָלער. באַרימטע אַקטיאָרן האָבן געטראָגן העמדער פאַר פופציק דאָלער אַ שטיק. געווען אַקטיאָרן וואָס האָבן אין פּראָנט פון זייערע פּאַלאַצן זיך געלאָזט איינאָרדענען נעאָן־ליכט, וואָס האָבן געפינקלט מיט זייערע נעמען. אַנדערע האָבן געטריבן ספּעציעלע 16־סילינדער קאַדילאַקס. די מאַגנאַטן האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטרענגן קאָנטראָל איבער די פילמס און זיי באַגרעניצט צו באַשטימטע טעאַטערס. קיין אַנדער טעאַטער האָט זיי ניט באַקומען ביז די פילמס זיינען געוואָרן „אויסגעשפּילט"...

עס פעלן די ערנסטע סצענאַריאָ־שרייבער מיט אַ חוש פאַר צייט־פּראָגן. אפילו די „אָסקאַר"־ספּעקטאַקלען האָבן פאַרלוירן דעם גלאַנץ. די אַקטיאָרן רעדן צווישן זיך, אַז די „אַקאַדעמי אַוואָרד"־צערעמאָניעס זיינען געוואָרן אַ ספּעקטאַקל פאַר דער טעלעוויזיע. „יאָ — זאָגט דער וועטעראַן — די אַלטע גוטע צייטן זיינען אַוועק צוזאַמען מיט דרך־ארץ וואָס דער טעאַטער־גייער האָט אַרויסגעוויזן צו די אַרטיסטן. געבליבן זיינען, נאָך מער ווי אַמאָל, די סקאַנדאַלן, דאָס אומווירדיקע, וואָס פאַרלויפט זיך הינטער די קוליסן."..

איר גייט היינט אַריין אין אַ קאַפע וואו עס קומען זיך צוזאַמען די אַלטע אַרבעטלאָזע אַקטיאָרן און איר הערט ווי זיי ריידן מיט בענקשאַפט פון דעם „אַמאָל" ווען אַן אַקטיאָר האָט פאַרדינט 10־15 דאָלער אַ טאָג. אַריינגיין אין אַ מואווי האָט געקאָסט 10־15 סענט.

מיר זיינען אריין אין אן אלטער הויז, וואו עס האט אמאל געלעבט א באַרימטע אַקטריסע. אויף די ווענט האט זיך נאך אנגעזען צוויי אפגעריסענע מיוראלן (וואַנט־מאַלערייען) פון אַ באַקאַנטן קינסטלער, זיי זיינען אמאל באַלויכטן געוואָרן פון אינעווייניק מיט עלעקטרישע לעמפלעך אין פיל־פאַרביקע קאָלירן. איצט וואַרט דאָס הויז, אַז אַ שענערע געביידע זאל פאַר־נעמען איר פלאַץ.

עס וואוינט דאַ איצט אויך אַ געוועזענע אַקטריסע. אויפ'ן טישל שטייען עטלעכע פרישע רויזן, דורכ'ן קליינעם אָפענעם פענצטערל קומט אַריין אַ מאַטע זון. אַ שיין אימפּאָרטירט קעצל לאַשטשעט זיך און „רעדט" צו די אַריינגעקומענע געסט: „מיאַו... מיאַו"...

די ווענט זיינען געווען באַקלעפּט מיט בילדער פון פאַרוויילער אין פאַרשיידענע פּאָזעס. איצט איז די אַקטריסע אַליין. זי באַוועגט זיך שווער. שטריכן פון אַמאָל זיינען נאָך פאַרבליבן.

אין פּאָדערצימער לעבן דער שלאָפּבאַנק איז געשטאַנען אַ קאַסטבאַר מאַרמאָר־טישל וואו עס איז געלעגן אַן אָפּן־בוך, „דאָס איינזאַמע לעבן פון בעטי דעיוויס"... דאָס בוך איז געווען פול מיט פאָטאָגראַפיעס. דאָס בוך דערציילט: דאָס לעבן פון בעטי דעיוויס איז געווען שווער. זעקס מאָל חתונה געהאַט, אָפט האָט אין איר לעבן אַ נס פּאַסירט. אין אירע שווערסטע מאָמענטן איז זי אַליין בייגעקומען. זי האָט געהאַט אַ שוועסטער רוט, וועלכע האָט בעטין אַרויסגעראַטעוועט. אָבער די געוועזענע אַקטריסע האָט ניט ווער עס זאל זי ראַטעווען, לאַכט זי מיט גאַל. ביז היינט צו טאָג ציט נאָך די מיידלעך און יונגעלייט צו דעם אויסגעחלומטן האָליוואָוד. זיי קומען און ווערן פאַרלוירן, וואַנדערן אַרום פון איין אַגענט צום צווייטן, גיבן אויס די לעצטע סענטן. שפּעטער שפּאַרן זיי אָן אין אַ רעסטאָראַן, אין אַן אָפיס, אַמאָל איז אַ נאַכט־קלוב און וואַרטן, אפשר?...

פּאָר סטאַרס פון אַמאָל, די וועלכע האָבן זיך באַרימט געמאַכט אין זייער צייט, איז ערשט די לעצטע יאָרן געוואָרן אַ „וואַקס מוזיי", זיי ווערן פאַראייביקט... דאָרט קען מען זען אין זייער גאַנצער גרויס טשאַרלי טשאַפּלין, מערי פּיקפאָרד, מערעלין מאָנראָו, גערי קופּער, קעטרין העפּבורין, האַמפרי באָגאַרט, שוירלי טעמפּל, עטל באַרימאָר. זיי זיינען אויסגעשטעלט אין זייער פולער פּראַכט אין בוענאַ פּאַרק, לעבן „נאַטס בערי פאַרם."

מיט יאָרן צוריק פלעגן אַקטיאָרן שפּילן געוואַגטע און געפערלעכע סצענעס, וואו דאָס לעבן איז געווען איינגעשטעלט. היינט באַנוצט מען זיך מיט „דאַבלס". אויב איר זעט ווי איינער פאַלט פון אַ ריזיקער הויך, ווען אַ גאַס ברענט, אָדער אַ מענטש פאַלט פון אַ שיף אין ים, גליטשט זיך פון העכסטן שניי־באַרג, און צענדליקער אַנדערע פאַנטאַסטישע קונצן, איז עס די אַרבעט פון „דאַבלס".

געוועזן צייטן ווען האָליוואוד האָט פּראָדוצירט אַ סך גוטע פילמס מיט מענטשלעכן אינהאַלט. היינט זיינען די מערסטע מואָוויס אַנטי־מענטשלעך, אַנטי־סאָציאַל. איז דעריבער ניט קיין וואונדער וואָס די אויסלענדישע פילמס האָבן אַ גרויסן דערפאָלג ביי סענסיטיווע צושויער.

האָליוואוד איז אַ ריזיקער, קאָכיקער קעסל, אַ לאַבאָראַטאָריע. דאָ ווערן געמאַכט פאַרשיידענע עקספּערימענטן. דאָ ווערן קאַריערע־זוכער אַפּט צעריבן ווי אויף מילשטיינער. דער פאַלשער גלאַנץ פירט אַוועק יוגנטלעכע אויף זייטיקע וועגן.

דאָס הויז פון דער אויסגעדינטער אַקטריסע אויף אַ בערגל, איז שטיל ווי אין אַ קליין פאַרוואָרפן דערפל. זעלטן אַז אַן אויטאָמאָביל פאָרט פאַרביי. איצט אין פרילינג, זעט עס אויס אידיליש. אַ גאַס ווייטער שטייען שטאַרקע ביימער מיט געדיכטע צווייגן. די גרינע, גרויסע בלעטער פאַרשטעלן די זון, נאָר שטראַלן רייסן זיך דורך. אויף איין רייע ביימער וואַקסן ווייסע, ראָזעווע און פורפּורנע בלומען. ווען די גרויסע קנאָספּן עפענען זיך, ציען זיי צו דאָס אויג.

אַנטקעגן איז אָנגעקומען אַ נעגער־פרוי. זי איז געווען הויך, שלאַנק, ניט יונג. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסער קלייד, אַ ווייסן הוט מיט אַ ברייטע ראַנד. זי איז געגאַנגען אַ ביסל אומרואיק.

מיר זיינען אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס. פּלוצים איז אָנגעפאָרן אַ גרויסער אויטאָמאָביל פול מיט מענטשן.

ווען די פרוי האָט זיך דערנענטערט, איז דער אויטאָמאָביל געבליבן שטיין. די טירן האָבן זיך געעפנט, ס'איז אַרויס אַ שטאַלטנע פרוי, נאָך איר — אַ בחור און אַ מיידל. די נעגער־פרוי האָט, אַן אויפגעלויכטענע, געמאַכט פון אירע הענט אַ האַלבע ראָד, און די מוטער מיט די קינדער זיינען מיט גרויס פרייד אַריינגעפאַלן אין אירע אָרעמס, זיך האַרציק געהאַלדזט. די סצענע האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע מינוט.

דער אויטאָמאָביל איז אַוועקגעפאָרן. די נעגער־פרוי האָט אָפּגעווישט מיט די ווייסע הענטשקעס אַ טרער...

איך האָב פאַרהאַלטן די פרוי:

— אַנטשולדיקט — האָב איך געזאָגט — פאַרוואָס אַזאַ באַגעגעניש?

זי האָט געענטפערט:

— ביי דער פרויס עלטערן האָב איך אויסגעהאָדעוועט די קינדער. ווען זי האָט חתונה געהאַט האָב איך אירע קינדער דערצויגן. דאָס איז אַ זעלטענע פאַמיליע פון טעאַטער־מענטשן. איצט אַרבעט איך ניט מער, אָבער פריינט זיינען מיר פאַרבליבן. ווען זיי פאָרן ערגעץ, שרייבן זיי צו מיר. איצט זיינען זיי צוריקגעקומען פון אַ ווייטער רייזע און מיר געלאָזט וויסן וואו מיר וועלן זיך באַגעגענען. איר זעט די פיינע מתנות וואָס די קינדער האָבן מיר

געבראַכט? שוין העכער דרייסיק יאָר ווי עס האַלט אַן די נאָענטקייט. אַ סך פּאַסירונגען זיינען פאַרביי, פרייד און טרויער האָבן זיך געמישט אין מיין לעבן און אויך אין זייערן. אַלץ איז אַוועק אָבער די פריינטשאַפט איז פאַרבליבן.״

אין שאָטן פון האָליוואָוד

דאָ געסל וואו איך וואוין איז אַלט, אָפּגעלאָזן. עס פּאַסט גאָר ניט, אַז עס זאָל איינשטיין אין האָליוואָוד. דאָס איז אַ געסל פון קליינע הילצערנע הייזקעס, וואָס שטייען אויף ביידע זייטן גאַס, אָן קאָליר פון לעבן. איין זייט גאַס גייט אַרויס צו דעם בית־עולם וואו עס שטייט די מצבה פון פּרץ הירשביין, דאָס קעסטעלע אַש פון יוסף קאַראַבעלאַ, דאָ, אויף דעם אָפּגעהיטן האָלי־וואודער בית־עולם געפינען זיך אויך די מצבות פון נעיטן קרופּין, קלמן מרמר, און פיל אַנדערע פון אונדזער דור.

איין מאָל אַ יאָר, מעמאָריעל־דעי, קומען הונדערטער מענטשן, טראָגן בלומען צו מצבות פון אָפּיצערן וועלכע ליגן אונטער אַנטיקן־שטיינער און פון איינפאַכע סאָלדאַטן, וואָס ליגן אונטער שוואַרצע גראַניט־שטיינער, אויף וועלכע מאַמעס האָבן מיט אויסגעקריצטע ווערטער באַוויינט זייערע אומ־געקומענע קינדער...

עס ווערן אויסגעשטעלט הונדערטער בענקלעך. וועטעראַנען קומען מיט זייערע ביקסן, שיסן אויס דריי מאָל אין דער הויך, צום הימל; דער קאָמאַנ־דיר פון פּאָסט 113 זאָגט אַ לויב די געפאַלענע. גייסטלעכע האַלטן דרשות. פּאָליטישנס לויבן די טויטע פאַר זייער פּאַטריאָטיזם. אַן אַמעריקאַנער־יידישער שוישפּילער, נאָך גאָר יונג אָבער שוין באַוואוסט, דערציילט, אַז ער איז ערשט מיט צוויי טעג פריער צוריקגעקומען פון אַ רייזע אַרום דריי פערטל פון דער וועלט; געווען אין יאַפּאַן, פאָרמאָזאַ, קאָרייע, וויעטנאַם און וואו די וועלט האָט אַן עק. ער האָט געבראַכט אַ ביסעלע פרייד אויף די שלאַכט־פעלדער, צו די צענדליקער טויזנטער, וואָס ליגן אין די שפּיטאָלן, פאַרוואונ־דעטע, פאַרקריפּלטע, מיט אָפּגעשאָסענע גלידער.

ער איז ניט קיין פּאָליטיקער, זאָגט ער דעם פאַרזאַמלטן עולם. ער איז נאָך צו יונג, לאָזט ער וויסן: „איך בין אַן אַרטיסט. עס איז מיין אויפגאַבע צו פאַרטעסטירן קעגן די גרויזאַמקייטן פון מלחמות, און ברענגען אַ ביסל פרייד צו די יונגע 17־18 יאָריקע מענער. איך זאָג ׳מענער׳— ניט ׳באָיס׳,

און ניט 'קידס', ווייל כאַטש עס ליגט נאָך אויף זייערע ליפּן דער מאַמעס מילך, זיינען זיי שוין רייפע מענער, וואָס פרעגן: וואָס טוען מיר אין אַ פאַר־ווייסט לאַנד וואו מען האָט אונדז פיינט? זיי ווילן ניט, אַז מיר זאָלן זיי ראַטע־ווען פון קאָמוניזם"...

היינט איז גאָר שטיל אין מיין געסל, עס איז שטיל ווי אין אַ דאָרף, נאָר הענער קרייען ניט, קיין הינט בילן ניט, קיין גענדז גאָגערן ניט. און עפּעס זאָגן היינט גאַנץ פרי די פייגל אין נעסטן אויפגעהערט זינגען. ווייזט אויס, אַז אויך זיי גיבן אָפּ כּבוד די טויטע — מיט שווייגן.

דער באַוואוסטער פילם־אַרטיסט ל. פּ. האָט געזאָגט: „איך בין אַ ייד."
ער האָט גערעדט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע, געוויינט אויף דעם גורל פון יונגע מענער, וועלכע האָבן געהאַט נאָר איין לעבן, און דאָס אַוועק־געגעבן אין דער אומזיניקער מלחמה אין וויעטנאַם. זיי האָבן נאָך ניט געלעבט, און שוין זיינען זייערע לעבנס אויסגעלאָשן געוואָרן. טרערן האָבן אים געשטיקט.

פּאַראַפראַזירנדיק שעקספּירן האָט ער געזאָגט:
„די וועלט איז אַ בינע און דער מענטש שפּילט פאַרשיידענע ראָלן. די טראַגישסטע ראָל ווערט איצט געשפּילט אין וויעטנאַם."

די טיף־גערירטע צוהערער האָבן אויסגעדריקט זייערע געפילן מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן.

אויפן בית־עולם שמעקט מיט פריש־געשניטן גראָז. מענטשן טראָגן קאָלירטע, לעבעדיקע בלומען צו די קברים. עמיצער ליגט אָנגעשפּאַרט אויף אַ מצבה און שפּעטשעט.

מיט געבויגענע קעפּ גייט מען זיך פאַנאַנדער אין שטיל־שווייגן.

איך גיי צוריק צו מיין געסל וואו עס וואוינען פאַרשיידנאַרטיקע פעל־קערשאַפטן. דאָ און דאָרט הענגט עמיצער אַרויס די אַמעריקאַנער פאָן.

עס באַגלייטן מיך די ווערטער פון דעם יונגן יידישן אַרטיסט:

„היינט גיבן מיר אָפּ כּבוד די 36 טויזנט געפאַלענע אין וויעטנאַם — און אין אַלע אַנדערע מלחמות. וויעטנאַם איז פאַרוויסט און דאָס פאָלק איז ביי און אָרעם. וואָס האָבן מיר צו זיי?"

דער בית־עולם איז געוואָרן אויפגערוימט, אויסגעקערט. דאָס פעלד איז געוואָרן איין ריזיקער, גרויסער, גרינער טעפּיך. דער אַריינפאָר דורך אַ פאַראַדנעם טויער, איז געווען באַצירט מיט גאָלדענע אָרנאַמענטן.

אַ קלאָרער זוניקער הימל האָט אַרומגענומען די צפון־בערג. נישט ווייט אַוועק, אין טאָל, שוין פון יענער זייט בית־עולם, איז געפלאָסן אַ פאַר־שלאָפן טייכל. שטיל, קלאָר און ווי דער הימל בלאָ.

דאָ און דאָרט זיינען געשטאַנען מענטשן צוזאַמענגעדריקט, מיט טריבע אויגן. עמיצער האָט געשעפּטשעט אַ תפילה און געזאָגט: „היינט איז די

ערשטע יאָרצייט ווי דער לייטענאַנט בערנאַרד זיגלער איז דאָ באַערדיקט געוואָרן." מען איז געקומען אויפֿדעקן די מצבה, וואו מיט גאָלדענע אותיות איז אויסגעקריצט: „געבוירן 1949, געפֿאַלן אין וויעטנאַם 1968."

אַ פֿרוי אין טרויער־קליידער מיט אַ האַרצרייסנדיקן קול האָט אויס־געשריען: „נאָך גאַרנישט געלעבט און געשטאָרבן."

די נאָענטע מענטשן האָט מען פֿאַרבעטן אין הויז צו דער מאַמען. אַ רעליגיעזער מענטש האָט דאָרט גערעדט מיט געפֿליגלטע ווערטער, באַנוצט די שענסטע פּסוקים פֿון טרייסט. אַ טיש איז געווען צוגעגרייט. די מאַמע איז געזעסן אין אַ ווינקל, געקוקט צו די שאַנק־ביכער פֿון איר זון, געווישט די טרערן, וואָס האָבן גערונען פֿון זיך אַליין, געטייטלט מיט די פֿינגער אויפֿן בילד, וואָס איז געשטאַנען אין גאָלדענער ראַם, אויפֿן קאָמאָד אַנטקעגן בעט. אַ בוים פֿול מיט בליאונג האָט אַריינגעקוקט אין פֿענצטער. עמיצער האָט אַ זאָג געטאָן: „דער וואָס לעבט וויל נישט זאָרגן. היינט לעבט ער און אויס קאָן זיין מאָרגן"... דאָס בילד פֿון לייטענאַנט אויף דעם שפּיגל־קאָמאָד האָט געקוקט מיט אָפֿענע, מילדע אויגן. ווען ער קאָן ריידן, וואָלט ער צוגעשטימט.

איז די שמועסן האָט הערשל דערציילט: „ווען מען האָט אַוועקגעשיקט מיין קוזין קיין וויעטנאַם, האָט ער איבערגעלאָזט אַ פֿרוי מיט אַ קראַנקער מאַמע, אַ „דזשאָב", אַן אייגן הויז. אַ יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פֿאַרבייטן לאָך אין קאָפּ. פּלוצים האָט ער גענומען שיכורן און האָט אַלץ פֿאַרשפּילט. ער איז געבליבן אָדם נאַקעט אָן אַ פֿעני געלט."

שקיעה־צייט האָט דער עולם גענומען פֿאַרלאָזן דאָס הויז. געציילטע מענטשן זיינען פֿאַרבליבן, אַלץ גערעדט וועגן וויעטנאַם, אַז קיינער ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. די מאַמע פֿון געפֿאַלענעם לייטענאַנט האָט געוויזן בריוו, וואו ער האָט געשריבן:

„מיר וועלן קיינמאָל נישט אַרויס פֿון וויעטנאַם מיט אַ זיג. ס'איז דאָ אַן ערנסט פּראָבלעם — די סאַיגאָן־זעלנער דעזערטירן אין די טויזנטער־זיי אַנטלויפֿן צו די וויעטקאָנג, און אַנדערע באַהאַלטן זיך אויס אין שטאָט און אין הינטערלאַנד. די „בודיסטן" העלפֿן זיי, ווייל זיי ווילן נישט די רעגירונג און ווילן נישט די מלחמה. מאַמע! דו שרייבסט מיר וועגן די סטודענטן־דעמאָנסטראַציעס — איך גיב זיי מיין בענטשונג. איך בעט דיך: וויז נישט קיינעם מיינע בריוו... מאַמע. גאַנץ דרום־וויעטנאַם איז איין גרוי־סער דזשונגל. קינדער בלאָנקען אַרום אין די טויזנטער, איבער אַלע וועגן און שטעגן. די קינדער האָבן נישט קיין טאַטעס, קיין מאַמעס, קיין שוועסטער, קיין קרובֿ. זיי זיינען אומגעקומען אויף די רייז־פֿעלדער. ס'איז אַ האַרץ־רייסנדיקער רחמנות. די קינדער וואַנדלען אַרום אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אויסגעדאַרט, געשוואָלן, נאַקעט, הונגעריק. אין סאַיגאָן גייט אָן אַ געפֿערלעכע פּראָסטיטוציע־האַנדל. די שטאָט איז פֿאַרפּלייצט מיט אָפּיום. דאָס מיליטער

ווערט פאַרדאָרבן. די זעלנער ווערן אָנגעשטעקט מיט ווענערישע קראַנקייטן. קינדער וואַקסן ווילד. סאַיגאָן לעבט אין שרעק און דאָס לאַנד איז וויסט און פינצטער.״

די מאַמע לאה זיגלער האָט פון בינטל געזאַמלטע בריוו, וואָס זיינען געווען זאָרגפעלטיק אַרומגעוויקלט מיט אַ קאָלירטע טאַשמע, אַרויסגענומען נאָך אַ בריוו און ווייטער גענומען לייענען:

„מאַמע טייערע. דו שרייבסט איך זאָל זיין אָפּגעהיט און בראַוו. דאָ ווערט מען אַ מערדער, מען הרגעט אומשולדיקע קינדער. זיי ווערן צעריסן פון די באָמבעס, וואָס פאַלן אויף זיי. מיר קומען אויך אום. אוי, מאַמע, זאָלסט זען וואָס דאָ קומט פאָר! מאַמע, אין יעדן ווינקל לויערט דער טויט. דאָס לעבן איז איינגעשטעלט. אפילו אין סאַיגאָן האָבן מיר מורא זיך צו באַוועגן פריי. דאָ וואו איך געפין זיך איצט גייט אָן אַ מוראדיקער קאַמף. עס רעגנט מיט פייער פון הימל. אין אַ פייער־לאַווע איז איינגעהילט די ערד און דער האָריזאָנט. איך קוש דיך. מער אין אַ צווייטן בריוו״...

דאָס איז געווען דער לעצטער בריוו . . .

דאָ איז נישטאָ קיין צעטיילונג: אַלע זיינען גלייך, נישטאָ אפילו קיין צוים. איין שפּאַן ווייטער ליגן די „האָליוואודער פּרינצן״, דאָ הייסט שוין ניט „בית החיים״, דאָ רופט עס זיך שוין: „האָליוואוד מעמאָריעל פּאַרק.״ מיר בלאָנקען אַרום צווישן די באַרימטע מענטשן, אַרטיסטן, וואָס האָליוואוד האָט אַרויסגעגעבן. עס קומט־צו צו מיר אַ יונגע פרוי מיט אַ קליין מיידעלע און זאָגט מיר:

„וויזיט אויס, אַז מיטן אַוועקגיין פון די ׳פּרינצן׳ און ׳פּרינצעסינס׳ איז אויך אַוועק דער גלאַנץ פון טעאַטער־פילמען.״

יאָ, דאָס ערלעכע, ראָמאַנטישע, דער גלאַנץ, פּראַכט, וואָס האָט באַהערשט האָליוואוד, איז אַוועק. די פרוי, וועלכע גייט מיט אונדז, איז שוין טיילוויז אַן אנערקענטע אַקטריסע. זי איז צום ערשטן מאָל אויף דעם בית־עולם; וויזט אויס, אַז זי וויל שעפּן אינספּיראַציע פון די „שטערן״ פון דער „גאָלדענער עפּאָכע.״ די מצבות און מאָנומענטן דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע פון די יאָלן, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין לעבן, און מענטשן קומען זעען די טויטע „שטערן״ און אויסדריקן באַדויער אויפן טויט פון די יונגע פילם־קינסטלער: רודאָלף וואַלענטינאָ, טייראָן פּאַוער, דאָגלאַס פייערבענקס, נעלסאָן עדי, מעריאָן דעיוויס, נאָרמאַ טאַלמעדזש, און פיל אַנדערע.

עס קומען מענטשן צו לייגן פרישע בלומען. זיי קומען ניט נאָר פון דער שטאָט און אומגעגנט; מען קומט פון אויסלאַנד צו באַטראַכטן די מאָנומענטן. זיי שטעלן אַוועק בוקעטן בלומען ביי די „שופלאָדן״ וואו עס ליגט זייער באַליבטער פילם־שטערן. יונג און אַלטריידן מיט בענקשאַפט וועגן זייער צויבער, זייערע אינטריגעס, חתונות און גטן, ליבע און האַס.

די ריזיקע מאָנומענטן, דאָס זיינען סימבאָלן פון די גרויסע ספּעקטאַק־לען, וואָס די אַרטיסטן האָבן געשפּילט אין זייער לעבן, און געשאַפן מיליאָנען פאַר זיך און פאַר די פּראָדוצירער פון „בלוט און זאַמד"... דאָ ליגן אויך גענעראַלן און מיליאָנערן, אָבער ניט צו זיי גייט מען אויף קבר־אבות, מען פרעגט זיך נאָך אַלץ „וואו געפינט זיך דער מאַוזאָליי פון רודאָלף וואַלענטינאָ, וואָס איז געשטאָרבן אין יאָר 1926, און מ׳גייט אויך צום קבר פון נעלסאָן עדי, וואָס האָט אין זיין צייט באַגייסטערט מיט זיין זינגען די יוגנט.

אַ קינד וויינט אין האָליוואוד...

דער פרימאָרגן איז געווען פאַרצאַרנט און פאַרכמורעט. אַ נאַסער, ווייסער טוי האָט באַדעקט די דעכער און גראָזן, ווי אַ דינינקער שניי וואָלט געפאַלן דורך דער נאַכט. די שטאָט איז געווען פאַרשלאָפן ווי אין אַ רו־טאָג. ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן דאָס הודזשען און זשומען, ווי אַלץ וואָלט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט און פלעגמאַטיש באַוועגט זיך. איך האָב פאַרגעסן, אַז דער טאָג הייבט זיך ערשט אָן...

באַלד האָבן זיך אַפּאַרטמענט־הייזער גענומען וועקן, טירן האָבן זיך אויפגעפּראַלט און מיט אַ טראַסק זיך פאַרמאַכט, ווי די מענטשן וואָלטן געווען פול מיט בייזקייט. זיי האָבן גענומען שנעל לויפן, ווער צו זייערע אויטאָס און ווער צו אַן אויטאָבוס, וואָס מען דאַרף כאַפּן צו דער סעקונדע...

אויף צעמענטענע, גלאַט געפלאַסטערטע טראָטואַרן, האָבן ריטמיש גע־קלאַפּט שווערע, שנעלע און דראָבנע טריט פון פרויאישע, הויכע, אייזערנע קלעצלעך, און שווערע טריט פון יונגע, מענערשע הויכע שיך און שטיוול.

פון לעינאַר גאַס, אין האָליוואוד, איז אַרויסגעקומען אַ פאַרשלאָפן בלאָנד מיידעלע פון אַ יאָר צען, געוויינט, געהעשט, אַזוי ווי אַ גרויס אומגליק וואָלט פּאַסירט. דאָס קינד איז געווען באָרוועס, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, געוויקלט אין לאַטעס און אין שמאַטעס.

אין דעם מאָמענט האָב איך געטראַכט, ווען מען נעמט דאָס קינד אַהיים און מען וואַשט דאָס אָרעם און מען טוט עס אָן אין אַ שיין קליידעלע, שיכעלעך, וואָלט זי געקענט זיין אין אַ שיינהייט־קאָנטעסט פאַר קינדער.

אירע אויגן זיינען געווען גרויס און ליכטיק; די בעקעלעך, דאַר און באַשאָטן מיט זומער־שפּרינקעלעך; דאָס פּנימל רונדיק און באַנעצט מיט

הייסע, ביטערע טרערן. ווען כ'בין פאַרביי, האָט דאָס קינד פאַר אַ מאָמענט אויפגעהערט כליפען, אַ בליק געטאָן אויף מיר, ווי זי וויל עפּעס פרעגן און זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער רויטער ציגל־וואַנט.

— וואָס וויינסטו אַזוי פרי? די פייגל שלאָפן נאָך.

— די מאַמע האָט מיך געשיקט קויפן אַ זעקל מעל. איך האָב געהאַט אַ האַלבן דאָלער. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס איז דער לעצטער האַלבער דאָלער וואָס האָט אַ „קענעדי קאָפּ". זי האָט געוואָלט קויפן מעל צו באַקן ברויט, בין איך געלאָפן און אים פאַרלוירן. „דער לעצטער סענט", האָט די מאַמע געזאָגט, ווען זי האָט מיר געגעבן דעם האַלבן דאָלער...

— ווי הייסטו ?

— דזשאָזעפּין.

— וואו וואוינט דיין מאַמע? וואו האָסטו געוואָלט קויפן מעל?

— אין רענטש מאַרקעט.

— ס'איז ווייט ?

— ניין, קום איך וועל דיך צופירן.

— זיי וועלן געבן אויף באָרג ?

— יאָ, אַז איך וועל זיי הייסן...

— איך גלויב ניט, די „סופּער־מאַרקעטס" באָרגן ניט.

— קום מיט מיר, איך וועל באַצאָלן.

דזשאָזעפּין האָט זיך שטאַרק צוגעטוליעט צו מיר ווי צו אַן אייגענעם. איך האָב איר וואָרעם געגלעט דאָס קאַלטנוואַטע קעפּל. דאָס קינד איז געוואָרן צופרידן און שטאַרק באַרעדעוודיק. זי האָט גענומען מיין האַנט אין איר הענטל. מיר זיינען אַריין אין מאַרקעט, עס איז געווען ליכטיק, טומלדיק. איין רעדזשיסטער האָט אָפּגעקלונגען 42 דאָלער, פון אַן עלטער, עלעגאַנטער פּאָרל, וואָס האָט איינגעקויפט, און די סחורה אַרויסגעפירט אויף צוויי וועגעלעך.

דזשאָזעפּין איז אַרומגעלאָפן איבערן מאַרקעט, אַלעס באַטאַפּט, און געוואָלט איינשלינגען די עפּל, באַרנעס, שאָקאָלאַדע, קיכלעך, אַלץ, אַלץ. זי ווייסט אָבער אַז מ'טאָר נישט... דאָס קינד האָט געהאַלטן אין איין ריידן און דערציילן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אַרויפגעקוקט צו מיר יעדעס מאָל ווען זי האָט באַרירט אַ פרוכט, וואָס מען קאָן איינבייסן...

אײ־ע קינדערשע אויגן זיינען געוואָרן גרעסער, די טרערן אויסגעטריקנט, די בעקעלעך האָבן באַקומען פאַרב, זי האָט גערעדט מיט אַנגסט און פרייד... איך האָב געקויפט אַ זעקל מעל, אַ פּאָר זעמל און בין אַרויס פון מאַרקעט.

דעם גאַנצן טאָג האָט דזשאָזעפּין גענומען דערציילן אַלץ וואָס זי האָט געדענקט, דערציילט מיט נאַאיוויטעט און קינדערשן חן.

— מיט פיר וואָכן צוריק איז מען אַרויסגעפאָרן פון פּאַרט עמבוי, אין אַ לאַנגן, גרויסן, פאַרמאַכטן טראָק. — אָט אַזוי לאַנג, ווי אַ האַלבע גאַס איז

ער געווען — ציט זי אויס די הענטעלעך. צוויי וואָכן איז מען געפאָרן, שיעור פאַרפֿרוירן געוואָרן.

— וויפֿיל זייט איר געפאָרן צוזאַמען?

— פּאַפּאַ, מאַמאַ, און זיבן מיט אַ האַלב שוועסטער און ברידער.

— אַ האַלב קינד?

— יאָ, אַזוי זאָגט די מאַמע, ס'איז ערשט אַ האַלב קינד, דאַרף עס נאָך ניט עסן... אָבער די מאַמע זאָרגט זיך, אַז זי האָט ניט וואו צו האַלטן דאָס קינד; ניטאָ קיין וויגעלע.

דזשאָזעפֿין האָט גערעדט אָן אַן אָפּשטעל, זי האָט דערציילט, אַז דער טאַטע האָט געהאַט הונדערט דאָלער און די מאַשין האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט... נאָך אַ גליק וואָס די מאַמע האָט געהאַט באַהאַלטן אַ ביסל געלט, זיינען מיר מיט צוויי וואָכן צוריק אָנגעקומען.

— מיין עלטסטע שוועסטער איז אַ „בעיבי־סיטער" אין האָליוואוד. זי האָט צוויי הינט און אַ קינד... וואו איז האָליוואוד?

— דאָ וואו מיר גייען איצט איז האָליוואוד.

דזשאָזעפֿין האָט זיך אויסגעדרייט, געקוקט צום הימל, באַטראַכט די גאַסן, די הייזער, דעם טראָטואַר וואו מיר האָבן שפּאַצירט, עפּעס גלויבט זיך איר ניט... איז דאָס טאַקע האָליוואוד?

— דזשעראַלדין, מיין שוועסטער, איז אין האָליוואוד, זי עסט און היט די הינט מיט דער בעיבי... — האָט זי געזאָגט.

דזשאָזעפֿין כאַפּט איבער דעם אָטעם, באַרירט מיך מיט איר קליין הענטעלע און זאָגט:

— דער סאָשל וואָרקער איז שוין געווען. מיר גייען אויף סטעיט רעליף. ער האָט אַלץ פֿאַרשריבן און די מאַמע האָט געוויינט און זיך פֿאַרשוואוירן, אַז ס'איז נישטאָ קיין סענט אין הויז...

— דאַרפֿסט זיך ניט זאָרגן, דזשאָזעפֿין, באַלד וועסטו האָבן אַ פֿול הויז מיט עסן...

— דער טאַטע וויל ניט זוכן אַ דזשאָב אין דער מלחמה... די מאַמע זאָגט, אַז זי וויל ניט אַזאַ אַרבעט, וואָס העלפֿט הרגענען מענטשן, קריגן זיי זיך...

מיר זיינען פֿאַרביי אַ געפּלאַכטן דראָטן קערבל, וואו מען וואַרפֿט אַריין שמוץ. פֿון מיטן האָט זיך אַרויסגעזען אַ „האַמבורגער". אַ מאַן אין אַ קויטיקן שווערן מאַנטל, האָט זיך איינגעבויגן, אַראָפּגעשאַרט דאָס אומריינע און איינגעביסן.

עס זיינען אָנגעקומען צוויי מאַטראָסן, זיך געפֿרעגט אויף אַ פּאַרק, וואו עס שטייט אַ סטאַטוע פֿון רודאָלף וואַלענטינאָ. זייערע אוניפֿאָרמס זיינען געווען פֿריש, ריין; אויף די בעקלעך האָט געשפּראָצט די פֿרישקייט פֿון פֿרי־לינג. נאָכן עם ווי זיי זיינען אַוועק, האָט דזשאָזעפֿין געזאָגט:

— מיין ברודער ענדי וועט באַלד טראָגן אַזאַ אַנצוג, איך וויל ניט, אַז ער זאָל גיין אין מלחמה, איך האָב אים ליב. דו האַלטסט, אַז ער וועט צוריקקומען ?

אַ שיכור איז אַרויס פון אַ „באַר" אויף ווייַן סטריט. „קום אַריין," זאָגט ער, „היינט איז שבת, מאָרגן איז 'איסטער סאַנדעי'. לאָמיר אויסטרינקען פאַר די סאָלדאַטן אין וויעטנאַם"...

פּליצים האָבן פּאָליציי־סירענעס זיך צעהודזשעט מיט אַ גרויס געיאָמער־ אויף ווייַן סטריט, אַ שפּאַן פון האָליוואָוד בולוואַרד, האָבן פיר מענער און אַ פרוי געמאַכט אַ „האָלד־אַפּ" אין אַ „דזשולערי סטאָר." דזשאָזעפין איז פאַרציטערט געוואָרן און געפרעגט: „דאָס איז מלחמה?"...

איך האָב דאָס קינד אָנגענומען פאַרן הענטעלע, זי צוגעפירט נאָענט צו אַ האַלב־איינגעפאַלן הייזל, איר געגעבן דאָס זעקל מעל, אַ קוש געטאָן און זיך געזעגנט.

אַ וואַרעמע זון איז אויפגעקומען. האָליוואָוד בולוואַרד איז אָנגעפילט געוואָרן מיט באַרוועסע שול־קינדער. געגאַנגען זיינען זיי פון שויפענצטער צו פענצטער, באַטראַכט די נייע „איסטער"־קליידער, הילכיק געלאַכט, און ווען אַ כאַפּטע ייִנגלעך זיינען פאַרביי, האָט איינס דאָס אַנדערע געוואָרפן פריינטלעכע בליקן און צוזאַמען אַנגעהויבן מאַרשירן. זיי זיינען אַוועק צו דעם פּאַלעדיום, אויף אַ ליידיקן „לאָט", אַרומגעצוימט מיט אַ פּלויט, איז געשטאַנען דער יערלעכער יוגנט־פעסטיוואַל. דזשעז אינסטרומענטן האָבן געגרילצט, אַ קאַרוסעלע האָט זיך געדרייט, די יוגנט האָט געטומלט, די גאַסן זיינען געווען דעקאָרירט, געשלעגן האָבן אויסגעבראָכן. די צעשטרייאונג איז געווען אין לשער.

מיר האָבן דאָ, אין דעם טומל, באַגעגנט אַ באַקאַנטן, זיין קאָפּ האָר איז געווען אין דער מאָדע... אַזאַ „הער־קאַט", זאָגט ער, קאָסט פינף דאָלער, אָבער עס האָט די ווערט... דער בחור דרייט זיך אַרום אין די האָליוואָודער סטודיאָס, ער חלומט און וואָלט מיט דער צייט מסתם עפּעס געוואָרן. דאָ, אין דעם הויף פון „טין־עידזשערס" צימבלט ער אויף עלעקטרישע פויקן, אַן אָרקעסטער פון דריי אינסטרומענטן, אַז עס פאַרטויבט די בולוואַרן. ער פירט מיך אַריין דורך אַ ספּעציעלן אַריינגאַנג. אין דעם געזשום, אין די „אַפריקאַנער" און „אינדיאַנער" טענץ, אין דעם עקסטאַז פון דער יוגנט, ווייסט מען ניט אויף וועלכער וועלט מ'איז...

דער בחור דזשאַני זאָגט צו מיר:

„לאָמיר נאָך אַריינכאַפּן אַ ביסל פרייד צוזאַמען מיט דער כאַליאַסטרע יונגוואַרג, וואָס ווילן זיך פאַרטומלען, איידער זיי ווערן אַלט"... צום אַרויסגיין דריקט ער מיר די האַנט פעסט, קוקט מיר אַריין אין דער נשמה, ווי ער וואָלט אויסגעפונען וואָס איך טראַכט און זאָג:

„דאָס איז מיין לעצטער וויק־ענד. באַלד וועל איך זיין אויפן וועג קיין וויעטנאַם, מאָרגן איז ‚איסטער סאָנדעי‘, בעט פאַר מיר“...

אויף האָליוואוד בולוואַרד איז געשטאַנען אַ בלינדער בעטלער. לעבן זיינע פיס איז געלעגן אַ שוואַרצער, טרעניר־טער הונט און האָט אים געהיט. ער האָט אַרויסגעצויגן שטילע, טרויעריקע טענער, פון אַן אַלט פידעלע, וואָס האָט גערופן די פאַרבייגייער: „מאָרגן איז איסטער סאָנדעי,“ געדענקט אין די וואָס האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, קיין העמד אויפן לייב; גיט פאַר די וואָס גייען שלאָפן הונגעריק און חלומען פון אַ בעסערן מאָרגן.“

לאָס אַנדזשעלעס

וואָכן־לאַנג האָט די זון זיך נישט באַוויזן איבער דער שטאָט. אַ געדיכטער נעפל האָט געהאנגען אויף די בערג־בערג, וואָס האָט צוגעדעקט און איינגעהילט די הויכע מויערן ווי אַ גרויסער מאַסיווער ליילעך און איינגעגעסן זיך אין דיביינער. דער „סמאָג“ האָט געשטיקט דעם האַלדז, געברענט די אויגן. שפּעט נאָכמיטאָג האָט די זון אַ שוואַכן שיין געטאָן, זיך באַוויזן אויף די הויכע מויערן פון אַלערליי פינאַנס־בענק און איז באַלד נעלם געוואָרן.

היינט איז זונטיק. די שטאָט שלאָפט נאָך. די גאַסן זיינען אויפגערוימט. אין אַ ווינקל ליגט אויסגעצויגן אַ מענטש, איינגעדעקט. עס זעען זיך אַרויס בלויז לאַנגע, בלאָנדע האָר. ס׳איז שווער צו באַשטימען צי דאָס איז אַ פרוי אָדער אַ מאַן, יונג אָדער אַלט. דער מענטש שלאָפט געשמאַק, ווי אין אַ ווייך בעט.

מיט אַ פּאָר גאַסן ווייטער, אין הויף פון אַ קאָמערץ־באַנק, אויפן גלאַטיקן אַספאַלט, הינטער אַביידל, ליגט איינגענורעט אין שמאַטעס אַ יונגערמאַן, אונטערגעלייגט מיט אַ באַרג אַלטע צייטונגען.

האליוואוד בולוואַרד איז נאָך אויסגעליידיקט פון מענטשן. די ערשטע אויטאָמאָבילן שטייען איצט אויף פון שלאָף.

כ׳האָב ליב צו שפּאַצירן אין דער פרי, ווען עס איז אַ רו־טאָג. ספּעציעל ווען ס׳באַווייזט זיך אַ שפּראָץ פון אַ קלאָרן טאָג. דער טוי ליגט נאָך אויף די גראָזן, אויף די בלעטער פון גרינע צווייגן אין די זייטיקע גאַסן, נענטער צו די בערג, שמעקט מיט פּאַרפום־אַראָמאַט פון בלומען־בייטן און פון ביימער מיט ווייסער, ראָזעווער פּורפּור־בליאונג.

כ'באַוואונדער די ווייסע ליליעס, וואָס וואַקסן אויף נידעריקע ביימער און עפענען זיך אין זייער פּראַכט.

צופעליק באַקען איך זיך מיט אַ מאלער. ער שפּאַנט מיט מיר און פירט מיך איבער די בערג־לאַבירינטן, וואָס דרייען זיך ווי אַ פּראַפּעלציער. ער קאָן אויסגעצייכנט יעדן שפּאַן. פון די געדיכטע געוויקסן הערט זיך אַ געזאַנג פון פאַרשידענע באַשעפענישן. שווער צו באַשטימען צו וועלכן מין קריכנדיקע אָדער פליענדיקע אינזעקטן זיי געהערן. זיי גיבן אַרויס פאַרשידענע קלאַנגען, טיילמאָל שטילע און צאַרטע און צייטנווייז אַ קוויטשעריי, וואָס וואַרפט אָן אַ מורא.

מיר קריכן אַרויף אויף די פּלייצעס פון אַ ריזיקן באַרג. די שטאָט ליגט אין טאָל, איינגעהילט אין דינע וואָלקנס. ס'זעט אויס ווי זי וואָלט געווען פול מיט קליינע שטיבעלעך, צווישן וועלכע עס שטאַרצן אַרויס ריזיקע געביידעס, וואָס זעען אויס ווי פּירקאַנטיקע קוימענס. דאָס זיינען קאָנסטרוק־ציעס, געבויטע פון שטאָל, מאַרמאָר און גלאָז. עס אַרבעטן דאָרט צענדליקער טויזנטער הענט מיטן ריטם פון מאַשינען, וואָס שאַפן מיליאַרדן רייכטום פאַר פאַרזיכערונג־ קאָמפּאַניעס, בירזשע־שפּעקולאַנטן, פּעטראָל־מאַגנאַטן, מלחמה־צינדער, וועלכע באַשטימען דעם גורל פון דער מענטשהייט.

לאָס אַנדזשעלעס איז מער ניט קיין גרויס דאָרף, ווי מיר האָבן דאָס געזען מיט פערציק יאָר צוריק. דאָס איז איצט אַ מעטראָפּאָליע מיט הונדער־טער שליאַכן, וואָס קרייצן זיך און ציען זיך איבער ריזיקע שטרעקעס. לאָס אַנדזשעלעס איז געוואָרן אַ שטאָט פול מיט גבירישקייט, מיט הימל־קראַצערס און אין דער זעלבער צייט, מיט נויט, מיט מערדערייען, געוואַלד־טאָטן און אויך מיט צאָרן, מיט אויפברויז.

פון באַרג זעען מיר „באַנקער היל", וואו עס האָבן ביז נישט לאַנג צוריק געוואוינט די אָרעמסטע כינעזער, יאַפּאַנעזער, נעגער, מעקסיקאַנער. ס'איז בלויז איין שפּאַן פון שטורמישן דאַון־טאַון (צענטער שטאָט). וואו איז אַהינ־געקומען די פּיל־קאָליר־פולע, אָרעמע פעלקערשאַפט? די אַלטע איינוואוינער וואַלגערן זיך אין חורבות, וועלכע געפינען זיך נאָך אויף מעין סטריט, וואו דער טוכלער ריח טריקנט קיינמאָל נישט אויס. ער הענגט אין דער לופט, איז איינגעזאַפּט אין די ווענט און קלעפּט אויף דער סטעליע, ווי אַ געדיכטע לאַווע.

אין הייסע טעג שלייכן זיך די מענטשן אַרויס, זעצן זיך אויס אויפן טראָטואַר, אויפן אַספאַלט, האַרט ביי די ווענט. די טירן ווערן ברייט אויפ־געפּראַלט. דאָ זיינען אַלע מענטשן — ברידער. יונג און אַלט, שוואַרץ און ווייס, ברוין און געל, טיילן זיך מיט אַ „צי" פון אַ ציגאַרעטל, מיט אַ זופּ פון אַ פלעשל... די שטאָט האָט געביטן איר פּנים. פון קליינע הייזקעס זיינען אויס־געוואַקסן וואָלקן־קראַצערס, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרשעמען מיט דער גרעסטער שטאָט איבערן לאַנד. אפילו די אַלטע 15־ און 20־גאָרנדיקע

הייזער זעען שוין אויס ווי ליליפוטן אַנטקעגן די נייע 40־50־שטאָקיקע קאָנסטרוקציעס. און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב.

מער ווי אַ האַלבער מיליאָן מענטשן קומען יעדן טאָג איז צענטער־שטאָט. נאָענט צו אַ האַלבן מיליאָן אויטאָס פאָרן אַריין אין די ענגע גאַסן יעדן טאָג. ווען עס וועט אויפגעבויט ווערן, ווי עס ווערט פּלאַנירט, די 104־גאָרנדיקע נייע געביידע, וועט נישט מעגלעך זיין אַריבערצוטראָגן דעם געדראַנג. דער „סמאָג" וועט דערשטיקן די מענטשן, זאָגט אַ באַוואוסטער פאָרשער פון דער גיגאַנטיקער לופט.

— די נייע הויכע קאָנסטרוקציעס דאַרפן זיך נישט שרעקן פאַר קיין ערד־ציטערנ.יש, ווייל זיי ווערן אַזוי געבויט, אַז גיכער וועלן די קליינע הייזער איינפאַלן — פאַרזיכערן די אַרכיטעקטאָרן.

די עוולות פון דער געזעלשאַפט, אפילו פון די גוט־איינגעאָרדנטע פאַמיליעס, רעוואָלטירט די יוגנט. די קינדער שטעלן אַ ווידערשטאַנד, רייסן אַרונטער דעם פאַרהאַנג פון די פאַרמעגלעכע עלטערן און אידענטי־פיצירן זיך מיטן קעמפנדיקן אַוואַנגאַרד.

צענדליקער טויזנטער אַזעלכע יוגנטלעכע געפינען זיך אין קאַליפאָרניע. אין אַט דעם וואַרעמען קלימאַט הערשט דער גייסט פון „אַלע מענטשן זיינען ברידער," קיין קאָליר פון מענטש שטערט נישט אַט דער פאַרשידנאַרטיקער יוגנט, וואו עס געפינען זיך אויך קינדער פון יידישן פאָלק.

אַ טייל פאַרמאָגן גרויס וויסן און אינטעליגענץ. פאַראַן צווישן זיי סטודענטן פון העכערע קלאַסן, אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געוואָרן קעגנע־ריש צו דער עטאַבלירטער געזעלשאַפט, וואָס פירט מלחמה פאַר פּראָפיטן און אונטערדריקן פעלקער.

* * * * *

האָליוואוד האָט אַ טראַדיציע פון ברענגען פיעסן אויף דער בינע פון אַמאַטאָרן־טעאַטערס. דער אַריינגאַנג איז פריי. טיילמאָל סערווירט מען נאָך אייך אַ טעפל קאַווע. פון דער בינע קומען צום אויסדרוק די פּראָטעסטן קעגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם. די טעאַ־טערלעך נעמען נישט אַריין מער ווי צו 50־60 מענטשן.

די פרייע טעאַטערס ווערן אויסגעהאַלטן פון מעצענאַטן. פון צייט־צו־צייט לאָזט זיך אַראָפּ אַ „שטערן" פון האָליוואוד, וואָס וויל קומען פּנים אל פּנים מיט דעם „פּשוטן עולם"...

שפּעט אין אָוונט נאָך די פאָרשטעלונגען, באַגעגנט איר די יוגנט אין די קאַפעען, אין ספּעציעלע קוואַרטאַלן. איר הערט ווי זיי רעדן וועגן די אומגערעכטיקייטן, וועגן דער ברוטאַלער פּאָליציי. די נעגערשע יוגנט איז מער נישט איזאָלירט, ווי מיט יאָרן צוריק. אַ שוואַרצער סימפּאַטישער בחור

רוקט זיך אַרויס אין דער דיסקוסיע: „גלייכהייט, מענטשן־ליבע, שלום אין וויעטנאַם טראָגט מען נישט אונטער אויף אַ גאָלדענער טאַץ."

פיל גלחים און געוויסן בישאָפן טאַדלען נישט מער די יוגנט, אַז זי איז „גאָטלאָז", נאָר לאַדט זי איין צו אַ „רונדן טיש". דאָס זעלבע טוען די יידישע טעאָלאָגן אין די סינאַגאָגן.

נייע צייטן, נייע לידער — זינגט די יוגנט אין אַמעריקע. די לידער האָבן אַן אָפּקלאַנג, וואָס ווערט געהערט איבערן לאַנד.

די „צערודערטע" יוגנט

אין האָליוואוד באַגעגנט מען זיך מיט אַלערליי קוריאָזן. מען דאַרף זיי ניט זוכן, זיי קומען אַנטקעגן טאָג און נאַכט, אויף יעדן טריט און שריט, ווען איר גייט נאָר אויף אַ שפּאַציר.

דער שרייבער דאַרף בלויז טרוקענע פאַקטן און עס באַקומט זיך אַ קאַפּיטל געשיכטע. ער דאַרף גאָרניט צוגעבן קיין קאָלאָריט, ווייל די מענטשן אַליין זיינען פול מיט קאָלירן. איר טרעפט דאָ באַגייסטערונג, עקסטאַז און עכטע קונסט.

דאָ טרעפט איר אויך יוגנט, וואָס האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער היינטיקער געזעלשאַפט. זי גיט אַליין אַרויס „אונטערערדישע" צייטונגען, וואָס ווערן אפילו געשטיצט פון שרייבער, פון צייטונגס־לייט און פון פאַר־מעגלעכע מענטשן.

די לאַנג־האָריקע, וועלכע ווערן אָנגערופן „היפּיס", זעען אין דער ברוטאַלער געזעלשאַפט די מלחמה־צינדער, ראַסן־פאַרגוואַלדיקער. די יוגנט וויל ניט אומקומען אויף די מלחמה־פעלדער. זיי זאָגן: „שיקט די אַלטע, די וואָס ווילן מלחמה, זאָלן זיי זיך שלאָגן, מיר האָבן נאָך ניט געלעבט"...

די יוגנט האָט אויפגעהערט גלויבן די צייטונגען, זשורנאַלן, די פירער פון לאַנד, ווייל „זיי זאָגן ניט דעם אמת."

אויף האָליוואוד־בולוואַר זעט איר ווי די לאַנג־האָריקע שרייבער, זעצער, רעדאַקטאָרן, פאַרקויפן אַליין די „אונטערערדישע" צייטונגען." זיי אַרבעטן ניט פאַר קיין פּראָפיטן. זיי ווילן נאָר מען זאָל דער יוגנט דערלויבן גיין ווען און וואוהין זי וויל.

די דאַזיקע יוגנטלעכע טענהן: איצט איז די מאָדע גיטאַר־שפּילן, שפּילן מיר אויף גיטאַרעס, און מיר זינגען ראָמאַנטישע און פֿאָלקס־לידער. מיר האָבן ניט קיין פּאַרווײַלונגס־פּלעצער — טרעפֿן מיר זיך אין די פּאַרקן, אין די גאַסן. ווען די עלטערע זײַנען געווען יונג האָבן זיי אויך געטאָן דאָס זעלבע. די צרה איז נאָר, אַז ווען עס קומט די פּאָליציי, שלעפּט זי די וואָס גייען אָרים געקליידעט און טראָגן לאַנגע האָר. די יוגנט וויל האָבן פֿרײַהייט פֿון באַוועגונג. „פֿאַרוואָס יאָל מען אונדז באַפֿעלן וואוהין צו גיין? — פֿרעגן זיי — „מיר ווילן ליבע און שלום. איז דאָס אַ פֿאַרברעכן?"

אַ באַגעגעניש אויפֿן בולוואַר

אויף „סאַנסעט סטריפּ" האָבן מיר באַגעגנט טאָמען און ריקין. טאָם האָט געהאַלטן אַ פּייקל מיט גלעקלעך און ריקי — אַ גיטאַר. אויף אַ טיש זײַנען געלעגן פֿאַרשיידענע צײַטונגען, געדרוקטע און מימעאָגראַפֿירטע, וועגן די פּראָבלעמען פֿון דער יוגנט.

די קעפּלעך האָבן זיך געלייענט: „עפֿנט די טויערן פֿון גן־עדן", „פֿון מענטש צו מענטש", „ליבע און שלום", „די ראָלע פֿון סטודענטן." ווײַטער גייען לידער, באַלאַדן. אין ליד, אונטער קעפּל: „די פֿעטע בייזע מאַמע, אַמעריקע"...

אַ סאַטירע וועגן גאָווערנאָר רעיגען פֿון קאַליפֿאָרניע, אַן אַרטיקל וועגן דרום־אַפֿריקע, וויאַזוי עס ווערט דערציילט וועגן דער ווייסער „איבער־ראַסע" און וואו די נעגער פֿון דורם־אַפֿריקע, וואָס זײַנען קעגן ראַסן־האַס, זיצן אין די טורמעס, אָדער זײַנען געצוואונגען צו אַנטלויפֿן פֿונעם טעראָר פֿון די פּאָליציייאישע ווײַסע הערשער.

דאָ איז אויך פֿאַראַן אַ שאַרפֿע קריטיק אויף דער אַמעריקאַנער פּרעסע.

אין איין אַרטיקל זאָגט זיך: „לאָס אַנדזשעלעס איז אַ פֿאַרמאַכטע שטאָט. גייט אַרויס פֿון אײַערע קאַרס, באַגעגנט זיך מיט מענטשן פּנים אל פּנים. אַ שטאָט איז צו שפּאַצירן. נעמט צוזאַמען די אַנטי־מלחמה גרופּן, העלפֿט קעמפֿן פֿאַר ציווילע רעכט, דעמאָנסטרירט יעדן טאָג, אָרגאַניזירט זיך פֿאַר ליבע און שלום."

אין אַן „עד", רעקלאַמע, זאָגט זיך: „ביסט הונגעריק — רוף אָפּ דעם נומער... מיר וועלן דיר העלפֿן."

אין אַן אויסגאַבע „קינדער פֿון וואַטס", וואָס אַנטהאַלט פֿיר זײַטן, זאָגט זיך: „העלפֿט אויסראָטן האַס, פֿאַר שלום, ליבע און ברידערלעכקייט." אין די צײַטונגען איז אויך רעקלאַמירט, אַ צונויפֿטרעף מיט דער יוגנט אין לאָס אַנדזשעלעס „גריפֿיט פּאַרק, קריסטל ספּרינגס".

אויף אַ שלום-קאַרניוואַל

ריקי האָט אונדז איינגעלאַדן: — קומט, איר וועט עפּעס לערנען...

פֿון גאַנץ פֿרי ביז שפּעט נאָכמיטאָג האָבן טויזנטער אויטאָמאָבילן געצויגן צו דעם אָנגעצייכנטן אָרט. צענדליקער טויזנטער פֿון דער יוגנט האָבן מאַרשירט איבער שליאַכן, בערג, און טאָלן צו דעם פּלאַץ.

מאַמעס און טאַטעס זיינען געקומען מיט דער דערוואַקסענער יוגנט. אַנדערע האָבן געטראָגן קינדער אויף די אַקסלען. עס איז געווען אימפּאָזאַנט צו זען די „באָרוועסע", די לאַנגע קליידער און די קורצע קליידלעך. אַלע האָבן געטראָגן בלימעלעך און בלומען וואָס מ'האָט אָנגעריסן אויף די וועגן.

דאָס גרינע פֿעלד, די לאָנקע, איז געוואָרן געדיכט ווי שטערן אין הימל מיט מענטשן, ברייט, קוים מיטן אויג איז געווען אַרומצונעמען דעם גרויסן שטח קאַלירטע יוגנט. אַ געזאַנג האָט זיך צעטראָגן איבערן גרינעם פֿעלד, באַגלייט מיט טענץ, האַראַס. געקומען זיינען זיי מיט גיטאַרעס, פּייפלען; מיט גאַנצע אָרקעסטערס; זיך גע ריקט די הענט, געבערידערט; פּלאַקאַטן האָבן זיך גע־לייענט: אַלע קירכן, אַלע אָרגאַניזאַציעס, אַלע מענטשן, רעדט פֿאַר שלום און ליבע, קיינמאָל מער ניט קיין היראָשימאַ."

דאָ איז געווען אַ פֿריידיקע, קאָלירפֿולע יוגנט, וואָס זוכט זיך אויסלעבן, ברידער, ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, אָפּגעזונט פֿון קאָליר און נאַציע.

אין מיטן פֿעלד איז געשטאַנען אַן אינדיאַנערביידל. די פֿון אינדיאַ־נישן אָפּשטאַם האָבן געבעטן אונטערשרייבן אַ פּעטיציע, אַז די רעגירונג זאָל זיי צוריקגעבן די ערד, אויף וועלכער זיי האָבן געלעבט מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

דער פֿרילינג אין חודש מאַי האָט געבראַכט אַ הערלעך בילד, מאַטעריאַל פֿאַרן שענסטן פֿילם אין האָליוואָוד. נאָר קיין אַפּאַראַטן זיינען ניט געווען כדי צו פֿילמען די אָרנאַמענטאַלע יוגנט. די פּרעסע האָט וועגן דעם ניט געשריבן, ווייל דאָ זיינען ניט געווען קיין געשלעגן. דער פֿראַטערנאַליזם פֿון פֿעלקערשאַפֿטן האָט זיך אויסגעמישט מיט געזאַנג פֿון דער חנעוודיקער יוגנט, פֿון דער פֿרייער נאַטור, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַלד און קוסטעס, ביימער און בלומען פֿון דעם גאַנצן אַרום.

די קאַרניוואַלן קומען פֿאָר אין פֿיל טיילן פֿון שטאַט און אין אַנדערע שטעט אין קאַליפֿאָרניע און איבערן לאַנד. דאָס זיינען אַנטי־מלחמה קאַרני־וואַלן. די יוגנט פֿון אַמעריקע וויל ליבע און שלום.

אַ הויז פאַר נאַרקאָטיקער

אין סאַמע האַרץ פון ווילשייר בולוואַר, אין דער רייכער, אַריסטאָקראַ־טישער געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס, געפינט זיך אַן אינפאָרמאַציע־צענטער פאַר אַלקאָהאָליקער. דער צענטער איז געשאַפן געוואָרן פון מענטשן, וועלכע האַלטן, אַז שיכורים זיינען קראַנקע מענטשן און קאָנען ווערן אויסגעהיילט.

די אַלקאָהאָליקער און נאַרקאָטיקער אין לאָס אַנדזשעלעס און אומגעגנט רעכענען זיך אין די הונדערטער טויזנטער. אין דער קאַטעגאָריע גייען אַריין מענער און פרויען, וואָס פטרן זייער צייט אין שיכרות, אויסגעלאַסנקייט און אומאָנשטענדיקער אויפפירונג.

די אַלקאָהאָליקער און נאַרקאָטיקער קאָסטן־אָפּ דער שטאָט און דער קאַונטי אַרום צוואַנציק מיליאָן דאָלער אַ יאָר.

פאַר די קראַנקע מענטשן איז אַנגעשטעלט אַ גרויסע צאָל דעטעקטיוון. עס זיינען פאַראַן צענטערס, וואָס גיבן זיי מעדיצינישע באַהאַנדלונגען. די שפּיטאָלן זיינען פול מיט זיי. טויזנטער געפינען זיך אין די טורמעס און אין די פּריוואַטע אַנשטאַלטן.

מיין פריינט דזשים האַרפּער, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַ צייט צוריק ביי אַ סטיוו אַלען „שאָו“ אויף ווין סטריט, האָט מיך אַרויפ־געפירט אויף אַ באַרג לעבן אַ קרייצוועג. פאַרביי זיינען געלאָפן מיט גרויס שנעלקייט טויזנטער אויטאָמאָבילן איבער די בריקן.

הייזער פאַר פרויען־נאַרקאָטיקער

דזשים האָט מיך אַריינגעפירט אין די צוויי הייזער פון „קאַליפאָרניא דעפּאַרטמענט אָוו קאָרעקשאָן.“ דאָס זיינען הייזער פאַר פרויען־נאַרקאָטיקער. די, וועלכע געפינען זיך דאָ, זיינען שוין געווען אַרעסטירט און באַפרייט אויף „בעיל“. דאָ ווערן זיי רעהאַביליטירט.

דאָס זיינען צוויי נייע, ספּעציעל־איבערגעבויטע הייזער אין שפּאַנישן סטיל, מיט באַקוועמלעכקייטן, פאַר די נאַרקאָטיקער, וועלכע קומען פון אַ רייך לוקסוס־לעבן, פון דער „העכערער געזעלשאַפט.“

בעתן אַרומגיין אויפן הויף און אין די ציכטיקע קאָרידאָרן, זאָגט צו מיר דזשים, אַ טעאַטער־טעכניקער:

— פאַרשטייסט, מיר ווילן האָבן אַ היים פאַר די געוועזענע טעאַטער־מענטשן אין סאַמע האַרץ פון האָליוואוד, ווייל דאָס זיינען פרויען און מיידלעך, וועלכע האָבן געהאַט אַ קאַריערע אין דער טעאַטער־וועלט פון שוישפּיל און

פילמען. דאָ, האָפן מיר, וועט זיי נישט זיין צו־אומעטיק. דאָ האָבן זיי עפּעס בייגעטראָגן צום דערפאָלג פון קונסט.

דאָ איז באמת אַ פּראַכטפולע שיינקייט, אַ רחבות, אַ שטילקייט. פון איין זייט הערט זיך טאַקע דער רויש פון אויטאָמאָבילן, אָבער פון דער צווייטער זייט, הערט מען אין דעם גאַנצן אַרום פויגל־געזאַנג פון געדיכטעביימער און קוסטעס, וואָס רינגלען אַרום די הייזער.

אין האָליוואוד ווערן אין משך פון יאָר אַרעסטירט עטלעכע הונדערט נאַרקאָטיקער, דאָס זיינען אַלץ מענטשן פון דער רייכער געזעלשאַפט.

— די צאָל האַלט אין וואַקסן — זאָגט מיר דזשים, און ער גיט צו:

— דאָס האָט אַ סך צו טאָן מיט דער פּאָליטישער לאַגע פון לאַנד, און אפשר מיט די געשעענישן איבער דער וועלט.

— דזשים — זאָג איך — דאָס איז אַ הויז פאַר פרויען, וועלכע זיינען אַוועק אויף קרומע וועגן. נו, און וואָס הערט זיך מיט מענער?

— פאַר זיי — זאָגט ער — ווערט איצט צוגעגרייט אַ צענטער, אין אַן אַנדער געגנט פון שטאָט. פרויען ווערן באַהאַנדלט פריער און אידעלער. דעם פרויען־מין דאַרף מען אָפּהיטן, ווייל זיי וועט אפשר געלינגען צוריקצוברענגען אויפן גלייכן וועג.

— זאָג מיר, דזשים: פאַרוואָס דער אויסנאַם?

— ווייל נאַרקאָטיק־געברויך גייט צוזאַמען מיט פּראָסטיטוציע און פאַרברעכנס. פאַר די, וואָס וועלן צוריקקומען אויפן גלייכן וועג, וועלן מיר מוזן געפינען אַרבעט. די געזעלשאַפט איז שולדיק אין די איבלען.

זיין ענטפער איז אינגאַנצן קלאָר, און מיר גייען ווייטער.

ווען איר גייט אַריין אין די האָליוואודער קאָפּען, אין די אָפיסעס, באַגעגנט מען פיל אַרבעטלאָזע טעכניקער, אַ סך שוישפּילער, ווייל פיל פילמען ווערן געמאַכט אין אויסלאַנד — עס קאָסט ביליקער.

אַ סך אָפיס־מיידלעך אין האָליוואוד טרוימען, אַז זיי וועלן חתונה־האָבן מיטן „פּראָדיוסער“ און זייערע נעמען וועלן שיינען ווי די שטערן אין הימל.

דער דורכשניטלעכער האליוואודער אַקטיאָר איז קיינמאָל ניט זיכער מיט זיין דזשאָב, אפילו ווען ער האָט שוין געשפּילט אין אַנגעזעענע ראָלע אין אַ פילם. בלויז געציילטע שוישפּילער קומען אַרויף אויפן הויכן שטאָפּל פון דערפאָלג. די אַנדערע, ווען עס רוקט־אָן די עלטער, לעבן אין נויט און אין אָפּגעלאָזענע הייזער.

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער דירה פון אַן אַלטער אַקטריסע. דאָס הויז איז געווען פול מיט בילדער „פון אַמאָל“. די ווענט זיינען געווען באַצירט מיט דעם, וואָס איז אַמאָל געווען... איצט איז די וואוינונג אָפּגעלאָזן. אַן אַלטער אייז־קאַסטן האָט געקלאַפּט, ווי אַ מאָטאָר פון אַן אויטאָמאָביל...

די אַלטע דערציילט, מיט טרערן אין די אויגן, אַז איר טאָכטער גלעדיס האָט נאָך שווערער מי געקראָגן אַ ראָל אין אַ פילם. ווען זי האָט אָפּגענומען דאָס געלט פאַר דער ערשטער וואָך אַרבעט, איז זי געגאַנגען אין געשעפטן זוכן קליידער און זיך איינגעקויפט ביזן לעצטן סענט. אויף דער צווייטער וואָך האָט מען זי אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט, ווייל די הויפּט־ראַליסטין איז צוריקגעקומען פון אַ פאַרקילונג...

אין אַ פילם־סטודיאָ

ווען מיין פריינט דזשים האַרפּער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן שפּאַציר אין אַ צאָל הייזער, וואו ער האָט מיך באַקענט מיט זייער אַן אינטערעסאַנטן ווינקל פון שוישפּיל־לעבן, איז ער מיט מיר אַריין אין אַ סטודיאָ, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע שטאָט. אַ שטאָט מיט בולוואַרן, גאַסן און געסלעך, הויכע „געמויערטע הייזער", קראָמען, „סופּער־מאַרקעטס", טעאַטערס, נאַכט־קלובן, גאַזאָלין־סטאַנציעס, האָטעלן. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע שטאָט, מיט אַלץ וואָס אַ שטאָט פאַרמאָגט.

דאָס איז אַ שטאָט אין מיניאַטור. עס איז נישט מער ווי אַ „פראַנט" מיט אויפגעשטעלטע ווענט. די שטאָט פאַרמאָגט אַ סקווער מיט פאָנטאַנען. אַלץ איז אַזוי „עכט", ווען מיר זעען דאָס אין די מואוויס, דאָס אויג ווערט אָפּגענאַרט, ווען מיר זעען אַלערליי סצענעס, וועלכע שפּיגלען זיך אָפּ אויפן לייוונט.

מיר האָבן זיך צוגעקוקט ווי מען „שיסט" אַ ליבע־סצענע. און אָט מאַכט אַ באַנדיט אַן אָנפאַל אויף אַ באַנק. אַ שיכור ווערט אַרויסגעוואָרפן פון אַ שענק. אַן אַמבולאַנס לויפט ראַטעווען אַ מאַן, וואָס איז געטראָפן געוואָרן פון אַן אויטאָ. ווען מיר זעען אַ פילם אין אַ טעאַטער, ווייסן מיר ניט אָפט, אַז איין טייל ווערט געמאַכט אין אַפריקע, אַ צווייטער טייל אין האָליוואוד, איטאַליע, פראַנקרייך, אויפן ים, אין דער לופט אָדער אין דער ווייטער וועסט.

דער פילם־דירעקטאָר, פילדער קוק, איז זייער נישט צופרידן מיט די היינטיקע האָליוואודער שוישפּילער. ער רופט זיך אָן: „לאָמיר זוכן נייע טאַלאַנטן, וועלכע געפינען זיך אין פיל שטעט איבערן לאַנד. איך מיין ניט די אויסגעפּוצטע, פראַנטישע יונגעלייטלעך; איך מיין אויך ניט די אויסער־געוויינלעך שיינע מיידלעך. שוין צייט אָוועקצוגיין פון „הוא־הא", פון צופיל סעקס. לאָמיר זוכן די איידעלע, טאַלאַנטפולע, שטילע, באַשיידענע, וואָס ווילן דערהויבן דעם טעאַטער־עולם".

אַרסאַן וועלס גיט אַ לעקציע די אַנטיסעמיטן

דער וועלט־באַרימטער אַרטיסט, אַרסאַן וועלס, האָט דערציילט אויף דער אַמער קאַנער טעלעוויזיע אַ פּאַסירונג, וואָס איז געהערט געוואָרן דורך מיליאָנען מענטשן איבערן לאַנד. ער האָט נעמלעך איבערגעגעבן, אַז זיינס אַ פריינט איז געווען פאַרבעטן צו אַ הוליאַנקע אין בעווערלי הילס, די רייכסטע געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס, פון מאלער, אַרטיסטן, ביזנעסלייט און סתם נגידים „פּערוועּ סאָרט״, דאָס פּראַקטיקע מיליאָנערסקע הויז האָט שימירירט מיט גאָלד, זילבער און קרישטאָל.

געווען איז דאָס אין חודש יוני, ווען די ביימער זיינען אין פולן בלי און אין שענסטן פּראַכט אין לאָס אַנדזשעלעס. די גאַס, וואו דאָס הויז האָט זיך געפונען, האָט געשמעקט מיט פּאַרפום, מיט די רויזן פון די גרינע פרילינג־בלעטער פון די ביימער.

פּאַרנאַכט האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון די גרילן, זשוקעס, פייגל און נאַכטיגאַלן. אין הויז האָבן די קרישטאָל־לאָמפּן געבלאַנקט, ווי אויף אַ באַל אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ. עסן און טרינקען איז געווען פּאַרגרייט אַזוינס, וואָס נאָר די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן אויסמאָלן. די באַזוכער, אין אַ גרויסער צאָל, האָבן געטרונקען, געפּלוידערט, גענאַשט קאַוויאַר, דערציילט וויצן, אַנעקדאָטן, וואָס זיינען געווען געפעפערט, געזאַלצן. שוין אַביסל שיכורלעך האָבן זיי הילכיק געלאַכט פון די ווערטלעך, וואָס עס האָבן זיך אַריינגעשושקעט איינס ס'אַנדערע אין אויער.

אויף איין וואַנט איז געהאַנגען אַ גרויס בילד פון דער באַלעבאָסטעס מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי איינער פון די אייראָפּעאישע אַדעליקע. אַ מאָטע ראָזעווע ליכט האָט געשיינט אויף זיין פיגור. אַלע האָבן באַוואונדערט די מייסטערשאַפט פון דעם האָליוואודער באַרימטן מאלער.

עלעגאַנטע יונגע סאַרווערס האָבן אַרומגעטראָגן טאַצן מיט די געשמאַק־סטע מאכלים, וואָס האָבן געלאָקט דעם גומען. די דאַמעס און הערן האָבן זיך פאַרוויילט, זיך צעשאָטן אין די לאַבירינטן־צימערן, געררייכערט די פיינסטע ציגאַרן און באַדויערט וואָס קאַסטראָ האָט פאַרכאַפּט גאַנץ קובאַ און מען קען פון האַוואַנער ציגאַרן נישט געניסן ווי פריער. דער רויך איז געהאַנגען אויף דער סטעליע. די פרויען האָבן זיך געגוידעט, גערעדט ניבול־פּה, זייענדיק באַהאָנגען מיט צירונג, ווי אין אַ יוועליר־געשעפט.

די הויז־באַלעבאָסטע האָט אַרומגעשמייעט, איז צוגעלאָפן צו דער פּיאַנאָ, געקלאַפּט אויף די קלאַווישן וואַלצן, פּאָלקעס, סערענאַדעס, דזשעז־מוזיק — אַלץ וואָס איר איז געקומען אונטער דער האַנט.

די פיאַנאָ־טענער האָבן זיך אויסגעמישט מיט אַנטיסעמיטישע וויצן אויפן חשבון פון מדינת ישראל און די אַמעריקאַנער יידישע באַנקירן, וואָס ווערן סיוויי נישט אַריינגעלאָזט אין געוויסע עקסקלוסיווע ספּאָרט־קלובן און אין אַנדערע מיליאָנערסקע קלובן, ווי קעגן יידן בכלל. די שטאַרקסטע אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן זיינען געקומען מיט אַ גרילץ פון דער פּיאַנאָ און אַ שפּאָטיש געלעכטער, ספּעציעל פון די דאַמען, וועלכע האָבן געטרונקען שאַמפּאַניער און זיך אָנגעהאַלטן אין דער פּיאַנאָ...

אומגעגלעך איבערצוגעבן די ווירטואָזקייט, מיט וועלכער אַרסאָן וועלס האָט דאָס דערציילט. הגם אַנטיסעמיטיזם און ראַסיזם זיינען נישט קיין נייעס אין אַמעריקע זייער דאָך פון צייט צו צייט אויסגעבראָכן שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן אין דער טעלעוויזיע־סטודיאָ, וואו אָרסאָן וועלס האָט גערעדט אין בייסיקער איראָניע, קריטיקירט די דערמאָנטע „פיינע" געזעלשאַפט.

אָרסאָן וועלס האָט פאַרגעזעצט:

— ווען ס'האָט גענומען גרויען אויף טאָג האָט זיך דער ספּעקטאַקל גע־האַלטן ביים פאַרענדיקן. דער הימל איז געווען שוואַרץ ווי סאַמעט. די לבנה איז געשטאַנען אין אַ זייט פון דעם פריילעכן הויז און שיף אַריינגעקוקט אין די באַלויכטענע שטובן. די שטערן האָבן זיך נאָך געמיניעט איבערן הימל, וועלכער האָט פּאַמעלעך גענומען אָפּטרעטן פאַרן טאָג, און אָנגעזאָגט אַ פרעכטיקן זון־אויפגאַנג און אַ שיינעם געמיטלעכן טאָג.

די באַלעבאָסטע, אָנגעטאָן אין זיידנס און פול מיט בריליאַנטן, מיט אַ הויכן בוזים, שוין אַביסל צופיל דעקאָלטירט, האָט אַלעמען באַגלייט צו דער טיר, געדריקט די הענט, זיך צעקושט מיט יעדן גאַסט, וואָס האָט מיטגענומען אַביסל פאַרב פון איר פּנים.

אָרסאָן וועלס איז געווען כמעט דער לעצטער צום אַרויסגיין. אויך ער האָט געמוזט פאַרבייגיין דער באַלעבאָסטע און איר ווינטשן נאָך אַ סך טרע־פונגען ביי איר אין הויז, אַזוי ווי אַלע געסט האָבן דאָס געטאָן.

נישט ווייט פון איר איז געשטאַנען אַן אימפּאָרטירטער טיש פון מאַר־מאָר, פול מיט די טייערסטע פאַרצעלאַן־ און קרישטאָל־אויסאַרבעטונגען. יעדעס גלעזעלע און טעפּעלע איז געווען מיט גאָלד צו גלייך.

— מאַדאַם — האָט וועלס געזאָגט — ווי קומט עס, וואָס איר האָט זיך געלאָזט אַזוי וואוילגיין און אַריינגעצויגן אייערע געסט מיט אַנטיסעמיטישע אויסדרוקן קעגן יידן און מדינת ישראל בכלל?

די דאַמע האָט גענומען שטאַמלען, זיך געמאַכט טאַמעוואַטע, געבליבן פריטשמעליעט — אָן לשון...

אָרסאָן וועלס האָט אַ שאַר געטאָן מיט זיין פעסטער האַנט איבערן גלאָזוואַרג, וואָס האָט זיך לייכט אַראָפּגעגליטשט פון גלאַטיקן טיש. עס האָט זיך געהערט אַ בראַזג, יואס האָט אָפּגעהילכט, און עס זיינען געפאַלן אויפן דיל די צעשאָטענע שערבלעך.

די מאַדאַם איז געבליבן געפּלעפּט . . .

— איצט וועט איר האָבן וואָס צו ריידן וועגן יידן ... — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע אויגן, געקוקט שטאַר אויף דעם שטאַרקן גוף פון דעם גייסטיקן ריז, אויף אַט דעם וועלט־באַרימטן אַרטיסט זיך געהערט אַ בראָנז, וואָס האָט אָפּגעהילכט, איז געפאַלן אויפן דיל ווי צעשאָטענע שערבלעך.

ביי אַ יידישער קינסטלער־משפחה

די גאַס אין האַליוואָוד איז קורץ און ברייט. דאָס איז אַ בלינדע גאַס", וועלכע ענדיקט זיך צופוסנס פון אַ באַרג, וואָס דערגרייכט ביז אין די טיפע וואָלקנס. היינט איז אַ פּרעכטיקער קלאָרער טאָג, איז דער באַרג איינגעטונקען אין גאָלד פון זון. אויפן „קאָפּ" פון באַרג וואַקסן שטעכיקע, נידעריקע ביימלעך מיט ווילדע יאַגעדעס. דער נידעריקער טייל פון באַרג איז אַרומגערינגלט מיט דאַרע, געדיכטע קוסטעס און פיצינקע בלימעלעך, וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג מיט זייער קאָלירפולער שיינקייט.

ווען איר באַטראַכט דאָס שיינע גאַטס וועלטל, לויפן אָן אַ פּאָר וועוועריקלעך, באַטראַכטן די געסט, כאַפּן אַ פּאָר ניסלעך, טוען אַ פינטל מיט די שאַרפע אייגעלעך און פאַרשווינדן.

אויףביידע זייטן פון דער ברייטער גאַס וואוינען צען פאַמיליעס. די הייזער זיינען געבויט אין שפּאַנישן סטיל, ווייט אָפּגערוקט איין הויז פון אַנדערן. יעדעס הויז איז פאַרצוימט מיט פלויטן, שטעכל־דראָטן, אַז קיין אומגעוואונטשענער גאַסט זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן.

די הייזער זיינען אַרומגעוואַקסן מיט ביימער, בלומען, עקזאָטישע געוויקסן. פון גאַס זעט מען קוים אַרויס די הייזער וואָס שטייען טיף אין גאָרטן. זעט זיך טאַקע אויך נישט אַרויס דאָס הויז פון מיין בן־עיר, וועלכער האָט מיך פאַרבעטן צו זיין אייניקלס בר־מצוה.

זיין זון, מעלווין, אַרבעט אין האַליוואָוד. ער האָט אויפזיכט איבער די מאַנוסקריפּטן, וואָס ווערן אָנגענומען אין דער סטודיאָ פאַר פילמען. ווען עס ווערט אָנגענומען אַ „סקריפּט", דאַרף מעלווין דאָס מעסטן און וועגן, צעטיילן, רעכענען, אַדורכגיין יעדע שורה, יעדעס אות, אָפּשאַצן די קאָסטן, צושטעלן אַ חשבון, און אויב ער מאַכט אַ טעות אין עטלעכע טויזנט דאָלער, וועט די

וועלט נישט אונטערגייט — ווען עס האַנדלט זיך אין מיליאָנען, וואָס דער פילם דאַרף קאָסטן.

ס'איז נישט קיין פשוטע מעשה צו דערציילן וועגן דער סעודה, מאכלים, ווען איך ווייס נישט זייערע נעמען. וואָס עס האָט מיך אימפּאָנירט, זיינען געווען די געלאַדענע געסט, דער פאַרשידנאַרטיקער עולם.

דאָס בחורל, פיליפ, מעלווינס זון, וועלכער האָט פאַרבעטן אַ פּאָר נעגערשע ייִנגלעך, האָט געהאַלטן אַ „טאָוסט". דאָס איז געווען די בר־מצוה רעדע, וואו מען לויבט טאַטע־מאַמע, פאַר אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן פאַרן ייִנגל ביז איצט און זאָגט צו, אַז ווייטער... דאָס זיינען סקאַרבאָווע, איינגע־שטודירטע בר־מצוה־דרשות...

פיליפ האָט אָנשטאָט די איינגעחזרטע רעדע, פאַרטיידיקט די יוגנט, וועלכע וויל רעפאָרמען אין דער געזעלשאַפט. ער האָט זיך אידענטיפיצירט מיט די קאַמפן פון דער נעגערשער יוגנט, און פאַרענדיקט, אַז אויב ער וועט האָבן אַ פאַמיליע־לעבן, זאָל מקוים ווערן אין אַמעריקע די רייד פון דר. מאַרטין לוטער קינג, ווען ער האָט געזאָגט: „איך טרוים, אַז מיינע קינדער זאָלן לעבן אין זייער לאַנד, אַמעריקע, אָן ראַסן־האַס."

פיליפ איז אַ הויכער, בלאָנדער בחור. די רייד האָבן אים דערהויבן און ער איז אויסגעוואַקסן נאָך העכער ביי די געסט פון זיין פאָטער און זיידע. פיליפס מוטער, פייגעלע, האָט געשיינט.

פיליפ האָט די בלאָנדע האָר פאַרקעמט ביי די אַקסלען. ער, מיט זיינע חברים, שול־קינדער, ווייסע און שוואַרצע, ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן זיך אָפּגעזונדערט אין אַ צימער. פון דאָרט טראָגט זיך אַ הילכיק געזאַנג פון היינטצייטיקע, קעמפערישע, יוגנט־מעלאָדיעס. לידער פאַר די, וועלכע זיצן פאַרשפאַרט אין טורמעס צוליב די פּראָטעסטן קעגן דער אַלטער אָרדענונג.

די עלטערע געסט זיינען פאַרנומען מיט טעאַטער־דיסקוסיעס, וואו עס ווערט דערמאָנט דזשאָאַן בויעז, דיק גרעגאָרי, בעלאַפאָנטע, סידני פּאָטיער, סעמי דעיוויס, מעלינאַ מערקורי, וועלכע איז אַנטלאָפן פון דעם פאַשיסטישן גריכנלאַנד און נאָך פיל נעמען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט האָליוואוד.

אין דער דיסקוסיע פאַרנעמען אַ פּלאַץ די פילמען: „טרעף ווער קומט פאַר מיטאָג־עסן" און „הונדערט ביקסן", וואו די ליבע־סצענעס זיינען אַוועק שוין אַ סך ווייטער צווישן שוואַרצע און ווייסע, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק. דאָ זעט איר שוין סצענעס ווי אַ נעגער־אַרטיסט געפינט זיך מיט אַ ווייסער פרוי אין איין בעט. איר זעט ווי אַ ווייסע אַקטריסע האַלט אַרומגענומען אַ נעגער־אַקטיאָר און זייערע ליפן זיינען צוזאַמענגעשלאָסן.

— די נאַטור האָט דאָס נעגערשע קינד באַשאַפן מיט אַלע מעגלעכקייטן, פונקט אַזוי ווי די ווייסע קינדער, נאָר די האַרצלאָזע ראַסיסטן ווילן דאָס נישט אָנערקענען.

— עס הייבט אָן פאַרשווינדן אין דער טעאַטער־וועלט דער שוואַרצער „פּאָני־מען״, דער שלימזל, וואָס האָט געמאַכט דעם נעגער צו שפּאָט און שאַנד.

עס גייט אָן אַ פּרוכטבאַרע דיסקוסיע צווישן די, וועלכע האַלטן, אַז אינטעגראַציע איז אַ „מוז־זאַך״ אין די האָליוואודער פילמען און טעאַטער און מיט די וועלכע צווייפלען נאָך.

— מען איז איצט כמעט גלייכגילטיק צו דעם פאַקט, אַז ווייסע און שוואַרצע, וואָס האָבן חתונה, לעבן גליקלעך. טאָ פאַרוואָס זאָל דאָס נישט זיין לאָגיש פאַרן טעאַטער־עולם, וועלכער איז אַ טייל פון לעבן. אמת, געוויסע מענטשן דרייען נאָך מיט דער נאָז, נאָר מיטן מאָמענט וואו עס שפּילן שוואַרצע מיט ווייסע אין די אינטעגרירטע פילמען און רופט אַרויס ענטוזיאַזם ביים יינגען טעאַטער־גייער, איז דאָס אייז געבראָכן.

אין די האָליוואודער סטודיאָס גייען אַדורך יוגנטלעכע מענער און פרויען. זיי קומען פון גאַנצן לאַנד און אויסלאַנד. פיל פאַרמאָגן חן, טאַלאַנט, רייץ. פאַראַן צווישן זיי אוניווערסיטעט גראַדואירטע מיט טאַלאַנט און וויסן, ווי אויך סתם נאַאיווע. צווישן זיי האָט מען מיט יאָרן צוריק זעלטן באַגעגנט שוואַרצע, מעקסיקאַנער, פּאָרטאָריקאַנער. אָבער היינט זעט מען שוין צווישן די „דזשאַב־זוכער״ אַ פאַרשידנאַרטיקע יוגנט, וועלכע ווערט רעקאָמענדירט פון „אויסשפּירער״ און אַגענטן.

מיר זיינען נאָך זייער ווייט פון פּאַקטישער ראַסן־גלייכקייט. אָבער דיי זון הייבט שוין אָן לייכטן אין דער טעאַטער־וועלט אין האָליוואוד און איבערן לאַנד, אויף די טאַלאַנטפולע מענטשן פון אַלע ראַסן און קאָלירן.

בּיים ים (מיניאַטורן)

אַ פרילינג-טאָג אין האַרבסט

דער קאַלענדאַר האָט געוויזן אַז ס'איז שפּעט אין האַרבסט, אָבער אין שטאָט איז געווען ווי פרילינג. די זון איז אויפגעגאַנגען אין גלימער, אַזוי ווי אין תמוז. די בערג האָבן זיך אָנגעזען קלאָר פון גאַנץ־ווייט. הינטער די בערג איז דער הימל געווען בלוי, באַשפּרענקלט מיט ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס זיינען געווען צעצויגן ווי פּוכקע, דינע פעדעמלעך.

אין שטאָט איז געווען שטיל. עס איז זונטיק, די ביטשעס (פּליאַזשעס) זיינען אָפן און פריי. די יוגנט שטייט אין די גאַסן, וואָס פירן צום ים, הויבן די הענט צו די דורכפאָרער, אַ צייכן מ'זאָל זיי מיטנעמען. עס פאָרט אַן אַ טראָק און אַ גאַנצע כאָפּטע קינדער, מיט האַנטוכער אויף די אַקסלען, פּאַקט זיך אַריין.

ביים ים איז אַ געפּילדער. עס קוועלט מיט הילכיקן געלעכטער. די קינדער טויכן אונטער די כוואַליעס. זיי זיינען פריי פון סקול, פריי פון דיסציפּלין. דער ביטש, דער ים, איז אָנגעלאָדן מיט פרייד, וואָס די יוגנט האָט געבראַכט.

דאָס ווייסע זאַמד וואַרעמט אונטער די נאַקעטע פיס. די קלענערע קינדער, וועלכע זיינען געקומען מיט טאַטע־מאַמע, בויען היילן, פּיראַמידן, טורעמס, שלעסער פון וואַסער און זאַמד.

אונטער פּיל־קאָלירטע שירעמס באַהאַלטן זיך מענטשן פון דער ברע־נענדיקער זון. איינער שפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָניקע. דאָס מיידל ביי זיין זייט כאַפּט אויף די טענער און ברומט אונטער. ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס אַרום אים און זיין שפּיל־קעסטעלע פאַרזאַמלען זיך קינדער און באַוואונדערן דעם מוזיקאַלישן אינסטרומענט, וואָס גיט אַרויס באַקאַנטע מעלאָדיעס און באַגייסטערט די יונגע צוהערער.

אויף אַ קאָלירטן געוואַנט ליגן אויסגעשפּרייט קינדערשע שפּילצייגן. אַ יונג פּאָרל ליגט אויסגעצויגן מיט די פּנימער צו דער זון. אַ בלאָנד מיידעלע קאָלערט זיך איבער זייערע קערפּערס, רייט ווי אויף אַ פערדל. די מאַמע גיט איר אַ פּעטשל: — לאָז דעם פּאַפּאַ שלאָפן, ער איז מיד פון אַ וואָך אַרבעט.

אַן עלטערע פרוי, קליין און רונדיק, מיט אַ הויכן בוזים און אַ געפּאַסטן צוויי קאָלירנדיקן באָד־קאָסטיום, פאַרקעמט אין אַ הויכע פריזור, פירט אויף אַ צוים אַ הינטעלע, וואָס האַווקעט מיט אַ דין שטימעלע, ווי דאָס פּישטשען פון אַ פייגעלע, ווען עס דערזעט זיינס אַ חבר...

עס לויפט אָן אַ גאַנצער הויזגעזונד מיט „פרידזשידעירס״, צוויי קאַסטנס מיט שפּייז, געטראַנקען. דאָס יונגוואַרג שלעפּט זיי ביי די לעדערנע אויערן, געפינען אַ ליידיקן פּלאַץ, שטעלן אויף אַ צונויפלייג־טישל, בענקלעך, לייגן אַרויס קענדלעך ביר, פלעשלעך געטראַנקען, היימיש געמאַכטע עסנוואַרג, שטעלן אָן די מיטגעבראַכטע קליינע ראַדיאָ, און נעמען זיך צו דער סעודה.

אויף דעם ביטש איז קאָפּ אויף קאָפּ. ווען די זון הייבט זיך אָן באַהאַלטן הינטער די בערג, הינטער אַ דורכזיכטיקן וואָלקן, בריען נאָך שטאַרק אירע שטראַלן די כוואַליעס פאַלן און הייבן זיך, די זון קומט ווידער אַרויס און באַשטראַלט דעם שוימיקן ים מיט אַ רעגנבויגן, וואָס איז פול מיט קאָלירן ווי די מענטשן ביים ים.

צען קינדער און אַ בוים

אין פּאַרק שמעקט מיט פריש געשניטן גראָז. די נאָדל־ביימער זיינען גרין ווי אין פרילינג. אויף עטלעכע ביימער זייען די בלעטער קופּער־רויט, אייסגעטריקנט, גרייט צו פאַלן פון אַ מילדן ווינט־באַריר.

אין פּאַרק קומען פאַרשיידענע מענטשן פון אַלע טיילן פון שטאָט.

דאָ געפינט זיך אַ לעיק (אָזיערע). געגנדזלעך, קאַטשקעלעך, נאַר־וואָס אויסגעבריטע, שווימען נאָך די מאַמע־קאַטשקעס, וואָס האַלטן זיי אין איין רופן.

שיפעלעך קורסירן, מיט קאָלירטע דעכעלעך איבער די קעפּ. דער לעיק איז פול מיט פיש און פישעלעך. זיי שטעקן אַרויס די פיסקעלעך און כאַפּן די ברעקלעך, וואָס ווערן געוואָרפן אין וואַסער.

איין זייט פון פּאַרק איז פול מיט קינדער און מאַמעס. די קינדער קריכן אויף הוידעלקעס, גליטש־ברעטער, דרייען זיך אויף ספּאָרט־שטאַנגען. באָבעס און אייניקלעך קומען דאָ אין אַ רו־טאָג, ריידן צו די קינדער אין פאַרשיידענע לשונות.

דערוואַקסענע ליגן האַלב־נאַקעטע אויסגעצויגן אויפן גראָז, באַהעפטן זיך מיט דער מאַמע־ערד, זאַפּן איין דעם אַראָמאַט פון ביימער, גראָז און וואַסער, לופטערן אויס די לונגען פון דער פאַרסמטער לופט אין די שעפער.

איין מאָל אַ וואָך קומען זיי אַהער אין פּאַרק, גלייכן אויס די מידע גלי־דער, זאַפּן־איין די שיינקייט פון דער נאַטור, אָטעמען פריי.

אונטער אַ בוים מיט לאַנגע, געדיכטע צווייגן, שפּילן זיך קינדער. די עלטערן זיינען פאַרטיפט אין אַן אילוסטרירטן זשורנאַל. נאָך דער קאָרע און קאַרבן פון בוים מוז ער שוין זיין זייער אַלט. די שווערע צווייגן בייגן אים נעזטער צו דער ערד. דער בוים גיט דעם מענטשן שוץ, ווי אַ שירעם.

עס איז צוגעקומען אַ גרופּע אינגעלעך און מיידעלעך. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם בוים, געוואָלט טאַנצן אין אַ קאַראַהאָד, זיינען די הענטלעך

געווען צו קליין, האָבן זיך ניט געקאָנט דרייען אַרום דעם בוים. אַ מאַן גייט פּ.רביי מיט צווי קינדער, שטופּט ער זיי צו — ווערן זיי צען קינדער פון פאַרשיידענע ראַסן און קאָלירן. „דאָס איז אַ גאַנצער בוקעט פון נאַציאָנאַליטעטן" — זאָגט דער פאָטער פון די צוויי קינדער.

ריינד־אַרום האָבן זיי זיך גענומען דרייען, ווי אַ קאַרוסעל, געפּאַטשט מיט די הענטלעך, זיך פאַנאַנדערגעלאָזט און ווידער געשלאָסן די ראָד און געזונגען: „טיף איז דער ים, הויך דער הימל, מאַמע איז אין שאַפּ, באַלד וועט זי קומען"...

אַלע בענק זיינען געדיכט באַזעצט. עמיצער סקריפּעט אויף אַ פידעלע, האַלט די נאָטן אויפן שויס און פירט דעם סמיטשיק הין און צוריק.

עס קומט צו אַן עלטערע פרוי מיט אַ טענה: „פאַרוואָס שפּילסטו כסדר טרויעריקע לידער? שפּיל אַ פריילעכס, ווילן מיר גיין אַ טענצל."

אַן עלטערער מאַן, דאַר און הויך, זאָגט: „זי איז גערעכט, שפּיל אַ פריילעכס, מאָרגן רומען אַראָפּ די אַסטראָנאַטן."

אַ פרוי, וואָס איז אויסגעקאָכט מיט די „איינוואוינער" פון פּאַרק, שטופּט זיך אַריין: „מיר וועלן אַלע גיין אַ טענצל, ווען די מלחמה אין וויעטנאַם וועט זיך פאַרענדיקן." אַלע אַפּלאָדירן.

אָרימע מענטשן

דאָס איז די געגנט פון אָרימע לייט, זיי לעבן פון סאָציאַלער פאַרזיכערונג אָדער פון שטאָטישער הילף. דאָ איז דער פּאַרק אַרומגערינגלט מיט ביליקע מעבלירטע צימערן. ניט לאַנג צוריק האָט זיך דאָ געפונען אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג מיט אַ סך איינזאַמע מענער און פרויען פון עלטערן דור. אין אַ ספּעציעלן ווינקל אונטער אַ פעפער־בוים זיינען זיי געזעסן, געלייענט אַ צייטונג, געמאַכט אַ פּיקניק פאַר אַ וואוילטעטיקער אינסטיטוציע — און אויסגעפירט שידוכים.

ווען עס הייבט אַן צופאַלן די נאַכט, טראָגן זיך די מענטשן אָפּ פון פּאַרק, נאָך איידער די זון זעצט זיך. עמיצער דערציילט: „נעכטן איז מען באַפאַלן אַ פרוי ווען זי איז אַרויס פון פּאַרק, אַרויסגעשלעפּט דעם האַנט־בייטל." אַן אַנדערער כאַפּט אונטער: „אַ טאָג פריער איז צוגעקומען אַ פרוי לעבן הויז און געבעטן אַ ציגאַרעט, דערלאַנג איך איר אַ האַלב פּעקל, רייסט זי אַראָפּ מייז רינגל, וואָס מיין מאַן האָט מיר געגעבן צו דער 25־יאָריקער חתונה, גיט מיר קלעפּ, ווערט מיר שוואַרץ אין די אויגן, און מענטשן, דאַכט זיך, זעען דאָס"...

און אַ דריטע: „איר ווייסט, ביי ריוועון האָט מען לעצטע וואָך אויס־געליידיקט די שטוב. איך וואוין מיט איר אין שכנות. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז מ'האָט געזען פרעמדע אין הויז — ווען וועט דאָס איינפאַלן?...

אַ פערטע ענדערט דעם גאַנג פון דעם היציקן שמועס: „איך האָב זיך ניט וואָס צו באַקלאָגן אויף מיינע קינדער. אמת, איך זע זיי ניט אָפט, אָבער דעם טשעק שיקן זיי מיר אַזוי שנעל ווי גאָט גיט דעם ערשטן טאָג פון מאָנאַט: צוועלף טשעקס אַ יאָר. זיי האָבן זיך זייער לעבן, איך האָב מיר מיינס״...

מענטשן, ביימער און ים

געווען איז דאָס צווישן טאָג און נאַכט. די זון האָט אַרונטערגענידערט. די הויכע פאַלם־ביימער, וואָס טראָגן אַ קרוין אויפן קאָפּ, האָבן געוואָרפן שאָטנס אויף דער אַלייע פון גרינע גראָזן. דער מילדער, וואַרעמער ווינט האָט קוים באַוועגט די צווייגן און געגלעט ס'פּנים. די קוסטעס און בלומען האָבן שלווהדיק זיך געסודעט.

מיר האָבן שטיל געקוקט צו דער מערב־זון, ווי זי רירט אָן די שפּיץ בערג. געמיינט האָבן מיר, אַז דער צויבער פון בין־השמשות וועט נאָך לאַנג דויערן. מיטאַמאָל האָט די זון זיך אַראָפּגעלאָזט הינטערן ווייטן ים און איבער־געלאָזט אויסטערליש אויסזעענדיקע בערג. נאָך איידער ס'איז געוואָרן פינצטער האָט די לבנה, אַ זילבערנע, זיך אַרויסגערוקט מיט אַ קליין רעדעלע, וואָס איז געווען קלאָר, דורכזיכטיק. מענטשן פון נאָענט און ווייט זיינען ספּעציעל געקומען זען דעם צויבער. זיי זיינען געקומען מיט אַפּאַראַטן פאָטאָגראַפירן, אַראָפּכאַפּן דאָס בילד פון דער נאַטור־דערשיינונג.

מיר זיינען געשטאַנען אַנגעשפּאַרט ביים פּאַרענטש, אויפן פעלדז, זיך צוגעקוקט צו דער דערשיינונג, ווי דער טאָג טרעט־אָפּ פאַר דער נאַכט. מענטשן האָבן שטיל גערעדט, ווי איינער וואָלט דעם אַנדערן ניט געוואָלט אויפוועקן.

דער הימל איז געוואָרן אַ טרוים, פול מיט גאָלדענע, מיניענדיקע שטערן. ווי אַ דורכזיכטיקער טונקעלער סאַמעט איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן ים — ווי איין הימל וואָלט זיך געפונען אונטערן וואַסער, און אַ צווייטער איבערן וואַסער.

שוירלי און איר מוטער

די טאָכטער שוירלי האָט צוגעפירט איר מוטער אויפן אינוואַלידן־שטול נעענטער צום אָנשפּאַר פון דראָטענעם פּאַרקן ביים פעלדז. די פאַרקריפּלטע מאַמע האָט מיט באַגייסטערונג אין אירע אָפענע אויגן באַדאַנקט דער טאָכטער פאַר דעם גרויסן וואונדער פון דער נאַטור־שיינקייט.

טאָכטער און מוטער קומען יעדן טאָג אין די פּאַליסאַדן ביים ים. שוירלי שלעפּט אַרונטער איר מוטער פון דעם אַלטן אויטאָמאָביל. זי, די טאָכטער, קוקט זיך אַרום, וואו זי וועט קאָנען איינאָרדענען איר געליימטע שווער־וואָגיקע מוטער. שוירלי וויל ניט, אַז עמיצער זאָל איר דערביי העלפן. איר מוטערס גלידער זיינען אינגאַנצן פּאַראַליזירט. ווען די טאָכטער שוירלי שלעפּט זי אַריין אָדער אַרויס פונעם אויטאָ, באַגיסט זי זיך מיט שוויס. די פיס אין הענט פון איר מוטער באַמבלען זיך, ווי ניט פון קיין לעבעדיקן גוף.

פריער נעמט שוירלי אַרויס דעם רעדער־שטול, שטעלט אים אַוועק האַרט ביים אויטאָמאָביל; פאַרפעסטיקט די פּאַדערשטע און הינטערשטע הויכע רעדער מיט ספּעציעל־צוגעגרייטע קלינעס. דערנאָך גייט דער „ריטואַל" פון באַפעסטיקן די מוטער אויפן שטול: זי בינט אַרום די מוטער מיט ווייכע שטריק צוזאַמען מיטן שטול, אַז זי זאָל זיך ניט אַראָפּגליטשן. דעמאָלט זעט מען, ווי די פאַרקריפּלטע מוטער מורמלט מיט די ליפּן. די מחשבות אין מוח באַוועגן זיך. די איינציקע, וועלכע ווייסט וואָס די מוטער טראַכט, איז שוירלי...

ווען די זון קומט אַרויס אַ קלאָרע און וואַרעמט די גלידער, נעמט שוירלי אַ ספּעציעל־צוגעגרייטן שירעם, פאַרפעסטיקט אים איבערן קאָפּ פון דער מאַטער, דערנאָך שפּרייט זי אויס אַ טישל און האָדעוועט די מוטער ווי אַן אומבאַהאָלפן קינד.

אָט־דער „ריטואַל" חזרט זיך איבער יעדן טאָג. שוירלי היט דאָס אָפּ ווי אַ הייליקייט. וואָס קומט פון ליבשאַפט פון אַ טאָכטער צו אַ מוטער.

שוירלי איז הויך און דאַר, די מוטער — קורץ און שווער־לייביק. ביידע זיינען אָרעם געקליידט. דער אויטאָמאָביל וואָס שוירלי טרייבט, איז שוין צוועלף יאָר אַלט, די גומי־רעדער — אָט־אָט פאַלן זיי פאַנאַנדער. שוירלי וויל ניט אַז מען זאָל איר אַרויסווייזן רחמנות; זי איז אָבער שטאַרק פאַר־ביטערט און זי טענהט: „פאַרוואָס גיט מען אויס אַזויפיל ביליאָנען דאָלער אויף אומברענגען מענטשן? יעדן טאָג זע איך אויף דער טעלעוויזיע ביי מיין שכנה נייע דערפינדונגען אויף אויסצוהרגענען אומשולדיקע יונגע מענטשן. מיין מוטער וויל מען ניט אַריינגעמען אין אַן אנשטאַלט. איך קאָן ניט גיין אַרבעטן, און דאָס ביסל רעליף וואָס איך קריג, איז קוים צו דערהאַלטן די נשמה."

ווען שוירלי האָט שוין „געפירט" דעם רעדער־שטול צום אויטאָ, אויפן וועג אהיים, האָט זי געזאָגט מיט ווייטאָג: „די מלחמה אין וויעטנאַם האָט דערוואָרגן די מלחמה קעגן אָרימקייט."

„היפּיס" קומען צו אַ חתונה

אויף דער „פּלאַזשאַ" איז געווען פֿאַרזאַמלט אַ גרויסע צאָל „היפּיס", געקומען זייענען זיי פֿון די אַרומיקע „סלאַם"־הייזער, וואָס ציען זיך פֿאַזע דעם „באַרדוואַק", אָדער שפּאַציר־וועג. דאָ מישן זיך אויס אַלט און יונג, ראַסן און קאָלירן.

זינט עס נעמט שאַריען אויף טאָג, ביז די זון פֿאַרגייט, מישן זיך אויס די איינוואוינער אויפֿן שפּאַציר־וועג. מען זעט דאָ עלטערע יידישע פֿרויען און מענער, וועלכע וואוינען דאָ צוליב דער פֿרישער לופֿט, וואָס קומט פֿון ים, אָדער צוליב דעם, וואָס דאָ פֿאָרן ניט קיין אויטאָמאָבילן. זיי זאָגן: „דאָס לעבן איז דאָ ניט איינגעשטעלט. אַלץ איז דאָ אונטער דער האַנט: צוויי שולן צום דאַווענען, אַ זאַל צו פֿאַרברענגען, אַ צענטער צו פֿאַרווײַלן, קולטור־קלובן, לייען־קרייזן". היינט זיינען די „היפּיס" געקומען מיט זייערע קינדער און פֿריינט צו אַ חתונה; געקומען מיט וויין, מוזיק און געזאַנג, באַרוועסע און פֿאַרפּוצטע מיט בלומען.

די זון האָט זיך באַוויזן אַ ליבע, אַ וואַרימע. זי האָט זיך געשפּילט אויפֿן רואיקן פּאַסיפֿישן ים־ברעג, געוואַרעמט דעם ברוינלעכן זאַמד און אַנגעגליט די שטיינער, וואָס ליגן אָנגעהויבעט אין גרויסע הויפֿנס.

די „היפּיס" זיינען געזעסן געמיטלעך, גערעדט שטיל, זיך געצערטלט, געלייענט די „היפּי"־ליטעראַטור, געווען אויסגעפּוצט ווי צו אַ חתונה.

איניקע „היפּיס" האָבן מיט באַמבו־שטעקלעך „אויסגעמאָלן" אין זאַמד פֿאַרשיידענע פֿיגורן, אָרנאַמענטן, הערצער.

אויף אַ ווייסן לייוונט האָבן עטלעכע יונגע מענער און פֿרויען געמאָלן אין פֿאַרבנדיקע קאָלירן — בלומען, באַשעפֿענישן. איבער איין „טעמע" האָבן געאַרבעט זייער ערנסט איבער דער מאָלערײַ, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ פֿאַרמעסט. שווער איז געווען צו פֿאַרשטיין די אָביעקטן, וואָס זיינען געווען אויסגעאַרבעט אין בונטע קאָלירן. איבער דער ברייט פֿונעם לייוונט אויבן־אָן, אין גרין און רויט, איז געווען אָנגעצייכנט: „וויעטנאַם", און אונטן — „שלום!"

מיטאַמאָל האָבן די מוזיקאַלישע אינסטרומענטן אָנגעהויבן שפּילן. אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. פֿון ווייטן האָט מען געזען חתן־כּלה, געפֿירט פֿון מחותנים. די כּלה — אין אַ ווייסן, זיידענעם, לאַנגן קלייד; דער חתן — אין אַ שוואַרצן אַטלאַס־כאַלאַט; ביידע באַרוועס, פֿול מיט ליבשאַפֿט איינע צום אַנדערן, און צו די אַרומיקע.

אַ „היפּי", אָנגעטאָן ריין, ציכטיק, אין אַ גרינעם כאַלאַט, באַפּוצט מיט רויטן זייד, באַבערדלט, האָט אויפֿגעהויבן אַ כּוס פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון „ליבע און שלום."

דער ווײַן איז געגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט; קושן זײַנען געטראָגן געוואָרן פֿון ליפּ צו ליפּ. מ'האָט זיך געהאַלדזט, זיך געוואונטשן, אַז דאָס לעבן זאָל זײַן פֿול מיט גוטסקייט פֿון מענטש צו מענטש.

מען וויל לעבן! . . .

ס'איז געווען אין טאָג פֿון שמחת־תּורה. אַ סך פֿרייד אויפֿן שפּאַציר־וועג ביים ים אין וועניס. די עלטער־באָבעס און עלטער־זיידעס זײַנען געווען פֿיין־אויסגעפּוצט. די באָבעס האָבן געשײַנט, די זיידעס האָבן געלויכטן. דער טאָג איז געווען פּרעכטיק־שיין — אַ קלאָרע זון, אַ ליכטיק־בלויער הימל. שטילע קלאַנגען פֿון ים־כוואַליעס האָבן זיך געטראָגן צו די מענטשן אין געזשום...

הינטער רויטע דעכלעך, פֿאַרשטעלט פֿון דער בלענדיקער זון, האָבן פּרויען געטאַנצט אַ „האָראַ". אַ פֿידעלע, אַ גיטאַר, אַ מאַנדאָלין האָבן באַגלייט. די באָבעס האָבן זיך געדרייט, געטאַנצט ווי אַ ווינטער. עס פֿאַרמעסט זיך אַ באָבע מיט אַן אייניקל, די באָבע טאַנצט נאָך — דאָס אייניקל איז שוין מיד... עס ווערט אַ קלאַפּעריי, אַ פֿרייד. . .

עמיצער פֿאַרציט אַ פֿאָלקס־ליד, אַ ליבעס־ליד, לידער פֿון בענקשאַפֿט, לידער פֿון דער אַלטער היים, „אוי דאָס שטעטעלע"... עס הערן זיך מוזיק־טענער פֿון סוועט־שאַפּ, לידער פֿון באָוושאָווער און ראָזענפֿעלד, ווינטשעווסקי, ליעסין, רייזין און פּרץ; פֿון טעאַטער־שטיקלעך. אַלץ פֿון „אַמאָל איז געווען..."

אָט הייבט אַ באָבע אָרויס אַ רויטע פֿאַטשיילע, אַ צווייטע כאַפּט אַן דעם אַנדערן ברעג. אַזוי מיט געהויבענע הענט און טאַנצנדיקע פֿיס: „יידן, מיר האָבן שמחת־תּורה"... כאָטש אין די יאָרן — צווישן 70 און 90, ווילט זיך ניט פֿאַרגעסן דאָס שטעטעלע, דעם נעכטן, דאָס פֿאַרגאַנגענע, דאָס ראָמאַנ־טישע. מ'איז אַלט אין יאָרן, אָבער יונג אין גייסט. מ׳ וו י ל ל ע ב ן! דאָס נישט דערגאַנצטע וויל מען דעריאָגן, איידער דער היינט גייט אַוועק.. עס פֿאַלט־צו די טונקלקייט. באַלד וועט זײַן אויס חלום... „אַ שאָד, די יוגנט קומט מער ניט צוריק." איז נאָך אַ טאַנץ. . .

„אַמאָל האָבן זיי געברענט אַ וועלט", זאָגט אַן אַלטיטשקע, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף אַ שטעקן.

„געהאַט אַ שווער לעבן", זאָגט אַן אַנדערע, „היינט איז „שמחת־תּורה", רופֿט זיך אָן אַ ייד און טוט אַ שווערן זיפֿץ. . .

אַ טאָג בײַם ים

דער פֿרימאָרגן איז געװען געדיכט פֿאַרװאָלקנט, די לופֿט שװער, עס האָט געביסן אין די אויגן װי עסיק. די ראַדיאָ האָט אַלאַרמירט, אַז די גאַזן װאָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט, זײַנען פֿאַטאַל. אויב עס װעט אַזױ אָנהאַלטן נאָך עטלעכע שעה, װעלן מוזן אָנגענומען װערן דראַסטישע מיטלען.

מענטשן האָבן זיך דערשראָקן... „איז אין אײער געגנט אויך אַזאַ „סמאָג"?

די געדיכטע סם־לופֿט האָט אײַנגעהילט די בערג און ס'האָט אויסגעזען װי אַ שװאַרצע געדיכטע סאַזשע װאָלט זיך אויסגעמישט אין דעם נעפּל, װאָס האָט אײַנגעהילט די שטאָט.

די זון האָט זיך געװאָלט דורכרײַסן, אַ מאָטן פֿינקל געטאָן אויף אַן אויגנבליק. אַ שטראַל האָט אַ בלאַסק געטאָן און צוריק פֿאַרשװאונדן הינטער דעם געדיכטן פֿאָרהאַנג פֿון װאָלקנס — און אָנגעגליט פֿון דער הײסער זון.

די לופֿט האָט ניט גערירט קײן בלעטל פֿון בױם. פֿליגן האָבן געשטאָכן, געװען בײז װי זעלטן פֿריער.

מיטאַמאָל, װי עס װאָלט געשען אַ נס, האָט זיך די זון דורכגעריסן, צעשפּאַרט די געדיכטע, פּליסיקע מאַסע, װאָס האָט געשװעבט איבער דער שטאָט און גענומען ברענען און בראָטן. דער דײַטשער הונט, װאָס יאָגט זיך כּסדר נאָך די טױבן און פֿײגל װאָס קומען, זוכן שפּײַז אויף די גראָזן לעבן „זײַן" הױז און שטשירעט מיט די צײן אויף פֿאַרבײַגײער, איז איצט געלעגן אויס־געצױגן װי אַ טויט באַשעפֿעניש, געפּרײַכט מיט אַן אַרױסגעשטעקטער צונג.

אַ פּאָר הײזער װײַטער האָבן די קינדער איפּגעדרײט די װאַסער־קראַנען, געלאָזט אויף זיך לויפֿן די שפּריצן, געװען כמעט נאַקעט, געלאַרעמט, געמאַכט קאָזשעלקעס, זיך געבאָרעט. װען דער לענדלאָרד האָט זײ פֿאַרטריבן פֿון אײן אָרט זײַנען זײ אויסגעװאַקסן אַנטקעגן, אַרױסגעשטעקט אַ צונג, אַנטלאָפֿן הינטער אַ הױז און באַלד צוריקגעקומען.

די שטאָט האָט געלעכצט נאָך אַ ביסל רעגן, אָבער אין דער צײַט פֿון יאָר איז דאָס געװען פֿאַנטאַזיע, װײַל רעגן קומט קײנמאָל ניט אין דער צײַט.

בײמער, גראָזן און בלומען זײַנען געװען דאַרשטיק, דאָס ביסל װאַסער װאָס איז געקומען פֿון קאַרגע לענדלאָרדס איז געװען נאָר צו באַנעצן די ליפּן...

לינדאַ און פּערעז, אַ ײנגעלע און אַ מײדעלע, בײדע קינדער אין אײן עלטער, אָנגעהאָרעװעטע פֿון װאַסער־שפּריצן און שפּילערײַ, האָבן זיך געזעצט אויף הילצערנע, שױן אַ ביסל אונטערגעפֿוילטע, טרעפּלעך, אָפּגעלאָזן, אָפּ־געקראָכן פֿון די זון. דאָס הױז איז אַמאָל געװען אין באַלעבאַטישע הענט,

באַלאַנגט איצט צו דער הויכער צען־שטאָקיקער קאָמערץ באַנק אויף סאַנסעט בולוואַרד. נאָך אַ סך פון די אַלטע הייזער באַלאַנגען צו דער באַנק.

אין די הייזער, דערציילט מען, האָבן אַמאָל געוואוינט באַקאַנטע און באַרימטע פילם־סטאַרס, וואָס זיינען שוין לאַנג אַוועק אין דער אייביקייט, און אַנדערע, וועלכע לעבן נאָך, זיינען אַלט און פאַרגעסן.

די הייזער זיינען פול מיט פלעקן און אַלטער פאַרב. עס זעען זיך אַרויס גרינע, געלע, ווייסע, בלויע און אַנדערע פליאַמעס. הינטער די הייזער שטייען אַלטע צעבראָכענע אויטאָמאָבילן, אַנגעוואָרפענע שמאַטעס, צייטונגען. די ערד איז טרוקן. וואו ניט וואו שטופּן זיך אַרויס גרעזלעך, אַ פעלד־בלימל, אַן איינגעדאַרטער ציטרוס־בוים מיט פאַרוויאַנעטע, געלע, שיטערע בלעטער. אַנדערע סימנים ווייזן, אַז אַמאָל האָבן אין די הילצערנע הייזער מיט געזימסן און אָרנאַמענטן געוואוינט מענטשן פון אַ פאַרמעגלעכן שטאַנד.

פערעז און לינדאַ, די צוויי קינדער, זיינען שכנים. דאָס מיידעלע טראָגט אַ פּאָר קורצע מייטקעס, וואָס דעקן צו דאָס ווייכע פלייש פון געזעס. אַ שמאַטקעלע דעקט צו די שפּראָצונגען פון הערצעלע און בריסטעלעך. זי האָט פלאַקסענע האָר, איז ווייך, רונדיק, לאַכט געמיטלעך און האַרציק.

דאָס יינגעלע, מיט רויטע האָר און אַ פאַרריסן נעזל, פול מיט קלייען, אָפּגעברענט פון דער זון, לויפט שנעל ווי אַ העזל. איצט זיצן די קינדער איינגעמידטע, האַלטן צוויי קעצלעך אויפן שויס, קעמען די פעל מיט די קליינע פינגערלעך. לינדאַ האַלט די אַמעריקאַנער קאַץ, וואָס האָט אַ פעט בייכל און איז אַ ביסל צעדראַפּעט. זי איז גרוי און רויט, לאָזט זיך לאַשטשען, רייסט זיך פון די הענט און אַ פייגעלע שטעלט זיך ניט ווייט פון די האַלב־קרומע טרעפּלעך.

פערעז האַלט אַ קליין קעצל. ער זאָגט אַז דאָס איז אַ „וויעטנאַמער קאַץ.“ דאָס קעצל פון פערעז האָט צוויי קאָלירן: „דאָס פנימל איז מאַט־שוואַרץ און דער קערפּער, גאָלד קאָליר. מיט גרינע, שאַרפע, וואַכזאַמע אויגן. זי וויל זיך ניט שטאַרק שפּילן מיט דער אַמעריקאַנער קאַץ, נאָר יענע איז פאַרטאָן אין טראַכטן...

איין מאָל פאַרטאָג, האָבן זיך באַגעגנט די צוויי קעץ. זיך גענומען בייסן, דראַפּען, די קולות זיינען געוועזן הימל־הויך. עמיצער האָט אַרויס־געוואָרפן אַן אַלטן, לײדיקן בלומען־טאָפּ, און דאָס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט אין חלל. איצט האָבן די קינדער געשמועסט:

— דיין אַמעריקאַנער קאַץ גרייפט אָן. די מאַמע זאָגט, אַז זי איז אַ שלעגערין.

— דיין קאַץ האָט מיינע פאַרטריבן פון הויז.

— ס׳איז איר הויז, זאָל זי אַהער ניט קומען.

פלוצים האָבן די קינדער זיך גענומען קלאַפּן מיט די הענטעלעך,

אַפּגעלאָזט די קעצעלעך און זיך גערופן בעמען.

אַ יונגע מאַמע, צעפּלאָשעט, האַלב אָנגעטאָן, איז אַרויסגעלאָפן: „קינדער, קינדער!"

— זי מיט איר גראָבע קאַץ — זאָגט בייז פּערעז.

עס איז געווען נאָכן האַלבן טאָג. מענטשן האָבן פאַרמאַכט פענצטער און טירן, אַנטלאָפן ווייט הינטער דער שטאָט. די פליאַזשעס („ביטשעס") זיינען געווען געדיכט מיט מענטשן. יונגוואַרג איז געקומען פון אַלע עקן שטאָט. דער ים האָט געברויזט, געווען אומרואיק. די ריזיקע כוואַליעס האָבן צוריקגעיאָגט די וואָס האָבן געוואָלט שווימען ווייט פון שוימיקן ברעג.

ווי נאָר אַ בוים, אַ ביימל, וואָס האָט פאַרשטעלט די זון און געוואָרפן אַ שאָטן אויפן גראָז, וואָס איז געווען ווייט פון ים־ברעג, איז געווען אַרומ־געזעצט מיט עלטערע מענטשן. זיי האָבן זיך מחיה געווען מיט די דופטן פון נאָר־וואָס געשניטענעם גראָז.

אויפן בריענדיקן ווייסן זאַמד האָט אַ באַרוועסער, באַיאָרטער מאַן געטראָגן אַ גרויסן זאַק מיט ליידיקע פלעשער פון „פּאָפּ", וואָס ער האָט צוזאַמענגע־קליבן און וועט דאָס שפּעטער אויסטוישן פאַר עטלעכע סענט, צו באַצאָלן פאַר אַ שיסעלע זופּ און אַ שטיקל ברויט.

ניט ווייט איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסע גרופּע מענער, פרויען מיט קליינע קינדער, ווייסע, נעגערס, יאַפּאַנעזער. זיי האָבן אַריינגעשטעלט פּלאַ־קאַטן אין טיפן זאַמד: „שלום אין וויעטנאַם", „ברענגט די קינדער אַהיים." וואָס אַמאָל זיינען צוגעקומען מער פון דער יוגנט, זיך אויסגעזעצט אין אַ ראָד, אויסגעדריקט סימפּאַטיע מיט די קעגנער פון דער מלחמה אין וויעטנאַם.

עס איז אָנגעלאָפן אַן אַמבולאַנס, אַ פרוי איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון וואַסער, זי האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד: „דאָס לעבן האָט ניט קיין זין, איך האָב ניט קיין היים, איך בין מיד, מיין מאַן איז אַוועק, מיין זון איז אין דער ניוויי, לאָזט מיך שטאַרבן." זי האָט זיך געריסן פון די, וואָס האָבן זי געראַטעוועט — דערוויילע...

דער טאָג איז שוין באַלד פאַרביי, די זון לאָזט זיך אַראָפּ. באַלד־באַלד וועט זי אַריינפאַלן אין ים, פאַרגיין הינטער די הויכע בערג.

אַ געזונטער הויכער מאַן, מיט אַ טאָרבע אויפן אַקסל, האָט זיך אַוועק־געזעצט לעבן דער וואַנט וואָס טיילט אָפּ די שטאָט פון ים, אויסגעגראָבן די טיפקייט פון אַ לאָדקע, זיך אַריינגענורעט, אויסגעגלייגט די טאָרבע צו־קאָפּנס. עפּעס געמורמלט צו די אומדערוואַרטע דורכגייער, פאַרמאַכט די אויגן. אַזוי וועט ער איבערנעכטיקן אין דער וואַרעמער נאַכט, וואָס די נאַטור האָט אים צוגעשיקט.

הינטער אַ בוים זיינען געזעסן פיר יונגע מענטשן און אַן עלטערער מאַן. זייער הולך איז געווען אָרעם, ניט פון קיין „ביטניקס", דאָס איז געווען

אין אַ ווינקל ניט ווייט פון „ביטש״, די גאַסן־לאַמפּן זיינען שוין געווען אָנגעצונדן, די ליכט האָט ניט דערגרייכט אין דעם ווינקל. זיינען זיי געזעסן צוזאַמענגעקנוילט, אויסגעשפּרייט אַ קאָלדרע פון פיל קאָלירן און זיך געגרייט איבערשלאָפן אַ נאַכט אונטערן פרייען הימל. אָן אויסגעשטערנטע לבנה־נאַכט, וואָס וועט זיי געבן רו — אויב די היטער פון געזעץ וועלן זיי ניט שטערן אין זייערע חלומות...

אָפּרו־טעג ביים ים

ביינאַכט, אין שלאָף, האָב איך געהערט דאָס רוישן פון די ברויזנדיקע כוואַליעס. דער ים האָט שטורמיש געבושעוועט. איך האָב זיך געוויגט אויף פליגלען פון אַן עראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן ראַטעווען מענטשן פון אַ העליש פייער, וואָס אַן אַנדער עראָפּלאַן האָט אָנגעצונדן.

דער חלום האָט געדויערט אַן אייביקייט. ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט דאָס האַרץ שטאַרק געציטערט. אַ קאַלטער שווייס האָט אַרומגענומען דעם קערפּער. די ראָלעטן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט. אין אַ מאָדנער אומהיימלעכער שטילקייט איז געווען איינגעהילט דאָס צימער. מיט האַסט בין איך אַראָפּ פון בעט. אַ הונט האָט אַ ביל געטאָן ביים שכן, האָט געגראַבלט די טיר, זיך געבעטן מ׳זאָל אים אַריינלאָזן.

דער זייגער האָט געוויזן אַ האַרעלע נאָך זיבן. פונעם בוים, וואָס איז געשטאַנען לעבן פענצטער, האָט זיך געטראָגן אַ פּרעכטיק געזאַנג פון פייגעלעך. איך בין אַרויס אין גאַס. דער טוי איז געלעגן אויפן גראָז. אַ געדיכטער נעפּל האָט געשוועבט איבערן ים. די כוואַליעס האָבן מיט בייזקייט זיך אָנגעשלאָגן אין ריזיקע שטיינער.

אַ מאַטע זון האָט פּאַמעלעך זיך גענומען אויסשיילן, זיך געוואָלט באַווייזן מיט איר פּראַכט און איז באַלד פאַרשוואונדן. אַ מענטש האָט געשפּאַנט מיט פעסטע טריט, געוואָרפן מיט די הענט, כדי זיך צו דערוואַרעמען פון דער פייכטער, קילער לופט, וואָס איז געקראָכן אונטערן לייב.

— גוט מאָרגן! — האָט ער זיך באַגריסט מיט מיר. — איר זעט דאָרט דעם טורעם, האַרט ביים ברעג פון ים? דאָס האָט מען אַנטדעקט פרישע אויל־קוואַלן. מ׳דאַרף דאָס האָבן פאַר דער מלחמה אין וויעטנאַם. אויל מישט זיך אויס מיט בלוט...

ס'איז פאַרבייגעפאָרן אַ רייטוועגעלע, אין וועלכן ס'איז געזעסן אַ שווערער יונגער מענטש. דאָס וועגעלע איז געווען אַלט, פאַרזשאַווערט, באַהאַנגען מיט כלערליי קיך־מכשירים ביים זיך־פלאַץ, אויף צוויי פאַרראָסטעטע דרעט־לעך איז געהאַנגען אַ שילדל: „אַ מעבלירט צימער צו פאַרדינגען פאַר אַ מאַן."

דער מענטש מיטן רייטוועגעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר און מיט ציניזם אַ זאָג־געטאָן: „מיין אַפּאַרטמענט 'קאַסאַ אַמיגאָ' איז צו פאַר־דינגען. איבערצושלאָפן אַ נאַכט קאָסט פופציק סענט. איך בלאָז־אָן דעם פּלאַסטישן פענכער, ווערט דאָס דער בעסטער מאַטראַץ. אין פּאַרק איז פאַר־באָטן צו שלאָפן; געפין איך אַלע מאָל אַ נאָרע אונטער אַ הויז. די קיך־כלים דערהאַלטן ביים לעבן. שפּייז געפינט מען אין די קאַסטנס פון סופּער־מאַרקעטס, לעב איך ווי אַ פּרינץ."

— אַ דאַנק — זאָג איך — איך בין ניט קיין קאָסטימער...

אויפן שפּאַציר־וועג פון ווענים צו סאַנטאַ מאָניקאַ זיינען מיר אַנטקעגן געקומען דריי יונגע מיידלעך. זיי האָבן זיך געישובט: „האָסט אפשר אַ קוואָדער? מיר דאַרפן דאָס נייטיק האָבן אויף אַ פּעקל סיגאַרעטן."

„איך בין אַ שונא פון רויך"...

איינע, אַ באָרוועסע, האָט געטראָגן אַ מאָדנעם הוט אויפן קאָפּ. צע־פּלאָשעט איז געווען איר הולך. זי איז געווען חוצפּהדיק און בייז, ווייל איך בין נישט נאָכגעקומען זייער פאַרלאַנג. זי האָט געזאָגט אַ בייז וואָרט און איז אַנטרונען.

די זון איז נאָך אַלץ געווען פאַרשלאָפן, זיך באַהאַלטן אונטערן נעפּל, אַ שוואַכן בליאַסק געטאָן און זיך ווידער פאַררוקט אונטער די וואָלקנס. איך בין געבליבן שטיין צווישן בית־הכנסת און בית־לומדות שול, וואו עס זיינען געשטאַנען צוויי אַלטע יידן און זיך וועגן עפּעס געאַמפּערט. איינער איז צוגעקומען און געזאָגט:

— וואָס האָט איר זיך פאַרקוקט? ווי די מעוועס רייסן דעם ביסן איינע פון דער צווייטער? מענטשן זיינען אויך אַזוי. דער צווייטער ייד אין שווערן מאַנטל, מיט געבויגענע פּליצעס, זאָגט:

— איר ווילט אפשר אַריין צום מנין? עס פעלט איינער. ס'איז שוין געגוג שפּעט. איך האָב היינט יאָרצייט נאָך מיינע עלטערן. דער היטלעריזם ימח שמו האָט זיי אומגעבראַכט. איך וויל זאָגן קדיש.

שוין מיט מיר איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין מנין. די יידן האָבן געוואַרט מ'זאָל אָנהייבן. דערווייל האָט איינער געזאָגט: „צו וואָס דאַרף מען האָבן צוויי שולן, איינע לעבן דער אַנדערער, אַז אַ גאַנצע וואָך קריגט מען נישט קיין מנין צו שחרית?"

אין גאַס האָב איך ווידער פריי אַריינגעאָטעמט די ים־לופט, צוזאַמען מיטן קאַלטן ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם פּאַסייפיק.

צוויי באָבעס זיינען געזעסן אויף אַ באַנק, איינגעהילט אין שאַלן און אין וואַרעמע מאַנטלען. זיי האָב זיך געשושקעט און אָנגעוויזן אויף אַן אויס־געפּוצטע פרוי, וואָס האָט זיך געפירט מיט אַ קוטשעראַווע הינטל, גרויס ווי אַ טויב, גערעדט צו דעם ווייכע רייד, ווי צו אַ ליב קינד, און זיך אומגעקוקט צו די צוויי באָבעס . . .

נעענטער צו סאַנטאַ מאָניקאַ בין איך צוגעקומען צו אַ שטח, וואו הונ־דערטער כלאָם־הייזער ווערן איינגעוואָרפן, און נייע, ריזיקע געביידעס ווערן אויפגעשטעלט פאַר די, וועלכע קאָנען באַצאָלן אַ הויכן פּרייז.

אין אַ זייט איז נאָך געשטאַנען אַ געסל, וואָס איז שמאָל, קורץ, שוואַרץ, ווי אָפּגעברענט פון אַ פייער. די פענצטער זיינען פאַרהאַנגען מיט צייטונגען; פאַרגעלט, פאַרברענט פון זון, מיט שטיקער אַלטע צעריסענע ליילעכער.

איינער אַליין האָב איך דאָ געשפּאַנט הין־און־צוריק אין דעם געסל, וואָס האָט געשראָקן. שטיל איז דאָ געווען, ווי אויף אַ בית־עולם. די שטיל־קייט האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא.

אַ הונט מיט שוואַרץ־גרויע פלעקן, דאַר און הויך, איז מיך פלוצלונג באַפאַלן, מיט אַ בייזן בילן. אָט־אָט כאַפּט ער מיך אָן ביי די פּיס. באַלד, ווי פון דער ערד אַרויס, איז אויסגעוואָקסן נאָך איינער און נאָך איינער. אַ גאַנצע טשאַטע הינט, ווי זיי וואָלטן געשלאָסן אַן אָפּמאַך . . .

איך האָב זיך געשאַרט האַרט ביי דער וואַנט, צוגעקומען צו אַן אַלט אָפּגעברענט הויז, געזוכט וואוהין צו אַנטרינען, געזוכט אַ שטיין, אַ שטיק אייזן, אַ שטעקן... די הינט לויפן נאָך, לאָזן נישט אָפּ. איך זוך מיט די אויגן הילף. איך שאַר זיך האַרט ביי די ווענט.

אומדערוואַרטעט קומט־אָן אַ גרינער וואָגן, ווי אַ פיר־קאַנטיקער קאַסטן, אָפּגעצוימט מיט אַ דראָטענער שטייג. עס קומט אַרויס אַ נעגער, אַ נידעריקער, אין אַ גרינעם אנצוג, מיט אַ „בייטש". די הינט רייסן זיך צו אים מיט אַ געבילעריי. ער טוט אַ שמיץ מיט דער בייטש און כאַפּט אַריין אין קלעם איינעם פון דער טשאַטע הינט אין דעם שלייף פון דער בייטש. דער הונט רייסט זיך, וואַרפט זיך ווי אַ פיש אויף דער ווענטקע, און אין איין אויגנבליק ליגט ער שוין אין קאַסטן מיט אַנדערע כלבים. עס טראָגט זיך אַ געבילעריי פון די געשלאָגענע הינט... די אַנדערע הינט האָבן זיך גאַלאָפּ געלאָזט לויפן איבער די חורבות פונעם מוראדיקן געסל.

איך האָב זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק מיטן פּנים צום ים. לעבן מיר זיינען געזעסן צוויי יידן. די זון האָט פאַרשפּרייט אירע וואַרעמע שטראַלן אויפן זאַמד; קינדער האָבן געבויט הייזער, טונעלן, לופט־שלעסער; געפילדערט, זיך געיאָגט נאָך די מעווען, וואָס האָבן געזוכט שפּייז.

די צוויי יידן האָבן געשמועסט: „יענעמס גאָרטן, האָט אונדז דער טאַטע געלערנט, זאָלסטו אָפּהיטן, און דעם אייגענעם נישט פאַרלאָזן. דו, מיין ברודער,

נאַטאָן, האָסטביידע נישט געהיט; ביסט געווען אַריינגעטאָן אין געלט... דעריבער האָבן דיינע טעכטער פאַרבונדן זיך מיט אַ פרעמדן שטאַם, און דיינע זין — מיט ניט־יידישע טעכטער. און כאָטש דו ביסט איצט אַ גביר, שעמען זיי זיך מיט דיר, און איינער הייסט ביי דיר פלעטשער און דער צווייטער קאַלווער. איצט וואַרטן זיי שוין, אַז דו זאָלסט זיי איבערלאָזן דיינע רייכטימער.

„און נאָך ערגער איז, וואָס עס גייט זיי נישט אָן די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן. זעסטו, מיינע קינדער ווייסן אַז זיי זיינען יידישע קינדער. ניט קיין רעליגיעזע, אָבער זיי האָבן דרך־ארץ פאַר זייער טאַטן; חתונה געהאַט מיט זייער גלייכן. זיי גייען נישט אין טעמפּל; זיי ווייסן אָבער פון יידיש־וועלטלעכ־קייט. אַ מענטש קאָן דאָך נישט לעבן מיט זיך אַליין. וואָס איז שלעכט, ווען קינדער באַלאַנגען צו אַ שלום־באַוועגונג? בין איך נישט קיין גביר, זיי וואַרטן נישט אויף מיין טויט...

— יאָ, צוויי לייבלעכע ברידער, פון איין טאַטע־מאַמע, אָבער ווי צוויי גרעזעלעך זיינען זיי נישט גלייך, אַזוי זיינען מיר פאַרשיידן — זאָגט דער צווייטער, און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— עך, שוין צו־שפּעט...

— ניין, נישט צו־שפּעט! גיי טו עפּעס פאַר דער מענטשהייט!

מציאות אין די וואַסערן

איר ווילט דאָך אַוודאי וויסן ווער איך בין? וועל איך אייך דערציילן: מיט זיבעציק יאָר צוריק, אין דער אַלטער היים אין וואַרשע, בין איך געווען אַ מלמד. דאָ, אין גאָלדענעם לאַנד, בין איך געוואָרן אַ פּאַכמאַן פון אַלץ און גאָרניט... אָבער גאָט־צו־דאַנקען, וואָס איך בין געבענטשט מיט אַ ווייבל, וואָס אַלץ פלאַמט אונטער אירע הענט. זי איז אַ בריה אויף אַלע יידישע מענער געזאָגט געוואָרן. אין שאַפּ מיט דער נאָדל האָט זי אַריבער־געיאָגט די גרעסטע קאָנקערס

פריער זי און דערנאָך איך, האָבן גאָט־צו־דאַנקען אויסגעהאָדעוועט דריי יונגען ווי די בערן און צוויי טעכטער, וואָס די גאַנצע גאַס יונגען האָבן זיך געיאָגט נאָך זיי. איצט, אויף דער עלטער, האָבן מיר זיך מיט וואָס צו באַרימען. די טעכטער איז גוט ווי גאָט האָט געבאָטן, און די זינדלעך— אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. ווי אָפט זיי קומען מיך זען ווילט איר וויסן יעדן מאָל ווען מיר רופן זיי— ווען מיינע ווערט געפּערלעך קראַנק, אָדער ווען זיי מיינען, אַז אָט־אָט גיי איך אויס.

איך וויל אייך בעסער דערציילן וועגן דעם וואָס מען זאָגט, אַז די גרויסע העכט עסן אויף די קליינע פישעלעך. דאָס איז אויך ניט אַלע מאָל אמת, ווייל אָט האָט מיין טאָכטער מיר געבראַכט אַ מתנה צו מיין 89 יאָריקן געבורטסטאָג, אַ גאַנצע אויסשטאַטונג אויף צו כאַפּן פיש. טאַטע, זאָגט זי, דו ביסט ריטייערט, פאָר אַרויס צום ים, וועסטו זען, אַז דאָרט אויף דער בריק, אין ווענים, וואָס איז אַ מייל לאַנג, קומען מענטשן אין דיינע יאָרן כאַפּן פיש... איין מאָל בין איך דאָרט געווען, געזען קינד־און־קייט, יונג און אַלט — מענטשן געדיכט ווי די שטערן אין הימל זיינען אויף דער פרישער ים־לופט — כאַפּן פיש. קיין געלט קאָסט ניט, אַלץ איז פריי. האָב איך דיר געקויפט די מתנה וועסט פאַרשפּאָרן זיך לאַנגווייליקן און זיצן כסדר ביים טעלעפאָן רופן די קינדער און אייניקלעך און זיך זאָרגן וועגן זיי״. . .

וויל איך אייך זאָגן, אַז דאָס ווערטל „אַלטע זיינען ווי קינדער,״ איז אמת. איין מאָל אַ פרימאָרגן האָט מיינע מיר איינגעפּאַקט עטלעכע סענד־וויטשעס און אַ הייסן טרונק און מיך געשיקט כאַפּן פיש. ווען כ׳בין אָנגע־קומען איז שוין געווען האַלבער טאָג. די זון האָט געברענט ווי פייער. פון ים האָט געיאָגט אַ וואַרעמע לופט און אויף דער בריק זיינען געווען מענטשן טאַקע ווי שטערן אין הימל, עס איז ניט געווען וואו זיך אַריינצושפּאַרן. אַ סימפּאַטישע פרוי, אַן איטאַליענערין, האָט געזען ווי איך דריי זיך אַרום ווי אַ נאַר אויפן מאַרק, שרייט זי: „העי פּאַפּ, קוועטש זיך דאָ אַריין.״ שטיי

איך אַזוי צווישן צוויי פּרויען. די זון באַקט. עס ווערט מיר הייס, דער שווייס רינט, טו איך אויס דעם סוועטער, דערנאָך דאָס שווערע העמד.

פלוצים טוט זיך מיין ווענטקע אַ צאַפּל. די איטאַליענערין שרייט: „האָסט געכאַפּט אַ העכט.“ ביידע שלעפּן מיר אַרויס עפּעס אַ רויטע זאַך, מיט אַכצן דינע פיסעלעך, וואָס קריכט ווי אַ שפּין. מ'לויפט זיך צוזאַמען אויף ביין וואונדער. נאָכדעם ווי איך האָב דאָס אָוועקגעגעבן מיין שכנטע ווער איך גאָר געוואָר, אַז מענטשן עסן דאָס ווי מאַרציפּאַנעס און אַז אַזאַ מאָלצייט איז נאָר פאַר נגידים... נאָך איידער איך בין געקומען צו זיך שרייט אַ פרוי: „העלפט! העלפט!“ מענטשן לויפן זיך צוזאַמען, ראַנגלען זיך מיט דער ווענטקע און שלעפּן עפּעס אַ שוואַרץ גרוי באַשעפעניש ווי אַ חיה, אַ קריכעדיקע מיט גרויסע ברוינע נעגל. איר הערט, איך בין שוין איין מאָל געווען אין אַ מוזיי, אין אַן אַקוואַריום, אָבער אַזוינע פיש האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געזען.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך מיטאָג. די זון האָט אָנגעהויבן נידערן אויפן ים. ס'פּנים און די נאַקעטע הענט זיינען געווען רויט ווי די זון. איך האָב אַראָפּגעלאָזט אַ קליין לעבעדיק פישעלע אויפן האַטשעק פון דער ווענטקע. דאָס איז שוין געווען דאָס צענטע פישעלע פון דעם סאָרט, וואָס כ'קויף פאַר אַ ניקל אַ שטיק. פלוצים טוט זיך ווידער די ווענטקע אַ ריס, עפּעס צאַפּלט זיך דאָרט אונטערן וואַסער. ס'האַרץ קלאַפּט אין מיר, איך זע ווי עס וואַרפט זיך עפּעס אַ זילבערנע זאַך, וואָס וויל זיך באַפרייען. עס ווערט ווידער אַ רעש, אַ טומל. עס קומט צולויפן אַ געניטער פישערמאַן און העלפט מיר אַרויס־שלעפּן אַ גרויסן באַראַקודאַ. אַנטקעגן דעם, וואָס מען זאָגט, אַז אַ קליין פישעלע קאָן אַמאָל באַזיגן דעם גרעסטן קאַרפּ...

ווי איר קוקט מיך אָן בין איך איצט אַ פּאַרקאַכטער פיש־ספּאָרטלער. אָט בין איך לעצטע וואָך געפאָרן מיט מיינער. זי איז זיך געזעסן אויפן „ביטש“, זיך געוואַרימט די אַלטע ביינער און איך האָב מיר געכאַפּט אַ „בענידע“ און אַ גרויסע „טונאַ“. מיט קליינע לעבעדיקע פישעלעך, מעגט איר וויסן, כאַפּט זיך בעסער ווי מיט טויטן „בעיט“. ווינטער, ווען ס'איז קאַלט, כאַפּט זיך בעסער ווי זומער. די איטאַליענערין זאָגט, אַז זי כאַפּט פיש פאַר אירע הינט. היינט איז זי מזלדיק. דער עמער איז שוין פול ביי איר מיט אַלערליי פיש. איר זעט דאָרט דעם נעגער. שוין אַ באַיאָרנטער מענטש, גייט אַרום בעטלען פיש פאַר זיין הויזגעזונט, קומט ער צו צו דער איטאַליענערין און קלאָגט זיך:

— איך בין הונגעריק. כ'האָב אַ קראַנקע פרוי. און זי גיט די געשמאַקע, פרישע, לעבעדיקע פיש צו אירע הינט. איך זאָג איך, עס איז אַ קראַנקע וועלט, די הינט זיינען טייערער ווי דער מענטש. וואָס זי דערציילט זיך ניט אָן וועגן אירע הינט: דריי מאָל אַ טאָג גיט זי זיי עסן. זי האַלט זיי אויף אַ ספּעציעלע דיעטע. אויסהאַלטן די הינט קאָסט איר אָפּ אפשר טויזנט דאָלער

אַ יאָר, באַרימט זי זיך. איר זעט דאָרט דעם אויסגעפּוצטן מאַן מיט דער דאַמע, זיי כאַפּן די פיש און וואַרפן זיי צוריק אין ים אַריין.

אין די גרינע יאָרן האָב איך געהאַט אַ יאַטקע אין ברוקלין, אויף פּלעט־בוש עוועניו. אין מיין יאַטקע זיינען געהאַנגען אַ זייטל רינדערן, אַ זייטל קעלבערן פלייש, אַ לונג־און־לעבער. אַ באַלעבאָסטע האָט זיך געפילט היימיש זי האָט ליב געהאַט אַ יידישן וויץ, גלייכווערטל, וואָס איז נאָך געבליבן ביי מיר פון דער אַלטער היים. זי פלעגט צוגיין און אָנווייזן וועלכן חלק פלייש זי וויל איך זאָל איר אָפּשניידן און אַ מאַרך־ביין האָט מען צוגעלייגט און אַ שטיק לונג־און־לעבער פאַר די קינדער. אַ קצב איז געווען אַ מענטש און אַ שטיקל פלייש האָט געהאַט טויזנט טעמים. היינט, זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאַר די רייד... מיט אַ יאָר צוריק האָבן מיר חתונה געמאַכט אַן אוראייניקל. זאָגט מיין טאָכטער: „מיר האָבן זיך משדך געווען מיט די פיר הונדערט.„ זאָג איך: „וואָס טויג דיר די פיר הונדערט? איך און דו באַלאַנגען דאָך צו די מיליאָנען״... שטעלט מיין ליבע טאָכטער אויף מיר אַן אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, גרויס און בלוי ווי דער קלאָרער, זוניקער הימל און פאַרשטייט ניט וואָס איך אַלטער טאַטע רעדט...

איר פרעגט וועגן פּרנסה? ניט צו פאַרזינדיקן, נו, מ׳קומט דורך. אָבער די וועלט איז נאָך אַלץ ניט אויפן אמתן וועג, איינער האָט צופיל און דעם צווייטן פעלט. יאָ, ווי געפעלט אייך די מעשה מיט דער פרוי, וואָס האָט געקויפט אַ „שטיין״ פאַר העכער אַ מיליאָן דאָלער? און פאַר אַ מואווי, וואָס האָט די ווערט צוויי גראָשן און אַמאָל דאָס אויך ניט, רעכנט מען דריי דאָלער. אויף הרגענען און ראַבעווען פעלט ניט קיין געלט, ווען ס׳קומט צו העכערן אַ פּאָר דאָלער אויף די טשעקלעך פאַר עלטערע מענטשן איז מען קאַרג אויפן גראָשן. אָט אַ וועלטעלע!

יאָ, געוואָלט נאָך עפּעס דערציילן וועגן מיר און מיינע קינדער, נאָר די זון זעצט זיך שוין. מיינע וואַרט דאָרט אויף מיר. איר זעט דאָרט יענע מיט אַ שירעם אויפן זאַמד? דאָס איז זי.

צווישן הימלאָזע ביים ים־ברעג

זונטיק פרי. דער ים־ברעג שלאָפט. מ'זעט ניט קיין מענטשן. עפּעס דאַכט זיך, אַז צוויי קעפּ שווימען...

נייַן, די שרעק איז געווען אומזיסט. עס האָבן זיך באַוויזן צוויי „פּאָלאַר־בערן". זיך אָפּגעטרייסלט פון ים־כוואַליעס און אַרויס צום ברעג, אַרויפגעוואָרפן אויף די קערפּערס וואַרעמע קליידער, אָנגעצונדן צוויי לאַנגע ציגאַרן און געשפּאַנט מיט שנעלע טריט.

די זון איז געשטאַנען הויך, קלאָר. די לופט — ריין און שאַרף. די צוויי מענער זיינען צוריקגעקומען, אָנגעטאָן די שטעק־שיך און געזאָגט:

„לאָמיר גיין. דער געשמאַקער פרישטיק איז גרייט."

בעת מיר האָבן שפּאַצירט, האַרט ביים ברעג, איז אַנטקעגן געקומען אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. זי האָט געטראָגן וואַרעמע קליידער, נאָר די פיס זיינען געווען באָרוועס. מיר האָבן זיך באַגריסט: „גוט מאָרגן". איר פּנים איז געווען ערנסט. זי האָט געשפּרייזט ווייטער מיט שנעלע טריט.

דער ים איז גרין און בלוי, רואיק ווי דער פרימאָרגן. די זון הייבט זיך אָן שפּיגלען אין די שטילע כוואַליעס.

אויגנבליקלעך, אומדערוואַרט, האָט גענומען רוישן, זידן. יעדע האַלבע סעקונדע שלאָגט צום ברעג אַ פרישע כוואַליע, וואָס הילכט אָפּ ווי אַ ווייטער עכאָ פון האַרמאַטן געקנאַל.

פּלוצים ווערט דער ים שטיל. די פרימאָרגן־זון הייבט אָן וואַרעמען, מענטשן קומען אָן, אָטעמען איין טיף אין די לונגען לופט און זון, וואָס דרינגט אַריי אין די גלידער.

דער ברעג ים איז באַשאָטן, אויסגעשפּרייט מיט פּלאַטשיקע שוואַרץ־בלויע שטיינדלעך, אויסגעפאָרמירט ווי קליינע קעזלעך. זיי ליגן געדיכט, עס קומען אָן קינדער מיט אַ געפּילדער, קלייבן דאָס אויף און שפּילן זיך מיט רעש.

די באָרוועסע פרוי גייט שוין צוריק פון איר שפּאַציר. זי טראָגט עפּעס אַ „סואווניר", וואָס דער ים האָט אַרויסגעשווענקט.

אָט זיצט שוין אַ פּאָרל, זיי האַלטן זיך אַרומגענומען. דערלעבן שטייט אַ פּילפּאַרביק קעסטעלע, אַרומגעבונדן מיט אַ רויטן באַנד, דאָס האָט ער איר באַצייטנס געבראַכט אַ „קריסמעס"־מתנה.

עס הייבן אָן קומען יונגע מיידלעך און יונגעלייט, זיי לאָזן זיך אַריין אין די כוואַליעס מיט געפּילדער, טונקען זיך אונטער, שאָקלען זיך אָפּ פון „שאַק" און לאָזן זיך אין שווים־געווענט.

אַ פרוי קומט אָן מיט אַ זעקל ברויט. די מעוועס קענען שוין די פרוי,

פליען זיי, קראַקען איבער איר קאָפּ. זי האָט גרויס הנאה, וואַרפּט גרויסע „מוציאָס" ברויט אין דער לופטן. די פייגל כאַפּן דאָס עסן פליענדיק, מיט געפּילדער און דאַנק...

אָפּגעזונדערט זיצט אַ סטודענט און לייענט אַ בוך. לעבן אים ליגט איינגעענורעט אַ מיידל מיטן פּנים צום הימל, איז גערירט פון דעם, וואָס ער לייענט פאַר איר.

ניט ווייט פון „לאַיף־גאַרד" ביידל זיצט אַ יונגע בלאָנדע מיידל, אויפן שויס איז אויסגעשפּרייט אַ דיקער העפט. זי באַשרייבט איר לעבן. אַ בחור וויל מיט איר פלירטעווען, מיידט זי אים אויס און פאַרטיפט זיך אין די רעיונות פון טאָג־בוך.

צוויי פרויען אַנגעטאָן אין געפּאַסטע סוועטערס און „סלעקס", פאַנאַנדער־געקעמט די לאַנגע האָר, וואָס דערגרייכן ביז די היפטן, האָבן געגלאַנצט ווי זיידענע פעדים און דערגרייכט ביז דער טאַליע. זיי ציען אַ סך אויפמערק־זאַמקייט מיט זייערע טאַליעס און גראַציעזע קערפּערס.

איינע טראָגט אַ קאַמערע, פאָטאָגראַפירט איר פריינדינע אין פאַרשיי־דענע פּאָזעס. ווען זיי זיינען פאַרטיק, פאַרלאָזן זיי די פליאַזשע, זעצן זיך אַריין אין אַ קאָסטבאַרן אויסלענדישן אויטאָמאָביל און לאָזן זיך אַוועק מיט האַסט.

* * * * *

דער אינדיאַנער זומער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט. די האַרבסטיקע בלעטער פאַלן צו דער ערד ביי יעדן ריר פון אַ ווינטל. די צווייגן פון בוים ווערן נאַקעט אַטראָפּירט. טעג ווערן קלענער, די נעכט גרויס און קאַלט. עס קומען אָן פרעסט, שנייען, שטורעמס, וואָס טרייבט אַרויס פייגל פון נעסטן און מענטשן פון באַהעלטענישן...

נעכטן איז דאָ אין ווענים געגאַנגען אַ שלאַקס־רעגן — היינט איז שוין פרילינג, וואַרעם. די זון בלענדט, קומען פאַרוואַרלאָזטע מענטשן אַרויס פון באַהעלטעניש, ליגן אויף דער לאַנקע. דאָס גראָז איז גרין און נאַס, ליגן דאָ די, וואָס זיינען געקומען „צופליען" אויף באַנען, פראַכט־צוגן, די וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן אין וואַגאָן און צווייטן. די וועלכע זיינען געהאַנגען אויף אַן אייזערנעם פרענט, אויף אַן אָנהאַלט פון אַ הענטל, זיך שטאַרק געהיט פאַר אַ „בייז אויג". ווען די טאַרמאָזן האָבן אַ גרילץ געטאָן ביים אָפּשטעלן...

אָט גייט איינער, ער הינקט נאָך, ווייל ער איז געשפּרונגען פון אַ לויפּנ־דיקן פראַכט־צוג, אַנדערש וואָלט מען אים געכאַפּט און פאַרשיקט אויף שווערע אַרבעט.

איצט, אין דעצעמבער, איז פרילינג אין ווענים, עס איז פרילינג אין לאָס אַנדזשעלעס. זיי זיינען דאָ די הימלאָזע אין די טויזנטער. זיי האָבן באַלאַגערט די „סקידראָ", „מישאַן הייזער", וואו עס פילט זיך אַ טוכלע

זויערקייט. זיי זיצן אויף לאַנגע הילצערנע בענק, ביי לאַנגע טישן, מוטלאָז רעזיגנירט און וואַרטן אויף אַ ביסל קרופּניק און אַ שטיקל ברויט. זיי קוקן שטאַר, ריידן ניט...

ווידער די, ביים ים, געפינען נאַכטלעגער אין אַ גאַרע פון אַן איינגעפאַלן הויז. פיל פון זיי האָט אַרויסגעיאָגט פון היימען אַרבעטלאָזיקייט, דחקות. זיי זיינען געוואָרן וואַנדערער.

דאָ אין וועניס, ביים ים, קומען די „זומער־פייגעלעך" אין גרופּן, באַר־וועסע, די קעפּ מיט געדיכטע האָר, לאַנגע און געקרייזלטע ווי ביי שעפסן. צווישן די מענער זעט מען אויך דאָ און דאָרטן מיידלעך און יונגע פרויען, אָנגעטאָן אין מאָדנע פלודערן. זיי גייען אין גרופּן פון דריי, פינף און זיבן. יעדע אָפּטיילונג טראָגט אַ גרויסן אָנגעשטאָפּטן זאַק מיט „האָב און גוטס"... אַלע זיינען דורותדיקע אַמעריקאַנער, נעגערשע און ווייסע. זיי ווייסן דאָ ניט פון צעטיילונג... „אַלע מענטשן זיינען ברידער."

מ'זוכט אַ הויז וואָס האַלט זיך אין בויען, אַ „שעק" וואָס איז פאַרלאָזט. מ'נורעט זיך איין אין אַ ווינקל און מ'שטייט אויף ווען די הענער קרייען.

די זון איז היינט אויפגעגאַנגען מיט פּראַכט. אַ סימפּאָניש פייגל־געזאַנג האָט אויסגעטרילערט שירה. האָבן די מידע, יונגע לייבער זיך אויסגעשפּרייט אויפן זאַמד און גראָז — „זאַרגלאָז"...

איך באַגעגנט צווישן די וואַנדערער געלערנטע, באַהאַוונט אין וועלט־ליטעראַטור. זיי פאַרשטייען דאָס סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לעבן. דאָס זיינען נאָרמאַלע מענטשן, אַרויסגעשטויסענע פונעם „סטאַטוס־קוואָ".

אין יעדער גרופּע איז דאָ איינער, וועלכער איז מער באַרעדעוודיק, רעדט וועגן דעם „דאַברע־מזל" פון די מאַסן וואַנדערער, וואָס האָבן ניט קיין אָרט אין דער רייכער אַמעריקע. אונטערן אָרעם האַלט ער אַ דיקן בוך. איך לייען איבער אויפן רוקן פון בוך: „די גרויסע קלאַסיקער פון מיטלאַלטערטום"...

מאַמעס, באָבעס, עלטער־באָבעס, זיצן אויף בענק, וואָס זיינען אויסגע־שטעלט לענגאויס דעם אויסגעפלאַסטערטן שפּאַציר־וועג, זיצן און דערציילן „ווען איך בין אַמאָל געווען יונג"...

די נאָסטאַלגיע טראָגט זיי אַוועק איבער ווייטע ימען. זיי ריידן און בענקען נאָך דער יוגנט, וואָס איז געווען אי ביטער אי פאַרבנרייך. קוקן צו די וואַנדערער, וועלכע ליגן אויסגעצויגן אויפן זאַמד און גראָז.

איין פרוי מורמלט צו דער שכנה: „הלוואי וואָלט איך געווען אין זייערע יאָרן"...

„איך האָב אַמאָל געליינט אַ ראָמאַן, וואו איינער איז שולדיק געווען אַ סך געלט, וואָס ער האָט פאַרשווענדט אויף זיין געליבטע. אַז ס'איז אים געוואָרן ענג איז האַלדז, איז ער געלאָפן צום טייך... ער ווערט געראַטעוועט,

ווערט ווידער רייך און איז זייער אַ שלעכטער מענטש. צו וואָס טויג אַזאַ איינער ווען ער איז ניט קיין מענטש.

„די באַרוועסע זיינען בעסערע מענטשן, זיי טיילן זיך מיטן ביסן", מישט זיך אַריין אַ באַבע.

דער טאָג איז אַוועק. דער ים האָט „איינגעשלונגען" די זון, דער הימל האָט זיך אויסגעשפּרייט אין פאַנטאַסטישע קאָלירן.

די לבנה האָט זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט. עס האָט אויסגעזען ווי געדיכטע וואָלקנס האָבן „הינטערן" ים אויספאַרמירט ביימער, בערג, און פיל אָרנאַמענטן, קאָלירן, וואָס האָבן באַפאַרבט דעם הימל איבערן ים.

אַ באַגייסטערטער פאַרבייגייער איז צוגעקומען:

„די נאַטור איז שענער ווי די מענטשלעכע קונסט, ווייל די נאַטור בייט זיך שנעל ווי אַ סימפאָניע."

די מעוועס, טויבן און פייגל האָבן זיך שוין געפונען אין זייערע נעסטן. די וואַנדערער האָבן נאָך געזוכט אַ נעסט...

אויפ'ן קאַטאַלינאַ אינדזל

כואַן ראָדריגעז קאַברילאָ, וועלכער האָט אין 1542 אַנטדעקט סאַן דיעגאָ, וואָס איז היינט אַ ריזיקער פּאָרט מיט אַ באַפעלקערונג פון אַנדערהאַלבן מיליאָן, האָט אויך אַנטדעקט אַן אינדזל, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „סאַן סאַלוואַדאָר." מיט 60 יאָר שפּעטער איז געקומען אַ נאַוויגאַטאָר פון שפּאַניע, סעבאַסטיאַן וויזיקאַינאָ, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן דעם אינדזל און אים אַ נאָמען געגעבן „סאַנטאַ קאַטאַרינאַ אַלעקסאַנדריאַ." פון סאַנטאַ קאַטארינא איז שפּעטער געוואָרן ס אַ נ ט אַ ק אַ ט אַ ל י נ אַ.

דער אינדזל איז 22 מייל לאַנג, אַרום און אַרום, 76 סקוועער מייל. ער האָט פּרעכטיקע פּאַנאָראַמעס, בערג און טאָלן, וואָס דערגרייכן אַ הויך פון העכער צוויי טויזנט פיס.

דער אינדזל געפינט זיך 27 מייל דרום פון לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט אַמאָל באַלאַנגט צו דער ריגלי קיי־גומי קאָמפּאַני, זיי האָבן אים אָפּ־געקויפט פאַר אַ שיבוש.

אויפן אינדזל איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שטאָט אין מיניאַטור. דריי הונ־

דערט הייזער זיינען געבויט אין איין גאַרן איבערן אַנדערן. זיי שטייען ביים ברעג. דאָרט איז אויך דאָ אַ הויפּט־גאַס מיט „באַרס", אַ פּאָסט אָפיס, האָטעלן, סואווענירן סטאָרס, רעסטאָראַנען און פאַרשיידענע פאַרווייליונגען און אַטראַקציעס.

דער אינדזל איז „אָפּגעטיילט" פון דער שטאַט „אוואלאָן". די גאַסן זיינען געבויט שמאָל און זיינען זייער אינטערעסאַנט. אַן אויטאָבאָס נעמט אייך אויף אַ רייזע איבער די בערג, וואָס דויערט אַריבער פיר שעה. פאַר דעם פאַרגעניגן באַצאָלט איר פינף דאָלער. דער וועג איז אַזוי שמאָל, אַז מער ווי צוויי מענטשן קאָנען ניט דורכגיין אין דער ברייט. דער מאָטאָרמאַן זייצט אָבער גאַנץ רואיק און דערציילט פאַנטאַסטישע געשעענישן, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אויף די בערג.

אויף די העכסטע בערג זעט מען ווילדע ציגן, אויף אַ צווייטן באַרג, אויף אַ רענטש, ווערן געהאָדעוועט „אויסדערוויילטע אַראַבישע פערד."

אַ שיף וואָס גייט אָפּ פון סאַן פּעדראָ, וואָס נעמט אַריין איבער צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן, פירט צום אינדזל. די 36 מייל פון סאַן פּעדראָ ביז'ן אינדזל נעמט צוויי שעה.

מיר זיינען געפאָרן מיט סיניאָר סיטיזענס, וואָס האָבן געהאַט די פּריווילעגיע צו צאָלן רעדוצירטע פּרייזן. די עלטערע מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעאַרבעט אַ לעבן לאַנג, אין שעפּער, סטאָרס, אָפיסעס, און פיל פון זיי האָבן ניט געזען די וועלט, זיינען געקומען פון שטעט און שטעטלעך, פון נאָענט און ווייט פאַר אַ „גוד־טאַים"... דאָ זיינען געווען פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און דער נעגערשער אָרקעסטער אויף דער שיף האָט געפּויקט — רוסישע מאָטיוון, לידער פון די פרעיריס, פאָלקס־לידער, וואַלסן, פּאָלקעס, אַ „הבה נגילה", מען האָט געטאַנצט אין קאַראַהאָד, העגט פון יידן, מעקסיקאַנער, רוסן, איטאַליענער, איירישע, פּאָרטאָריקאַנער, האָבן זיך געפלאָכטן, מ'קלאַפּט צום טאַקט.

דאָס אַראָפּגיין פון דער שיף האָט דערמאָנט אין די עמיגראַנטישע יאָרן. מ'שטופּט זיך צום אַרויסגיין, מענטשן וואַרטן אָפּ, מ'קושט זיך מיט די, וואָס מען האָט ערשט נעכטן געזען, ווי עס וואָלט שוין פאַרלאָפן יאָרן.

אוואלאָן האָט אַ באַפעלקערונג פון 12-15 הונדערט איינוואוינער, אָבער אין דער צייט פון וואַקאַציע, געפינען זיך דאָ אָפּט אַכט און צען טויזנט באַזוכער. עס איז אַ געדראַנג ווי אויף אַ יאַריד.

מיר האָבן שפּאַצירט איבער די אייגנאַרטיקע גאַסן, ביים ברעג פון ים, קלאָרקייט פון וואַסער, דורכזיכטיק און לויטערדיק, גרין און גאָלדיק, ווען די זון שפּיגלט זיך אָפּ.

אויף אַ פאַרענטש, ווייט אַוועק פון טומל, שטייט אַנגעשפּאַרט אַנאַ געשריין, זי איז באַרוועס, אָנגעטאָן אין אַ לייוונטן אויסגעוואַשן בלוזקעלע,

קורצע הויזן אַריבער די קניען. זי זעט אויס נאַטירלעך, אָן שמינקע, די האָר גלאַטיק פּאַרקעמט, דאָס צעפּל אַרומגענומען מיט אַ גומי־רעדעלע; גרויסע ליכטיקע אויגן, וואָס קוקן ווייט אין דער וועלט.

זי הייסט אַנאַ, און זי אַרבעט דאָ אויפן באַרג. זי איז 18 יאָר אַלט, גע־ענדקט האַי־סקול און איז אַ באַדינערין ביי רייכע מענטשן, וואָס פליען הין און צוריק אויף העליקאָפּטערס. אַנאַ האָט פלינקע פיס, לויפט זי אויפן באַרג ווי אַ העזל. זי דערציילט, אַז זי וויל ניט זיין אין שטאָט, ווייל דאָ שרייבט זי אַ טאָגבוך, וועגן אַלע אומעגערעכטיקייטן, וואָס קומען פאָר איבער דער וועלט און אין איר לעבן. אַנאַ הערט זיך צו צו אַלע געשפּרעכן אין הויז, נאָר זי שווייגט, ווייל וואָס קאָן אַ דינסט זאָגן?...

— וואָס נאָך שרייבסטו? — פרעגן מיר.

— איך שרייב וועגן דער מלחמה אין וויעטנאַם, אַזוי האָט דאָך געטאָן היטלער צו די יידן, רוסן, פּאָלאַקן, פראַנצויזן און אַלע פעלקער און לענדער וואָס ער האָט פאַרכאַפּט.

עס גייט פאַרביי אַ בחור: — אַנאַ, ווילסט אַ ציגאַרעט?

— איך רויכער ניט, טרינק ניט! — זאָגט זי מיט שטאָלץ.

מיר געזעגענען זיך, אַנאַ איז שטאַרק צופרידן וואָס זי האָט אָנגעטראָפן מענטשן, וועלכע זיינען אַנדערש... און פאַרשטייען „מיין אָנגעצייכנטן וועג אין לעבן."

דאָ אויף די בערג, אין פּאַרק פון „עקזאָטישע פייגל", אויף אַ באַנק, זיצט אַהרן פיינגאָלד. ביידע באַוואונדערן מיר די שיינקייט פון דער נאַטור.

ער זאָגט: — מיט 42 יאָר צוריק בין איך דאָ געווען. דער ים איז דער זעלבער, די בערג, די זעלבע, ווי איך האָב זיי איבערגעלאָזט. נאָר אין באַרג האָט מען „אָפּגעשניטן דעם קאָפּ", כדי עס זאָלן קאָנען לאַנדן די העליקאָפּטערס. איר ווילט אפשר וויסן ווי אַלט איך בין? אַנו, טרעפט.

— מסתמא אַ זיבעציק — וויל איך טרעפן.

— אַזוי אַלט איז מיין טאָכטער. איך זע מיטן נאַקעטן אויג, אָט יענעם טורעם וואָס איז 20 מייל ווייט. איך הער דעם דינסטן קלאַנג פון אַ זשומענ־דיקער פליג.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג.

— נעכטן — זאָגט דער נעגער טאַם, וואָס האָט אונדז באַגעגנט אין אַ שמאָל, זייטיק געסל — איז געווען אַ טריבער טאָג, היינט שיינט די זון, ווי דאָס לעבן אַזוי די נאַטור... ווען מיר זיינען פאַרביי האָט ער שווער געאַרבעט אין פראָנט פון אַ קראָם, די וואַרעמע זון האָט געטריקנט זיין נאַס פּנים און זיין אַרבעט־העמד.

— ווי לעבט זיך דאָ אויפן אינדזל? — פרעגן מיר. טוט ער אַ קוק מיט זיינע רויטלעך־שוואַרצע אויגן. ער טראַכט, גיט אַ בליק צו מערב־זייט און זאָגט:

— אין אַ דאָרף, אין דער סאָוט, האָט געוואוינט אַ „שער־קראַפּער,"
ער איז געווען ווי אַלע אַנדערע, אַן אָרעמער פויער, אָבער דער קליגסטער
פון דאָרף. פון נאָענט און פון ווייט איז מען געקומען צו אים נאָך עצות. פאַר
זיינע עצות האָט ער גאָרניט פאַרלאַנגט. איין מאָל איז צו אים געקומען אַ
סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט שעפּסענע וואָל און זיך געווענדט צום פויער:

— זאָג מיר, קלוגער שער־קראַפּער, וואָס זאָל איך טאָן כדי איך זאָל
אַרויסציען פון מיין געשעפט מער ווי איך גיב אויס אויפן מאַרק? דער פויער
האָט אַ טראַכט געטאָן, אַריינגעקוקט דעם סוחר טיף אין די אויגן און געזאָגט:

— זאַכן וועלכע מען קאָן קויפן האָבן אַ קליינעם ווערט, נאָר דאָס וואָס
לאָזט זיך ניט אָפּקויפן, האָט דעם גרעסטן ווערט...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה, וואָס מען קאָן ניט קויפן פאַר קיין
געלט — האָט דער סוחר געפרעגט. דער פויער האָט לאַקאָניש אַ זאָג געטאָן:

— פרייהייט און ראַסן־גלייכהייט, פאַר דעם מוז מען קעמפן.

דער גרעסטער פּאַרק אין קאַליפאָרניע

דער גריפּיט פּאַרק אין לאָס אַנדזשעלעס איז דער גרעסטער אין קאַלי־
פאָרניע. ער פאַרנעמט אַ שטרעקע פון העכער פיר טויזנט אַקער לאַנד. אין
די זומער־חדשים קומען זיך דאָרט צוזאַמען טויזנטער יידן, גריכן, אַרמענער,
מעקסיקאַנער, איטאַליענער און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, צו פּיקניקס, באַל־
שפּילן, קולטור־פּראָגראַמען פון געזאַנג, טענץ און פאַרוויילונג.

דער גאַנצער פּאַרק איז באַדעקט מיטביימער, געדיכטע קוסטעס.
שטייענדיק אויף די בערג, זעט מען די גאַנצע שטאָט. דער פּאַרק איז פול
מיט ראָמאַנטישע, קאָמישע און טראַגישע געשיכטעס.

אויף אַ שפּאַציר טיף אין פּאַרק, באַגעגנט איר נאָר געציילטע מענטשן;
עס באַגעגענען אייך אויך אַ פּאָר יאַשטשערקעס, אַ לאַנגע, גרויסע שלאַנג,
וואָס קריכט אַרויס פון אַ באַהעלטעניש און אַנטלויפט אין דער ווילדערניש,
קליינע מיסטעריעזע חיהלעך, וואָס לויפן שנעל אַריבער דעם שפּאַציר־וועג,
דערשראָקענע.

אין איין טייל פּאַרק, פערנדעיל, שמעקט מיט שוועבל. דאָ ציען זיך
וואַסערפאַלן איבער לאַנגע שטרעקעס דורך בריקן און טונעלן. די וואַסער־
פאַלן קומען פון ריזיקע בערג. איר הערט זייערע זילבער־קלאַנגען.

אײן טײל פּאַרק איז אָפּגעצױמט פאַרן רײכן קלאַס. פּריװאַטע גאַסן באַלאַנגען צו זײ. דאָ איז פאַרבאָטן אַרײנצופאָרן. די פּרעכטיקע הײזער אין פּאַרק זײנען געבױט אין אַלטע שפּאַנישע, גריכישע און מאָדערנע סטילן, די פּאַנאַרן זײנען אַנדערש װי די פּאַרק־לאָמפּן. אַלץ איז דאָ ראָמאַנטיש. די הײזער זײנען אױסגעבױט צװישן די שענסטע ערטער אין פּאַרק. אַלץ אַרום איז שטיל, אַלץ איז אײנגעטונקען אין דער פרישקײט פון דער גרינער נאַטור.

זי טרױערט נאָך איר זון

באַרג־אַרױף אַ פּאַרװאָרפן װינקל, װײט פון אַ שפּאַציר־װעג. אױף עטלעכע קװאַדראַט מעטער פלאַכע ערד, האָט אַ פרױ, מאַרי הערנאַנדעז גאַליציאַ, פאַרפלאַנצט אַ גערטנדל. קומט זי דאָס אָפּהיטן. זי פלעגט דאָס װי אַ קינד, צערטלט די בלימעלעך און גרעזעלעך. אין צװישן האָט זי אַװעק־געשטעלט אַ צלם, אין אָנדענק פון איר זון, װאָס איז געפאַלן אין װיעטנאַם.

דאָ רעדט זי צום פױגל, װאָס שטעלט זיך אױפן צלם. זי ברענגט װאַסער פון אַ ניט־װײטן קראַן, פאַר די בלומען, און עסן — פאַרן פױגל. אין הױז איז איר שװער צו זײן. אין שטאָט איז זי אײנזאַם. קײנער פילט ניט איר טרױער. דאָ רעדט זי צו דער נאַטור, צו איר זון, װי ער װאָלט געלעבט און געװען מיט איר אין שװערן לעבן...

דער פּאַרק האָט דרײ אַטראַקציעס, װאָס ציען־צו אַ ריזיקן עולם: דער „זו״, די אָבסערװאַטאָריע, און דער באַרימטער גריכישער טעאַטער. אַן אינ־טערעסאַנטער טײל פון פּאַרק איז אױך דער װינקל װאו עס געפינט זיך דער קלײנער מוזײ פון נאַטור־געשיכטע. דאָ האָבן מיר באַגעגנט אַ גרופּע קינסט־לער, װאָס האָבן ניט לאַנג צוריק דורכגעפירט אַ גרױסע פּראָטעסט־דעמאָנס־טראַציע קעגן די ברוטאַליטעטן פון דער לאָס אַנדזשעלעסער פּאָליצײ, און קעגן דער מלחמה אין װיעטנאַם.

איצט זײנען זײ געזעסן בײ בענק און טישן, פאַרגעלײענט שלום־לידער פון אַ צענדליק אַמעריקאַנער דיכטער — לידער מיט אַ סך הומאָר און סאַטירע אױפן חשבון פון פּענטאַגאָן, לידער פול מיט סימפּאַטיע צום װיעט־נאַמער פאָלק, װאָס קעמפט קעגן פרעמדע אַרײנדרינגער.

אַ מיסטעריעזע געשיכטע

װעגן דעם פּאַרק און זײן אַמאָליקן אײגנטימער, װעמענס נאָמען ער טראָגט, װערט דערצײלט אַ מיסטעריעזע געשיכטע.

אַ פאַרמער האָט געהאַט זײער אַ שײנע טאָכטער. װען דער גביר גריפּיט האָט זי דערזען און ניט געװאוסט װי אַזױ זי צו באַגעגענען, האָט ער אָנגע־שריבן אַ ליד מיט גרױס באַגײסטערונג צו איר שײנקײט. דאַן איז ער אַװעק צו אַ רעדאַקטאָר פון אַ צײטונג און געבעטן אים, ער זאָל דרוקן דאָס ליב־

ליד צום מיידל. דער רעדאַקטאָר האָט אָפּגעדרוקט דאָס ליד אין פאָרם פון אַן אַנאַנס. דאָס האָט געפירט צו זייער באַקאַנטשאַפט. זיי האָבן שפּעטער געהייראַט.

ווייטער ווערט דערציילט: דער גביר אַ לעביונג, אַ הולטאַי, אַ שיכור, האָט איין מאָל אין אַ צושטאַנד פון שיכרות פאַרוואונדעט זיין פרוי. זי האָט זיך געראַטעוועט דורך אַרויסשפּרינגען פון פענצטער.

גריפיט איז שפּעטער פאַרמשפּט געוואָרן צו צוויי יאָר טורמע. ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, איז ער געוואָרן נאָך רייכער. כדי זיין נאָמען זאָל אַריין אין דער געשיכטע, האָט ער אָנגעשריבן אין זיין צוואה, אַז אויפן באַרג אין גריפיט פּאַרק זאָל אויפגעבויט ווערן די באַרימטע אָבסערוואַטאָריע. אין יאָר 1896 האָט ער דעם גאַנצן פּאַרק, וואָס איז געווען זיין פריוואַט אייגנטום, געגעבן אַ מתנה צו דער שטאָט לאָס אַנדזשעלעס.

די קללה

אויך וועגן דעם לאָס פעליז בולוואַר, וואָס פירט אַריין אין גריפיט פּאַרק, ווערט דערציילט אַ מיסטעריעזע געשיכטע. די מעשה איז אַזאַ: פעליז איז געווען אַן עגאָאיסט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין האַרץ. ווען ער איז געשטאָרבן, האָט ער אין זיין צוואה גאַרניט איבערגעלאָזט פאַר זיין פלימעניצע, וועמען ער האָט דערצויגן. זי האָט געמוזט ווערן אַ דינסט ביי די מענטשן, וואָס האָבן אים געירשנט.

דאָס יונגע מיידל איז שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן פון די יורשים. איין מאָל האָט זי אין אַ קללה פול מיט ווייטאָג און צאַרן, אויסגעשריגן: „דער אַדוואָקאַט און די ריכטער, וואָס האָבן מיך באַרויבט, וועלן שטאַרבן אין אַ קורצער צייט אַרום. די מיטבאַטייליקטע וועלן אומקומען. די מיטהעלפער וועלן אויסגיין אין אַ בלוטיקן געשלעג.

מיינע באַלעבאַטים וועלן אויסגיין פון הונגער אויף די עלטערע יאָרן. דער גן־עדן פון מיין באַלעבאָס וועט ווערן אַ גיהנום. דאָס רייכטום וועט פאַרשווינדן. די פעלדער וועלן ברענען. דער צאָרן פון הימל וועט נקמה־נעמען, ווייל אַ מענטש טאָר דעם אַנדערן ניט באַשווינדלען און מאַכן פאַר אַ שקלאַף.״

די קללה פון דער זיבעצן־יאָריקער מיידל איז מקוים געוואָרן. די רייכע מאַיאָנטקעס זיינען חרוב געוואָרן; היישעריקן האָבן אויפגעגעסן דאָס גראָז. אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי, ווי זי האָט זיי „געבענטשט.״

אַזוי האָט דערציילט די איינזאַמע פרוי, וואָס האָט פאַרלוירן איר זון אין וויעטנאַם און אין זיין אָנדענק צערטלט זי דעם גאָרטן אויפן באַרג, וואָס איז ווייט פון אַ מענטשלעך אויג.

פון קאַליפאָרניע קיין מעקסיקאָ

איידער מ׳פאָרט אַריין קיין טיאַוואַנאַ שטעלט מען זיך אָפּ אין דער גרויסער האַפן־שטאָט סאַן דיעגאָ, וואָס געפינט זיך 15 מייל פון דער מעקסי־קאַנער גרעניץ. דאָס איז אַ ריזיקער פּאָרט, וואָס ברויזט מיט מלחמה־פיבער.

די שטאָט סאַן דיעגאָ איז אַנטדעקט געוואָרן פון כואַן ראָדריגעז אין יאָר 1542. ער איז געווען אַ פּאָרטוגעזישער נאַוויגאַטאָר, און איז געקומען פון שפּאַניע. פון דעמאָלט אָן איז סאַן דיעגאָ אויסגעוואַקסן צו דער דריטער גרעסטער שטאָט אין קאַליפאָרניע, מיט אַ באַפעלקערונג נאָענט צו אַ אַ מיליאָן און אַ האַלב.

סאַן דיעגאָ איז אַ פּרעכטיקע שטאָט מיט האַפן־באַזעס פון אַלערליי קריגס־שיפן. צענדליקער טויזנטער מאַטראָסן געפינען זיך אויף די שיפן און אין שטאָט. די וויעטנאַמער מלחמה האָט געבראַכט טויזנטער יונגע פאַר־לעך אין דער האַפן־שטאָט און אויך געוואַלדיקע „פּראָספּעריטי" אין דער מלחמה־אינדוסטריע, וואָס אַרבעט פיבעריש טאָג און נאַכט.

אין דעם פּאָרט קומען אַריין האַנדלס־שיפן פון דענמאַרק, יוגאָסלאַוויע, פראַנקרייך, ישראל, יאַפּאַן און לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער.

אַ „פּלעזשור"־שיף נעמט אייך אויף אַ רייזע פון צוויי־דריי צענדליק מייל אויפן וואַסער, ווען איר זעט די ריזיקע מאָנסטערס — קריגס־שיפן פון אַלערליי מינים, כאַפּט אייך אָן אַ שרעק . .

כאָטש דער פּאַסיפישער ים איז אויסגעשפּרייט איבער דער שטאָט, דאַרף סאַן דיעגאָ „אימפּאָרטירן" וואַסער פון דעם טייך קאָלאָראַדאָ.

דאָ, אין סאַן דיעגאָ, געפינט זיך דער גרעסטער זאָאָלאָגישער פּאַרק („זו") פון גאַנץ אַמעריקע, און איז איינע פון די גרעסטע אַטראַקציעס פאַר טוריסטן — איידער זיי טרעטן אַריבער די גרעניץ אויף דער מעקסיקאַנער זייט און כאָטש די אָרעמקייט אין טיאַוואַנאַ זעט אויס ווי אין גרויסער מיסט־קאַסטן איז אָבער דער פּרייז פאַר איבערשלאָפן אַ נאַכט אין אַ ריינעם מאָטעל פון 10 ביז 12 דאָלער.

אַהער כאַפּן זיך אַריבער די יונגינקע זעלנער, וואָס האָבן נאָך דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן פאַר אַ „גוד טאַים". זיי קומען פון די סאַבמאַרינס, צעשטערער־שיפן, קרייצער־שיפן און ברענגען „פּראָספּעריטי" צו סאַן דיעגאָ און צום מעקסיקאַנער שכן . . .

שרעקלעכע אָרעמקייט

טיאַוואַנאַ געפינט זיך 150 מייל דרום פון לאָס אַנדזשעלעס. דער וועג 101 איז גלאַטיק, ווי אַ פּאָלירטער טיש, עס נעמט ניט מער ווי דריי שעה צו דערגרייכן די ברייטע טויערן פון דער גרעניץ, און מען זעט ווי עס לעבן און שטאַרבן פון ווייניק דערנערונג, פון שמוץ, שלעכטע לופט, די אָרעמסטע מענטשן אין דער וועלט.

אין מיין לעבן האָב איך שוין געזען אָרעמקייט — אין לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, אין „וואַטס"—אָרעמקייט... פון לאָס אַנדזשעלעס — אָבער דאָ שטייגט אַלץ אַריבער. ס'איז אומגלויבלעך. כמעט אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג האָט ניט קיין דאַך איבער'ן קאָפּ. ניט קיין עלעקטריציטעט, קיין וואַסער אין הויז, קיין בעטן, קיין מעבל, און די וועלכע האָבן יאָ פיר ווענט, זיינען זיי נישט פון בלעך, פון האָלץ אָדער צעמענט און ציגל, נאָר פון שווערע צוזאַמענגעשטעלטע טאָוולען. ווען עס קומט אַ רעגן, וואַשט ער אַלץ אַוועק...

די גרעסטע מערהייט וואוינען אין היגטישע בודעס פון ברעטלעך, האָבן ניט קיין גאַז, טעלעפאָן, קיין טראָטואַרן און קיין געפלאַסטערטע גאַסן.

מעקסיקאָ איז צעטיילט אין 29 שטאַטן, וואו די רייכע לעבן אין לוקסוריעזע רעזאָרטן. אין געוויסע שטאַטן זיינען די אַרבעטער אָרגאַניזירט, אָבער דאָ אין טיאַוואַנאַ ווייעט מעלאַנכאָליע, דאָ זעט מען נישט קיין רייכע „סעניאָריטאַס" אין די אָרעמע גאַסן. זיי געפינען זיך ווייט אַוועק פון די „סלאַמס".

דאָ וועט איר געפינען אַ פאַמיליע פון צען, וואָס איז גליקלעך, אַז איינער ברענגט אַהיים אַ דאָלער אָדער העכסטנס צוויי דאָלער אַ טאָג.

איך בין אַריין אין אַזאַ „שעק" און געזען די קינדער ליגן אויפן נאַקעטן דיל צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און שוועסטער און ברידער. עס איז ניט געווען קיין וואַסער־לייטונג, דאָ איז כמעט די גרעסטע אָרעמקייט פון דער וועלט, און נאָר איין שפּאַן פון דעם רייכן, מעכטיקן, אַמעריקאַנער שכן...

די גאַסן זיינען געדיכט מיט מענטשן. עס איז שווער זיך דורכצושטופּן, זיי שטייען מיט די פּלייצעס ביי די ווענט, געדיכט איינער לעבן אַנדערן. זיי האָבן נישט קיין היימען, האָבן נישט וואוהין צו גיין. אין די גאַסן וואו עס געפינען זיך געשעפטן, זיצן צענדליקער קאַליקעס, מענער און פרויען, און בעטלען. אַ מאַן אָן הענט און פאַרקריפּלטע פיס, זיצט אויף אַ קישעלע און פלעכט מיט די פיס־פינגער אַ שטרוי־קיישל. אַ מוטער טראָגט אַ פיצל קינד אויפן האַנט, ס'קעפּל פון קינד הענגט אַראָפּ, ווי עס וואָלט געחלשט...

אויף דער גאַס וואָס רופט זיך „עוועניו פון העראָאישע מענטשן" לויפן אַרום נאַקעטע קינדער און בעטלען. גיט מען איין קינד אַ ניקל באַפאַלן אייך אַ כאָפּטע קינדערלעך... אַנדערע פּעדלען מיט קיי־גומי, נאָדלען, שפּיל־

קעלעך; איינער פאַרקויפֿט קוואַס אויף אַ שמוציק וועגעלע, אַ צווייטער — אייז־קרים, אַ דריטער — געפּרעגלטע פלייש, וואו עס ראַיען זיך אינזעקטן; שוסטער — פאַרלאַטעט שיך אויף דער גאַס; אַ שניידער פירט די „מאַסטער־סקאַיע" אין גאַס. יאָ, די מענטשן וואָס וואוינען אין גאַס, מוזן זיין העראָאיש, ווען זיי קוקן אַריבער די פאַרצוימטע גרעניץ, וואָס רינגלט אַרום די שטאָט, ווע זיי זעען ווי אין פאַרט סאַן דיעגאָ איז אַלץ אַזוי רחבותדיק, און דאָ שטאַרבט מען פון הונגער. . .

„ווען מען גיט אונדז דאָס געלט"

„ווען אַמעריקע גיט אונדז דאָס געלט, וואָס זי גיט אויס אין איין טאָג אויף דער מלחמה אין וויעטנאַם, וואָלטן מיר פאַרלענגערט דעם לעבנס־שפּאַן אויף צוואַנציק יאָר," זאָגט צו מיר דיעגאָ אַלווערא, „דאָס גאַנצע שמוץ וואָלטן מיר געקאָנט אַפּרוימען, און „אַמעריקאַנאַ" וואָלט געהאַט אַ שיינעם פּנים"...

דער מאַטעריאַל, בלעך, טאַוולען, אַלטע ברעטער ווערן געבראַכט פון קאַליפאָרניע און דאָ פאַרקויפט . . .

די קליידער וואָס אַ מענטש פון אַ העלפט פון דער באַפעלקערונג טראָגט, קאָסטן ניט מער ווי 25 סענט, און עס ווערט געקויפט אין אַ „געשעפט" פון אַלטוואַרג, פאַר 5 און 10 סענט. עס פאַסירט אַמאָל אַז פון די נאַפט־לעמפּלעך צינדט זיך אָן אַ ביידל, דעמאָלט גייט די גאַנצע גאַס „הייזער" אַוועק מיט'ן רויך, פונדעסטוועגן זעט איר די מענטשן אַרומגעוואַשן, אַנגעטאַן אין אַלט־וואַרג אָבער ציכטיק.

אַפּגעזען פון דער טראַגישער אָרעמקייט וואַקסט די שטאָט ראַשיק. ווען איך בין דאָרט געווען מיט 12 יאָר צוריק איז דאָרט די באַפעלקערונג געווען 100 טויזנט. איצט פאַרמאָגט די שטאָט איבער אַ פערטל מיליאָן.

אין אַ סוף־וואָך קומען דאָ אַריין און אַרויס צענדליקער טויזנטער אויטאָמאָבילן פון קאַליפאָרניע. מ'קומט קויפן „סאָוועניִרס", מ'קומט שיכורן, פאַרברענגען אין נאַכט־קלובן, פערד־געיעג, אָקסן־קאַמפן. דער טומל און געדרענג איז אַזוי גרויס, אַז ס'איז ניט צו אָטעמען.

די שטערבלעכקייט איז אומגעהויער גרויס צווישן די קינדער און דערוואַקסענע.

די מעקסיקאַנער, וועלכע קומען אַהער פון ווייטע מקומות, האָפן אַז זיי וועלן זיך קאָנען אַריבערכאַפן צו דעם „רייכן פעטער", אַריבערשפאַנען די פאַרצוימטע דראָטן און אָנקומען אין דעם רייכן לאַנד, וואָס באַציט זיך ניט מענטשלעך צו איר גוטן שכן.

די „באַסעס" (אויטאָבוסן) זיינען אַלט און צעבראָכן. אַ רייזע קאָסט זעקס סענט, אָבער זעלטן עמיצער זאָל זיך פאַרגינען אויסגעבן די עטלעכע

סענטאַוואָס. אפשר אַ האַלבע שטאָט פון דער באַפעלקערונג לעבט אין הינ־טישע בודעס פון פיר קוואַדראַט מעטער, ערגער ווי פיר־פיסיקע באַשעפע־נישן אין אַ באַרע.

אַ ריזיקער קלויסטער שטייט אין צענטער פון שטאָט, וואָס איז רייך אין אַרכיטעקטור און אָרנאַמענטיק. אינעווייניק איז אַלעמאָל פול מיט דאַוונער וואָס בעטן מחילה פאַר די „זינד" פון אָרעמעלייט...

נאַכט־קלובן, קאַבאַרעטן, באַרס, טאַנץ־זאַלן זיינען אַלעמאָל גרייט אויפצונעמען די אַמעריקאַנער טוריסטן, וואָס קומען אַהער אויף אַ טאָג זיך פאַרווילן אין הינט־געיעג אָדער זען אַ „בולפאַיט".

אַ בחורל דערציילט, אַז ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט אויף אַ טאָג, אַריבער'ן פלויט, האָט ער פאַרדינט 8 דאָלער אין איין טאָג! דאָס איז געווען גענוג צו באַצאָלן פאַר צוויי וואָכן דירה־געלט פאַר דער גאַנצער משפחה פון אַכט מענטשן. „דאָס איז מער ווי עמיצער אין טיאַוואַנאַ פאַרדינט אַ גאַנצע וואָך," זאָגט ער מיט באַדויער.

„אַמיגאָ, אַמעריקאַנאָ", זאָגט מיר דער באַרוועסער מיגועל, :אַ, ווען איר קאָנט מאַכן פריינט, אַזוי ווי איר מאַכט זיך שונאים איבער דער וועלט, שונאים אין סאַנטאָ דאָמינגאָ, וויעטנאַם. אַ שכן דאַרף העלפן, איר העלפט אונדז ניט, איז ווי קאָנען מיר גלויבן אין אייער דעמאָקראַטיע"...

— קאָמפּרענדע? האָסט פאַרשטאַנען? — פרעגט ער...

— סי (יאָ) — זאָג איך...

דער גליטשיקער וועג

עס איז סוף פעברואַר און שוין איז פרילינג אין שטאָט. גאַנץ פרי קומט אַרויס אַ קלאָרע זון, וואָס וואַרעמט די מאַמע ערד. „ווילדע" רויטע און ווייסע עפּעלעך, גרויסע ווי קאַרשן, ווערן רייף; ווייסע ליליעס, וואָס זיינען ערשט געווען אין קנאָספּן, לאָזן זיך פאַנאַנדער ווי אַ שירעם און ווערן שנעל פאַרוויאַנעט. די גומי־ביימעלעך בליען מיט ווייס־שוואַרצע „מאַרגעריטקע־לעך", „ווילדע" יאַגדעס וואַקסן געדיכט און זאַפטיק. דער פּורפּל־בעז אין שכנהשאַפט מיט רויטע רויזן בליט פאַר די הייזער. עס שמעקט דאָ מיט אַ פריש־געשניטן גראָז. פון די געדיכטע גרינע צווייגן הערט מען אַ סימפּאָ־נישן געזאַנג פון ניי־געבוירענע פייגעלעך, וועלכע זיצן נאָך אין די נעסטן אויף מאַמעס קעסט . . .

די געסט, טוריסטן, וועלכע קומען אויף אַ ווייל, באַוואונדערן די שיינקייט פון שטאָט, ווערן אַרומגעפירט איבער די שיינע גאַסן און בולוואַרן, איבער פּאַרקן און מוזייען, אין דער שטאָט פון שיינקייט.

איך פיר מיינע געסט איבער „סקידראָ", וואָס מיינט, דער גליטשיקער וועג. טאָג און נאַכט בלאָנקען דאָ אַרום אויסגעלאָשענע הימלאָזע לעבנס, אַלקאָהאָליקער, קראַנקע, שווינדזיכטיקע און פּראָסטיטוטקעס, וואָס וואוינען אין פינצטערע האָטעלן, שלייכן זיך אַרום אין ביליקע נאַכט־קלובן, פרויען און מענער, וואָס ווערן אַריינגעטריבן אין אַפּגרונט קעגן אייגענעם ווילן. דאָס אַלץ האָט די ברוטאַלע געזעלשאַפט אַרויפגעצוואונגען אויף די יונגע מענער און פרויען.

מעין סטריט איז אַ סלאָם־געטאָ. דאָ זיינען דאָ „באַרס", אַ „באַר" לעבן אַ „באַר", אַ „לאָמבאַרד" לעבן אַ „לאָמבאַרד." אַ בודקקראָם פון פּאָרנאָגראַפּי־שע שמוץ־ליטעראַטור לעבן אַ קראָם. בורלעסק־הייזער איינע לעבן דער אַנדערער און פילמען פון ערגסטן סאָרט.

מעין סטריט און די שכנהשע גאַסן זיינען אַ באַזונדערע וועלט פון אייריש, פּאַרטאָריקאַנער, נעגערס, מעקסיקאַנער, אַמעריקאַנער און אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. „קום אַרויף און טאַנץ מיט מיר," רופט אַ מיידל פון אַ טאַנץ־זאַל. אין פראָנט פון „סטאָר" ווערן פאַרקויפט נאַקעטע פרויען־פאָטאָגראַפיעס און היימישע און אויסלענדישע „נאַקעטע" זשורנאַלן. אין דער הינטערשטער טייל געפינען זיך קעסטעלעך מיט נאַקעטע פילמען, אַז איר וואַרפט אַריין אַ מטבע זעט איר אַ שיינהייט . . .

פון די „באַס", וואו ס'איז שוואַרץ, פינצטער און טומלדיק, גרילצן אַרויס אין גאַס אומעטיקע, סענטימענטאַלע מעלאָדיעס. אַ פרוי גייט פאַרביי, טראָגט

אַ פּיצל קינד ביי דער נאַקעטער ברוסט. נאָר אַ מאלער, אַ סקולפּטאָר, וואָלט געקאָנט מאָלן אַזאַ טרויער.

דאָ דרייען זיך אַרום פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. עס קומט צו אַ „פראַנטל", רוימט אַריין אין אויער:

— איך דאַרף אַ טרונק, כ'האָב מיין וויבס פינגערל און אַ זייגערל „אומזיסט"... —

דער באַקאַנטער ציטונגס־פאַרקויפער, וואָס שטייט דאָ ניט ווייט, זאָגט: „די צוויי ביליאָן דאָלער אַ חודש, וואָס מיר גיבן אויס אויף אומברענגען דאָס פאָלק אין וויעטנאַם, וואָלט געקאָנט אויסהיילן די קראַנקע און אַנזעטיקן די היימלאָזע, זיי שאַפן באַשעפטיקונג, די מערסטע פאַלן דאָ אַריין אומ־שולדיק" דאָס אָטעמט מיט אַלץ, וואָס איז ניט מענטשלעך. דאָ איז אַלץ צום פאַרקויפן, אַלערליי פעדלער דרייען זיך דאָ אַרום. די גאַס איז אַ שוידערלעך ווינקל, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט באַלאַנגט צו לאָס אַנדזשעלעס.

יעדן פאַרנאַכט קומט דאָ פאָר אַ פעסטיוואַל. די גאַס ווערט אָנגעפילט מיט אַ פאַרשידנאַרטיקן עלעמענט, אַזעלכע וואָס קומען און שטרעקן אויס די האַנט פאַר אַ נדבה און אַזעלכע וואָס זוכן עקזאָטישקייט...

הונדערטער מענטשן ווערן דאָ אַרעסטירט פאַר טונקעלע געשעפטן. ווען עס פאַלט דאָ אַריין אַ „יאָלד" מיט געלט אין קעשענע, „ציפט" מען אים אַרום און ער ווייסט ניט ווי אַזוי דאָס האָט פאַסירט... דער „קאָפּ" וואָס שטייט ביים ראָג גאַס זאָגט, אַז אין דעם „ווינקל" ווערן אפשר געמאַכט טויזנט אַרעסטן אַ וואָך פאַר שיכרות, גניבה, מערדערייען און מאַריוואַנאַ־פעדלער.

ווען עס נעמט שאַריען אויף טאָג, הייבן זיך אָן אַרויסשלייכן מענטשן פון ליקן, שפּאַרעס, פון איינגעפאַלענע און פאַרוואָרלאָזטע הייזער... זיי פילן אָן די גאַס מיט אַ זויערקייט פון ווייַן, ליקער און אומהיימלעכקייט. די מענטשן זעען אויס שוואַרץ, איינגעהויקערט ווי די הייזער.

צו מיין באַקאַנטן, אַ הענדלער פון אַלטוואַרג, וועלכער האָלט דאָ זיין געשעפט שוין היפּשע יאָרן, קומט אַריין אַן אָפּגעלאָזענע פרוי, זי בעט אַ טעפּל קאַווע. ער גיט איר אַ מטבע און זאָגט, „זי איז חסר דעה". אירס אַ זון איז דערהרגעט געוואָרן אין וויעטנאַם. עס כאַפּט אָן אַ גרויל, ווען מען זעט אויף טעלעוויזיע, ווי אַזוי די וויעטנאַמער קינדער און דערוואַקסענע, ציווילע מענטשן ווערן פאַרברענט מיט נאַפּאַלם־באָמבעס, איז ניט קיין וואונדער, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ. ער רעדט ווייטער:

— איר הערט: איך ווייס וואָס עס טוט זיך דאָ אין געגנט. צווישן די טרעמפּס זיינען פאַראַן אַרטיסטן, איינער אפילו פון האָליוואָוד. אַ סך פאַלן דאָ אַריין אומשולדיקע און גליטשן זיך טיפער אין אָפּגרונט. אַ רייך לאַנד אַמעריקע, גיט אויס ביליאָנען... צו פאַרברענען קינדער, און היילט נישט אירע אייגענע בירגער. אַ סך וועלן צוריקקומען פון וויעטנאַם אַזוי ווי זי איז — חסר דעה..."

אַ מעקסיקאַנער דיכטער פאַלט פון עראָפּלאַן

די שטאָט איז געווען איינגעהילט אין אַ געדיכטן טומאַן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פּאַסיפישן ים. עס איז שוין געווען גרויס טאָג, נאָר די בליץ־לאָמפּן פון אויטאָמאָבילן האָבן נאָך געלויכטן, ווייטער ווי עטלעכע שפּאַן פון זיך האָט מען ניט געזען. די הויכע מויערן און די בערג זיינען געווען פאַרשטעלט פון נעפּל, וואָס האָט זיך געטראָגן איבער׳ן שטאָט. ווען די שילער זיינען געקומען אויפן שול־הויף און דער 97טער גאַס, האָט עמיצער געפונען ליגן אַ „באַנדל״, מ׳האָט עס אַ ריר געטאָן, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט קיין „פּעקל שמאַטעס״, ווי די קינדער האָבן געמיינט, נאָר אַ מענטש איז דאָ געלעגן. עס האָט גענומען עטלעכע טעג ביז מען האָט זיך דערוואוס ווער דער מענטש איז.־ פון די שטיקלעך פּאַפּיר וואָס מ׳האָט געפונען אין זיינע קעשענעס, האָט מען אויסגעפונען זיין נאָמען: הובערטאָ גאַרסיאַ גיטערעז, פון טשיוואַוואַ, מעקסיקאָ. און ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ער איז אַראָפּגעפאַלן פון אַ דזשעט, וואו ער איז געלעגן איינגע־קנוילט איז אַ ווינקל אַלס בלינדער פּאַסאַזשיר.

טשיוואַוואַ איז אַ פּראַכטפולע רייכע שטאָט, אַרומגערינגלט מיט גרויסע מינען אינדוסטריען. זומער איז שוידערלעך הייס. די רייכע וואוינען אין פּאַלאַצן און די אָרימע — הינטערן שטאָט, אין אָפענע אומסאַניטאַרישע צוזאַמענגעקלאַפּטע „האַטס״.

די שטאָט איז באַרימט מיטן העלד מיגעל הידאַלגאָ קאַסטילאָ, דער פאָטער פון דער פרייהייט־באַוועגונג, וואָס איז הינגעריכטעט געוואָרן אין דער שטאָט ווען ער איז געווען אויפן וועג קיין אַמעריקע נאָך הילף אַראָפּצוואַרפן דעם שפּאַנישן יאָך. אויף דעם פּלאַץ וואו הידאַלגאָ איז הינגעריכטעט געוואָרן איז געשטעלט געוואָרן אַ מאָנומענט.

די שטאָט האָט אַ באַפעלקערונג פון העכער הונדערט טויזנט איינ־וואוינער. דאָ איז מיט 24 יאָר צוריק געבוירן געוואָרן הובערטאָ גאַרסיאַ. ער איז געווען איינער אין דער פאַמיליע, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. ער איז אויסגעוואַקסן אין גרויסע נויט. דעריבער האָט אים געלאָקט זיין גאַנץ לעבן צו קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווייל ער האָט געהערט דערציילן, אַז דאָ אין דעם וואַרעמען קלימאַט האָט יעדער עסן צו זאַט און אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ, און ביי אים אין הויז איז ער געשלאָפן אויפן דיל מיט זיין פּאַראַליזירטן פאָטער, מיט דער מוטער, פיר ברידער און שוועסטער, אַלע ליגן צוזאַמענגעקנוילט אין אַ קופּע, ווייל דער דיל איז נישט פון גומי...

גאַרסיאַ האָט ליב געהאַט זיין 65־יאָריקן פאָטער און נאָך מער זיין 50־יאָריקע דאַרע, קליינע מוטער, וואָס האָט אַלעמען געקאָרמעט מיט „פּרי־כאָלעס״ און „טאָרטיאַס״ און אַליין האָט זי ניט געהאַט וואָס צו עסן...

פון צייט צו צייט האָט עמיצער אין דער פאַמיליע געאַרבעט און פאַר־דינט 25 פעזאָס אַ טאָג — צוויי דאָלער, דעמאָלט איז געווען אַ „פיעסטאַ"...
קיין פאַך האָט גאַרסיאַ ניט געהאַט, אפילו קיין „טראַק" האָט ער זיך ניט אויסגעלערנט טרייבן, ווי זיין יינגערער ברודער, האָט ער געפּילנעוועט דעם קראַנקן טאַטן און געשריבן לידער פון פיין און טרויער.

איין מאָל איז אין שטאָט באַקאַנט באַקאַנט געוואָרן, אַז איינער פון זיינע „פאַיסאַנאָס" האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין גאָלדענעם לאַנד, איז גאַרסיאַ אַרומ־געגאַנגען און געטראַכט . . .

מיטאַמאָל איז פאַרטיק געוואָרן זיין פּלאַן. ער האָט זיך גענומען ארומ־דרייען וואו די עראָפּלאַנען קומען. יעדער דעטאַל איז געווען אויסגעפאָרשט...

און אָט ליגט ער שוין באַהאַלטן אין אַ זיכערן פּלאַץ... דאָס האַרץ קלאַפּט ביי גאַרסיאַן ווי די מאָטאָרן, און אָט הייבן זיי אָן שטאַרקער רוישן, זאָל נאָר עמיצער ניט קומען אונטערזוכן דעם ווינקל, טראַכט ער, און אָט פּילט ער ווי דער „דזשעט" טוט זיך אַ הויב־אויף, ער דריקט צוזאַמען זיינע הענט אין אַ געבעט . . .

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אין טשיוואַוואַ באַקאַנט געוואָרן די טראַגעדיע פון זיין טויט. די שכנים זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין אַ גרויס טרויער. דאָס קליינע מאַמעלע, וואָס האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, איז געזעסן און שטאַר געקוקט אויף דעם דיל וואו ער פלעגט שלאָפן לעבן פאָטער.
דער חבר גאָנזאַלעס, וועלכער פלעגט מיט הובערטאָ גאַרסיאַ אַרומגיין זוכן אַרבעט, האָט זיך געזעצט לעבן דער מוטער און געזאָגט:

— טרויער ניט, עס איז אים איצט שוין פיל וואוילער... איידער אַזאַ לעבן אין דער פינצטערער הייל... פאַר דער „וואוינונג" צאָלט די פאַמיליע 90 פעזאָס אַ חודש, זיבן דאָלער. זיבן דאָלער, האָט גאַרסיאַ איין מאָל גע־טראַכט, קאָן איך דאָך פאַרדינען אין איין טאָג אין לאָס אַנדזשעלעס, און אפשר וועל איך דאָרט שרייבן לידער. עס זיינען דאָך פאַראַן אַזויפיל מעקסיקאַנער לייענער.

אין קעשענע פון טויטן גאַרסיאַ איז געלעגן אַן אַלט מעסערל, אַ צע־בראָכענער בלייפעדער, אַ קליין, שוואַרץ נאָטיץ־ביכל מיט פאַרשריבענע לידער וואו עס איז געווען פאַרצייכנט:

„איך בין ניט געבוירן געוואָרן צו לאַכן"... און אין אַ צווייט ליד: „שווער איז דאָס לעבן אין מיין אייגן לאַנד"... „דאָרט איז ליכטיק, דאָ איז פינצטער"...

די לידער זיינען געבליבן גאַנץ און צוזאַמען מיט הובערטאָ גאַרסיאַ גוטאערעז צוריקגעשיקט געוואָרן אויף דער מעקסיקאַנער ערד.

באַרימטער טורעם אין נעגער געטאָ

מיר זיינען אין דער נעגערשער וואַטס געגנט אין לאָס אַנדזשעלעס, שטיל, ווי אַן אויסגעליידיקטע שטאָט איז דאָ. ביינאַכט איז דאָ געדיכט־פינצטער, אַז מען קאָן דעם חושך אָנטאַפּן.

די לבנה איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ געדיכטן שווערן וואָלקן: אָט האָט זי אַ בלאַסן שיין געטאָן, און אָט האָט זי זיך באַהאַלטן. דער אָוונט איז געווען וואַ־עם. די נידעריקע הייזקעס האָבן אויסגעזען ווי היגער־שטייגן. פּלוצלינג, נאָר אויף אַ רגע, האָט אַ ווינט אַ יאָג געטאָן די זאַמדיקע ערד און פאַרטריבן די שוואַרצע כמאַרע. די לבנה האָט געוואָרפן שטראַלן אויף די שפּיצן פון די טורעמס.

דאָ אין דעם ווינקל, אין דעם נעגערשן טייל פון שטאָט, וואַקסט נישט קיין גרעזל, קיין בלום. דאָ זעט מען נישט קיין פּאַלם־בוים. דאָ איז אַ שטיק טרוקענע פּרעריע. ווייט ווי דאָס אויג קאָן זען ציען זיך באַן־רעלסן. דאָ איז די ערד זאַמדיק, ווי עס וואָלט קיינמאָל ניט גערעגנט. אַזוי קאַלירלאָז און רחמנותדיק זעט אויס די געגנט, ווי זי וואָלט נישט געווען קיין טייל פון דער זוניקער קאַליפאָרניע. דאָ זיינען די געסלעך שמאָל און איינגעדאָרט; אין יעדן ווינקל גאַס — אַ קלייניקע קירכע. אַהער קומען די מתפללים זיך קלאָגן אויף זייער אָרעמען גורל.

אָט, אין דעם וויסטן ווינקל, האָט אַ גוטמוטיקער מענטש פון איטאַליע־נישן אָפּשטאַם אויפגעבויט אַ טורעם הונדערט פוס הויך.

מיט בויען דעם טורעם האָט ער געוואָלט פאַרשענערן דאָס אויסזען פון דער אָרעמער געגנט און אויפהייבן דאָס געמיט פון דער אָרעמער נעגער־באַפעלקערונג, וואָס לעבט אין דער וואַטס־געגנט. זיין נאָמען איז געווען ס י מ אָ ן ר אַ ד י אָ.

סימאָן ראַדיאָ איז געבוירן געוואָרן אין רוים. אין עלטער פון 12 יאָר איז ער געקומען קיין אַמעריקע. דורך שווערער אינדוסטריע האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער בוי־אינדוסטריע. שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אָנגע־שטעלטער ביים פאַררעכטן טעלעפאָנען. ער שפּאָרט אָפּ אַ ביסל געלט און קויפט אַ הייזקע אין דער וואַטס־געגנט. ער האָט ליב די מענטשן פון זיין גאַס און האָט שטאַרק ליב צו לייענען פאַנטאַסטישע מעשיות.

איין מאָל אין אַ געשפּרעך האָט ער געזאָגט: „איך האָב אין געדאַנק צו בויען עפּעס גאָר גרויס."

פון זיין אָפּגעשפּאָרטן געלט האָט ער געקויפט אַ שטיקל ערד און פאַר־טראַכט צו בויען אַ הויכן טורעם, וואָס זאָל אים מאַכן באַרימט און וואָס זאָל

פֿאַרשענערן די וואַטס געגנט, וואו עס לעבן די אָרעמסטע מענטשן פֿון דער גאַנצער שטאָט.

ווען ער האָט אָנגעהויבן בויען דעם טורעם, וואָס האָט אים גענומען גאַנצע דרייסיק יאָר, האָט ער געזאָגט: „איך בין אַן אָרימאַן, איך האָב זייער ווייניק צייט, און קיינער העלפֿט מיר ניט. ווען איך זאָל אַפֿילו עמיצן דינגען, ווייסט ער נישט וואָס צו טאָן. פֿון וואַנען זאָל ער וויסן? איך וויל עפּעס באַווייזן אין אַמעריקע. מיין לאַנד אַמעריקע האָט מיר געגעבן אַ היים; וויל איך עפּעס טאָן פֿאַר מיין לאַנד, פֿאַר די גוטע מענטשן פֿון דער אָרימער געגנט.״

סיימאָן ראַדיאַ איז אַלט געווען 40 יאָר, ווען ער האָט אָנגעהויבן בויען דעם פֿאַנטאַסטישן טורעם. ער האָט באַנוצט אין דעם געבוי 42 טויזנט ים־שיסעלעך, צעבראָכענע שטיקער פֿון ליימענע טעפּ, שטיקלעך רערן, טויזנטער קליינע פֿלעשער פֿון סאָדע־וואַסער, שטיקלעך ציגל, ברוכוואַרג, קאָלירטע שערבלעך.

סיימאָן האָט געאַרבעט אָן אַ פּלאַן, אָן אַ צייכענונג, אַפֿילו אָן רישטאָוואַניעס האָט ער געבויט דעם טורעם. ער איז „געקראָכן אויף די גלייכע ווענט.״ אַלץ געטאָן אַליין, מיט די צען פֿינגער.

די קאָנסטרוקציע איז געבונדן ווי „שפּינוועבס״. ספּיראַל שלענגלען זיך די טורעמס ווי אַ שרויף; איין „פֿאָדעם״ פֿאַרבינדט דעם צווייטן. אַזוי האָט ער געשאַפֿן אַ גאַנצע נעץ פֿון „לאַבירינטן״, געשלענגלט ביז׳ן שפּיץ.

אין 1954, ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן בויען, האָט ער דאָס איבערגעגעבן צו אַ שכן — און איז פֿאַרשוואונדן.

אין 1959 האָט מען אים געפֿונען אין מאַרטינעז, קאַליפֿאָרניע. ער האָט מער נישט געוואָלט ריידן וועגן דעם טורעם און וועגן זיין קינסטלערישער דערגרייכונג. ער האָט בלויז געזאָגט: „ווען עס שטאַרבט דיין מוטער, וועמען דו האָסט שטאַרק ליב געהאַט, דאַרף מען נישט ריידן.״

אַ גרויסע ליטעראַטור איז שוין ביז איצט געשאַפֿן געוואָרן אין פֿיל שפּראַכן און פֿיל לענדער וועגן דעם טורעם. אין לאָנדאָן האָט באַרבאַראַ דזשאָונס, אין איר בוך „פֿאָליס און גראַטעס״, געשריבן, אַז דער טורעם ווערט אַריין אין דער געשיכטע ווי פֿיינע קונסט־אַרבעט.

דאָס איז אַ קינסטלערישער מאָנומענט, וואָס איין מענטש האָט באַוויזן אויפֿצובויען. דאָס ווערט באַצייכנט ווי פֿאָלקס־קונסט פֿון דער העכסטער מדרגה.

קונסט־קריטיקער לויבן דעם בויער פֿונעם טורעם אַלס אַ געני. די, וועלכע ווייסן נישט די געשיכטע, וואָלטן געמיינט, אַז אַ גרויסער אַרכיטעקט האָט געשאַפֿן דעם פּלאַן און צענדליקער אַרבעטער האָבן דאָס געבויט. דער מוזיי פֿון מאָדערנער קונסט אין ניו־יאָרק האָט אין אַ טעלעגראַמע געבעטן

אָפּצוהיטן די געפּלאַכטענע טורעמס, וואָס זעען אויס פון ווייטן ווי אַ מייסטער־ווערק געבויט פון שטאָל.

אין יאָר 1956 איז דאָס הויז, וואו סיימאָן ראָדיאַ האָט געוואוינט, אָפּ־געברענט געוואָרן, אין 1959 זיינען געקומען אַנגעשטעלטע פון שטאָט און דערקלערט, אַז דער טורעם איז געבויט געוואָרן אָן אַ דערלויבעניש פון דער שטאָט־רעגירונג, אַז ער איז אַ געפאַר און מ׳דאַרף דעם טורעם צעשמעטערן...

עס זיינען געקומען אינזשענערן און געוואויגן און געמאָסטן, פּרובירט די שטאַרקייט, די קאָנסטרוקציע. רעפּאָרטערס פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אַן עולם פון הונדערטער מענטשן, זיינען געשטאַנען מיט קלאַפּנדיקע הערצער און זיך צוגעקוקט צי דער טורעם וועט אויסהאַלטן.

פיל אָנגעזעענע בירגער, געלערנטע קינסטלער, האָבן געשאַפן אַ פּאַר־טיידיקונגס־קאָמיטעט און אַ פאָנד אָפּצושרייען די גזירה.

ווען דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן — לעבן! איז ווידער געשאַפן געוואָרן אַ פּערמאַנענטער קאָמיטעט אָפּצוהיטן די שווערע, קינסט־לערישע, דרייסיק יאָר אַרבעט פון איין מענטשן, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אומשטערבלעכקייט.

דעם 20טן יולי, 1965, אין דער איינזאַמער געגנט אַוועק אין דער אייביקייט.

נאָך די גרויסע רעגנס

אַ רעגן איז געגאַנגען זעקס וואָכן דורכאַנאַנד. אַזאַ רעגן מיט בליצן און דונערן איז שוין נישט געווען די לעצטע אַכט־צענדליק יאָר. די הימלען האָבן זיך געעפֿנט און פֿאַרפֿלייצט שטעט, דערפֿער און הונדערטער היימען.. די אויסגעטרוקנטע רינוועס, וואָס האָבן שוין ניט געזען אַ ביסל רעגן־וואַסער צענדליקער יאָרן, זיינען מיטאַמאָל איבערפֿילט געוואָרן.

אַ סך מענטשן זיינען פֿאַרשווענקט געוואָרן מיטן וואַסער־שטראָם צוזאַמען מיט די איינגעפֿאַלענע הייזער. בערג, וואָס מען האָט געמיינט, אַז זיי שטייען פֿעסט ווי דער גיבראַלטאַר, האָבן זיך געשפּאָלטן און זיינען אַראָפּגעשווענקט געוואָרן אין די וואַסער־טאָלן. די דונערן און בליצן, וואָס זיינען אַ זעלטענע דערשיינונג, האָבן נאָך מער דערשראָקן די טויזנטער היימלאָזע מענטשן, וואָס זיינען איבערנאַכט פֿאַראָרעמט געוואָרן און געבליבן דאַכלאָז. די שרעק איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען די ראַדיאָ, טעלעוויזיע און צייטונגען האָבן געמאָלדן אין אַ באַריכט פֿון וויסנשאַפֿטסלייט, אַז אַ ליאַדע טאָג קאָן מען דערוואַרטן אַן ערדציטערניש, וואָס וועט אָנטאָן גרויס שאָדן. פֿון פֿיל אָרעמע הייזקעס און רייכע פּאַלאַצן האָט מען געמוזט עוואַקואירן די מענטשן. ווען דאָס וואַסער איז שוין געווען ביזן גאַרטל. פֿון די אָפֿענע הימלען האָט נישט אויפֿגעהערט פֿלייצן. דער געדיכטער רעגן, האָגלען און שנייען, האָבן דערגרייכט ביזן גאַרטל און אויך ביזן האַלדז. מענטשן זיינען געקראָכן אין בלאָטעס, זיי האָבן געוואָלט עפּעס ראַטעווען, נאָר די כוואַליעס האָבן זיי אָפּגעטריבן

קיין אָרימע לייט וואוינען נישט אויף די הויכע שפּיץ־בערג, דאָך איז אַ רחמנות אויף די מענטשן און אויך אויף די הויז־חיות, וואָס ליידן און קומען אום און האָב און גוטס ווערט צעשטערט.

אַ פּאָר טאָג נאָך די שלאַקס־רעגנס, שוין שפּעט אין דער נאַכט, האָט זיך דער הימל אויסגעלייטערט. אַ מאַטע לבנה האָט זיך פּלוצים באַוויזן צוזאַמען מיט מיניענדיקע שטערן. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויסגיין פֿון די הייזער. זיי האָבן געקוקט אין הימל, געבענטשט די נאַטור, וואָס האָט געגעבן האָפֿענונג, אַז מאָרגן וועט אויפֿגיין די זון. און טאַקע גאַנץ פֿרי איז די זון אַרויס, זיך באַוויזן אויפֿן האָריזאָנט, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרניט פּאַסירט.

ווייסע וואָלקנדלעך האָבן געשוועבט איבערן בלאָען הימל, נאָר ווייט, הינטער בערג, האָבן זיך נאָך צייטנווייז באַוויזן טונקעלע כמאַרעס.

אין אַזאַ פֿרימאָרגן האָב איך געוואָלט נעמען אַ שפּאַציר ווייט הינטער דער שטאָט. איך בין פֿאַרבייגעגאַנגען אַ וועשעריי וואָס איז אָפֿן טאָג און

נאַכט. אַ יונגע פרוי איז געשטאַנען ביי דער אָפענער טיר און געבעטן, אַז איך זאָל איר אויסבייטן אַ דאָלער אויף קליינגעלט, ווייל זי דאַרף האָבן אויף אַריינצוואַרפן אין דער אויטאָמאַטישער מאַשין. איר קליין בלאָנד מיידעלע האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דער מאַמעס קליידל, ווי דאָס קינד וואָלט פאַר עפּעס מורא געהאַט...

אין אַ ווינקל פון דער וועשעריי זיינען געזעסן צוויי קינדער צוזאַמענגעטוליעט. דאָס יינגל האָט אויסגעזען צו זיין אַ יאָר צען און דאָס מיידעלע אַ יאָר צוועלף. ער איז געלעגן מיטן קאָפּ אויף איר שויס, ביידע זיינען געווען אַרומגעהילט מיט אַן אַלטן שווערן טוך. די קינדער האָבן געהאַט ליכטיקע פּנימער, די האָר צעשויבערט. ביידע האָבן געהאַט גרויסע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעשיינט פון די מאָגערע קערפּערלעך.

— ביינאַכט איז דאָ וואַרעם — זאָגט מיר דאָס מיידעלע — טיר און פענצטער זיינען פאַרמאַכט. נעכטיקן מיר דאָ איבער.

— פאַרוואָס גייט איר נישט אַהיים ?

— מיר האָבן נישט קיין היים.

— וואו איז דער טאַטע, די מאַמע ?

— כ׳ווייס ניט — ענטפערט דאָס בחורל.

— וואו ביסטו געווען ביז איצט ?

— מיר זיינען געווען ביי דער באָבע.

— פאַרוואָס זענט איר נישט מער דאָרט ?

— צוגענומען אין שפּיטאָל, די טירן פאַרשלאָסן — ענטפערט דאָס מיידעלע.

— וואָס וועט איר טאָן היינט, מאָרגן און אַ גאַנצע וואָך?

— מיר וועלן גאָרנישט טאָן, מיר ווילן עסן...

די פרוי איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר וועש, גענומען די קינדער, זיי צוגעפירט צו אַ „סופּער־מאַרקעט". לעבן דעם מאַרקעט איז דאָ אַ „באַר" וואו מען פאַרקויפט געבראָטענע פלייש, הייסע און קאַלטע געטראַנקען, המן־טאַשן, בלינצעס, הייסע וואורשטלעך, קרעפּלעך, „פּיצאַ", קנישעס. דאָ עסט מען שטייענדיקערהייט. עס קומען אַהער מענטשן פון נאָענט און ווייט, אַזעלכע וואָס האָבן געלט און אַנדערע וואָס בעטן די פאַרבייגייער אַ מטבע... עס קומען דאָ עסן באַרוועסע און אַזעלכע וואָס בלאָנקען אַרום גאַנצע נעכט אין „באַרס", קאַפע־הייזער, נאַכט־קלובן, און די וועלכע גאָרן נאָך אַ וואַרעם טעפּל קאַווע און שלאָפן ערגעץ אין אַ ווינקל פון אַן אָפּגעלאָזן הויז...

מיר איז נאָכגעגאַנגען אַ פאַרבלאָנדזשעטער הונט. ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, איז ער אויך געשטאַנען, אַרויפגעקוקט צו מיר מיט וואַרעמע אויגן. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם „באַר" ביים מאַרקעט, איז צוגעקומען אַ פרוי מיט צוויי אויסגעכאַליעטע הינט, איינער האָט אויסגעזען

ווי אַ שעפּסל, דער צווייטער ווי אַ לאַשיקל. די פרוי האָט דאָ שוין פון לאַנג איר פּריינט, וואָס מאַכן איר קאָמפּלימענטן, גלעטן די הינט און באַוואונדערן זייערע פּנימער.

— יעדער הונט — באַרימט זיך די פרוי — קריגט צוויי שיטערע אייער אינדערפרי און צוויי צום שלאָפן גיין. פליישׁ פון דאָס בעסטע, נישט פון די קענדלעך, כמעט נישט קיין ברויט, דערפאַר האָבן זיי שלאַנקע, גראַציעזע פיגורן.

דער מאַרקעט געפינט זיך אין האָליוואוד. אָפט ווערן די גאַסן אָפּגעצוימט, ריזיקע טראַקס (לאַסט־אויטאָמאָבילן) מיט קאַמערעס, בליץ־לאָמפּן, גרייטן זיך אַראָפּצוכאַפּן סצענעס פאַר אַ פילם. די אַקטיאָרן פּאַראַדירן דאָ אין פאַרשיידענע קאָסטיומען, ווי אויף אַ קאַרניוואַל. אַ מאַלפּעלע, אַ ציג, אַן אייזל, באַטייליקן זיך אין דער פאַרשטעלונג.

אימיצער לויפט מיט אַ האַסט אַרויס פון אַ ליקל, כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער, שיסט אויף אַ פרוי, זי פאַלט — און די פאַרשטעלונג איז פאַרענדיקט.

כאָטש עס איז נאָך פרי, שטייען שוין באַדינער לעבן די פילם־סטודיאָס וואָס געפינען זיך דאָ אויף וואַין סטריט, איינע לעבן די אַנדערע, און טיילן אויס בילעטן, בעטן די דורכגייער מ׳זאָל אַריינגיין צו אַ פאַרשטעלונג און, פאַרשטייט זיך, העלפן אַפּלאָדירן אָדער לאַכן. דאָ קען מען זיך בעגאַגענען פּנים אל פּנים מיט באַרימטע אַרטיסטן, „סטאַרס״, און מ׳קאָן נאָך געווינען אַ פּריז.

שטייען טאָקע אינדערפרי און פאַרנאַכט לאַנגע רייען מענטשן און וואַרטן מיט גרויס נייגער זיך צו באַגעגענען מיט די לעבעדיקע אַרטיסטן, וואָס זיי זעען טאָג־טעגלעך אין פילמס, אָדער אויף דער טעלעוויזיע־שויב.

די זון איז געוואָרן וואַרעמער און העלער. מיר זיינען אַריין אין הויף פון אַ כינעזישן רעסטאָראַן. אַרום און זיינען געווען איינגעפּלאַנצטביימער, וואָס זיינען געווען גרין ווי אין פרילינג. פייגל האָבן געזונגען שירה, געפלויגן פון בוים צו בוים, געטראָגן שטרוי און דינע צווייגעלעך אין די שנעבעלעך, כדי צו בויען אַ נעסט פאַר נייע דירות. אויך זיי, ווי מיר, האָבן באַגריסט דעם שיינעם פרילינג־טאָג, די ליכטיקע זון, וואָס איז אויפגעגאַנגען נאָך די שווערע רעגנס, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ געדיכטע לאַווע איבער בערג און טאָלן.

אין דער טיפקייט פון האָליוואוד זיינען מיר געקראָכן איבער געשלענגעלטע גאַסן און קורצע געסעלעך, זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז וואָס זעט אויס ווי אַ שלאָס, אַ פעסטונג פון מיטל־אַלטער. דאָס הויז איז געווען אַרומגערינגלט מיט ביימער פון אינדיע, כינע, אַרגענטינע און אַנדערע לענדער. אויך פון די ביימער האָט זיך געהערט אַ זיס סוויטשערן פון פייגעלעך, וועלכע

האָבן געצופּט פון די צווייגן וואָס האָבן באַוויזן זיך שוין צו באַנייען מיט גרין־רויטע, פרישע פרילינג־שפּראָצונגען.

די לופט איז דאָ געווען ריין, שאַרף, און עס האָט געשמעקט מיט אַראָמאַטן ווי פון ווייַנגערטנער.

אַ פּאָליציי־אויטאָ איז אונדז פּאַמעלעך נאָכגעפאָרן. איינער האָט אַרויס־געשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער, האָט עפּעס געשושקעט צו דעם, וואָס איז געזעסן ביים רעדל — און זיי זיינען שנעל אַנטרונען. אַ ווינטל, מילד ווי אַ גלעט פון אַ מאַמעס האַנט, האָט פאַרגעשוועבט, אַראָפּגעטרייסלט עטלעכע דאַרע בלעטער, וואָס האָבן זיך געקאָלערט איבערן אַספאַלט און זיינען צעריבן געוואָרן פון אַ טראָק.

עס איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דעם טומל פון שטאָט. עס איז אַנטקעגנגעקומען אַ פאַרחושכטער מענטש, אָפּגעלאָזן, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס אַ פאַרשלאָפענער פון אַ נאַרע אָדער — אפשר איז ער גאָר אַ ביסל חסר דעה.

דער מענטש האָט געטראָגן אַ פּעקל ביכער, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריקל. פונעם פּעקל האָבן זיך אַרויסגעוויזן יידישע אותיות.

— וואוהין שלעפּסטו דאָס פּעקל?

— פאַרקויפן אין אַן אַלטן בוך־האַנדל.

— לאָמיך זען, קיינער וועט דאָס נישט קויפן, ווייל ס'איז אַ פרעמדע שפּראַך...

— איך ווייס, ס'איז „דזשואיש."

— וואו האָסטו דאָס אויפגעקליבן ?

— דאָ ניט ווייט, לעבן אַן אָפּגעלאָזן, צעבראָכן הויז.

אין דעם פּעקל ביכער האָב איך אַנטדעקט אַ גאַנצן אוצר, וואָס איז אפשר ניט אָפּצושאַצן: אַ ביכל פון שלום אַש, בילדער און דערציילונגען „אין אַ שלעכטער צייט", אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אין יאָר 1903, אויף נאַלעווקי נומער 7; נאָך אַ ביכל, אַרויס אין 1901; א. נאַסעלניקס אויסגאַבע „דער פאָלקס־פריינד"; אַ ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעך זאַמלבוך, רעדאַקטירט פון הלל וויכנין, ווילנע, תרס"א. דאָס ערשטע זייטל איז אַן „אַביאַוולעניע" (באַקאַנטמאַכונג) אין רוסיש וועגן נייע ביכער, וואָס דער פאַרלאַג גרייט צום דרוק. די אויסגאַבע איז רייך מיט לידער פון אַברהם רייזען, הלל וויכנין, י. ל. פּרץ, דוד פינסקי, ה. ד. נאָמבערג, א. י. גאָלדשמיד, י. י. פּראָפּוס און אַנדערע, „אַרויסגעגעבן בדפוס י פּיראָזשניקאָוו."

אָט איז נאָך אַ ביכל פון שלום אַש „משיחס צייטן" (אַ חלום פון מיין פאָלק), אַ דראַמע אין 3 אַקטן, ביכער־פאַרלאַג „צוקונפט", ווילנע, 1906.

אין דעם פּעקל געפינען זיך אינטערעסאַנטע, ווערטפולע ביכער, אין וויכע טאָוולען, פון די יאָרן 1913, 1914, 1915, שוין אַרויסגעגעבן אין

ניו־יאָרק פון אַ ליטעראַרישן פאַרלאַג. און אַט זיינען אויסגאַבן פון דעם פאַרלאַג אין ווילנע, ב. א. קלעצקין. און אַ ריי אַנדערע ביכער און בראָשורן און אויך אַ ביכל „אַ טאָג מיט יעקב גאָרדין", דורכגעלעבט און באַשריבן פון מאָריס ווינטשעווסקי, פאַרלאַג מאַקס נ. מייזעל, 422 גרענד סטריט, ניו־יאָרק, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1909. מאָריס ווינטשעווסקי ווידמעט דאָס בוך פון 112 זייטן צו „פרוי אַננאַ און אירע קינדער מיט ליבע."

די ביכער זיינען געדרוקט אין פאַרשיידענע אויפלאַגעס, אָרטאָגראַפיעס, מיט און אָן נקודות. צוזאַמען איז דאָס אַן אוצר וואָס מיר האָבן איינגעהאַנדלט פאַר — איין דאָלער!

זעקס פייגעלעך און אַ קאַץ

(אַ מעשהלע מיט אַ מוסר־השכל)

דער באַלקאָן פונעם יונגן פּאָרל, פון מיין שכן אַנטקעגן, גייט אַריין אין מיין שלאָף־צימער, אַז מען וויל קאָן מען זיך דערלאַנגען די הענט.

אין אַ הייסן אָוונט זיינען די פאַרטיערן פונאַנדערגערוקט, די גלעזערנע פענצטער־טיר איז ברייט־אָפן. די יונגע מענטשן גייען יעדן טאָג צו דער אַרבעט, זי אין אַ באַנק און ער אין אַ קליידער־געשעפט.

ווען זיי לויפן צו דער אַרבעט, זיינען זיי אַלעמאָל שפּעט, ווען דער מאָטאָר פון פאָרד נעמט אַרבעטן, קומט דער גאַז אַריין צו מיר דורכן אָפענעם פענצטער. אין די אָוונטן זיצן זיי כסדר אין הויז, ניאַנטשען די קאַץ ווי אַ קליין קינד, וואָס קאָן זיך נאָך אַליין נישט העלפן. זיי קושן די קאַץ בעתן קומען און געזעגענען זיך אינדערפרי מיט דער „בעיבי", וואָס הייסט „קוואַטראַ".

אַזוי שנעל ווי זיי קומען אַריין אין הויז טוט זי אַ קוועטש דאָס קנעפּל פון דער טעלעוויזיע, וואָס נעמט שרייען, גרילצן אויף די העכסטע טענער.

ווען עס הערט זיך דאָס פייפן פון טשאַיניק, דעמאָלט גייען זיי צום טיש, וואָס שטייט האַרט ביים פענצטער. מיר זעען ווי זי מישט עפּעס אין אַ גרויסן טאָפּ מיט אַ קאָכלעפל און באַלד וואַקסן אויס אויפן טיש פאַרשידענע מאכלים. דער ריח פון געקעכטס קומט אַריין צו מיר דורכן פענצטער, אַזוי אַרום ווייסן מיר וואָס דאָרט קאָכט זיך.

זי איז בלאָנד, ער — ברונעט. אין שטוב דרייט זיך אַרום אַ שוואַרצער

הונט, נישט קיין גרויסער, זיין נאָמען איז „סינקאָ“. סינקאָ און קוואַטראָ ווערן געניאַנטשעט ווי קינדער. זיי עסן פון די טעלער, דרייען זיך אַרום אין הויז מיט געמאָסטענע טריטעלעך, שלאָפן אין בעט, אויף די ווייכע שטולן, אָדער אויף דער שויס פון די מענטשן.

די קאַץ ווערט געטראָגן אויף די הענט ווי אַ בעיבי, זי ווערט צערטלעך באַהאַנדלט, אפילו ווען זי טוט עפּעס שלעכטס, ווערט זי נישט באַשטראָפט, נאָר איר ווייכע פעל ווערט געגלעט, מ׳זאָגט איר מוסר־רייד און די קאַץ ענטפערט — מיאַו...

יעדן טאָג ווערן די קאַץ און דער הונט גענומען אויף אַ שפּאַציר. מענטשן באַוואונדערן איר שיינע ווייסע פעל, די לאַנגע האָר און די „מאַמע“ קוועלט אָן פון די לויבווערטער.

איין מאָל האָט אַזוי פּאַסירט: קוואַטראָ האָט געכאַפּט אַ נאַש פון עפּעס וואָס איז געלעגן לעבן אַ מיסטקאַסטן. איר מאַמע איז היסטעריש אַלאַרמירט געוואָרן, האָט זי שנעל, ווי אַ בליץ, געכאַפּט קוואַטראָ צו אַ דאָקטאָר, וואָס האָט גוט אונטערזוכט די בעיבי, איר געגעבן אַ „נאָדל“ און אַ שטיין איז אַראָפּ פון האַרץ ביי דער מאַמע...

אַזוי שנעל ווי קוואַטראָ ווערט פריי געלאָזט אויפן הויף, יאָגט זי זיך נאָך פייגעלעך, וואָס קומען קלייבן ברעקלעך. איין מאָל האָט זי געטשאַטעוועט הינטער אַ בוים און פלוצים זיך אַ לאָז געטאָן מיט גרויס אימפּעט און אַריינ־געכאַפּט אין אירע לאַפּעס אַ יונג, פּיצינקע פייגעלע. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שרייען, בעטן... פאַרטיק געוואָרן, האָט זי זיך באַלעקט, אַרומגעוואָשן און פאַרגעסן...

געווען איז דאָס איין מאָל זונטיק. צוויי פייגעלעך זיינען געשטאַנען אויפן פלויט. עס איז געווען שווער צו באַשטימען צי זיי ליבן זיך אָדער קריגן זיך. שפּעטער האָבן ביידע זיך געגעסן פון די פּיסקעלעך, געזונגען און געטאַנצט. נאָך אַ פייגעלע, וואָס האָט רויטע פעדערן אונטערן העלדזל, וואָס איז אָנגעפלויגן פון אַ טעלעפאָן־סלופּ, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער מיט און געמאַכט דאָס געזאַנג שענער און העכער.

פון אַן אַנטענע האָט זיך געיאָוועט אַ געפאַרבט פייגעלע, זיך אַריינגעמישט... זיינען די דריי זי באַפאַלן מיט אַן אַלאַרם, אָבער באַלד שלום געמאַכט.

פון אַ פּאַלמע־בוים זיינען מיטאַמאָל אָנגעפלויגן נאָך צוויי פייגעלעך, מיט שוואַרצע פעדערן אונטער די העלדזלעך, זיינען זיי געווען זעקס. אַלע האָבן זיך געקושט ווי אויף אַ חתונה, געשריגן מיט דינינקע שטימעלעך, ווי דאָס וואָלט געווען אַ סימפאָניע פון די איידלסטע אינסטרומענטן.

פלוצלינג איז אָנגעקומען קוואַטראָ אויסגעשלאָפן, אויסגערוט, אירע אויגן גרין ווי גאָל, האָבן געוואַכט... געמיינט, אַז די פייגל קריגן זיך, וועט זי אַריינכאַפּן אַ פעטן ביסן. מיטאַמאָל האָבן די פייגעלעך זיך אַ לאָז געטאָן אויף

אַ נידעריקן, געדיכטן, באַצווייגטן בוים און צוריק אַרויף אויפן פּלויט. קוואַטראַ האָט געמיאָוקעט, געווען בייז, זיך געדרייט, געקוקט אויפן פּלויט, וואו זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט, ווי זעלנער איינס לעבן אַנדערן. די קאַץ איז אַרויף אויפן דאַך פון אַ גרויסן קאַמיאָן, זיך געוואַשן, געקוקט צו די פייגל און געחלומט ...

איין פייגעלע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און עפּעס אַ פּיפּס געטאָן, וואָס איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן ביז צום זעקסטן פייגעלע. מיט האַסט האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן, ווי איין אַן אַטאַקע. די קאַץ איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן. אַ פאַרלוירענע האָט זי געוואָלט אַנטרונען, אָבער אַלע וועגן זיינען געווען פאַרשטעלט. קוואַטראַ איז געווען אינדערמיט, צעטומלט פון דעם דרייסטן אָנפאַל... מיט אַ בילעריי האָט זיך אַ יאָג געטאָן דער שוואַרצער הונט סינקאָ, וואָס שלאָפט מיט דער קאַץ אויף איין קישן, איר געקומען צו הילף, ווייל אַ הונט וואָס דינט זיין באַלעבאָס ווייסט, אַז ער דאַרף פאַרדינען זיין ביין.

מיט אימפּעט, שנעל ווי אַ פינטל מיטן אויג, זיינען די זעקס פייגעלעך אַרויף אויף אַ טייטלבוים און ווי איין אַן אויסשטודירטן כאָר אויסגעלאַכט דעם הונט מיט דער קאַץ. דער הונט האָט זיך גענומען דרייען ווי אַ קאַרוסעלע, געוואָלט כאַפּן זיין עק... די קאַץ איז געבליבן מיט טיפע רויטע פאַקן אויף איר ווייסע פעל.

וועט דאָס די קאַץ געדענקען ? ...

אַלמאַ

אַלמאַ איז געקומען קיין האָליוואָוד פון דאָרף קאשא צו איר רייכער, קראַנקער באָבען. אַלמאַ האָט מיטגעבראַכט אַ ווייס, יונג קעצעלע מיט בלויע, גרויסע אויגן — אַ מתנה דער באָבען. אַלמאַ איז אויך געווען יונג און ווייס, מיט פאַרחלומטע בלויע אויגן, ווייכע, רויטע בעקעלעך און פוכקע הענט.

ווען אַלמאַ האָט דערזען דעם נומער 13 אויף דער טיר פון איר נייער היים, האָט זי געזאָגט צו דער באָבען: „13 איז נישט מזלדיק.״

אַלמאַ איז אַלט געווען פערצן יאָר, אָבער זי האָט אויסגעזען מיט פיר יאָר עלטער. שיין פאָרמירט, אָנגעטאָן נעט און ציכטיק, איז זי אָנגעקומען צו דער באָבען ווי אַ מלאך פון הימל. זי האָט שטאַרק דערפרייט דער באָבען, וואָס האָט געלעבט שוין יאָרן לאַנג איינזאַם. דאָס קעצעלע האָט זיך באַלד געלאַסטשעט צו דער באָבען, ווי צו אַן אַלטן גוטן פריינט, וואָס זי האָט שוין לאַנג נישט געזען.

אַלמאַ איז מיט דער באָבעס קלעיטאָן געגאַנגען יעדן טאָג אין פאַרק, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון זייער היים; זיך געזעצט לעבן אַ בוים מיט געדיכטע נאָדל־צווייגן, וואָס האָט זיי באַשיצט פון דער הייסער זון. צווישן די געדיכטע צווייגן האָט זיך געפונען אַ נעסט, פון וועלכן עס האָט זיך געהערט דאָס געזאַנג פון יונגע, נאָר־וואָס געבוירענע פייגעלעך, וואָס האָבן זיך געפרייט מיט דעם פרילינג און מיט זייער פאַרזאָרגערין, זייער מאַמע, וואָס האָט פאַר זיי געבראַכט שפייז און זיי אָפגעהיט.

אין פאַרק, ביים פלויט, זיינען געוואַקסן ביימער מיט אַלערליי פרוכטן; זיי זיינען געוואַקסן געדיכט ווי אין אַ סאָד. די צווייגן, וואָס האָבן זיך געבויגן צו דער ע ד, זיינען געווען פול מיט פלוימען, מאַראַנצן, אַפּריקאָסן, באַנאַנעס, פערשקעס, ווילדע עפּעלעך. רייף־געבאַקן פון דער זון, זיינען די פירות געבליבן ליגן אויפן גראָז און קיינער האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט. אַלמאַ האָט די פרוכט אויפגעקליבן אין אַ קעסטל, און עס געבראַכט אַהיים אָפּגעוואַשט און פרעזערווירט אויף אַהיים צו שיקן.

אין דעם פאַרק האָבן מאַמעס גערעדט פאַרשיידענע שפּראַכן. טייל קינדער, ביי וועמען אַמעריקע און די שפּראַך איז נאָך געווען פרעמד, האָבן גערעדט מיט די הענט... די מאַמעס האָבן הנאה געהאַט, וואָס די פריינטשאַפט פון די קינדער האָט אויך געבראַכט צו אַ נאָענטקייט צווישן די פרעמד־שפּראַכיקע פרויען.

פּלוצלונג איז די באָבעס קלעיטאָן קראַנק געוואָרן און זי האָט אויפגעהערט קומען מיט איר אייניקל אַלמאַ אין פאַרק. די פרויען האָבן גערעדט

צווישן זיך, אַז די באָבע וועט שוין לאַנג נישט ציען... זי האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס אַזאַ גוטע נשמה וועט שוין לאַנג נישט אויסהאַלטן.

אין גיכן איז טאַקע די באָבע געשטאָרבן.

מיט דעם אַוועקגיין פון דער ליכטיקער וועלט פון דער באָבען איז אַלמאַ געבליבן פאַריתומט און זי האָט געטראַכט וועגן צוריקפאָרן אין דאָרף צו טאַטע־מאַמע. אָבער דעמאָלט איז אונטערגעקומען די פאַמיליע סקאַט פון האַליוואַוד, וועלכע האָט אַריינגענומען אַלמאַן צו זיך. זי איז דאָרט געבליבן אַרבעטן און האָט געשפּאָרט געלט. זי האָט געשיקט מתנות אין דאָרף קאַשע צו די עלטערן און איז געווען שטאַרק צופרידן.

אין דעם הויז וואו אַלמאַ האָט געדינט פלעגן אָפט קומען קינדער, אייניקלעך, געסט, פריינט פון אַנדערע שטעט. זיי פלעגן שטיין אַ טאָג, אַ וואָך און אָנפילן דאָס הויז מיט רעש ווי עס וואָלט געווען אַן אָפּן געשעפט פון קונים. אַלמאַ איז געווען צופרידן, די געסט און די באַלעבאַטים האָבן זי גוט באַהאַנדלט, געגעבן מתנות און זי געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. אויף די ווענט, אין אַ באַזונדערן אויפנאַם־צימער, זיינען געהאַנגען בילדער פון נאַבל־לייט און האַליוואַודער אַרטיסטן. אַ גאַנצע וואַנט איז געווען באַהאַנגען מיט סאַוועניר־ביקסן, רעוואָלווערן מיט פּערלמוטערנע הענטלעך, קינזשאַלן מיט זילבערנע און פּעלענע הענטלעך, און פאַרשידענע סעראַמיקס, ווי אין אַ מיניאַטור מוזיי.

אַלמאַ איז געווען פריינטלעך און שעמעוודיק; ספּעציעל ווען זי האָט זיך באַגעגנט מיט מענער פּנים־אל־פּנים. אָבער צו פרויען איז זי געווען שטאַרק צוגעלאָזן. די קינדער פלעגט זי דערציילן וועגן לעבן אין דאָרף, וועגן אירע עלטערן און וועגן אירע שוועסטער, און אַנדערע פאַרשידענע מעשיות. די קינדער האָבן זי ליב געהאַט פאַר איר פשוטקייט און גוטסקייט.

אין אַ פרייען טאָג פלעגט אַלמאַ קומען צו די שכנים וואו זי מיט דער באָבען האָבן אַמאָל געוואוינט. די פרויען פלעגן זי שפּאַסיק פרעגן:

— אַרבעטסט נאָך אַלץ אין האַליוואַוד? ועסט נאָך ווערן באַרימט ווי גרעטאַ גאַרבאַ...

— וואָס־זשע, עס פּאַסט מיר נישט? — פלעגט זי שפּאַסיק ענטפערן.

— אַוודאי פּאַסט דיר; זעסט נאָך אויס שענער ווי מערילין מאָנראָו...

— פאַרגלייכט מיר בעסער צו אַ לעבעדיקער... — זאָגט זיי אַלמאַ.

אַלמאַ האָט ליב געהאַט צו דערציילן וועגן די טעג און נעכט פון דאָר־פישן לעבן; ווען דער בין־השמשות איז אין פלאַמען און אַלץ איז פאַנטאַס־טיש... וועגן פעלדער און וועלדער, וועגן דעם מאָרגן־שטערן און אָוונט־שטערן, ווען זיי קומען זיך צוזאַמען הינטער די בערגלעך, ווייט פון דאָרף; וועגן דעם פּעדלער, וואָס קומט אין דאָרף איין מאָל אַ וואָך; קינדער און דערוואַקסענע לויפן זיך דעמאָלט צוזאַמען, גאַפן פון די קאַרעלן אוירינגלעך, שניט־סחורה,

זיידענע פרויען־וועש, בלייפעדער, קאָלירטע העמדער — און אַז מען האָט נישט קיין געלט, גיט ער אויף באָרג. דער פעדלער שטייט אָפּ אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און ווען עס נעמט זיך באַווייזן אַ שיין פון טאָג־ליכט, טוט ער אַ שמיץ מיט דער בייטש דאָס ברוינע אַלטע פערד, טוט אַ ציי דעם וואָגן און דער פעדלער לאָזט איבער אַ בענקשאַפט... — יאָ — זאָגט אַלמאַ — ביי אונדז אין דאָרף פאָרט מען נאָך מיט פערד און וואָגן... איך אַליין האָב אויך אַ פערדל, דאָס אַליין אויפגעהאָדעוועט. ווען עס דערזעט מיך, הירזשעט עס און באַוועגט מיט די אויערן. איך גלעט זיין האַלדז און דאָס קלוגע פערדל פרייט זיך און רעדט צו מיר...

„מיר האָבן אַ בהמה, אַ קעלבל. זיי שטייען אין אויסגעקאַלכטן שטאַל, מיט פרישן היי, און אַן אָקס — מ'זאָגט „אָקס" — שמייכלט אַלמאַ — אָבער אונדזער אָקס איז קלוג, נאָך קליגער פון אַ מענטשן. ער האָט אַמאָל זיך איינגעשפּאַרט און בשום אופן נישט געוואָלט שלעפּן דעם וואָגן, וואָס האָט געהאַט אַ צו־שווערע מאַסע... עס בענקט זיך איר נאָך דעם פרישן, ריינעם געשמאַק פון אַלפּאַלפּאַ, און נאָך די סאַמעטענע אויסגעשטערנטע נעכט, וואָס פינקלען מיט סאַפירן." אַלמאַ וואָלט אַזוי געזעסן גאַנצע נעכט און טעג און דערציילט וועגן דעם שטילן לעבן אין דאָרף, די פאַרטאָגן פון זון־אויפגאַנג, די באַטעמטע דאָרפישע שפּייז, די שטילקייט פון די נעכט און דאָס געזאַנג פון פייגל. ספּעציעל בענקט זיך איר נאָך דעם קוטשעראַוון הינטל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שעפּסל — איין האַלבער קערפּער איז געווען שוואַרץ און דער צווייטער גרוי. אַלמאַ האָט ליב ווען פרויען רינגלען זי אַרום און זיי הערן זיך צו מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און מיט נייגער וועגן אירע מעשיות פון דאָרף און וועגן איר מורא פאַרן נומער 13...

אַלמאַ טראַכט, אַז זי וועט אָפּדינען נאָך איין יאָר ביי די סקאַטס, וועט עס שוין זיין זעקס יאָר, און דערנאָך פאָרט זי צוריק אין דאָרף צו אירע הברטעס און צו טאַטע־מאַמע.

אַ גאַנץ לאַנגע צייט האָט זיך אַלמאַ ניט באַוויזן אין געסל וואו עס האָט אַמאָל געוואוינט איר באָבע. עס איז אַוועק אַ יאָר און צוויי; די שכנים האָבן שוין געהאַט פאַרגעסן אין דעם דאָרפישן מיידל, וואָס האָט זיך געשראָקן פאַרן נומער 13... דורך דער צייט איז די גאַס ברייטער און שענער געוואָרן, נייע הייזער זיינען אויפגעוואַקסן. דאָס געוואַזענע געסל מיט די היימישע גערטנדלעך און די שווערע מאַסיווע פאַלם־ביימער, זיינען אויסגעריסן געוואָרן מיטן וואָרצל; פון די היימישע באַנאַנע־ און אָרענדזש־ביימער, פון די ווייסע ליליעס, רויטע רויזן, די „גן־עדן פייגעלעך" און בלומען, וואָס וואַקסן ווי איבערגעקערטע גלעקעלעך — איז גאָרנישט געבליבן... די אַלטע איינוואוי־נער זיינען פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די אַלטע הייזקעלעך; נייע, הויכע, שיינע, גלאַנציקע מויערן זיינען אויסגעוואַקסן. דאָס געסל איז ווי אָפּגעמעקט געוואָרן...

אין מיטן גאַס, טיף אַריינגערוקט, איז נאָך געבליבן פאַר אַ זכר, אַ היל־צערנע, האַלב־אָפּגעברענטע כאַטע, ווייל דאָס „איינגעשפּאַרטע פאַר־פאַלק" האָבן דאָס נישט געוואָלט אָפּגעבן צו די „שאַרקס"... — „דאָ האָבן מיר געלעבט פערציק יאָר, דאָ וועלן מיר ווייטער לעבן ביז — — — — "

אין איינעם אַ הייסן טאָג, ווען אַ חמימה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן שטאָט, גייט פאַרביי דער הילצערנער הייזקע אַן אַלטע שכנה. זי גייט מיט געמאָסטענע טריט מיט איר מאַן. ער, אַ הויכער, אַ געזונטער; זי, אַ קליינ־טשיקע, און רונדיק ווי אַן אַרבעס. ביידע קוקן טיף אַריין אין דער הויז, וואו עס האַלט זיך נאָך אויף דאָס אַלטע פאַר־פאַלק, וואָס ציטערט פאַר די „שאַרקס". „אַלמאַ! אַלמאַ!" טוען זיי ביידע אַ געשריי. אויף די האַלב־פאַרברענטע טרעפּן איז אַלמאַ געזעסן. לעבן איר איז געשטאַנען אַ קינדער־וויגעלע... — „קומט אַהער, זעט מיין נחת" — האָט אַלמאַ מיט פרייד גערופן צו די מענטשן. אין וועגעלע, וואָס אַלמאַ האָט געוויגט הין און צוריק, איז געלעגן אַ ייִנגעלע, געוואָרפן מיט די פּיסעלעך און געוואָלט ריידן, דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע פון באַבע־זיידע, פון דאָרף, פון קלאָרע הימלען און סודותפולע נעכט...

—אַלמאַ, האָסט חתונה געהאַט? דאָס איז דיין ? — — — —

— יאָ, דאָס איז מיין ייִנגעלע, טאַמי.

— וואו איז דיין מאַן ?

אַלמאַ לאָזט אַראָפּ אירע לאַנגע וויעס, טוט אַ קוש דאָס קינד און זאָגט:

— אַ מאַן?... איך האָב בעסער ליב אַ הויז אָן אַ מאַן, איידער אַ הויז אָן קינדער...

יעדן טאָג גייט אַלמאַ ווידער שפּאַצירן אין פּאַרק, ווי זי פלעגט עס טאָן מיט דער באָבען. זי גייט שטאָלץ און שטופּט דאָס וועגעלע מיט איר קינד. קיין סך פון די אַלטע פריינט זיינען שוין אין פּאַרק נישט פאַרבליבן, צו דערציילן זיי וועגן איר לעבן פון דערפל קאַשאַ און וועגן דער סקאָט פאַמיליע פון האַליוואָוד, וואו אַ ל מ אַ האָט זעקס יאָר געאַרבעט. זי האָט געטראָפן נאָר איין פרוי, וועלכע איז מיט איר געווען זייער באַענט, נאָך פון די צייטן ווען זי איז נאָר־וואָס געקומען צו דער באָבען. און ביי דער פרוי אין הויז, וואוהין זי איז געווען פאַרבעטן, האָט זי איר אַמאָל דערציילט וואָס ס'האָט זיך מיט איר פאַרלאָפן אין הויז פון דער סקאָט־פאַמיליע.

עס איז דעמאָלט געווען אַ וואָך פאַר קריסטמעס. די סקאָטס האָבן זיך געגרייט פאָרן צו די קינדער אין די ווירדזשין אינדזלען. די עלטערע פרוי, מיסעס ברוסטער, וואָס האָט געדינט צוזאַמען מיט אַלמאַן, איז געווען אָוועק־געפאָרן צו איר קראַנקער טאָכטער. אַלמאַ איז געבליבן אַליין אין הויז. די סקאָט־פאַמיליע האָט איר געשריבן, אַז זיי וועלן זיך אומקערן אַהיים אין אַ צוויי וואָכן אַרום. אַלמאַ האָט ליב געהאַט די שטילקייט פון די אָוונט־שעהען, זיך צוהערן צו דער טעלעוויזיע, עסן נאַשערייען און קוקן אויף פילמען,

וואָס האָבן געוויזן געשלעגן פון „קאָובאָיס" אויף ברייטע שטרעקעס פון די פּרעיריס. שפּעט אין אָוונט האָט אַ קלונג געטאָן דאָס גלעקל אין טיר. זי האָט אַ ציטער געטאָן... „דאָס איז ראָווין", האָט ער גערעדט הויך פון יענער זייט טיר. ראָווין איז געווען אַ נאָענטער פריינט צו דער סקאָט־פאַמיליע און איז געווען אַן אָפּטער אָריינגייער אין הויז.

ווען אַלמאַ האָט געעפנט די טיר, האָט ער איר דערלאַנגט קריסטמעס־פּעקלעך און אַלמאַ איז נישט געווען דרייסט אָפּצוזאָגן און זי האָט די מתנה אָוועקגעשטעלט אויפן טיש. ער האָט אויך מיטגעבראַכט ווייַן. „וואָס איז דאָס פאַר אַ ווּיסטער חלום", האָט אַלמאַ געטראַכט. אויס דרך־ארץ צו ראָווינען, דעם דזשענטלמאַן, וועלכער איז אַן אָפּטער אָריינגייער אין הויז, האָט זי פאַרזוכט דעם געטראַנק, וואָס ער האָט איר אָנגעבאָטן...

ס'ערשטע מאָל אין לעבן האָט אַלמאַן עמיצער אַזוי צערטלעך אָנגערירט ביי דער נאַקעטער האַנט... פון געטראַנק איז איר געוואָרן וואַרעם. ראָווין איז צוגעשטאַנען, אַז זי זאָל טרינקען נאָך אַ גלעזל... דער קאָפּ האָט זיך ביי אַלמאַן גענומען דרייען, די צונג איז לויז געוואָרן. אויף דער ווייכער סאָפע האָט אַווין אַלמאַן אַרומגענומען... אַלמאַ האָט געטרונקען און געלאַכט...

* * * * *

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך אַלמאַן געחלומט, אַז עמיצער שטייט איבער איר און גיסט אויף איר קאַלטע וואַסער... זי הערט דאָס געקריי פון הענער. שוואַרצע, גרויסע פייגל לאָזן זיך אַראָפּ אויפן פעלד פון איר פאָטער און צופּן פאַרבליבענע שטיקער פון אַ שעפּסעלע, וואָס אַ וואָלף האָט פאַרצוקט. אַלמאַ שטייט אויפן בריקל פון דאָרף. דאָס קלאָרע טייכל רוישט, די זילבערנע כוואַליעס יאָגן זיך געמיטלעך איינע איבער די אַנדערע. פּלוצלונג ווערט אַ שטורעם. זי ווערט געשליידערט צוזאַמען מיטן בריקל... אַלמאַ כאַפּט זיך אויף אין אַנגסטן.

אין הויז איז שטיל. אויף דער סאָפע ליגן די קריסטמעס־פּעקלעך, אַרומגעבונדן מיט זיידענע, קאָלירטע לענטעס. אַלמאַ גייט צו צו דעם קריש־טאַל־לייכטן שפּיגל, וואָס פאַרנעמט אַ האַלבע וואַנט. אויפן דיל ליגט אַ פלעשל פּאַרפיום, אַרומגענומען מיט אַ ווייס בענדל. אין שפּיגל זעט זי איר צעשויבערטן קאָפּ האָר און רויט־געוואָרענע אויגן, און זי דערשרעקט זיך און קוקט אין שפּיגל אויף איר פאַרענדערטן פּנים אַ פאַרשעמטע...

אַלמאַ דערמאָנט זיך איצט אין דעם פּאַרק, וואו זי פלעגט קומען מיט איר באָבען. זי פלעגט זיך פרייען מיט די שפּילעוודיקע קינדערלעך און געטאַנצט מיט זיי אין אַ קאַראַהאָד... עס נעמט איר אַרום אַ שטאַרקע בענק־שאַפט נאָכן דאָרף, נאָך דעם פּרימאַרגן־טוי, נאָך דעם פעלד און וואַלד, נאָך

זער פרישקייט פון דער דאָרפישער לאַנדשאַפט, נאָך דער נאַטור־שיינקייט, נאָך דעם פריידיקן, געזונטן לעבן; נאָך די מענטשן און די שטומע חיות.

אַלמאַ האָט זיך אומגעקערט צוריק אין איר דאָרף. אָבער אויך דאָרט איז שוין ניט געווען ווי אַמאָל... די שטילקייט און די רואיקייט אין דאָרף האָבן זי מער געשראָקן ווי באַרואיקט. איצטער האָט זי שוין גאָר געבענקט נאָך דעם רעש און טומל פון דער גרויסער שטאָט, וואָס האָט זי געצויגן צו זיך. זי האָט שוין לאַנג ניט געקאָנט פאַרבלייבן אין דאָרף און זי האָט זיך צוריק אומגעקערט אין שטאָט אַריין מיט איר יינגעלע, טאָמי.

לאַ אמות כי אחיה

מירל איז אַלט געווען זעקס יאָר ווען זי האָט פאַרלאָזט מיט אירע עלטערן איר היים־שטאָט לאָדזש. זי געדענקט אָבער נאָך אַלץ צו דערציילן וועגן דער קעלער־שטוב, וואו זיי האָבן געוואוינט, וואו די קליינע פענצטערלעך האָבן אַריינגעקוקט אין גאָרטן פון דער יחוסדיקער ווירטין. מירל האַלט נאָך אַלץ איר קליין בענקעלע אויפן שענסטן פלאַץ ביי זיך אין הויז. דאָס בענקעלע, וואָס זי פלעגט זיך אונטערשטעלן אונטער אירע פיס ווען זי האָט געוואָלט זען, ווי עס וואַקסן די בלומען אין גאָרטן, וואָס פאַרשמעקן דאָס הויז ווי די בעסטע פאַרפיומען. אין פרילינג איז דער גאָרטן געווען פול מיט קאָלירן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מירלס פאַנטאַזיע. אין דעם מאַסיוון שטיינערנעם הויז, וואָס האָט אויסגעזען פון ווייטן ווי אַ פּאַלאַץ אין מיניאַטור, האָבן געוואוינט אין קעלער צוויי פאַמיליעס, אַ וועבער און אַ מעקלער. איבער דער וועבער־שטוב האָט געוואוינט די ווירטין: אַ יונגע, אַ שטאָלצע אַריסטאָקראַטקע, וואָס האָט געטראַכט, אַז ווען זי זאָגט עמיצן „דזשין דאָברי", דאַרף יענער זיין אַ גאַנצן טאָג אין אַ געהויבענער שטימונג.

די ווירטין, קאַזימיערזש, האָט געטראָגן אַ שטייפן, לאַנגן קאָרסעט, וואָס האָט זיך פאַרשנורעוועט מיט זיגזאַגישע שנירעלעך זי איז אַלע מאָל געווען עלעגאַנט אָנגעטאָן, האָט גערעדט רוסיש, פויליש, דייטש און פראַנצויזיש; אַזוי, הייסט עס, האָט מען געזאָגט.

גאַנצע אָוונטן, ספּעציעל אין ווינטער, פלעגט זי זיצן ביי דער פּיאַנאָ און געפירט לייכט מיט די פינגער איבער די ווייסע קלאַווישן. די טענער

זיינען געפֿלאָסן שטיל, געלאָסן, אָן רעש. געשפּילט האָט זי וואַלצן, מאַזורקעס, פּאָלקעס, סערענאַדעס. מירלס פֿאָטער, דער מעקלער, וואָס איז אויך געווען אַ העברעאישער לערער, האָט מיט זיין טעכטערל מירל אונטערגעברומט צו באַקאַנטע מעלאָדיעס, וואָס די ווירטין פֿלעגט בעתן שפּילן אויך זינגען.

מירל האָט ליב געהאַט שטיין אויפֿן הויף, הינטערן פֿענצטער, און הערן די מוזיק־טענער, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיטן סימפּאָנישן געזאַנג פֿון פֿייגל אין פֿרילינג.

איין מאָל, צווישן טאָג און נאַכט, ווען די זון האָט געהאַלטן ביים פֿאַרגיין, האָט מירל אַרויסגענומען איר בענקעלע, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער און אַריינגעקוקט דורכן פֿענצטערל צו דער ווירטין קאַזמיערזש. מירל האָט געזען ווי אַ מאַן הויך און יונג, שלאַנק ווי אַן אַפּיצער, דרייט זיך אַרום איבער דעם ליכטיקן הויז. עס ברענט אַ גרויסער לאָמפּ, וואָס לייכט ווי די זון...

אין הויז איז אַזוי ליכטיק ווי ביים גרעסטן פֿריק; און דער מאַן, אין גלאַנציקע שטיוועלעך, באַוועגט מיט זיינע לאַנגע הענט ווי אַ דיריגענט. מירל איז שנעל אַריינגעלאָפֿן אין הויז און דאָס אַלץ דערציילט איר מאַמעשי, מלכהלע.

מירל געדענקט ווי איין מאָל, אין אַ חגא, האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג אויף דער האָטעל־גאַס, נישט ווייט פֿון קלויסטער, צווישן פּוילישע אַנטי־סעמיטן און די וואוילע יונגען פֿון באַלוט, מיט שטעקנס און מעסערס האָט מען זיך געשלאָגן. אַ מורא איז באַפֿאַלן די יידישע איינוואוינער פֿון גאַס. און מען האָט זיך אַנגעהויבן שרעקן פֿאַר פּאָגראָמען, און דעמאָלט האָבן מירלס עלטערן יינגעפּאַקט דאָס בעטגעוואַנט און אַנדערע שטוב־זאַכן און זיך גע־לאָזט אין וועג אַריין אַזש קיין פּאַריז, צום פֿעטער דזשאָרדזש פּערלמוטער, וואָס פֿאַרמאָגט דאָרט אַן אייגן געשעפֿט פֿון מענער־ און פֿרויען־קליידער. ער האָט זיי שוין לאַנג געשריבן, אַז פּאַריז איז אַ וועלט, וואו יעדער מענטש, יידן און קריסטן, לעבן בשלום. גרויס איז געווען די פֿרייד פֿון דער משפּחה ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט. דער טיש איז געווען געגרייט מיט גוטע מאכלים, מיט וויין און עסן ווי ביי דעם גרעסטן נגיד.

ווען מירל איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, האָט זי דער פֿעטער פּערלמוטער געגומען אין שענסטן טעאַטער. אין פֿראָנט פֿון זאַל זיינען געשטאַנען גיפּ־סענע סטאַטוען מיט קוישן בלומען. צום אַרויפֿגיין אויף די ברייטע טרעפּ האָט שימירירט מיט קרישטאָלענע לאָמפּן און אין די דורכגאַנגען אויף פֿעדעס־טאָלן האָבן אַראָפּגעקוקט ביוסטן פֿון היידין, שאָפּען, גלינקאַ, מענדעלסאָן, ליסט און אַנדערע באַרימטע שאַפֿער פֿון סימפֿאָניעס, וואָס זיינען באַרימט איבער דער גאָרער וועלט.

מירל האָט פֿאַר גרויס פֿרייד געקושט איר אָנקל און די מומע, פֿאַר דעם געניוס, וואָס זיי האָבן איר פֿאַרשאַפֿט דעם ערשטן מאָל אין לעבן. מירל איז

געוואָרן פאַרכישופט פון טעאַטער־פאַרשטעלונגען, קאָנצערטן, באַלעטן, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען. מירל האָט געחלומט, אַז ווען זי וועט אָנ־קומען פון אַמעריקע צום אָנקל אַרטהור פערלמוטער, וועלכער וואוינט אין האָליוואוד, וועט זי יעדן טאָג גיין אין טעאַטער.

גרויס פרייד האָט געהערשט ביים פעטער דזשאַרדזש, אין פּאַריז, ווען ס'איז אין אַ פאַרכמורעטן טאָג אָנגעקומען שיפסקאַרטן מיט געלט פון אַמע־ריקאַנער אָנקל, וואָס מאַרמאָגט אויף אַן אייגן געשעפט פון פרויען־ און מענער־קליידער, אַזוי ווי זיין ברודער אין פּאַריז.

ווען די משפחה איז אָנגעקומען צום פעטער אין האָליוואוד, האָבן טרערן און גרויס פרייד זיך אויסגעמישט, אומבאַשרייבלעך זיינען געווען די ערשטע טעג און וואָכן, ברידער מיט ברידער, שוועגערינס און פלימעניקעס, פריינט און משפחה, האָבן זיך פאַרברידערט און פאַרשוועסטערט...

מירל האָט געצויגן גרויס אויפמערזאַם מיט איר אינטעליגענץ, מאַנירן און פשטות. דער פעטער אַרטור האָט געזאָגט, אַז מירל איז אַ געבוירענער טאַלאַנט, וויל עס האָט זי געצויגן צו שפּילן, זינגען, טאַנצן, צו טעאַטער מוזיק און צו אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט קונסט. אין די טעאַטער־שפּילן, וואָס די סקול האָט אויפגעפירט איין מאָל אַ יאָר, און אין אַ גרויסן ספּעקטאַקל, איז מירל געווען די וואָס האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלן. דער פעטער האָט מירלען איין מאָל געזאָגט: „פון הימל פאַלט גאָר קיין גוטס נישט אַראָפּ, וואָס זאָל באַגליקן דעם מענטשן, בפרט נאָך אַ גרינעם... אַז מען וויל עפּעס דער־גרייכן, מוז מען שווער אַרבעטן.“

דער אָנקל האָט מירלען אַלע מאָל געטרייסט, דערמוטיקט. ער האָט זי געפירט אין האָליוואוד, זי באַקענט מיט טעאַטער־מענטשן, פאַר וועמען ער האָט געניייט די שענסטע קליידער. ביז עס האָט איין מאָל אַ בליץ געטאָן פאַר מירלס אויגן די לבנה־לאָמפּן אין אַ פילם־סטודיאָ, וואָס איז געווען אַ גאַנצע שטאָט אין מיניאַטור.

פון דער סקול, אין אירע יונגע יאָרן, וואו מען האָט איר צוגעטיילט מאַמע־ראָלן, איז מירלען איצט געגאַנגען פון שטאַפּל צו שטאַפּל, ביז זי האָט דערגרייכט די רייפקייט פון אַן אָנגעזעענער שוישפּילערין. אין האָליוואוד איז דאָס מיידל מירל פון לאָדזש שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „מיל ברעידין.“

יאָרן גייען, יאָרן פליען, מיל ברעידין ווערט אַ מאַמע און שפּעטער אַ באָבע. זי פירט אַ לוקסוס און אייגנאַרטיק לעבן, באַשיידן, אַזוי ווי זי איז געווען אין די יונגע יאָרן. מיל ברעידינס הויז, וואָס שטייט לעבן אַ באַרג, מיטן פּנים צו דער „בלינדער גאַס“, איז ווי אַ הויכער מאַסיווער פלויט. מיט די פּלייצעס צו דעם באַרג שטייט אויף אַ פּעדעסטאַל אַ סטאַטוע, אַ פרוי, וואָס פירט אַ קינד ביי דער האַנט, וואו עס איז אויסגעקריצט מיט פיר גאָל־דענע אותיות דאָס וואָרט „מאַמע“. דאָס איז מיל ברעידין. עס איז אַ מאָנו־

מענט וואָס די קינדער און אייניקלעך האָבן איר געשאָנקען, ווייל זי האָט אַמאָל איינגעשטעלט איר לעבן און געראַטעוועט אַ מעקסיקאַנער קינד פון אַ פייער.

* * * * *

ווען דער שרייבער נחום ברייטמאַן איז אַלט געוואָרן 75 יאָר, האָט מיל ברעידין געפּראַוועט אַ שמחה ביי זיך אין הויז. נחום איז אַלע יאָרן געווען נאָענט מיט איר פאָטער בערל זיידמאַן; נאָך פון דער אַלטער היים איז די פריינטשאַפט געבליבן. נחום אַליין האָט פיינט געהאַט זיך צו באַרימען, אַז ער איז אַ שרייבער און אַן אַנגעזעענער קענער פון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט אַ סאַטירע אין אַ זשורנאַל: „בערל דער פאָרמאַן 'סלוזשעט' דעם באַלעבאָס ראָרמאַן", האָבן די אַרבעטער געוואוסט, אַז דאָס האָט נחום אָנגעשריבן, כאָטש עס איז געווען געדרוקט אונטער אַ פּסעוודאָנים.

דערמוטיקט פון זיין ערשטן דערפאָלג, האָט נחום פאַרעפנטלעכט אַ דערציילונג „נאַכבאַרשאַפט", וועגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביי אים אין גאַס, וועגן די קרעמער, וואָס ווערן רייך פון די אַרבעטער, און אין דער צייט פון אַ קריזיס, ווילן זיי ניט געבן אויף באָרג די אַרבעטלאָזע... זיין פרוי שרה פלעגט אים דערמוטיקן און געלאָזט וויסן דער גאַנצער יידישער גאַס, אַז דאָס איז איר מאַן וואָס שרייבט אונטער אַ פאַרשטעלטן נאָמען. שפּעטער האָט ער זיך אָנגעהויבן דרוקן אונטער זיין אייגענעם נאָמען.

נחום פלעגט אַרויפקומען, נאָך זיין „ריטייערמענט", אין רעדאַקציע פון אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, איבערגעבן אַן עסיי, אַ דערציילונג, שטיל און באַשיידן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט קיין לויב פון רעדאַקטאָר און קאָלעגן־שרייבער: אַזאַ מענטש איז נחום געווען...

שוין יאָרן ווי ברייטמאַן האָט זיך צוריקגעצויגן פון זיין אַרבעט אין שאַפּ. ער באַווייזט זיך אָבער זייער אָפט אין דער קאָאָפּעראַטיווע און די אַרבעטער רינגלען אים אַרום מיט גרויס ליבשאַפט ווי ער וואָלט געווען אַ פאָטער צו דער גאַנצער אַרבעטער־וועלט פון יעדן שאַפּ...

ווען עס האָט זיך דערנענטערט זיין 75 יאָריקער געבוירן־טאָג, האָט זיין פרוי שרה געזאָגט צו די קינדער און אייניקלעך:

— עס קומט אַן „פאָטערס־טאָג", לאָמיר פּראַווען אַ יום־טוב פאַר אייער פאָטער און זיידן. וואָס דענקט איר, קינדער?

די משפחה, מיט דער פרוי מיל ברעידין האָבן צוגעטראַכט אַ „קאָנ־ספּיראַציע"... זיי האָבן מיט גרויס מי איינגערעדט דעם שרייבער נחום ברייט־מאַן צו פאָרן אויף אַן אָפּרו אין דער „קאָנטרי". און ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, האָבן זיי אַרויסגענומען זיינע שריפטן פון די שופלאָדן — שוין געדרוקטע און נאָך נישט־געדרוקטע.

ווען ברייטמאַן איז מיט וואָכן שפּעטער צוריקגעקומען אויסגערוט, פאַרברענט פון דער זון און פרישע לופט, האָט ער אויסגעזען ווי נײַ־געבוירן...

ווען נחום איז געוואָרן „אויס אַרבעטער" און מיל ברעידין „אויס שוי־שפּילערין", האָט זיך די פרײַנטשאַפט נאָך מער פאַרשטאַרקט, צוליב די קינדער, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע חברשאַפט.

דורך דער צײַט פון ברייטמאַנס וואַקאַציע זײַנען די מאַנוסקריפּטן איבער־געגעבן געוואָרן אין די הענט פון לערער מאַרי בערגמאַן, אַ גאַר נאָענטער פרײַנט פון מיל ברעידין און די ברייטמאַנס, וואָס זײַנען געווען געקנופּט און געבונדן.

מאַרי בערגמאַן האָט פאַרזיכערט, אַז די קאָנספּיראַטיווע אַרבעט האָט זיך אײַנגעגעבן און וועט אַנטפּלעקט ווערן בײַ דער פײַערונג פון נחום ברייטמאַן.

עטלעכע טעג פאַר זײַן געבוירן־טאָג, האָבן די ביכער, אין שיינע קאָלירטע טאָוולען, זיך געפונען אין דער היים פון מיל ברעידין. ווען זײַן טאָכטער ביילקע האָט זיך „אָנגעזעצט" אויפן פאָטער, אַז ער זאָל זיך קויפן אַ נײַעם גאַרניטור צו זײַן יום־טוב, האָט ער זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— זאָל שוין מײַנס איבערגיין. איין מאָל אין לעבן מעג אַן אַלטער מאַן ווערן אַ קינד, זיך משמח זײַן מיט גוטע פרײַנט, קינדער, אייניקלעך. מילא, זאָל זײַן חי־געלעבט — האָט ער געשפּאַסט.

די טישן בײַ דער „מאַמען" מיל ברעידין, אין דעם גרויסן אויפנאַם־צימער, זײַנען געווען אויסגעצירט און פאַרגרייט מיט כל־טוב. געסט און אייגענע זײַנען געווען פאַרבעטן און ער, נחום, ווי אַ פאַרשעמט קינד, איז געזעסן, זיך גערויטלט, און ניט געגלויבט אַז דאָס איז פון זײַן כבוד־וועגן.

מיל ברעידין האָט דערעפנט די פײַערונג. די שטימונג און פײַערלעכ־קייט האָט זיך אויסגעדריקט אין דער קאַליפאָרניער משפּחה און געסט. בלויז געציילטע מענטשן האָבן געוואוסט דעם סוד, וואָס גרייט זיך און וואָס וועט אַלעמען איבערראַשן...

צו דער פײַערונג זײַנען געווען פאַרבעטן אַ שוואַרצע און ווייסע פרוי: מערי און רייזל — פון דער שלום־באַוועגונג; שאַפּ־אַרבעטער, דער סעקרעטאַר און פּרעזידענט פון קולטור־קלוב, אַ רעדאַקטאָר פון אַ צײַטונג, וואָס פרייַ־דיקט אייניקייט אין יידישן לעבן; דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, וואָס האָט אָפּגעדרוקט די ערשטע עסעי פון נחום ברייטמאַן; יונגע און עלטערע האָבן זיך אויסגעמישט און געטיילט די פרייד פון דעם געבוירנטאָג, וואָס איז געפייערט געוואָרן איין מאָל אין 75 יאָר פאַר אַ בכבודיקן אַרבעטער און שרייבער. אין די אַלע באַגריסונגען האָבן זיך געהערט רייד וועגן אַ וועלט פון ל י ב ע צום מענטשן און שלום צווישן פעלקער, ווען פרידן און שפע וועט זײַן געווען פאַר אַלע מענטשן.

„כאָטש איך האָב גרויס דרך־ארץ פאַר דער יידישער שפּראַך — האָט

די פּאָזיצערין, מיל ברעידין, געזאָגט — ווער איר מיר אָבער דערלויבן צו ריידן אין דער שפּראַך וואָס איז מיר לייכטער.

„איך בין איבעררעאַשט און עס פרייט מיך וואָס די יידישע שפּראַך ווערט מיט אַזוי פיל פיעטעט אָפּגעהיט פון די נייע שעפער, וועלכע גייען אין די וועגן פון די יידישע קלאַסיקער. אַ ביישפּיל איז אונדזער בעל־יובל, נחום ברייטמאַן. מיר איז באַשערט צו זיין אַן אַקטריסע. אַ סך געלט האָב איך פאַרדינט און פאַרטאַכליעוועט; דאָס איז די פּראָפעסיע פון אַרטיסט... נחום האָט זיך אָבער ניט געיאָגט נאָך רייכטום: פשוט און באַשיידן לייכטן זיינע מענטשלעכע מעשים.”

דאָס אייניקל דבורהלע, אין אַ מיני־קליידל, האָט גערעדט מיט גרויס ליבשאַפט וועגן איר זיידן: „מיר האָבן אַ זיידן, וואָס זאָגט ניט קיין דעה. ער ווייסט, אַז די דעה וואָס זיין פּאַטער האָט אים געזאָגט, האָט אויך ניט געהאָלפן... מיר זיינען אים דאַנקבאַר, וואָס ער האָט אונדז יעדעס מאָל געקויפט אַ בוך, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין קוק אויפן לעבן פון דער וועלט; די בעסערע ליטעראַטור, וואָס זעצט פאַר דאָס געבאָט פון די יידישע נביאים, האָט באַאַווירקט אויך מיין לעבן — און כאָטש איך גיי אין קאָלעדזש, רעד איך מיט מיין באָבען און זיידן יידיש.”

נאָך איר האָט זיך אויפגעשטעלט אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן. זיינע לאַנגע, בלאָנדע האָר האָבן דערגרייכט ביז די אַקסלען. ער האָט אַרויסגענומען פון אַ בוזעם־קעשענע אַ מויל־האַרמאָניקע, די גרויס פון אַ פּעקל ציגאַרעטן, און עס האָבן אַ פלייץ־געטאָן די טענער פון פּאָפּולערע קאַמפּס־לידער: „מעטש־מעיקער”, „ווי שעל אָווערקאַם” און „באַרן פרי”. נחום האָט זיך צוגעבויגן צו זיין פרוי. אירע אויגן האָבן פייכט געגלאַנצט. ער האָט גענומען איר האַנט אין זיינער און שטיל געזאָגט: „היינטיקע יוגנט — וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט”...

דער לערער, מאַרי בערגמאַן, האָט געלייענט אַ קאַפּיטל פונעם בוך „לא אָמות כי אחיה”, פון נחום ברייטמאַן, וואָס שילדערט דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. ברייטמאַן איז געזעסן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און נאָך אַליץ נישט באַנומען וואָס דאָ קומט פאָר... אין מיטן לייענען האָט מאַרי געזאָגט: — דאָס איז די מתנה, וואָס מיר טראָגן צו דעם יובילאַר... און איבערגעגעבן דעם בוך נחומען. נחום האָט געהאַלטן דאָס בוך אין האַנט. עס האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט און מיטאַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסע אָוואַציע. נחום האָט געעפנט און פאַרמאַכט דאָס בוך און עס באַטראַכט ווי אַ אמתער שעדעווער! אַ גרויסע פרייד האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין פנים.

ער האָט געקוקט מיט גרויס דאַנקבאַרקייט צו די פאַרזאַמלטע, צו די קינדער און אייניקלעך און צו מיל ברעידין. ער האָט נאָכאַמאָל געעפנט דאָס בוך און באַטראַכט די טאָוולען, וואו זיין נאָמען איז געווען גראַווירט מיט

גאָלדענע אותיות. ער האָט צוגעלייגט דאָס בוך צו די ליפּן, ווי זיין פאָטער פלעגט טאָן צו אָ ספר... ער האָט געקושט דעם שטערן פון די צוויי גרויע קעפּ: די „מאַמע" און זיין פרוי. אַ פריידיקע טרער האָט זיך באַוויזן אין אַלעמענס אויגן, און אַ הילכיקע שטימע פון אַלע פאַרזאַמלטע האָט אָפּגעהילכט: „ל א אָ מ ו ת כ י א ח י ה"!...

אסתר און מאַרלא

אַ גאַנצע נאַכט איז מאַרלא נישט געשלאָפן. ערשט פאַרטאָג, ווען די גאַסן־לאַמטערנס האָבן זיך אויסגעלאָשן און דער בלויער הימל האָט זיך גענומען אויסשיילן פון דער נאַכט, ווען עס האָט זיך פון גאַנץ ווייט דערהערט דאָס בילן פון אַ יונג הינטל, אין דער שטילקייט פון לויטערן פרימאָרגן, איז מאַרלא אריינגעפאַלן אין אַ זיסן שלאָף. עס האָט זיך איר געחלומט, אַז אַ ריזיקער עראָפּלאַן לאָזט זיך אַראָפּ לעבן איר שלאָף־צימער און פליט מיט איר אַוועק אין די טיפע הימלען, וואו זי ווערט אַריינגעפירט אין אַ מאָדערנער געביידע פון לויטער קריסטאָל. זי ווערט געפירט ווי אַ פרינצעסין, איבער ברייטע, מאַרמאָרנע טרעפּן. ניט זי גייט, נאָר זי שוועבט, מיט גאָלדענע פליגלען... פּלוצלונג לאָזט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּ אויף אַ פעלד פון אָפּגעשניטענעם קאָרן און זי, אַ באָרוועסע, שפּאַנט דאָרט ווי אויף שפּיציקע נאָדלען...

ווען מאַרלא האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז זי געווען צעטומלט פון שרעק. מיט אַ וואָך צוריק, צו איר געבורטסטאָג, איז צו איר פון לאָס אַנדזשעלעס אָנגעקומען אַ בריוו פון איר שול־חברטע, אסתר, אַ בריוו מיט אַ פאָטאָגראַפיע, ווי זי שטייט אַרומגענומען מיט אַן עלעגאַנטן בחור אויף אַ בינע אין אַ האָליוואָודער סטודיאָ.

מאַרלאַ, וואָס איז שוין אַלט געווען אַכצן יאָר, און זי איז כמעט נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן פון דעם פּיצינקן ניו־דזשוירזי שטעטעלע, האָבן ערשט איצטער די עלטערן איר דערלויבט, אַז זי זאָל מאַכן אַ רייזע קיין קאַליפאָרניע, צו איר פריינדינע אסתר.

עס איז געווען פרילינג. די צווייגן אַרום זייער הויז זיינען געווען איינגעטונקען אין גרינע קאָלירן מיט שפּראָצונגען פון צוויט, און דאָס סימפּאָנישע

פייגל־געזאַנג האָט זיך געטראָגן איבער הייזער און גאַסן אין די ליכטיקע, לויטערע פרימאָרגנס.

מאַרלאָס פאָטער, אַן אינזשעניר, האָט געוואוסט, אַז ווען ער וועט אַהיים־קומען פאַרנאַכט פון זיין אָפיס, וועט ער מער נישט הערן דאָס געזאַנג פון זיין טאָכטער, און אירע אײדעלע פינגער וועלן זיך מער ניט באַוועגן אויף די קלאַ־ווישן פון דער פיאַנאָ. עס האָט אים באַנג געטאָן וואָס זיין טאָכטער פאָרט אַוועק — האָט ער זי שטאַרק אַרומגענומען, זי געקושט און גאַרניט געזאָגט. נאָר ווען ער איז אַרויס אין גאַס, איז אַ טרער געבליבן אין ווינקל פון אויג...

מאַרטאַ, די מוטער, האָט געטראָגן אַ רענצל צו דעם „ביואיק", וואָס איז געשטאַנען גרייט, און מאַרלאַ איז איר נאָכגעגאַנגען. ביידע האָבן געשוויגן. דעם זעלבן טאָג איז שוין מאַרלאַ געפלויגן אין די טיפע הימלען און געטראַכט וועגן דעם חלום פון יענעם פרימאָרגן...

מאַרלאָס שול־חברטע, אסתר, האָט איר אָפּגעוואַרט ביים עראָפּלאַן און איר גלייך געזאָגט: „קום מיט מיר. זאָלסט אָבער ניט זיין אַנטוישט. דו ווייסט מסתמא, אַז דאָס וואָס איך האָב דיר געשריבן, איז ניט אמת. איך האָב דיר בלויז געוואָלט אַרויסנעמען פון דיין היים, פון וואַנען דו האָסט שוין לאַנג געוואָלט אַנטלויפן. איצט ביסטו מיט מיר. מיר וועלן וואוינען צוזאַמען. מיין היים איז ווייט ניט אַזוי שיין ווי דיין היים... איך בענק אָבער נישט נאָך מיין היימישן „געפּענקעניש" און דו וועסט אויך ניט בענקען... איך האָב שוין פּרובירט מיין הצלחה מיט האָליוואָוד... מיר האָט זיך נישט איינגעגעבן — אַנדערע גיט זיך יאָ איין. אפשר וועסטו זיין מער מזלדיק..."

אסתר האָט געוואוינט ניט ווייט פון האָליוואָוד אין אַ „רומינג־הויז", צווישן קוואַרטיראַנטן פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן פאַרנומען צוואַנציק צימערן. דאָס איז געווען אַ הילצערנע צוויי־שטאָקיקע געביידע, מיט צוויי לאַנגע קאָרידאָרן, אַן פענצטער. אין דער מיט פון סופיט איז גע־האַנגען אַ מאַט לעמפּל, וואָס האָט קוים בלויכטן דעם קאָרידאָר, וואָס האָט געהאַט אַ דורכגאַנג בלויז פאַר איין מענטשן. ווען צוויי מענטשן האָבן זיך דאָרט באַגעגנט, האָט איינער זיך געמוזט צושפּאַרן צו דער וואַנט און לאָזן דעם צווייטן דורכגיין. אויפן צווייטן שטאָק האָבן געוואוינט פרויען; אויפן ערשטן — מענער. ביידע קאָרידאָרן האָבן געהאַט צוויי־וואַש־צימערן, וואָס האָבן באַדינט אַלע קוואַרטיראַנטן.

דאָ האָט מען געבוירן קינדער, זיך געליבט און געשאָלטן. די ראַדיאָס האָבן געגרילצט. קיין שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער איז נישט געווען, האָבן די קינדער זיך פאַרמאַכט אין דעם באָד־צימער, זיך געשפּילט אין דער וואַנע. אויפגערעגטע, האָבן די איינוואוינער געקלאַפּט אין טיר, זיך געהאַלטן פאַרן בויך, געבורטשעט אויף שפּאַניש, איטאַליעניש, ענגליש, יידיש, סלאַוויש — און די קינדער האָבן געלאַכט...

זומער, ווען די היץ האָט דערגרייכט צום העכסטן פּונקט, איז דאָ געווען „פייער פון הימל"... ווינטער — נאַס, טוכלע, קאַלט, אָן באַהייצונג. ווען ס'האָט גערעגנט, האָט געגאָסן פון די ווענט.

די וואַסער־לייטונג איז געווען צובראָכן, מייז האָבן זיך געווימלט, געהאַט נעסטן, געקומען צו־גאַסט... אָבער אין דעם איינציקן, קליינעם שטי־בעלע, ביי אסתרן און מאַרלאָן, איז געווען ריין, ליכטיק און ציכטיק, מיט ווייסע פאַרהענגלעך אויף די פענצטער און סם פאַר די מייז אונטערן סינק... זיי האָבן אַליין אויסגעפּאַרבט די ווענט — אסתר און מאַרלא — אויף וועלכע עס זיינען געווען צעהאָנגען פאָטאָגראַפיעס פון האָליוואודער אַקטיאָרן און אַקטריסעס. עס האָט ביי זיי געשמעקט מיט ריינקייט. דער לענדלאָרד, וואָס האָט אויך געוואוינט אין דעם הויז, האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט דאָס וואָס די צוויי יידישע מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן מיט ווירדע.

איין מאָל האָט אין דעם הויז אויסגעבראָכן אַ פייער. צום גליק איז דעמאָלט כמעט קיינער נישט געווען אין גאַנצן הויז, וואָס איז געווען איינ־געהילט אין פייער־פלאַמען. אַלע זיינען געבליבן אָן אַ דאַך.

די צוויי מיידלעך זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין דער „ווייַנבערגער היים פאַר יידישע מיידלעך." דאָ האָבן זיי געגעסן, געשלאָפן; דאָ איז פאַר זיי געווען ממש אַ „גן־עדן". דאָס איז געווען אַ צדקה־אַנשטאַלט, וואָס האָט געגעבן היימען צו מיידלעך פון אויסערן שטאָט, זיי געהאַלטן ביז זיי וועלן זיך איינאָרדענען, אָדער חתונה האָבן. די וועלכע האָבן געאַרבעט, האָבן טיילווייז געצאָלט, און די וואָס האָבן געזוכט אַרבעט, זיינען דערווייל געווען אויף „פרייע קעסט".

אסתר און מאַרלא זיינען איין מאָל אַוועק צו אַ פעסטיוואַל אין האָליוואוד, וואָס איז פאַרגעקומען אין „פרילינג גאָרטן" פון דער אַגענטור פאַר יונגע מיידלעך און בחורים, וועלכע זוכן אַ מואווי־קאַריערע.

אסתר און מאַרלא האָבן דאָרט גוט פאַרבראַכט און געשלאָסן באַקאַנט־שאַפטן. עס איז צו זיי צוגעקומען אַן „אַגענט" און געזאָגט צו מאַרלאָן: „איך זע אין דיר ספּעציעלע כאַראַקטער־שטריכן פאַר אַ ראָל אין אַ פילם, וואָס מיר וועלן „שיסן" אין עטלעכע וואָכן אַרום. דיין פיגור איז גראַציעז, און דיין שמייכל איז פול מיט חן; דיינע גאָלדענע האָר און דער גלאַנץ אין די אויגן איז גאָר אַ זעלטנהייט. איך מאַך דיר נישט קיין אומזיסטע קאָמפּלימענטן: ווען דו שמייכלסט, זעט מען דיינע פערלדיקע ציין. ווּעסט זיך זיכער אַריינ־פּאַסן אין דער ראָלע... קום, וועל איך דיר פאָרשטעלן פאַרן דירעקטאָר."

מאַרלא האָט אים אָנגעקוקט. זי איז געווען נאַאיוו, אָבער אין געדאַנק האָט אַ בליץ־געטאָן: אפשר?. . .

מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט עדווין געהאַלטן מאַרלאָ'ן אונטערן אָרעם, זי אַריינגעפירט אין האָליוואודער פּאַלאַדיום וואו עס איז פאַרגעקומען

אַ צדקה־באַל, צו שאַפן געלט פאַר אָרעמע קינדער, וועלכע ליידן פון אויגן־ און אויערן־קראַנקייטן.

אַזאַ רחבות האָט נאָך מאַרלאַ קיין מאָל ניט געזען: אין דעם וואַרט־זאַל האָבן געפינקלט געדיכטע, פיצינקע לעמפּעלעך אין קרישטאָלענע קאַנדעלאַבּרעס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שטערן אין אַ לויטערער נאַכט. ברייטע טרעפּן האָבן אַרויפגעפירט צום באַלקאָן, וואו עס זיינען געשטאַנען טישעלעך באַצידט טים גאָלד־קאָליר.

דער זאַל איז געווען רונדיק, און אין דער מיט איז געווען אויפגעבויט אַ בינע. די פרויען וואָס זיינען אַריינגעקומען, האָבן געטראָגן אויף די דעקאָלטירטע העלדזער שמאַראַגדן. די קעלנער, יונג און שלאַנק, אָנגעטאָן אין רויטע רעק מיט בלויע הויזן, האָבן אויסגעזען ווי אויף אַ קאַרניוואַל. דער דיל איז געווען גלאַטיק פּאָלירט. פאַרלעך האָבן זיך געדרייט אונטער דער מוזיק פון אַ ריזיקן אָרקעסטער. די בינע איז געווען ווי אַ שטאָט אין מיניאַטור, דעקאָרירט פול מיט לעבעדיקע בלומען. נאָכן עסן און טרינקען איז פאָרגעשטעלט געוואָרן דער האָליוואָודער אַרטיסט פון דער פילם: „דער רייכער בעטלער." דער זאַל האָט אויסגעזען ווי אַ גאָרטן מיט סטאַטועס פון באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן. ביי מאַרלאָן איז דאָס געווען אַ חלום אויף דער וואָר...

מאַרלאַ איז געווען אַ פּשוט, נאַטירלעך־שיין מיידל, פון מיטעלן וואוקס. זי האָט פאַרמאָגט ברוינע אויגן און אַ חן־גריבל האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער רעכטער באַק, ווען זי האָט אַ שמייכל געטאָן איראָניש, ווען עמיצער האָט איר געמאַכט אַ פאַלשן קאָמפּלימענט...

פון יענעם אָוונט איז מאַרלאַ געווען שטאַרק באַרוישט, סיי פון דער רחבותדיקער סביבה און סיי פון דעם, וואָס ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך געפונען אין אַזאַ פאַרשידנאַרטיקער געזעלשאַפט וואָס האָט גערוישט מיט זיידנס, גלאַנץ, שאַמפּאַניער און מיט מאכלים, ווי אין אַ קייזער־לעכן הויף. דאָס איז אויך געווען ס'ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס זי האָט געטאַנצט אונטער די טענער פון אַזאַ גרויסן אָרקעסטער, און נאָך מיט אַ מאַן, וואָס קען זיך דאָ מיט אַלעמען...

די דרויסנדיקע פייכטע לופט שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, האָט מאַרלאָן אָפּגעפרישט. זי האָט זיך אַביסל אויסגעניכטערט פון די געטראַנקען. עדווין, איר „אַגענט", האָט זי צוגעפירט אין אַ„האָדסאָן" צו דער „האַמבורגער" היים, וואו אסתר האָט געוואַרט אויף איר אין דעם גרויסן זאַל פון עסצימער. זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר חברטע מאַרלאָן און צוזאַמען זיינען זיי אַריין אין צימער.

מאַרלאַ האָט דערציילט און איבערדערציילט וועגן איר איבערלעבונג אין פּרעכטיקן זאַל „פּאַלעדיום", וואו די גרעסטע אַרטיסטן און פּאָליטיקער קומען זיך צוזאַמען פאַר „פּרעמיערעס", אָדער שאַפן געלט פאַר צדקה־אַנשטאַלטן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז מאַרלא מיט אסתּרן צוגעפאָרן צו דער „אַרט גאַלערי" אויף עדווינס אַדרעס. עס האָט זיי שטאַרק איבערראַשט די אַלטקייט פונעם הויז, וואָס איז געווען אַרומגעוואַקסן מיט ווילד־גראָז. אַן אַלטער הונט איז אַרומגעקראָכן צווישן שטיקער ברוכוואַרג וואָס איז געווען צעוואָרפן אין הינטער־הויף — און געקוקט מיט טריבע אויגן צו די צוויי מיידלעך.

מיט וואָכן צוריק האָט מען דאָ „געשאָסן" אַ סצענע פאַר דער מואווי „דער רייכער בעטלער," איז דאָס הויז און דער אַרום געוואָרן אינסצענירט אַזוי, אַז עס זאָל זיך אַריינפּאַסן אין דער פילם. די נאַאיווע מיידלעך האָבן זיך דערפאַר געחידושט און ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט...

אַן עלעגאַנטע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אָנגעטאָן אין אַ קימאָנע, צוזאַמען מיט איר מאַן עדווין, האָבן פריינטלעך באַגריסט מאַרלאָן און אסתּרן. פון אַ גרויסער גאָלדענער שטייג, וואָס איז געהאַנגען אין אַ ווינקל פון הויז האָט באַגריסט די געסט מיט „האַלאָ־האַלאָ!" אַ שיינער פּאַפּוגיי, וואָס האָט „גערעדט" שפּאַניש און ענגליש.

די צוויי מיידלעך האָבן געמיטלעך געשמועסט, געטרונקען, געשפּאַסט, זיך געקוויקט מיט נאַשערייען, געשפּאַסט מיט דער פרוי, וואָס איז געווען פריינטלעך ווי אַ „מאַמע" און דערציילט, אַז „נישט אַלץ וואָס גלאַנצט איז גאָלד און דאָס גאָלד וואָס האָט זיך אַמאָל געפונען אין האַליוואָוד, איז שוין אַ היפּש ביסל אָפּגעבליאַקעוועט"...

די צימערן אינעווייניק זיינען געווען אין קאָנטראַסט פון אַריינגאַנג: אַלץ איז געווען אָפּגעהיט. עס האָט געבלאַנקט פון יעדן ווינקעלע.

עדווין האָט די צוויי מיידלעך אויפגענומען אין אַ טונקעלן פיין־אויס־געשטאַטן צימער, וואָס איז געווען קינסטלעריש באַלויכטן מיט נעאָן־ליכט פון צוויי קאָלירן. פון אַ וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט פון אַ גאָלדענע ראַם: „פאָטער און מוטער פון עדווין", געמאָלן אין קאָלירן פון אַ באַוואוסטן שפּאַנישן מאָלער.

אין דעם צימער וואו עדווין און זיין פרוי האָבן אויפגענומען מאַרלאָן מיט אסתּרן, איז אויך איין וואַנט געווען באַצירט מיט אָנגעזעענע טעאַטער־„שטערן". צווישן זיי: אַרסאַן וועלס, טשאַרלי טשאַפּלין, סעמי דייוויס, בעטי דייוויס, קעטרין העפּבאָרן און סאָפיע לאָרען.

„איר זייט די צוקונפטיקע שטערן. קוקט זיך גוט צו, איר וועט נאָך ביי מיר אויך הענגען אויף די ווענט"...

„אַבי נישט ערגער" — האָבן די צוויי מיידלעך געשפּאַסט.

אסתר און מאַרלאַ האָבן נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס דאָס הויז ביי עדווינען איז פון אינעווייניק אַזוי פיין אויסגעצירט און ביים אַריינגאַנג אַזוי אָפּגעלאָזן. „דאָס זיינען אַרטיסטן", זאָגט מאַרלא. אסתר,

וואָס געדענקט נאָך דאָס געשטאַלט פון איר באָבען, רופט זיך אָן: „מיין באָבע פלעגט זאָגן: ׳פון אויבן פוץ, פון אונטן שמוץ׳, ביי עדווינען איז פאַרקערט."

מיט צוויי וואָכן שפּעטער זיינען די חברטעס געזעסן אין אַ טעאַטער־סטודיאָ פון „צוקונפטיקע טאַלאַנטן", געוואַרט אויף „טעסטן" און אויף אַ נייעם מאָרגן...

פאַרלוירן אַן „אוצר"...

— מ׳זאָגט, אַז איר שרייבט אין די גאַזעטן, וויל איך אייך דערציילן אַ מעשה, אַז די האָר אויפן קאָפּ וועלן זיך אייך שטעלן קאַפּויער. איר וועט דאָס נישט גלויבן, נאָר בנאמנות, אַז אַזוי האָט עס פּאַסירט. קיינער ווייסט ניט וועגן דעם, זיי האַלטן דאָס בסוד, נאָר אייך מעג איך עס דערציילן.

דאָס איז געווען אַ קינד, איינס אין שטעטל! ווען מ׳האָט געפּראַוועט משהלעס בר־מצוה, האָבן זיך די עלטערן פּשוט אויסגעטאָן נאַקעט... געקניפּט אין די באַקן, אַז די פאַרב זאָל שטיין. וואָס איז דאָרט נישט געווען: מן פון הימל, מאַרצעפּאַנעס, מוזיק. דאָס קינד איז טאַקע געווען אַ גערעאַטנס: געשפּילט פּידל, דער צווייטער שילער אין קלאַס, מיט די בעסטע אויסצייכענונגען אין מאַטעמאַטיק. געזאָגט האָט מען, אַז ער וואַקסט אַן איינשטיין, וועט שפּאַלטן אַטאָמען; ער וועט זיין דער גרעסטער לאַיער, נאָך גרעסער ווי קלאַרענס דאַראָו; אַ געניאַלער מענטש, אַ פילאָסאָף. — וואָס האָט מען אַלץ נישט געזאָגט וועגן אים!

ווען ער איז אַלט געוואָרן 15 יאָר, איז פאַרגעקומען אַן ענדערונג, אַן איבערקערעניש אין זיין מוח׳ל. פריער פלעגט ער זיצן אין הויז און שטודירן, אפילו די ראַדיאָ און טעלעוויזיע איז אים נישט אָנגעגאַנגען, נאָר ביכער שאַרפן דאָס קעפּל, זיצן אין הויז און לערנען. אַמאָל האָט ער גענומען דאָס פידעלע אין האַנט, שטיל אונטערגעברומט, אַזוי צאַרט, דין, געפירט דעם בויגן, אַז עס האָט זיך אַזש געוואָלט וויינען פאַר פרייד פון די זיסע טענער. מיטאַמאָל איז אים געוואָרן ענג אין הויז, עס האָט דעם בחור אויסגעפּעלט אָטעם. די עלטערן, געבוירן אין אַמעריקע, קאָנסערוואַטיווע מענטשן, אָבער פיין דערצויגענע, האָבן זיך געהאַט זייער אַרט דענקען. זיי האָבן באַמערקט דעם אומבייט אין זייער יינגל. משהלע איז קיינמאָל פריער פון שטעטל נישט

אַרויסגעפּאָרן. די עלטערן אויך נישט, כאָטש זיי האָבן געוואוינט נישט ווייט פון ניו־יאָרק. די עלטערן האָבן געזען, אַז דאָס קינד ווערט עפּעס מעלאַנ־כאָליש, האָבן זיי באַשלאָסן אים שיקן קיין האָליוואוד, וואו עס האָט געוואוינט זייער פּלימעניצע, צו זיין דאָרט אַ פּאָר וואָכן. די פּלימעניצע איז פאַרמעגלעך און וואוינט אַליין אין אַ באַקוועמער היים; די קינדער שוין אויסגעגעבן — וועט „דער וואָלף זיין זאַט און ציגעלע גאַנץ”...

די פּלימעניצע, בעלאַ, איז בלינד און זעט נישט די ליכטיקע שיין; זי ווייסט אָבער ווען ס'איז טאָג און ווען ס'קומט אָן די נאַכט. די בלינדקייט איז איר געקומען פון אַ קינפעט, ניט זיין זאָל עס! און לאָמיך אייך זאָגן, אַז די בלינדע „זעט” מיט די פינגער בעסער ווי אַנדערע, וואָס האָבן אויגן און זען גאָרניט, וואָס ס'טוט זיך אויף דער וועלט...

איר מעגט עס הערן: אַנומלט גיי איך אויף דער ״יידישער” גאַס, פעירפעקס. איך גיי מיט מיין אייניקל, אַ בחורל פון צען יאָר. בלייבט ער אין גאַס און איך גיי אַריין צום בעקער. ווען איך קום אַרויס, שטייט לעבן אים אַ מיידל מיט אַ בחור. זיי ריידן צו אים וועגן יענער וועלט און אַז אָט קומט משיח. זיי ווילן אים מיטנעמען מיט זיך און זיי זאָגן מיר: „קומט אויך, מיר גייען באַגעגענען משיחן.” זאָג איך זיי: „לאָזט מיר וויסן ווען ער קומט, וועל איך באַקן אַ גרויסן לעקעך”... און איך שטופּ זיי אָפּ פון זיך, ווייל איך האָב פיינט אַ מסור, אַ משומד און אַ מיסיאָנער. איך האָס זיי ווי סם!

איך זאָג עס אַקעגן דעם בחורל, וואָס איז געקומען צו דער בלינדער. דאָס הויז איז ליידיק — נישט ווייל זי קאָן זיך ניט דערלויבן צו האָבן גוטע מעבל, אַ שיינע היים, אַ קאָלירטע טעלעוויזיע, אַ קאָמאָד מיט אַ שיינעם שפּיגל, אויסצירן די ווענט מיט גוטע בילדער, ווי עס טוען די אויפגעקומענע נגידים. — ס'איז ביי איר אַ ליידיקע הויז, ווייל אין אַ ליידיקער הויז איז איר לייכטער צו געפינען וואָס זי דאַרף, דערטאַפּן דעם „פרידזשידער”, דעם גאַז־אויוון, דאָס טישל מיטן טעלעפאָן, דעם סינק, דאָס בעט, די טעלער, לעפל און אַ פּאָר מעטאַלענע פענדלעך און טעפּלעך. עס איז גוט וואָס אויף דער גאַנצער גאַס און אין גאַנצן הויז וואוינען יידן און אַ פּאָר־פאָלק, וואָס זי איז אַ שוואַרצע שיינע פרוי און גוט ווי גאָלד; און ער — אַ ווייסער, ניט קיין ייד, נאָר צו אונדזער שאַנד זאָל עס ניט זיין — בעסער ווי אַ סך פון אונדזערע... ווען ס'איז הייס, זיצט די בלינדע אין הויף, רעדט מיט שכנים, זי טרעפט שוין אַליין צו די בענקלעך ביים טישל מיטן שירעם, וואָס שטייט דאָרט אין ווינקל. גאַנץ אָפט קומט צו איר צו דאָס געמישטע פּאָרל. זיי רייסן פאַר איר אָפּ בלומען פון די זשאַסמין־צווייגלעך. דערציילט זיי די בלינדע וועגן אירע קינדער, אייניקלעך, וועגן זין און טעכטער, וועגן געמישטע חתונות פון יידן מיט אירישע, ווי זיי לעבן בשלום, ווייל ניט זי גלויבט אין איר גאָט און ניט ער אין זיינעם. פונדעסטוועגן, ווען עס קומען אָן די הייליקע טעג, גייען זיי

ביידע אין דער סינאַגאָגע פון ראַבאַי מאַגנין, ווייל דאָרט דאַוונט מען אָן אַ היטל און מען זינגט תפילות ווי להבדיל ביי זיי... איך בין ניט פרום — וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לייט איז צו לייט.

זעט איר — אַסימילאַציע האָב איך פיינט, און איבער דעם קריג איך זיך מיט די שכנים... מיין זון איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע, רעדט יידיש בעסער פון מיר; די טאָכטער אויך. ביידע האָבן געלערנט אין דער אַרבעטער רינג־שול ער ווייסט מער וואָס עס טוט זיך אין יידישע ספרים ווי איך, אָבער די אייניקלעך — ווען איך גיי מיט זיי שפּאַצירן, זאָגן זיי: „באָבע, רעד נישט קיין יידיש"... וואָס־זשע זאָג איך: איר שעמט זיך? פאַרוואָס שעמען זיך נישט די אַמעריקאַנער־געבוירענע קינדער פון אַנדערע פעלקער צו ריידן זייער שפּראַך? פאַרקערט, זיי ריידן זייער הויך, אַז אַלע זאָלן הערן...

ווען איר רעדט צו די אייניקלעך, פאַלט עס אָבער אויף טויבע אויערן... און וואָס מיינט איר ריידן די פרויען אויף די טרעפּלעך פון די הייזער? „דער טויבער האָט געהערט, ווי דער שטומער האָט געזאָגט צום בלינדן: 'זע נאָר ווי דער לאָמער לויפט'..." עס גייט זיי גאָרניט אָן!

איך וועל אייך אויסזאָגן אַ סוד, איר מעגט עס וויסן: אין מיינע יונגע יאָרן בין איך געווען פרום, ביז עס איז געקומען היטלער — די ערד זאָל אים אַרויסוואַרפן פאַר די הינט — און האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון יידישן פאָלק. אַלע געטער האָבן געשוויגן... קאָן מען גלויבן אין זיי? עס קרענקט זיי, די שונאים, עס פאַרדריסט זיי, וואָס מיר זיינען איצט נאָך שטאַרקער, וואָס מיר האָבן אַ יידיש לאַנד. ווען מיין יינגערע טאָכטער, גיטעלע, איז געקומען און געזאָגט: „מאַמע, איך קלייב זיך חתונה האָבן מיט אַ יינגל, וואָס איז נישט פון יידישן גלויבן" — האָב איך זיי געגעבן מיין ברכה. שוין אַכט יאָר פאַר־הייראַט, זיי האָבן צוויי קינדער — אויף אַלע אַלע אונדזערע ליבע געזאָגט געוואָרן! איר ווייסט דאָך: אָט־די, אַנטקעגן אונדזער הויז, האָט חתונה געהאַט מיט אַ יידישן מאַן — איז דאָס ניט קיין ייד און ניט קיין מענטש... איך טרייב חלילה נישט קיין רכילות, איר ווייסט בעסער וואָס דאָרט קומט פאָר...

יאָ, איז וועגן דעם וואָס איך האָב אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן משהלען: ער איז, הייסט עס, דאָ געווען ביי דער בלינדער, איז אים געוואָרן סקוטשנע, לאַנגווייליק. איז ער איין מאָל אין אָוונט אַרויס פון הויז. דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, איינס, צוויי, דריי — און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. אַ גאַנצע נאַכט איז די בלינדע נישט געשלאָפן, זיך איינגעהערט אין דער שטילער נאַכט. ביי יעדן שאָרך האָט זי געמיינט: אָט קומט ער. ווען ס'האָט גענומען שאַריען אויף טאָג — ווי אַזוי זי ווייסט ווען עס הויבט אָן ווערן טאָג — פרעגט מיך עפּעס גרינגער... ס'האַרץ האָט איר געקלאַפּט, געוואָרן אַלאַרמירט: אפשר אַן אומגליק־פאַל, אַ טויט־פאַל, אפשר אַ מאָרד, אַן איבערפאַל? וואָס הערט מען זיך נישט אָן היינטיקע צייטן?! מ'איז דאָך ניט זיכער, ניט אין גאַס און

ניט אין הויז. אַזאַ מזל אויף אונדזערע פירער פון לאַנד, וואָס זיי מאַכן פון דער יוגנט!

וואָס טויג אייך מעשיות — די פּאָליציי איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס, די גאַנצע גאַס איז געגאַנגען אויף רעדלעך. פון יעדן טעלעפאָן־קלונג האָט די בלינדע זיך דערשראָקן. אין אַ טאָג אַרום האָט דער תכשיט זיך אָפּגעזוכט, אין הויז פון די נשמה־כאַפּערס, די מיסיאָנערן. ווי אַזוי די מעשה איז זיך פאַרלאָפן — מעגט איר אײַנמיסטן הערן:

אויף סאַנסעט סטריפּ זיינען פאַראַן טאַנץ־זאַלן, קאַפעען, קאַבאַרעטן, רעסטאָראַנען, נאַכטקלובן און טעאַטערס, וואָס זיינען אָפן אַ גאַנצע נאַכט, ספּעציעל אין די וויק־ענדס. דאָרט וועט איר טרעפן: אָרעם און רייך, אָפּ־געריסענע, אָפּגעשליסענע, פון אָרעמען שטאַנד, און אויך רייכע זינדלעך און מיידלעך. זיי קומען אין די טויזנטער, באַלאַגערן די טראָטואַרן, שליסן באַ־קאַנטשאַפט, ווערן היימיש, מישן זיך אויס, ווי זיי וואָלטן געווען שוועסטער און ברידער. אויטאָמאָבילן פאָרן דאָ איינער אויפן אַנדערן, ווי קאַראַוואַנען אין מדבר... אין די שענקען טאַנצט מען נאַקעט, און די „גאָ־גאָ" זיינען טירן אָפן און ס'איז דאָרט לעבעדיק און פריילעך... גיטאַרעס שפּילן, פּייקלען צימב־לען, טרומפּייטן שאַלן. דאָ טוען זיך ברידער פאַרברידערן און שוועסטער פאַרשוועסטערן.. און אַהער האָט עס דער „אוצר", משלה, פאַרבלאָנדזשעט... פאַרטאָג איז ער אַרויס אין גאַס, אויסגעשטערקט אַ האַנט, אַ צייכן — ווער עס פאָרט פאַרביי, זאָל אים מיטנעמען. אַ „פאָלקס־וואַגן" האָט זיך אָפּגע־שטעלט, אים אַריינגענומען. און דאָרט האָבן זיך געפונען יינגלעך און מייד־לעך פון די מיסיאָנערן, וואָס פאָרן ספּעציעל אַרום כאַפּן נשמות, באַזונדערס יידישע... האָבן זיי מיט אים זיך אַרומגעכאַפּט, געשפּילט פאַר אים אויף די גיטאַרן, געוואָרן נאָענט, פּאַני־בראַט; נאָר אָנשטאָט אים פירן אַהיים צו דער בלינדער, האָבן זיי אים געפירט צו זיך... איר הערט, מ'זאָגט, אַז אין ישראל טוען זיי אויך אַזוי, די מיסיאָנערן. מ'דערציילט, אַז זיי נעמען אַריין יידישע קינדער — נאָך קיין אַנדערע יאָגן זיי זיך ניט. זיי באַקליידן זיי, גיבן זיי עסן, לערנען זיי — און די קינדער ווערן מיסיאָנערן. אַזוי האָט מיר דערציילט מיין לענדלאָרד, ווען ער איז צוריקגעקומען פון אַ רייזע אין ישראל. איר גלויבט דאָס?

הכלל, טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערוואוסט, איז מען געקומען צופליען און ווען זיי האָבן זיך מיט אים באַגעגנט דאָרט, ביי „זיי", האָבן זיי דערזען, אַז ער איז אינגאַנצן אַן איבערגעקערטער. . .

די עלטערן, כאָטש געבילדעטע מענטשן, ווייסן זיי אָבער ניט מער ווי דאָס וואָס זיי האָבן געלערנט ביי די פּראָפעסאָרן, משטיינס־געזאָגט. האָבן זיי דאָס אָנגענומען פאַר אַ שפּאַס, אַ קאַפּריז; אַז ער וועט זיך דערפון אויסניכ־טערן און אַהיימקומען.

עס איז אָבער אַוועק אַ וואָך און צוויי, דער „אוצר" האָט זיך דאָרט „איינגעגלידערט". און ווען ער האָט זיך שפּעטער באַגעגנט מיט די עלטערן, האָט ער זיי אויך געוואָלט „ברעינוואַשן"... משהלען איז גאָרניט געווען צו דערקאָנען: די לאַנגע האָר, וואָס ער האָט מיט זיי אַזוי שטאָלצירט, האָבן זיי, די מיסיאָנערן, אָפּגעשוירן אָן זיין פּראָטעסט. די מאַמע האָט אים אַמאָל גערופן אויפן טעלעפאָן, געוואָלט מיט אים ריידן, האָט מען איר געזאָגט, אַז ער טוט איצט תּפילה און אַז ער וועט ערשט פאַרענדיקן צוויי פאַרטאָג... זי האָט אים נאָכאַמאָל גערופן צוויי אַזייגער פאַרטאָג און אים געפרעגט: „ווען־זשע שלאָפסטו, מיין זון?" — „מאַמע — האָט ער איר געזאָגט — איך דאַרף ניט קיין סך שלאָף, ווייל איך האָב אויסגעפונען משיחן"... איר הערט! אַזוי שנעל, אין צוויי וואָכן, האָט ער אים געפונען, און איך זוך אים מיין גאַנץ לעבן!...

איר מעגט עס פאַרשרייבן: די מיסיאָנערן פאַרמאָגן אַ גרויסן שטח לאַנד, ערגעץ אין טעקסעס. דאָס איז אַ „קיבוץ" וואו די פאַרנאַרטע נשמות ווערן געשיקט אויף ערד־אַרבעט, נאָך דעם ווי זיי ווערן „ברעינוואַשט". אין טעקסעס, דערציילט מען, זיינען די פעלדער ריזיק־גרויס. די קינדער אַרבעטן דאָרט. זיי אַקערן, זייען, פלאַנצן, גראָבן אַרויס פון דער ערד קאַרטאָפל, ציבעלעס, מייערן, בוריקעס, זיסע ריבן. וואָלטן זיי כאָטש געהאַט אַ יוניאָן! זיינען אָבער די נשמה־כאַפּערס די גרעסטע רעאַקציאָנערן. איר ווייסט דען ווי רייך זיי זיינען!

אַז ס'איז אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי, און דער „אוצר" איז נאָך אַלץ דאָרט, איז געוואָרן תשעה באָב. מען איז געזעסן אין דער פינצטער, ליכט האָבן געברענט — אפשר האָבן זיי געזאָגט קינות... ווער ווייסט! איך מיש זיך נישט אין יענעמס ביזנעס...

דער פאָטער איז שוין לאַנג געווען אַוועקגעפאָרן. נעכט און טעג זיינען אַוועק אין האָרץ־קלעמעניש. די בלינדע האָט זיך געטרייסט, אַז אַזוי לאַנג ווי עס איז דאָ לעבן, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג... דעם „אוצרס" מאַמע האָט געהאַלטן אַרומגענומען די בלינדע און געוויינט אויף איר חורבן... „מיר האָבן געהאַט אַן אוצר און נישט געוואוסט, ווי אַזוי אים אָפּצוהיטן."

מר. ראַלף, איך בעט אייך: זאָגט ניט, אַז איך האָב דאָס אייך דערציילט, ווייל עס איז נישט שיין... זיי ווילן נישט, אַז עמיצער זאָל עס וויסן...

אין אַ זונטיק ביי טאָג

אין יענעם זונטיק האָבן מיר שפּאַצירט צווישן די אַלייען פון הויך־געוואָקסענע פּאַלם־ביימער אויף די פּאַליסאַדן ביים ים. עס איז געווען שפּעט אין פרילינג. אַ קיל ווינטל האָט געווייעט פון די צפון־בערג.

די זון איז געווען קלאָר און האָט מיט אירע גאָלד־קאָלירן שעמערירט איבערן פּאַסיפישן ברעג פון ים, און האָט באַגילדט די הויכע בערג, וואָס האָבן זיך אַנגעזען קלאָר און מעכטיק פון גאַנץ ווייט.

מענטשן זיינען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי דעם דראָטענעם צוים, וואָס טיילט אָפּ דעם ים פון די פּאַליסאַדן. שטייענדיק מיטן פּנים צום ים, האָבן מיר געזען ווי די זון־שטראַלן שלאָגן זיך אָן אויף די נאַקעטע לייבער פון יונגע און מיטליאַריקע מענטשן. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין זאַמד, געמאַכט פיגורן, געבויט פּיראַמידן און זיי אומגעוואָרפן.

די יוגנט אין ים, האָט זיך „געשלאָגן" מיט די שטורמישע כוואַליעס, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון די ליאַרעמדיקע שווימער־יינגלעך און מיידלעך. אָט זיינען אויף אַ רגע פאַרשוואונדן צווישן די שטורמישע וואַסער־שטראָמען — און פול מיט פרייד און טומל אַרויסגעקומען ווי זיגער. אַזוי אָן אויפהער.

שפּעט נאָכמיטאָג האָט די זון גענומען נידערן. מעוועס האָבן זיך אין פאָרמאַציע געצויגן צו די צפון־בערג, געקראַקעט און פאַרלוירן געגאַנגען הינטער די בערג, וואו די זון האָט זיך אָנגעהויבן באַהאַלטן.

פאַרגאַפט האָבן מיר געקוקט צו דער מערב־זייט, וואו די זון איז אַריינגעפאַלן אין ים, אָנגעצונדן דעם הימל און אויסגעמאָלט פאַנטאַסטישע באַשעפענישן און אָרנאַמענטן. דער ים איז געוואָרן פול מיט קאָלירן, ווי עס וואָלט דאָרט געברענט אַ העליש פייער.

מיר זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט דער פרישער, ריינער לופט, וואָס טרעפט זיך זעלטן אין שטאָט... עס האָט זיך שטאַרק געוואָלט עסן, זיינען מיר אַריין אין אַ קאַפע, וואָס איז געווען איבערגעפּאַקט מיט הונגעריקע מענטשן. „ראָק און ראָל"־מוזיק האָט געגרילצט אויף די העכסטע טענער פון אַ שפּיל־קאַסטן. אין איילעניש האָבן מיר באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ סענדוויטש און זיך געלאָזט צוריק אין שטאָט אַריין, צום סימפאָנישן קאָנצערט אין בעווערלי־הילטאָן האָטעל.

אין וואַרטזאַל, אויף אויסגעבעטע פאָטעלן, זיינען געזעסן באַקאַנטע פרויען און מענער און האָבן געמיטלעך געשמועסט. צווישן זיי האָבן מיר אויך געזען איגאָר גאָרין, פון ניו־יאָרקער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערא־הויז,

צוזאַמען מיטן דירעקטאָר, הערבערט ווייסקאָפּ, וועלכע האָבן זיך זייער גע־חידושט, וואָס אין רייכסטן האָטעל פון שטאָט הערן זיי ווי דער עולם רעדט אַ געשמאַקן, לויטערן יידיש, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געהערט. ווען די טירן האָבן זיך אויפגעפּראַלט און דער עולם האָט אַ שטראָם געטאָן מיט טומלדיקער פרייד.

ער ערשטער נומער אויפן פּראָגראַם איז אַנטאָן דוואָרזשאַקס ניינטע סימפאָניע, די „נייע וועלט". שפּעטער קומט: ראַוועל, מוסאָרסקי, ראָסיני, און איגאָר גאָרין אין אַריעס פון די אויבנדערמאָנטע שאַפער.

דוואָרזשאַק האָט די „ניו וואָרלד" געשריבן אין אַמעריקע, וואו ער האָט געלעבט אין זיין בליאונג־פּעריאָד, אין די יאָרן 1892 ביז 1894. באַלד ביים אָנהייב פון דער סימפאָניע ווערט מען אַנטציקט פון דער ראַפּינירטער, פּאָעט־שער בענקשאַפט נאָך זיין היימלאַנד.

דוואָרזשאַק האָט שטאַרק ליב געהאַט די אַמעריקאַנער פאָלקס־מוזיק און נאָך מער די נעגערשע „ספּיריטשועלס". ער אַליין ווערט געריררט, באַ־גייסטערט און פּשוט אינספּירירט פון די אַמעריקאַנער לעגענדאַרישע פאָלקס־געזאַנגען. די מוזיק איז פול מיט ראָמאַנטיזם, פרייד און טרויער, פון דעם גיגאַנטישן, פּילפאַרביקן לאַנד אַמעריקע, מיט אירע טייכן, פּרעריס און נאַטור־שיינקייט.

אין דער ניינטער סימפאָניע, וועלכע דוואָרזשאַק שאַפט אין אַמעריקע, קומען אַריין די אָפּקלאַנגען פון זיין סלאָוואַקיש באַליבט לאַנד, וואו ער איז געבוירן געוואָרן. די מוזיק איז זיס, מעלאָדיש און ווירקט שטאַרק אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם אין דעם רחבותדיקן זאַל. די מוזיק פון אַנטאָן דוואָרזשאַק רעדט ממש צו די צוהערער, אַז מען קאָן זיין באַגייסטערט פאַר דער „נייער וועלט" און אין דער זעלבער צייט טראָגן אין זיך גרויס בענקשאַפט פאַר דעם לאַנד, וואָס מען האָט פאַרלאָזט פון יענער זייט ים.

מיר זיצן זייער באַקוועם, אַ שפּאַן פון דער בינע, און נעמען אויף מיט באַגייסטערונג די פאַרכישופטע מוזיק־טענער, וואָס דער גרויסער סימפאָני־שער אָרקעסטער מיטן דיריגענט ברענגען אַרויס. עס איז נאָך ווייט צו דעם ערשטן איבעררייס. דער עולם ווערט באַצויבערט און אָוועקגעפירט אין אַ „גן־עדן" פון באַרוישנדער מוזיק.

פּלוצלונג דערפיל איך ווי עס גייען מיר אויס די כוחות. די אויגן פאַר־מאַכן זיך... שרה, עוועלין און הערשל זעען ווי איך לאָז זיך אַראָפּ פון בענקל און — אויס וועלט...

* * * * *

ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל זע איך דערשראָקענע מענטשן אין וואַרט־זאַל. אַן אַמבולאַנס.. סודותפולע מענטשן... מען טראָגט מיך אויפן בעטל... „מאַכט

אַ וואָרע: מען דאַרף ראַטעווען אַ מענטשן" און — די קלאַנגען פון מוזיק גייען מיר נאָך אַלץ נאָך . . .

אין שפּיטאָל האָב איך דערוואַכט און געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט?" שרה און עוועלין זיינען נישט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט ביז זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז איך אָטעם . . .

איבער מיר האָט אַ גאַנצע נאַכט געוואַכט אַ קראַנקן־שוועסטער. מיט אירע ווייכע, פיין־פילנדיקע פינגער, מיט אירע ווייכע רייד, שטיל, קוים צו הערן — היט זי מיין אָטעם. דער דאָקטאָר זאָגט: „שרעק זיך ניט, ס'איז - - -" איך קוק אויף די פּלעשער, וואָס הענגען איבער מיין בעט: איינע איז בלוט־רויט, די צווייטע — ווייס, פול מיט פליסיקייט, וואָס דרינגט אַריין אַ טראָפּ נאָך אַ טראָפּ אין מיינע אָדערן. איך טראַכט: „מענטש, מענטש, דו ביסט שטאַרק ווי דער גיבראַלטאַר און שוואַך ווי אַ פליג". . . אין צווייטן בעט ליגט הערי, אַ פּשוטער, עלטערער האַרעפּאַשניק. ער קרעכצט פון שטאַרקע יסורים.

„ווי איר קוקט מיך אָן — רעדט ער צו מיר — בין איך אַמאָל געווען אַ גיבור, געוואויגן 180 פונט; געוואוינט האָב איך אין שיקאַגאָ, אויף דער וועסט־סאַיד. איך בין געווען אַ מענטש פאַר זיך... עס האָט דעמאָלט געזאָטן מיט יידיש לעבן; יידישע קינדער־שולן, סטרייקס פון יידישע אַרבעטער, קאַמפּן, הונגער־מאַרשן — אָבער מיר איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען... איך האָב געהאַנדלט מיט אייזן, שמאַטעס. אַלעמען איז געווען שלעכט; מיר איז געווען גוט.

איך בין געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווען מיין פרוי איז קראַנק געוואָרן און איך האָב זי געוואָלט ראַטעווען. די זוניקע קאַליפאָרניע האָט איר נישט געהאָלפן... איך ליג שוין דאָ פיר וואָכן. „מיינע" איז שוין צוויי יאָר טויט... עקסקיוז מי, וואָס איך כאַפּ איינס אין צווייטן. איר שלאָפט, צי איר הערט? יעדער האָט זיך זיין פעקל... איר זעט: צו מיר קומט קיינער ניט... איך בין אייד מקנא, איר וועט מסתמא באַלד אַהיים גיין; אפשר נאָך אַ פּאָר טעג. עס וועט זיין אומעטיק אָן אייך. איר האָט פריינט. . ."

— איר וועט אויך באַלד אַרויס פון שפּיטאָל, אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר — טרייסט איך אים.

— איך האָב ניט וואו צו גיין: קיין פריינט, קיין קינד, קיין סאָסייעטי. געלעבט פאַר זיך.

— איך האָב געהערט — זאָג איך אים — ווי אייער זון בעט זיך, אַז איר זאָלט גיין צו אים.

— איך בין נישט קיין ציוניסט, נישט קיין לינקער, נישט קיין רעכטער; איך בין אַ . . . איך וויל נישט אויף מיינע אַלטע יאָרן ווערן אַ משומד, אַ קאַטאָליק, ווי מיין זון, דער משומד, מיט דער קאַטוילישער שנור. . .

זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן, בלייבט ער ליגן שטיל, אונטער דעם ווייסן ליילעך. ער איז אָבער שטאַרק צופרידן, וואָס ער האָט מיר דערציילט דעם סוד פון זיין זון און שנור... — אויסגעווישט אַ טרער און מיר דערציילט, אַז קיינער קאָן ניט פילן זיין גרויסן, טיפן, גייסטיקן ווייטיק.

— מיסטער ראלף, איר שלאָפט? — פרעגט ער מיך אין אַ שטילן טאָן.

— ניין, איך דרימל. באַלד וועט קומען מיין פרוי שרה, דאַרף איך זיין וואַך.

— איך האָב שטאַרק הנאה ווען עמיצער פון אייערע פריינט קומען. איי, ווען איך זאָל געווען אַכטונג געבן אויף מיינע קינדער! ווען איך וואָלט זיי געשיקט אין אַ יידישער שולע, וואָלט אפשר ניט געקומען צו דעם... מיין זון איז שוין ניט קיין ייד... ער האָט זיך געשמדט. ער איז מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון זיין פרוי. ער האָט זיך מיט איר באַקענט אין אַ דאָרף, ביי ניו אָרלינס, ווען ער איז געווען אין מיליטער. דאָס איז שוין אַן אַלטע, לאַנגע מעשה. איי ווען איך זאָל געווען שיקן מיינע קינדער אין אַ יידישער שולע...

„אַמעריקע, זאָל זי פאַרכאַפּט ווערן מיט איר רייכטום! מען יאָגט זיך נאָך געלט און דער מענטש ווערט צעמאַרשט. ער ווייסט נישט אויף וועלכער וועלט ער איז. איך זע, אַז איר זייט אַ פאַרשטענדלעכער מענטש. עס אַרט מיך נישט קיין געמישטע חתונות — אָבער אַ זון אַ משומד!... ער וויל, אַז איך זאָל גיין צו אים, זיך שמדן און אַלץ איבערשרייבן אויף אים מיט זיינע קינדער, „מיינע אייניקלעך", וועלכע זיינען נאָך קיין איין מאָל נישט געקומען מיך זען אין די צוויי יאָר וואָס איך בין קראַנק אויפן האַרץ..."

הערי איז אַוועקגעפאַלן אין אַנמאַכט מיט אַן „אוי"! איך האָב אַ דריק־געטאָן אַ קנעפּל. אַ רויט לעמפּל האָט זיך אָנגעצונדן. ס'איז אַריין אַ נוירס, געבראַכט אַ רפואה, וואָס האָט פאַרלייכטערט זיינע פיזישע ווייטיקן... שפּעטער האָט הערי ווידער גענומען דערציילן וועגן זיין לעבן אויף די עלטערן יאָרן און וועגן זון, דעם משומד...

עטלעכע טעג שפּעטער, נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט „אויסגע־טרונקען" די צוויי פלעשער רויטע און ווייסע פליסיקייט, האָבן די דאָקטוירים אָפּגעפאָטאָגראַפירט ביי מיר יעדעס ביינדעלע פון אינעווייניק און מיר דער־לויבט צו נעמען אַ „שפּאַציר" איבערן קאָרידאָר. איך בין געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע, געמאָסטענע טריט, ווי אַן אמתער חולה, און זיך אָנגעהאַלטן אין די לייסטן, וואָס זיינען געווען צוגעפּעסטיקט ביי די ווענט פון קאָרידאָר. איך האָב באַמערקט ווי אויף דער צווייטער זייט זיצט אַ פרוי אין בעט, אָנגע־טאָן אין זיידנס. דאָס פּנים איז מיר געווען שטאַרק באַקאַנט, נאָר אויפן מאָמענט האָב איך זיך נישט געקאָנט דערמאָנען וואו איך האָב זיך מיט איר באַגעגנט.

די פרוי האָט געהאַלטן אַ דיקן בוך און אַריבערגעקוקט מיט אַ סימפּאַ־טישן, שוואַכן שמייכל צו מיר און אפשר גאָר צו די, וועלכע האָבן געפירט אַ קראַנקן אויף אַ בעטל. אויפן וועג צוריק האָב איך זיך אָפּגעשטעלט ביי איר טיר. זי האָט אָנגעקוקט מיט די גאָלדענע אותיות אויף די רייטע טאָוולען. אויפן רוקן פון בוך האָב איך איבערגעלייענט: „מיינע ערשטע הונדערט יאָר אין האָליוואָוד,“ פון דזשעק וואַרנער.

וואַרנער דערציילט אין דעם בוך וועגן דעם לעבן און וועגן דער וועלט פון האָליוואָודער שיינהייטן, וועלכע באַזיצן ווייניק טאַלאַנט; וועגן סעקס, ליבעס־אינטריגעס, עקזאָטיק, וועגן זיינע רייזעס איבער דער וועלט, וויאַזוי ער האָט פּראָדוצירט פילמען אין האָליוואָוד און אין אַנדערע וועלט־טיילן. צווישן די פילמען געפינען מיר אויך אַנטי־נאַציסטישע בילדער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער גרויזאַמער צייט פון היטלעריזם.

אין דעם זייער אינטערעסאַנטן בוך ווערט אויך דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיט פּרעזידענט רוזוועלט און וויאַזוי ער זעט די וועלט אין אונדזער צייט, און מיט יאָרן צוריק.

מיט דער דערלויבעניש פון דער קראַנקער פרוי — אַ יידישע אַקטריסע — איינע פון די פיל האָליוואָודער שיינהייטן, האָב איך דאָס בוך גענומען צו זיך און איר געזאָגט: „כ'וועל דאָס בלויז דורכקוקן און עס צוריקברענגען אין אַ פּאָר שעה אַרום.“ זי האָט סימפּאַטיש אַ שמייכל געטאָן. אירע ליפּן האָבן זיך קוים באַוועגט. ווען איך האָב זי אָנגערופן ביי איר נאָמען, האָט זי אַ גלעט געטאָן מיין האַנט...

דעם זעלבן אָוונט האָט מען פאַרמאַכט מיין טיר... די קראַנקן־שוועסטער איז געווען אַביסל אומרואיק. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס האָט פּאַסירט מיט יענע פרוי...

גאַנץ פרי האָט אַ פייגעלע, זייער אַ פּיצינקע, זיך געשטעלט אויף אַ טעלעפאָן־ראָט, וואָס איז געווען לעבן מיין פענצטער, און אַזוי האַרציק, מיט אַ סאָפּראַנאָ־שטימעלע, גענזונגען אָן אויפהער. דאָס פייגעלע איז געווען אַליין — אָבער ניט איינזאַם... און איך בין געלעגן און געטראַכט: דער מענטש פליט אויך אין די הימלען, איז ער אַזוי זאָרגלאָז, ווי דאָס פייגעלע?... ער לאָזט זיך אַראָפּ אין די טיפע ימען, ווערט וועלט־באַרימט, ווי די אַקטריסע, וואָס איך האָב געזען אָט־ערשט דעם פרימאָרגן... ווער־זשע איז גליקלעכער — דער מענטש צי דאָס פייגעלע?...

אַ רייזע אין מדבר

גאַנץ פרי איז געגאַנגען אַ שטורמישער רעגן מיט דונערן און בליצן, וואָס טרעפט זעלטן אין לאָס אַנדזשעלעס. עס האָט אויסגעזען, ווי די וועלט גייט אונטער. פּלוצים, ווי מיט אַ צויבער־שטעקעלע, האָט דער רעגן אויפֿגעהערט. אַ רגע שפּעטער איז דער הימל געוואָרן געוואָרן בלוי, באַדעקט מיט ווייסע וואַטע־וואָלקנדלעך, די זון איז אַרויס אויפֿן האָריזאָנט, אַ קלאָרע, אַן אויסגעוואַשענע. אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע קראָ האָט אַרומגעקרייזט פֿאַרביי מיין פֿענצטער, געקראַקעט, איז געפֿלויגן הין און צוריק און נעלם געוואָרן, ווי זי וואָלט אַראָבגעפֿאַלן אין אַן אָפּגרונט.

אויף די שוואַרצע טעלעפֿאָן־דראָטן, וואָס ציִען זיך פֿאַרביי מיין הויז, האָבן זיך אויסגעשטעלט אַ ריי פֿייגעלעך, זיך געפֿרייט מיטן זון־אויפֿגאַנג, ווי מענטשן אויף אַ חתונה. אַ ווייסע טויב, ווי פּריש־געפֿאַלענער שניי, איז אָנגעפֿלויגן, האָט זיך געשטעלט אויפֿן פֿענצטער־ברעטל, אַריינגעקוקט מיטן לינקן אויג, געוואָרקעט, און ווען ס׳האָט אָפּגעהילכט אַ שטאַרקער קלאַנג אין חלל, איז זי אַנטרינען אַ דערשראָקענע.

דער טעלעפֿאָן אין הויז האָט זיך צעקלונגען. אַ ווייכע, יונגע, פֿרויען־שטימע האָט גערעדט:

— מיר האָבן אייך געשיקט פֿרייע רייזע־בילעטן קיין פּאַלם־ספּרינגס. עס וועט אייך גאָרנישט קאָסטן. אַ פֿרייע רייזע אין מדבר, מיט עסן און פֿאַרווײַלונג. מיר נעמען אייך מאָרגן גאַנץ פֿרי און ברענגען אייך צוריק אין אָוונט.

— איר ווילט מיך עפּעס אָפּנאַרן...

— האַ־האַ־האַ — האָט זי הילכיק אַרײַנגעלאַכט אין טעלעפֿאָן־טרייבל.
— דאָס איז נישט קיין נאַרעריי. מיר פֿאַרקויפֿן אין מדבר „מאָביל־היימען״. עס פֿאָרן מיט אייך נאָך מענטשן, וואָס ווילן אַנטלויפֿן פֿון „פּאָליושע״. די שטאָט איז פֿאַרסמט, עס פּלאָגט די עלטערע מענטשן...

אַ טאָג שפּעטער גאַנץ פֿרי האָבן מיר זיך געפֿעדערט צו דער רייזע. פֿריינט האָבן געוואָרנט צו זיין פֿאָרזיכטיק, נאָר נישט אונטערשרייבן...

דער שאָפֿער פֿון אויטאָבוס, וואָס איז אָנגעפֿילט מיט פּופֿציק מענטשן, איז גוט אויפֿגעלייגט, פֿול מיט הומאָר, וויצן, גלייכווערטלעך, שפּאַס. אַלץ אויפֿן חשבון פֿון דער צעשויבערטער וועלט, וואָס האָט אַלץ בעת יוגנט האָלט זיך אין איין רעוואָלטירן, ווייל זי וויל אויך עפּעס...

הינטערוועגנס, אויף די ברייטע שליאַכן, צווישן פֿעלדער און וועלדער, האָט זיך ביי די מענטשן געעפֿנט אַ קוואַל פֿון ווערטער. מ׳איז געוואָרן היימיש און זיך אויסדערציילט וואָס אונטערן נאָגל...

דער שאָפער נעמט דאָס „קעסטעלע״ צו צום מויל. ס׳ווערט אַ ביסל שטילער. מען שרייט: „שאַ־שאַ״. דער שאָפער דערקלערט:

„צוויי הונדערט מייל הין־און־צוריק וועלן זיין מיט אַטראַקציעס. איר וועט זען אינטערעסאַנטע פלעצער. מיטאָג וועט איר עסן אין אַ מיליאָנערסקן רעסטאָראַן. פריי, יאָ, פריי! אַלץ אויפן חשבון פון מיין קעשענע... אָט דאָ שטעלן מיר זיך אָפּ. גייט אַריין אין דעם אייגנאַרטיקן מאַרקעט. לאָזט זיך וואוילגיין.״

דער מאַרקעט געפינט זיך אין אַ טאָל, אַרומגערינגלט מיט בערן־בערג. דאָס איז אַ געשעפט וואָס פאַרנעמט אַ ריזיקע שטרעקע מיט געטרוקנטע פרוכטן, פון פייגן, טייטלען, מאַנדארינען, פלוימען, באַרנעס, ראָזשינקעס, וויין, שאַמפּאַניער. די קיכעלעך פון יאַפּאַן צעגייען זיך אין מויל. דער וויין פון פראַנקרייך איז טעם גן־עדן. דער עולם האַלט אין איין פאַרזוכן. בעת אַ צאַל מענער האָט זיך שוין פאַרדרייט דער קאָפּ...

זיך דערפרישט מיט נאַשערייען פאָרן מיר. דער אויטאָ יאָגט זיך 130 קילאָמעטער אַ שעה. עס פליען פאַרביי ריזיקע שטחים מיט וויינטרויבן, וואָס דאַרפן ערשט רייף ווערן.

— אָט דאָרט געפינט זיך אַ פּאַלאַץ מיט 32 צימערן, וואָס באַלאַנגט צום באַרימטן האָלוויאודער אַרטיסט. אַן אַלטער בחור. ער וואוינט דאָרט מיט זיין 75־יאָריקער מוטער און עטלעכע באַדינער. ער גיט אויס אויף קליידער $100,000 אַ יאָר. די קנעפּ זיינען מיט בריליאַנטן.

אַן עלטערע פרוי רופט זיך אָן: — אפשר וואָלט ער אַריינגעלאָזט עטלעכע אינוואַלידן פון וויעטנאַם?...

מיר געפינען זיך אין גרעדיכטן מדבר. די זון איז אומדערטרעגלעך, אָבער אין אויטאָבוס איז קיל. מיר פאָרן פאַרביי אַ געגנט, וואו די קאָלירן פון בערג בייטן זיך יעדע האַלבע שעה. פאַר אונדזערע אויגן זעען מיר דעם אומבייט פון וואָלקנס און צוליב די שימערירנדיקע פאַרביקע זון־רעפלעקציעס זעען מיר די פאַנטאַסטישע פאַרבן.

מיר שטעלן זיך אָפּ לעבן שענסטן רעסטאָראַן. די בעסטע באַדינערין, פיינסטע פאַטראָנעס. איר נעמט אַ טעלער — רונדיק און גרויס, ווי אַ מעקסיקאַנער סאָמבררעראָ קאַפּעליוש... לייגט אַרויף וואָס נאָר אייער האַרץ גלוסט: פליייש, פיש, סאַלאַדן, פאַרשפייז, נאָכשפייז, 52 פּאַטראָנעס!

די באַדינער שטייען ווי זעלנער פאַרן סטראַי... — נעמט, וואָס נאָר אייער האַרץ באַגערט — שפּייז פון כינע, סקאַנדינאַוויע, פאַריז, לאָנדאָן; גע־זאַלצן, געפעפערט; מיט אַ טעם און אָן אַ טעם; קעזן און פאַרצעפּאַנעס — אַלץ אומזיסט...

די אַגענטן פון דער קאָמפּאַניע פירן דעם עולם וויזן, וואָס מיר קאָנען איינהאַנדלען פאַר אַ סומע וואָס קיינער פון די מיטפאָרער פאַרמאָגן נישט.

אָבער... אָבער „ווען איר צאָלט איין אַ קליין ביסל געלט, אַ פּאָר הונדערט דאָלער, האָט איר שוין אַ חלק אין דעם מדבר״... — זאָגט דער אַגענט. ער פירט אייך צו צו דער מאַפּע אויף דער וואַנט. אַך, ווי שיין די מאַפּע זעט אויס פאַר דער צוקונפט...

אַ טאָכטער רוימט איין איר מוטער אין אויער:

— מאַמע, זאָל דאָס נאָר נישט זיין ווי מיט די אַקציעס אויף וואָל־סטריט. אָרעמע מענטשן האָבן געוואָלט רייך ווערן... הער זיך נישט צו, וואָס ער ווייזט אויף דער גרינער מאַפּע מיט שיינע פּינטעלעך. דאָס אַלץ, וואָס זיי ווילן, איז מען זאָל אונטערשרייבן, איינצאָלן . . .

דער מענטש ביי דער מאַפּע ווייזט מיטן דינעם שטעקעלע, אַז דאָ נישט ווייט האָבן האָליוואָדער אַרטיסטן, די גרעסטע שטערן, געבויט היימען. ער נעמט אויסרעכענען: באָב האָופּ, פרענק סינאַטראַ, רעד באָטנס, רעד סקעלטאָן. ער דערציילט ווי רייך זיי זיינען. „אַ שטיקל לאַנד היינט, קאָן זיין אַ שטיק גאָלד מאָרגן.״

— מאַמע — זאָגט די טאָכטער (זי רעדט יידיש, אַנדערע זאָלן נישט פאַרשטיין...) — גלויב נישט אַלץ וואָס ער זאָגט . . .

אַ ווייסע ציג שפּאַצירט דאָ אַרום, פאַרבלאָנדזשעט פון ערגעץ. עס לויפט אָן אַ הונט שוין באַלד אַזוי גרויס ווי די ציג. ער בילט און די ציג בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, ווייזט די הערנער און שרייט: — מע־מע־מע !

דאָס „גרויסע געפינס"

נאָך אַ לאַנגן שפּאַציר פון מיין הויז, האָב איך זיך געפונען כמעט הינטער דער שטאָט.

כ'בין געגאַנגען ווייט צו צפון, ביז די בערג־בערג האָבן דעם וועג פאַר־שטעלט. די בערג זיינען געווען שוואַרץ, גרין, ברוין און פון שטיין־קאָליר. זיי האָבן זיך געקייטלט איינער איבערן אַנדערן — געבויט ווי שטיגן. אויף די קעפּ, אויף די העכסטע שפּיצן, זיינען געשטאַנען הייזער, וואָס האָבן אַראָפּ־געקוקט צו די טיפע טאָלן, צו די מענטשן און לויפנדיקע אויטאָס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פינטעלעך אויף אַ מאַפּע.

אין פרייען טאָג איז גוט צו שפּאַצירן אין די זייטיקע גאַסן וואָס זיינען פול מיט בלומען, גרינע ביימער, באַנאַנעס, אָראַנדזשן און „ווילדע" פּרוכט־ביימער. פון די גרינע צווייגן און פרילינג־צוויט, האָט זיך געהערט אַ סימ־פאָנישער פייגל־געזאַנג ווי פון אַ אַ צאַרטן אָרקעסטער. כ'בין געגאַנגען מיט געמאָסטענע טריט, קוים אַנגערירט דעם אַספאַלט. אַזוי בין איך צוגעקומען צו דער גאַס, וואָס הייבט זיך אָן הינטערן שטאָט אויף דער מזרח־זייט און פאַרענדיקט זיך ביים פּאַציפישן ים־ברעג, פאַרנעמענדיק אַ שטח פון עטלעכע און צוואַנציק מייל.

דאָ געפינען זיך ביליקע נאַכט־קלובן, פּאָרנאָגראַפישע פילם־טעאַטערס, וואָס פּראָקלאַמירן מיט נעאָן־ליכט, אַז „אויב איר קאָנט נישט פאַרנעמען די נאַקעטע ליבע־סצענעס — קומט נישט אַריין"...

די גאַס איז אַלט און אָפּגעלאָזן. אָפּגעלאָזן זיינען אויך די געשעפטן פון אַלטע שיך, קליידער, אַלטע מעבל, אַלטע בוך־געשעפטן, אַלטע הייזער; אפילו די יונגע מענטשן, וואָס קומען דאָ זיך אַמוזירן, זען אויך אויס אַלט.

איך בין אַריין אין אַן אַלט בוך־געשעפט, וואָס פאַרנעמט אַ גרויסן שטח לעבן אַ טעאַטער, וואָס ווייזט עראָטישע פילמען.

ביכער זיינען געלעגן אין די טויזנטער. אַ טייל איז אָרדענונג און אַ טייל צעוואָרפן און פאַרשטעקט אין יעדן ווינקעלע זשורנאַלן, ביכער און בראָשורן.

כ'האָב אַרומגעשפּאַצירט אין דעם האַלב־פינצטערן געשעפט. דאָ און דאָרט האָט געצאַנקט אַ מאַטע ליכט. אַריינקומענדיק, האָט דער איינגנטימער, נאָר אַ יונגער מענטש, אויפגעהויבן די אויגן פון אַ בוך וואו ער איז געווען פאַרטיפט, מיך באַטראַכט און צוריק אַריינגעלאָזט די אויגן אין בוך, ווי ער וואָלט געזאָגט: „עה, דאָס איז נישט קיין קונה". ער איז געזעסן אַרומגעצוימט, ווי אין אַ גערטנדל. אונטער די פיס אַן אַלטן טעפּיך, וואו עס איז געלעגן

אַ כלב, וואָך מיט אָנגעשטעלטע אויערן, געהיט יעדן ריר פון באַלעבאָס, געקוקט מיט שאַרפע אויגן צו דעם אַריינגעקומענעם און זיך צוריק אַריינגע־נורעט ביי די פיס פון זיין ברויטגעבער... עס האָט אויסגעזען, אַז סיי דער באַלעבאָס און סיי דער כלב וויסן שוין ווער עס איז אַ קונה און ווער ס'קומט קוקן — אויף „בייז־וואונדער" אין דעם אייגנאַרטיקן אַנטיקן־געשעפט.

צווישן די צענדליקער טויזנטער ביכער וויסט דער אייגנטימער, וואו עס געפינט זיך אַ בוך פון דעם אָדער יענעם שרייבער, וואָס איר רופט אָן ביים נאָמען. מעג דאָס זיין אָן איבערזעצונג אָדער אין אָריגינאַל. יעדעס בוך איז קלאַסיפיצירט — אין זיין זכרון. ווען איר פרעגט אויף אַ בוך, אַ זשורנאַל, אַ בראָשור, זאָגט ער: „גיי אין דער „אַליי", אויף יענער פּאָליצע, אין דער אָפּטיילונג."

איך פרעג פאַר יידישע ביכער... קוקט ער מיך אָן מיט אַ שעלמיש שמייכעלע — שוין זייער, זייער לאַנג, ווי עמיצער איז דאָ געווען פרעגן אויף אַ יידיש בוך... העי — טוט ער זיך אַ כאַפּ — גיי דאָרט אין יענעם ווינקל, דאָרט ליגט אַ שטויס ביכער. עמיצער האָט דאָס איבערגעלאָזט.

דער ווינט, וואָס האָט געהאַט אויפגעהערט, האָט ווידער געריסן און „געזונגען" הינטערן פענצטער, ספּעציעל אין ווינקל, וואו כ'בין געשטאַנען און גענישטערט אין די ביכער־שאַפעס.

ביים גריבלען זיך אין פּעקל ביכער בין איך געוואָרן באַגייסטערט. כ'האָב דערזען פאַר זיך אָן אוצר און געטראַכט: „גוט, וואָס דער בוקיניסט זיצט דאָרט אַריינגעטאָן אין זיין לייענען און זעט נישט מיין פרייד פון גרויסן געפינס."

כ'גיי צו, טו אים אַ טאַרקע און זאָג געלאַסן:

— דאָס איז אַ פּעקל שמות. עס צעפאַלט דאָך, וואָס האָט עס דען די ווערט?

— גיב מיר אַ פינפערל פאַרן גאַנצן באַרג — ענטפערט ער נישט זיכער.

— אַ דרייערל וועסטו נעמען?

— אָ־קעי — זאָגט ער פלעגמאַטיש.

דער הונט, וואָס איז נאָכגעגאַנגען, האָט זיך גענומען לאַשטשען, ווי ער וואָלט צוגעשטימט צום מסחר און איז צוריק אַוועק אין זיין נאָרע.

כ'בין אַרויס פון ביכער־געשעפט מיטן שווערן פּאַק און קוים אַריינ־געפאַלן אין הויז. כ'האָב זיך גענומען גריבלען אין אוצר, וואָס כ'האָב איינ־געקויפט פאַר דריי דאָלער, און זיך דערפרייט מיט „די דריי פאַרשוינען"— דערציילונגען פון מ. ספּעקטאָר, פון די 70ער און 80ער יאָרן, אַרויסגעגעבן פון דער „היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני", 83-87 קאַנאַל סטריט, ניו־יאָרק, פרייז פינף סענט; אַ בוך „קנאה און תאוה", טעאַטער־שפּיל פון הונדערט זייטן און אַנדערע דערציילונגען פון א. מ. וויסענבערג, אַרויסגעגעבן וואַרשע־ניו־יאָרק, פאַרלאַג „פּראָגרעס" אין 1901.

אינטערעסאַנט, אַז אין ווייסענבערגס בוך איז געלעגן 20 פּעזאָס, פּאַפּיר־געלט, אַרויסגעגעבן פון גענעראַל טעסאַרעראַ, אין טשיוואַוואַ, אין יאָר 1914. מעקסיקאָ איז דעמאָלט געווען צעטיילט, יעדער גענעראַל האָט מסתּם פאַרמאָגט זיין אייגן געלט.

און אָט איז אַ בוך פון אליקום צונזער, מיט צוואַנציק יידישע פאָלקס־לידער, טעקסט מיט מוזיק פאַרפאַסט און קאָמפּאָנירט פון דעם באַרימטן פאָלקס־דיכטער, אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק; אַ דראַמע פון יעקב גאָרדין „קרייצער סאָנאַטאַ״ אין פיר אַקטן, אַרויסגעגעבן ניו־יאָרק 1907.

נאָך אַ בוך—„די פרוי פון ים״, אַ דראַמע אין פינף אַקטן פון הענריק איבסען, איבערזעצט פון י. מ. כ׳האָב זיך שטרק דערפרייט מיט דער ליטע־ראַרישער כרעסטאָמאַטיע פאַרן לערניאָר פון דער פאָליטעכנישער שול, צונויפגעשטעלט פון א. הילדערס און פ. שאַמעס. מעלוכע־פאַרלאַג פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין קיעוו, 1933. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר א. סודאַרסקי, טעכנישער רעדאַקטאָר מ. דובינסקי. די כרעסטאָמאַטיע עפנט זיך מיט י. מ. ווייסענבערגס „אַ שטעטל״, עס זיינען פאַרטראָטן: דוד האָפּ־שטיין, פּרץ מאַרקיש, א. קושניראָוו, ע. פינינבערג, דוד בערגעלסאָן („ביים דניעפּר״), מ. דאַניעל („יוליוס״), ה. אָרלאַנד („הערעבליעס״), איציק פעפער („פלאַסטן״), איזי כאַריק („קיילעכדיקע וואָכן״), מ. כאַטשעוואַצקי (קאַפּיטלען פון אַ פּאָעמע וועגן „לענינס אָנקום קיין פּעטראָגראַד״) און נאָטע לוריעס „דער סטעפּ רוט״ (פראַגמענטן). דאָס איז אַ זעלטענע כרעסטאָמאַטיע, און גאָר אַ גרויסע איבערראַשונג האָב איך געהאַט ווען אין בוך איז געלעגן אַ פּאַפּירע־נער רובל מיט לענינס בילד.

אָט איז אַ בוך פון דוד פינסקי „די פאַמיליע צבי״, אַרויסגעגעבן אונ־טער דער צאַרישער צענזור, מיטן רוסישן שטעמפּל פון 31טן יאַנואַר 1906; „לידער און געדיכטע״ פון באָוושאָווער, אַרויסגעגעבן פון „ראַדיקאַלע פאָלקס־ביבליאָטעק, דרוקעריי 163 דזשיבול סטריט (לאָנדאָן), 36 פאַרשידנאַרטיקע, געפּילפּולע, קעמפערישע לידער, און נאָך—אַ בראַשור פון זעלבן מחבר „בילדער און געדאַנקען אָדער—אויס דעם טאָגע־בוך פון אַ פרוי״. אַרויס־געגעבן פון ל. פרידמאַן, לאָנדאָן 1907.

אין אָט דעם אוצר איז געווען אַ בוך—כ׳וואָלט דאָס אָנגערופן אַן ענצי־קלאָפּעדיע — וואָס איז אַרויס אין שיקאַגאָ אין 1901. דאָס שער־בלאַט איז פּרעציז אויסגראַווירט אין רייכע קאָלירן און עס עפנט זיך מיט דער געשיכטע פון די פאַרצייטיקע שקלים־געלטער פון שמעון בר־כוכבא און שמעון המכבי, 145 יאָר פאַר קריסטוסן. די שקלים זיינען אין אָריגינעלן פאַרמאַט, נאַטירלעכער אָפּדרוק. דאָס בוך איז אין ענגליש, מיט הונדערטער העברע־אישע ווערטער און פאַרטייטשונגען, וואו עס ווערט דייטלעך דערקלערט

יעדער העברעאישער אויסדרוק, וואָס פירט אַוועק צו דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון יידן ווען מיר האָבן געלעבט אין עגיפּטן.

אין היסטאָרישן בוך געפינען זיך 600 מאַפּעס מיט אַרכעאָלאָגישע, געאָגראַפישע, גראַווירטע אילוסטראַציעס; דער אָנהייב פון וועלט־באַשאַף, געשיכטע פון יידן אין רוים, גריכנלאַנד, אַלטערטום, אַלט־ירושלים, די יידישע נביאים: עמוס מיכא, ישעיהו, ירמיהו, אליהו און רבי עקיבא.

אָט איז אַ באַנד "געדאַכט" פון נסתר, אַרויסגעגעבן אין בערלין אין 1923 ביים יידישן ליטעראַרישן פאַרלאַג.

ביים באַרייכערן מיין ביבליאָטעק מיט די ניי־אַלטע ביכער פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ פאַרשידענע געדאַנקען: "וואָס איז געוואָרן מיט דעם יידישן ליטעראַרישן פאַרלאַג פון בערלין" 68 אויף זימערשטראַסע 7־8, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די ווערק פון נסתר?...

געווען אַמאָל אַ לעבן, געווען און מער נישטאָ... עס זיינען געווען נאַציס און זיינען נאָך דאָ...

אימפּרעסיעס

יידן אין די ווערק פון נעגערשע שרייבער

די נעגער ווערן געהאַלטן אין געטאָס, וואו דער שול־סיסטעם, די לערן־אַנשטאַלטן שטייען אויף אַ נידעריקן ניוואָ. די ראַסיסטן זאָגן: ווי קאָן מען זיי געבן גלייכבאַרעכטיקונג, די נעגער זיינען דאָך אָפּגעשטאַנען...

ס׳זיינען שוין אַוועק איבער 350 יאָר ווי דער ערשטער נעגער־שקלאַף איז געבראַכט געוואָרן אין קייטן צו די ברעגן פון אַמעריקע. דורך דער צייט איז די נעגערישע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן צו צוויי און צוואַנציק מיליאָן.

ווען פּרעזידענט לינקאָלן האָט אונטערגעשריבן די עמאַנציפּאַציע־דעקלאַראַציע, איז אַ נייַ ליד געבוירן געוואָרן:

„זינג אַ ליד פול מיט גלויבן, וואָס די איצטיקע צייט האָט געבראַכט, שטיי אַנטקעגן ווי די זון גייט אויף. אַ נייער טאָג קומט אָן. לאָמיר מאַרשירן ביז דער זיג וועט ווערן געוואונען״...

אין אַלע זיינע דראַמעס, שריפטן און נאָוועלן, וואָס גייען זיך פאַנאַנדער אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן, ברענגט דער שרייבער, דזשעימס באַלדווין, אַרויס אַ מוראַדיקע אַנקלאַגע אויף דער ווייסער געזעלשאַפט, ווייל דער נעגער, וואָס איז „באַפרייט״ געוואָרן מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, ווערט נאָך אַלץ געהאַלטן אין שקלאַפעריי.

דזשעימס באַלדווין איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין האַרלעם־געטאָ. ער איז דורכגעגאַנגען אין לעבן „האָמער און קאָוואַדלע״. ער איז איינער פון די געציילטע נאָוועליסטן, עסייאיסטן און דראַמאַטורגן, וואָס ווייטיקט מיט זיין פאָלק, מיט זיינע קאָלירטע שוועסטער און ברידער.

אין ־ער נאָוועלע „דאָס פייער אַ צווייטן מאָל״ הייבט ער אָן מיט אַ בריוו צו זיין פּלימעניק דזשעימס, צו דעם הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג פון דער עמאַנציפּאַציע. ער זאָגט דאָרט, אַז דעם בריוו האָט ער אָנגעהויבן שרייבן פינף מאָל און יעדעס מאָל האָט ער עס צעריסן.

ער שרייבט: „איך ווייס, וואָס די וועלט האָט געטאָן מיט מיינע ברידער, וועלכע האָבן זיך קוים געראַטעוועט. די אינדיאַנער אין אַמעריקע האָבן זיך נישט געראַטעוועט, זיי האָט מען אויסגעקוילעט ווי פליגן. ווען מיר וואָלטן זיך נישט ליב געהאַט איינער דעם צווייטן, וואָלטן מיר שוין לאַנג אומגעקומען. דאָס לאַנד האָט אונדז אַריינגעטריבן אין אַ געטאָ. פון דעם געטאָ קאָנען מיר נישט אַנטלויפן, דאָס איז אונדזער היים. לאָמיר בעסער מאַכן פון אַמעריקע דאָס, וואָס עס דאַרף זיין.״

„ווען ס׳איז מיר געוואָרן 30 יאָר — דערציילט באַלדווין — בין איך געפלויגן איבער דזשאָרדזשיע, ווען איך האָב פונעם פענצטער אַראָפּגעקוקט

אויף דער ערד, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז פון די ביימער רינען טראָפּנס בלוט. מיין געדאַנק איז אַנגעפילט געוואָרן מיט דעם בילד, ווי איינער אין מיינע יאָרן, אָדער נאָך יונגער, הענגט אויף אַ בוים און ווייסע מענטשן קוקן זיך צו מיט פאַרגעניגן ווי מען שניידט אויס מיט אַ מעסער זיין מענלעכקייט"...

— איך האָב זיך אויך דערמאָנט אין די סקאָטסבאָרער קינדער, אין די אַנדזשעלאָ הערנדאָן, אין ווילי מאַגי, עמעט טיל און נאָך און נאָך מאַר־טירער, וואָס די לינטשער האָבן אומגעבראַכט.

דזשעימס באַלדווין נעמט בשום אופן נישט אָן, אַז נאָר דער ווייסער דאַרף רעגירן אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק. ער זאָגט, אַז ער איז איינער פון די ערשטע נעגער־מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין דעם לאַנד, געבראַכט אין קייטן, כדי צו דינען די ווייסע הענדלער...

„איך בין נישט געקומען פּריוויליק קיין אַמעריקע. מיך האָט מען גערויבט. איך בין פאַרקויפט געוואָרן דורך אַן אַפריקאַנער שבט און געצוואונגען געוואָרן צו קניען צופוסנס פון קרייץ..."

ווען ער רעדט וועגן דייטשלאַנד, וואָס זיי האָבן געטאָן מיט אַ דריטל פון יידישן פאָלק, זאָגט ער אַזוי:

„אַ קריסטלעכע נאַציע, אַ ציוויליזירט דייטשלאַנד, דאָס לאַנד פון געטע, היינעס שילער און מאַרקס — וואָס האָבן זיי געטאָן?... אָט דאָס דריטע רייך אַליין שטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן דאָס קריסטנטום"...

— מען האָט מיך פאַרזיכערט, אַז דאָס, וואָס דער היטלעריזם האָט געטאָן מיט די יידן, וועט נישט און קאָן נישט פּאַסירן מיט די נעגערס ביי אונדז אין אַמעריקע. איצט טראַכט איך, אַז די דייטשישע יידן האָבן אויך אַזוי געמיינט, אַז מיט זיי קאָן דאָס נישט פּאַסירן...

ער דערציילט, ווי אַזוי די טשורטש האָט אים אַריינגעצויגן, און ס'ער־שטע מאָל אין לעבן האָט ער געזען, ווי די מתפּללים זיינען אַריין אין עקסטאַז פון לאַכן, וויינען, זיך שלאָגן על־חטא, געזונגען און געטאַנצט. דעם איינדרוק טראָגט ער מיט זיך דאָס גאַנצע לעבן...

— אויב עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל, ווי די ווייסע פּריידיקן, פאַרוואָס באַגייט ער זיך אַזוי שוידערלעך מיט די נעגערס?...

און אין אַ פערז פון אַ ליד:

— אין אַ שיינעם פרימאָרגן, פינף אַזייגער פאַרטאָג, די אַלטע וועלט וועט זיך דרייען און וויגן, פרעהס אַרמיי וועט ווערן דערטרונקען, און מיר וועלן זיין פריי.

איין מאָל, ווען ער איז געווען דער גאַסט פון מעהאַמעד אין שיקאַגאָ, האָט באַלדווין געזאָגט, אַז אים אַרט נישט, ווען ווייסע און נעגערס מישן זיך אויס און האָבן אפילו חתונה. „איך האָב ווייסע פריינט. איך האָב ליב אַ געווויסע

צאָל מענטשן, און עטלעכע פון זיי זיינען ווייסע. איז דען ליבע נישט וויכטיקער ווי דער קאָליר פון מענטש?"

מעהאַמעד האָט געקוקט אויף אים מיט גרויס מיטלייד, „ווי ער וואָלט אַריינגעדרונגען אין מיין האַרץ און נישט געגלייבט, אַז איך האָב טאַקע ווייסע פריינט, און געטראַכט, אַז איך באַרים זיך"...

אָבער באַלדווין זאָגט:

— איך האָב אַ צאָל ווייסע פריינט, וועמען איך וואָלט מיין גאַנץ לעבן אָנפּאַרטרויט, און אַנדערע וואָלטן זייער לעבן אָפּגעגעבן, כדי עס זאָל זיין אַ מער מענטשלעכע וועלט.

און אין דעם מאָמענט האָט ער געטראַכט וועגן די יידן...

— שוואַרץ — זאָגט באַלדווין — איז איצט דער שענסטער קאָליר, צוליב זיינע פּרעכטיקע קאַמפן, וואָס ער פירט אין אַמעריקע און איבער דער גאַרער וועלט פאַר דער באַפרייאונג פון שקלאַפעריי.

ער טאַדלט זייער שטאַרק די פאַרמעגלעכע נעגערס פון די דרום־שטאַטן, וואָס פאַרן קיינמאָל נישט אין קיין שטאַטישע אויטאָבוסן... אַלע האָבן אויטאָס, זיי וואוינען ווייט פון די אָרעמע געגנטן, פון די שוואַרצע „בעלט". זיי עסן, טרינקען, פאַרווײַלן זיך, אַרבעטן אָפּגעזונדערט פון דער אייגענער שוואַרצער וועלט.

„איך האָב זיך דערטראַכט, אַז די ביבל איז געשריבן דורך ווייסע מענטשן, דורך יידן. דאָס הייליקע געשריבענע וואָרט איז געקומען אַ סך פריער, ווי דער טויט פון קריסטוסן."

— איך האָב געלערנט אין אַ שול, וואו כמעט אַלע קינדער זיינען געווען יידן. און צווישן זייערע עלטערן זיינען נישט געווען קיין הויז־אייגנטימערס און קיין אייגנטימערס פון געשעפטן אין האַרלעם. זיי האָבן נישט געהאַט קיין פאַבריקן, נאָר זיינען געווען פּשוטע שניידערס, שוסטערס, בעקערס, געפירט קליינע געוועלבלעך — פּשוטע קבצנים.

— איין מאָל האָט עפּעס פּאַסירט: איך האָב פאַרבעטן אין מיין פאָטערס הויז אַ יידישן בחור פון אַ העכערן קלאַס. דער טאַטע האָט אין אַ געשפּרעך אים געפרעגט, צי ער איז אַ קריסט. מיין חבר האָט אים געענטפערט: „איך בין אַ ייד."

דזשעימס באַלדווין איז אַ געוויסע צייט געווען אַ גלח. אַ פּריידיקער אין אַ קירכע. דערציילט ער וועגן זיינע איבערלעבונגען, ווען ער האָט פון אַלטאַר געקוקט אויפן עולם ווי אין אַ טעאַטער... ער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם לעבן פון די גלחים. — די פּריידיקער — דערציילט ער — האָבן נישט אָפּגעלאָזט די פאַרזאַמלטע, ביז דער לעצטער סענט איז אַרויסגעצויגן געוואָרן פאַר דעם אַלמעכטיקן...

די „מיניסטאָרן" האָבן געהאַט אייגענע הייזער, געפאָרן אין אייגענע קעדילאַקס, און די אָרעמע פרויען האָבן געקניט, געוואַשן, געשייערט די דילן, און די פאַרדינסטן געגעבן די פאַרטרעטער פון גאָט...

אַ סך פון „ינע שול־חברים זיינען געווען געצוואונגען גיין אין דער אַרמיי, כדי זיך דאָרט „אויסמענטשלען", האָבן צו עסן צו דער זעט, זיך אַרויסכאַפּן פון די גאַסן־געשלעגן, פון מעסער, רעוואָלווער. זיי זיינען אַוועק ווייט פון די האַרלעמער גאַסן, וואו עס האָט געהערשט די אונטערוועלט און ווי דאָס לעבן איז געווען הפקר...

— די פּאָליציי אין האַרלעם איז געווען ברוטאַל. זיי וואָלטן אַלעמען אומגעבראַכט, ווען מיר לאָזן זיך. אָבער די נעגערס האָבן זיך נישט געלאָזט פּייניקן דורך די ווייסע „איבערמענטשן".

— צווישן די ווייסע איז אויך נישטאָ קיין צו גרויסע ליבע. נאָר דעמאָלט ווען דער ווייסער מענטש וועט אויפהערן האַסן זיין ברודער, וועט ער זיך אויך באַציען מיט מער ווירדע צו דעם נעגערישן פאָלק. ווען דאָס וועט פּאַסירן, ווייסט איין גאָט אין הימל... ווייל ווייסע האָבן אַלעמאָל באַרויבט די נעגער און גייען אַרום אומבאַשטראָפט, ווייל זיי זיינען די ריכטער, די באַשטראָפער, די פּוסקים, זיי האָבן דאָס שיסגעווער, צו זיי באַלאַנגט די מאַכט, די פּאָליציי. זיי זיינען די „היטער" פון געזעץ.

באָלדווין שרייבט וועגן דעם אַלעמען אָפנהאַרציק, לײַדנשאַפטלעך; ער שאַנעוועט נישט זיך, נישט דאָס נעגערישע פאָלק, נישט די איצטיקע געזעל־שאַפט, וואָס שאַפט די אַלע איבלען; דאָס זיינען די טעמעס פון זיינע ווערק, עסייען, דראַמעס.

ער לאָזט נישט דורך די געלעגנהייט צו ריידן וועגן די איינגעוואַנדערטע אין אַמעריקע — וועגן די יידן, מעקסיקאַנער, יאַפּאַנער, גריכן, סלאַוון, נאָרוועגער, כינעזער, איטאַליענער, שפּאַניער און אַנדערע.

ער טרעט שטאַרק אַרויס קעגן אַנטיסעמיטיזם. ער פאַרטיידיקט און אַנאַליזירט אַלע רעכט פון די מינאָריטעטן אין אַמעריקע.

אַ לענגערע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין פּאַריז. דערציילט ער אין זיינע שילדערונגען אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן און זאָגט, אַז נאָר אין פּאַריז האָט אַ נעגער געקאָנט לעבן ווי אַ ווייסער.

איך, אַ נעגער־קינד, און נאָרמען, אַ ייד אין פּאַריז — האָבן זיך באַלד גוט איינגעלעבט, ווייל דער ראַסן־סם האָט נישט געהאַט קיין שליטה אויף אונדז.

— פון יידן — זאָגט באָלדווין — דערוואַרטן מיר אַ פיל טיפערע פאַר־שטענדעניש, ווי דער סאַמע נאַאיווסטער נעגער דערוואַרט פון אַ נישט־יידן.

לעסלי פידלער, אין דער אַנטאָלאָגיע „ברעיק טרו", קריטיקירט דעם נעגערישן נאָוועליסט באָלדווין, פאַרוואָס ער שטעלט אויף איין ברעט דאָס יידישע פאָלק און דאָס נעגערישע. „די יידן האָבן אַן עטלעכע טויזנט יאָריקע

געשיכטע; מיר, יידן, שטייען אַ סך העכער אין אונדזער קולטור, ליטעראַטור, רעליגיע אד״גל. די נעגערס האָבן נישט קיין טראַדיציע... זיי האָבן ערשט איצט אָנגעהויבן צו קעמפן״...

אַזעלכע ארגומענטן האָבן נאַטירלעך אַ מיאוסן ביי־טעם. די פּראַגרע־סיווע געזעלשאַפטלעכקייט וואַרפט עס אָפּ.

— נישט די נעגערס זיינען שולדיק אין זייער אָפּגעשטאַנענקייט — און שטיצט אונטער זייער קאַמף פאַר אויסגלייכן דעם רוקן, פאַר גלייכע רעכט און גלייכע שאַנסן אין לעבן.

* * * * *

אַ ייד ווערט ביי די אַנטיסעמיטן געשילדערט מיט אַ לאַנגער, הויקער־דיקער נאָז, אַ שיילאָק, ווי ביי שעקספּירן, וואָס האָט זיך קיינמאָל מיט קיין יידן נישט באַגעגנט.

ביי די ווייסע לינטשערס איז אַ נעגער אַ ליידאַק, אַ גנב, אַ שיכור, אַ פוילער — דאָס ערגסטע אויף דער וועלט. ווען עמיצער טרעט אַרויס קעגן די ראַסנ־פאַראורטיילן, פרעגט מען באַלד: „האָסט ליב נעגער?״ זאָג איך: „יאָ, איך האָב ליב אַ נעגער, אַ כינעזער, אַ יאַפּאַנעזער, אַ רוס, נאָר ניט קיין ווייסע אַנטיסעמיטן, ראַסן־האַסער, ווייל אַלע מענטשן זיינען ברידער. פּאָול ראָבסאָן איז מיין ברודער, סאָודזשורנער טרוט איז מיין שוועסטער, לענגסטאָן היוז איז מיין ברודער, דזשאָן אָ. קילענס איז מיין ברודער, אַזוי איז אויך דזשעימס באַלדווין; אַלע די, וועלכע האָבן אַ מענטשלעך, געפילפול האַרץ פאַר דעם קיום פון דער מענטשהייט און — פאַר מיין פאָלק...

דער נעגערשער שרייבער, דער מאָלער, זוכט נייע פאָרמען אין זיין שאַפן, ווייל די קראַפט פון קונסט, באַוועלע, דראַמע, געפינט זיך כסדר אינעם נאָכאַנאַנדיקן זוכן, איבערצוגעבן נייע געדאַנקען, געפילן, שטרעבונגען, האָפע־נונגען. דער מאָלער, ווי דער שרייבער, שילדערט קעמפנדיקע מענטשן; ער אידענטיפיצירט זיך מיטן יונגן דור, ער מאָלט און שרייבט וועגן זייערע ליידן, געראַנגלעניש. איר זעט דאָס אין דזשעימס באַלדווינס נאָוועלן: „קיינער ווייסט ניט מיין נאָמען״; אָדער „ענאַטהער קאַונטרי״; „די פייער נעקסט טאַים״; „די אמען קאָרנער״, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין מדינת ישראל.

„איך האָב געזען טייכן פליסן. איך האָב געקאָנט טייכן אַזוי אַלט ווי די וועלט, און עלטער. זיי זיינען געפלאָסן ווי מענטשלעך בלוט אין מענטשלעכע אָדערן. מיין נשמה איז געוואַקסן אַזוי טיף ווי די ימען.״

לענגסטאָן היוז איז געווען אַ טרוימער, ער האָט געשריבן וועגן „שעקס־פּיער אין האַרלעם״. „סקאַטסבאָראָ״... געבוירן אין אַמעריקע, געלעבט אין איטאַליע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַ גראַדואירטער פון קאָלאָמביא אוניווערסיטעט,

האָט ער זיך געגייגט צו דעם פאָלקס־מענטשן, צו די באַדריקטע, און וועגן זיי געשריבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט העכער הונדערט פּאָעמען.

אין זיינער אַ פּאָעמע זאָגט לענגסטאָן היוז:

„אַמעריקע איז קיינמאָל ניט געווען אַמעריקע צו מיר.
זאָל דאָס זיין דער חלום פון דעם וואָס עס פלעגט זיין;
זאָל אַמעריקע זיין די היים וואו זיי אַליין זיינען פריי.

זאָל אַמעריקע זיין דער חלום פון חלומות,
זאָל ס׳אָס זיין דאָס שטאַרקסטע, גרויסע לאַנד פון ליבשאַפט,
וואו קעניגן און טיראַנען זאָלן ניט געוועלטיקן —
און דער מענטש זאָל ניט צעריבן ווערן פון הערשער.

זאָל מיין לאַנד זיין אַ לאַנד פון פרייהייט,
געקרוינט ניט מיט פאַלשע פאַטריאָטישע בלומען־קראַנצן;
זאָל דאָס זיין אַ לאַנד פון אמת און פרייהייט,
פון גלייכהייט — אין דער לופט, וואָס מיר אָטעמען.

איך בין דער נעגער, וועלכער טראָגט דעם צייכן פון שקלאַפעריי,
איך בין דער עמיגראַנט — די האָפענונג איך זוך.
איך בין דער מענטש פול מיט קראַפט און האָפענונג,
איך בין אַריינגעפלאָנטערט אין דעם געראַנגל פאַר מאַכט.

איך בין דער אַרבעטער, פאַרקויפט צו דער מאַשין,
איך בין דער נעגערשער באַדינער צו אייך—
און איך בין נאָך אַלץ הונגעריק, אָפגעזען פון די חלומות.
זאָל אַמעריקע זיין אַמעריקע — דאָס לאַנד וואָס איז נאָך ניט געווען.

(פריי איבערזעצט)

דזשאָן אָ. קילענס האָט אין זיינע באַרימטע צוויי נאָוועלן: „בלעק מען׳ס באָרדן״ און ספּעציעל אין „יאָנג בלאָד״, אַרויסגעבראַכט דעם פינצטערן אָבערגלויבן, די שקלאַפישע אונטערטעניקייט, נאָר צוליב שרעק, מורא און פרנסה, וואָס ער באַקומט פון ווייסן „האַר״, אין די דרום־שטאַטן. אָ. קילענס דערציילט וויאַזוי עס ווערט אין נעגערשן פאָלק איינגעפלאַנצט דאָס געפיל, אַז דער ווייסער מענטש שטייט העכער פון שוואַרצן...

דזשאַן אַ. קילענס פירט אַרויס אין זיינע שריפטן, אויף אַ שטאַרק־דראַ־מאַטיש־טראַגיש און רעאַליסטישן און ליידנשאַפטלעכן אופן, דאָס לעבן פון „שער־קראָפּער". ער ברענגט אַרויס כאַראַקטערן פון ווייסע און נעגערשע קינדער, מענער און פרויען, וועלכע רופן אַרויס האַס צו די ראַסיסטן, קלע־ניקעס, לינטשערס אין ווייסע כאַלאַטן. גרויסע באַריערן האָט די ווייסע הער־שאַפט אוועקגעשטעלט צווישן דעם נעגער און ווייסן מענטש. — און דאָך, אַפּגעזען פון די שווערקייטן, זיינען אויסגעוואַקסן צווישן דער שוואַרצער באַפעלקערונג דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, שטאַטסלייט, שרייבער, טענצער, מוזיקער, אַ דר. מאַרטין לוטער קינג... אַלץ וואָס דער ווייסער מענטש פאַר־מאָגט, געפינט זיך אויך צווישן דער שוואַרצער באַפעלקערונג.

דזשאַן אַ. קילענס זאָגט אַזוי: „אין די קלאַס־צימערן אין סקול, זאָגט דער לערער, אַז די נעגערס זיינען פויל און האָבן גאָרניט די ווערט..." רופט זיך אָן אַ סטודענט: „מיין פאָטער אַרבעט זייער שווער, מיין מאַמע אויך. און ער פרעגט דעם לערער: „וואו קאָן איך קריגן ביכער וועגן דער נעגער־געשיכטע?" און אַ צווייטער סטודענט טוט אַ זאָג: „איך בין געווען אין אַ בוך־געשעפט — זיי האָבן ניט אַזעלכע ביכער. זיי זאָגן, אַז זיי האָבן קיינמאָל ניט געהערט וועגן נעגער־געשיכטע... „ווי איז דאָס מעגלעך, זאָגט ער, אַז נאָך דריי הונדערט יאָר פון דער עמאַנציפּאַציע זיינען מיר נאָך אַלץ שקלאַפן ביי די ווייסע לאָרדן?..."

דער שרייבער שילדערט וויאַזוי ביי פאַרמאַכטע טירן שמועסן זיך דורך טאַטע־מאַמע און זאָגן: „אונדזערע קינדער וועלן זיך ניט לאָזן, ווי מיר אַלטע, שענדן און דערנידעריקן. אינדיווידועל וועלן מיר גאָרניט דערגרייכן, נאָר צוזאַמען אָרגאַניזירט, קאָנען מיר פירן קאַמפן און געווינען קאָנצעסיעס."

„מיר זיינען מער ניט אַליין — זאָגט איין יונגער בחור — מיר האָבן ווייסע פריינט צווישן די סטודענטן, ליבעראַלע מענטשן, צווישן ווייסע מענער און פרויען, יידן און קריסטן." אין די נעגערשע נאָוועלן ברענגען די שרייבער נעגערשע פאָלקס־לידער, ליטורגישע און נאַאיווע לידער, וועלכע פאַרכאַפּן מיט זייער פשטות און איידעלען געוועב.

אין אַ „ספּיריטשואל" ליד: „אָ, פרידאָם", זינגט זיך אַזוי:

„און איידער איך וועל זיין אַ שקלאַף, וועל איך בעסער זיין באַגראָבן אין מיין גרוב און גיין אַהיים צו מיין לאָרד און זיין פריי..." און אין נאָך אַ ליד אין דער נעגערשער ליטעראַטור ווערט געזאָגט:

„איז אַ שיינעם פרימאָרגן, פינף אַזייגער פאַרטאָג, די אַלטע וועלט וועט זיך דרייען און ־ויגן, פרעה'ס אַרמיי וועט ווערן דערטרונקען און מיר וועלן זיין פריי..."

קיין פאָלק וויל ניט, אַז עמיצער זאָל רייטן אויף זיינע רוקנס. ווען די לאַסט ווערט צו שווער, גיבן זיי זיך אַ טרייסל אַזש די ערד ציטערט, עס

ווערט פינצטער אויף אַ רגע... דערנאָך ווערט ווידער ליכטיק, ווי קיינמאָל פריער.

שוין 300 יאָר ווי דער ערשטער נעגער־שקלאַף איז געבראַכט געוואָרן אין קייטן צו די אַמעריקאַנער ברעגן פון אַטלאַנטיק. דורך דער צייט איז די נעגערשע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן צו 22 מיליאָן. אין דער צייט פון שקלאַפעריי, זיינען מענער און פרויען פאַרקויפט געוואָרן ווי שאָף אויף אַ יאַריד. אָבער שפּעטער, ווען אייברעהעם לינקאָלן האָט אונטערגעשריבן די עמאַנציפּאַציע־דעקלאַראַציע, איז אַ ניי ליד געבוירן געוואָרן, אין וועלכן עס זאָגט זיך:

„זינג אַ ליד פול מיט גלויבן, וואָס די איצטיקע צייט האָט אונדז געבראַכט, שטיי אַנטקעגן וואו די זון גייט אויף. אַ נייער טאָג קומט אָן. לאָמיר מאַרשירן ביז דער זיג וועט געוואונען ווערן.“ (פון „אונדזער שפּראַך, מנהגים און קולטור“).

שוין הונדערט יאָר נאָך דער באַפרייאונג זיינען זיי נאָך אַלץ נישט פריי. אין די סקולס לערנט מען נישט זייער געשיכטע, ווייל די ווייסע שרייבער האָבן פאַרגעסן אין דער געשיכטע פון לינקאָלן... און די שוואַרצע מענטשן האָט מען ניט צוגעלאָזט צו לערנען און צו העכערן וויסן, און צו קאָנען שרייבן זייער אייגענע געשיכטע.

אַוודאי זיינען אַ סך פון דער היינטיקער נעגערשע יוגנט פאַרפירט און צעטיילט, ווייל אין האַרלעם און אין „וואַטס“ האָבן זיי נאָר געזען דעם יידישן קליינעם געשעפטסמאַן אין דער גראָסערי, אין לאָמבאַרד־„פאַון־שאָפּ“, ליקער־סטאָר, אין סלאָם־הייזער, קענדי־סטאָר און אַנדערע. זיי האָבן ניט געזען דעם מעכטיקן אינדוסטריאַליסט, די פאָרדס, דזשענעראַל מאָטאָרס, די שטאָל־מאַגנאַטן, וואָס פירן מלחמה פאַר נאָך גרעסערע פּראָפיטן, די פינאַנסירן, ביליאָנערן און נאָך און נאָך... דאָס יידישע פאָלק, וואָס ליידט אַזוי פיל פון אַנטיסעמיטיזם איבער דער גאַנצער וועלט, ווערט אַליין דיסקרימינירט, וואָלט באַדאַרפט בעסער פאַרשטיין די לאַגע פון נעגער.

די נעגערשע און די ווייסע יוגנט וויל מער ניט די אַלטע, עטאַבלירטע פירערשאַפט, וועלכע פירט כסדר מלחמות און ברענגט־אום לענדער און פעלקער. זעקס מיליאָן פון יידישן פאָלק זיינען אין דער צווייטער וועלט־מלחמה אומגעבראַכט געוואָרן דורך היטלערן. עס איז אַוועק די צייט ווען די „עסטאַבלישמענט“ האָט כסדר פאַרנאַרט און אָפּגענאַרט די יוגנט, סיי ווייסע און סיי שוואַרצע שוין אין זיין צייט האָט לינקאָלן געזאָגט:

„מ׳קאָן אָפּנאַרן אַלעמען איין מאָל, מ׳קאָן אָפּנאַרן איינעם אַלע מאָל, מ׳קאָן אָבער ניט אָפּנאַרן אַלעמען אַלע מאָל...“

דער ייִד אין דער אַמעריקאַנער פּלאַסטישער קונסט

קונסט איז אַלץ וואָס דער מענטש ווייסט און קאָן. אַ קינסטלער דאַרף האָבן וויזיע, ווייל טייל מאָל ווערט דאָס אויפגעכאַפּט פון דער ווויסנשאַפט. מיר ווייסן, אַז די ערשטע שיינקייט פון קונסט איז געווען פּאָעזיע, אויסגעקריצט אויף גראַניט־שטיין, ווייל דער ריטעם פון פערז איבספּירירט דעם מענטשן צו טואונג, צו מעשים.

דער קלאַנג פון ליד, ווי דער ריטעם פון מוזיק, פאַרלייכטערט דעם שווערן גאַנג פון מעטאַל־אַרבעטער, קוילן־גרעבער, פון זעלנער אין מאַרש, אין קאַמף פון אַרבעטער פאַר זייַנע גערעכטע פאָדערונגען. דאָס ליד האָט פאַרלייכטערט דאָס שווערע לעבן פון אונדזערע מאַמעס, דערמוטיקט די יוגנט צו גערעכטע טאַטן. די אויסגעקריצטע ריטמישע פערזן אויף שטיינערנע טאָוולען זיינען אויך געווען באַצירט מיט אָרנאַמענטן, מיט סימבאָלן, וואָס האָבן געמאַכט לייכטער צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט ביי דעם נאָך־דעמאָלט פּרימיטיוון מענטשן. אפילו נאָך היינט ווערט איר באַמערקן, אַז אַ ליד, אַ מעשהלע, ספּעציעל אין דער קינדער־ליטעראַטור, ווערט באַגלייט מיט אילוסטראַציעס און טייל מאָל מיט פאַנטאַסטישע צייכענונגען, וואָס פאַראינטערעגירן דאָס קינד. פאַר אַ ביישפּיל קאָנען מיר נעמען מאַרק שאַגאַל. און די קורצע דערציילונגען פון אָ. הענרי, טשעכאָוו, מאָפּאַסאַן, י. ל. פּרץ און אַנדערע, דאַרף דער לייענער אַליין דערטראַכטן אָדער דערגאַנצן אַ געדאַנק. אַזוי איז אויך אין אַ קונסט־בילד פון אַ מאָלער, ווען ער גיט אונדז אַ זון־פאַרגאַנג ביים ים, למשל, דאַרף דער לייענער דערפילן די שטימונג פון קינסטלער, בעתן מאָלן דאָס בילד. דאָס זעלבע מעג געזאָגט ווערן ווען דער שרייבער שטעלט אַוועק דריי פּינטעלעך און לאָזט דעם לייענער טראַכטן.

עס איז ניטאָ קיין געזעצן ווי אַזוי צו אַנאַליזירן אַ מאָלעריי, אַ פרעסקאָ, אַ מיוראַל, אַ קונסט־בילד, אָדער אַ בוך פּאָעזיע. דער באַוואוסטער מאַרקסיסט און קריטיקער, מ. מירסקי, פרעגט: „צי האָט שוין עמיצער אַמאָל געזאָגט וואָס פּאָעזיע איז? מיר שיינט, אַז ניט. ווייל דערקלערן פּאָעזיע הייסט אומברענגען זי.“ איך, ווידער, קאָן בלויז זאָגן וואָס איך פיל און וואָס פאַר רעפלעקסן זי וועקט ביי מיר, בעת איך קום אין באַרירונג מיט איר.

דער קינסטלער דאַרף כסדר זוכן נייע פאָרמען, ווייל די קראַפט פון קונסט ליגט אין נאָכאַנאַנדיקן זוכן ווי איבערצוגעבן נייע געדאַנקען, געפילן, שטרעבונגען, האָפענונגען, שאַפונגען — אפילו פון דער פאַנטאַזיע. אַלץ דאַרף זיין פאַרן וואוילזיין פון דער מענטשהייט. דער באַוואוסטזיניקער שריי־

בער, פלאַסטיקער, קינסטלער, דאַרף און מוז שילדערן באַוווּלטע, קעמפנ־דיקע מענטשן; שילדערן אַלע זיינע גערangלענישן, ליידן און פריידן.

דער פּלאַסטיקער, ווי דער פּאָעט, וועלכע באַהעפטן זיך מיט די האַרע־פּאַשנע אַרבעטער און פּאַלקס־מאַסן, ברענגען צום פּאָלק דעם צוויט, דאָס פּוכקע גרינע גראָז, די סאָסנע־ביימער, דעם וואַלד, די שיינקייט פון פרילינג און האַרבסט, דאָס געוועב פון אַ בלום, דאָס פלאַטערן פון אַ זומער־פייגעלע און איבער אַלץ — די שיינקייט פון ערלעכן פּאָלקס־מענטשן. דער קינסטלער דאַרף זיך נ׳שט יאָגן נאָך קיין אויסטערלישעס, נאָר דאָס פשוטע, דאָס מענטש־לעכע עכטע, אמתדיקע אין רעאַלן לעבן. דער אמתער קינסטלער פליט ניט אין די הימלען; ער שטייט מיט ביידע פיס פעסט אויף דער מאַמע־ערד.

הונדערט הייטנטייטיקע אַמעריקאַנער־יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן האָבן מיט העכער 20 יאָר צוריק אַרויסגעגעבן אַן אַלבום „דער ייד אין דער אַמעריקאַנער פּלאַסטישער קונסט.״ אין דעם אַריינפיר־וואָרט פון לואי לאַזאָוו־ניק, וואָס פאַרנעמט זעקס זייטן גרויסער אַלבום־פּאָרמאַט, דערציילט ער וועגן דעם קאָלאָניאַלן פּעריאָד, פון אַמעריקאַנער קונסט און דער „מלחמה פאַר אומאָפּהענגיקייט״, וואו מיר באַגעגענען יידישע נעמען. ער שרייבט וועגן די קונסט־שולן און שטרעמונגען אין יענער צייט, ווען עס איז געווען דער מנהג און אַ גרויסער יחוס, צו באַשטעלן אַ פּאָרטרעט ביי די מער־באַוואוסטע קינסטלער, ווי: ראָבערט פּיק, דזשערעמייא טהעאוס, דזשאָן וועסלי דזשאַרוויס, רעמבראַנדט פּיל, עדוואַרד גרין, מאַלבין; און צווישן די יידישע מעצענאַטן איז געווען אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף די פּאָרטרעטן פון גילבערט סטיוואַרט און טאָמאַס סאַל.

ער שרייבט: „די אַמעריקאַנער ישובים — יידישע און אַנדערע, זיינען געווען אייראָפּייאישע קאָלאָניעס, קולטורעל פּונקט ווי אַדמיניסטראַטיוו. דעריבער איז די קונסט געווען צוגעפּאַסט צו די געשמאַקן פון דער אַריסטאָ־קראַטיע און פּריווילעגירטע. צו יענער צייט זיינען נאָך ניט געווען אין אַמע־ריקע ניט קיין יידישע קנסטלער, ניט קיין קונסט־שולן. עס זיינען יאָ געווען רייכע יידישע פאַמיליעס, אָבער צווישן די קאָלאָניאַלע יידן זיינען אויך געווען שיף־אַרבעטער, בעקערס, סטאָליאַרעס, פּעדלער, און אַנדערע. ווי שאַגאַלס ייד, וואָס פליט איבער וויטעבסק, האָט דער וואַנדערנדיקער פּעדלער זיך געשלעפּט מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס. ער האָט זיך געשלעפּט איבער שטעגן און וועגן, מיט סטענגעס נאָדלען און ליכט, האָט ער זיי אויך געבראַכט ביכער. אַ טייל פון די פּעדלער זיינען אויך געווען געשולטע באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן געוואוסט ווי צו פאַרריכטן אַ זייגער, אַ זילבערנע כלי, אָפּפאַרבן אַ וואָגן, אפילו אָפּמאָלן ווי ניט איז דאָס פּנים פון אַ מענטשן. דער פּעדלער האָט מיט זיך אויך געטראָגן אַ קאָלעקציע פון פּאָרטיק מאָלערייען פון אַ מאַן, אַ פרוי,

אַ קינד, אַ פּאַרפּאַלק — פּיין צוגעפּאַרבט — אַ חוץ דעם קאָפּ. דאָס האָבן זיי צוגעשטעלט, אָפּגעמאָלן — שפּעטער, ווען מען האָט פּאַר זיי פּאָזירט.

אין דער צייט פון בירגער־קריג האָבן זיך באַוויזן די ערשטע יידישע קינסטלער, וואָס האָבן געשאַפן אויף יידישע טעמעס. שפּעטער איז די מאַלעריי־קונסט ביי יידישע מאָלער צוריקגעפאַלן און איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט."

„טעאָדאָר סידני מאָאיז (1806־1883) האָט געשטאַמט פון אַ פאַמיליע פון סוחרים, דאָקטוירים, מיליטער־לייט, דיכטער, און איז געווען איינער פון די ערשטע קינסטלער, וואָס האָט דערגרייכט היפשע פּאָפּולאַריטעט." ווידער, א. סאָלאָמאָן נינעס קאַרוואַלהאַ (1815־1894), שרייבער און קינסטלער שטעלט מיט זיך פאַר דעם איבערגאַנג צווישן קאָלאָניאַלן פּעריאָד... ער האָט געשטאַמט פון רבנים און סוחרים און האָט פאַר זיך אויסגעקליבן די פּראָ־פעסיע פון אַ קינסטלער.

ער האָט געמאָלט אַ סך פּאָרטרעטן און איבערגעלאָזט אַ בילד פון דער באַרימטער טשאַרלסטאָנער סינאַגאָגע, איידער זי איז אָפּגעברענט געוואָרן אין 1838. זיין מאָלעריי „משה דערהאַלט די לוחות", וואָס סימבאָליזירט די נייע דערוואָרבענע פרייהייט, האָט געוואונען אַ מעדאַל. צווישן די קינסט־לער פון 18טן יאָרהונדערט זיינען ברייט באַקאַנט: דזשייקאָב לאַזאַרוס, מאַקס ראָזענטאַל, העגרי מאָזלער, מאָזעס דזשייקאָב איזיקיעל, קעטהרין קאָהן, אפרים קייזער, איזידאָר קאַנט, דזשאָרדזש דאַמאַדיראָפּע־שאַטאַ, הענרי וואולף, לואי לאוב, אַלבערט טשערנער, ערנסט פּעיטשאַטאַ, איוואַן אָלינסקי, מאָוריס פּראַמקעס, הענרי ריטענבערג, יוגאָ באַלין און אַנדערע. דאָס זיינען געווען פּאָרטרעטן־מאָלער, גראַפיקער. אַנדערע האָבן שפּעטער שטודירט אין פּאַריז, מינכען, איטאַליע. זיי האָבן געשאַפן ביוסטן פון בעטהאָווען, ליסט, און אויך בילדער אויף יידישע טעמעס: „אדם און חוה", „קין", „יהודית", „דוד", „אסתר המלכה". אין דעם באַרעליף „ישראל", „רעליגיעזע פרייהייט", מאָזעס דזשייקאָב איזיקיעל (1844־1917). די מאָלער זיינען געווען גראַווירער, האָלץ־שניט, רעפּראָדוקציעס פון די וועלט־מייסטער ווערק. אַ קינסטלער האָט שוין מער ניט געמוזט ווי פריער פאָרן קיין אויסלאַנד צוליב זיין העכערער קונסט־בילדונג (די ערשטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט) אָבער — מען איז געפאָרן קיין רוים, דיסלדאָרף, פּאַריז; זיך געגריבלט אין דער ראָמאַנטיק, „צום לעגענדאַרישן, צום פאַנטאַסטישן, צום עקזאָטישן און אויסטערלישן."

אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט דער יידישער אַנטייל אין אַמערי־קאַנער קונסט דערגרייכט אַזעלכע פּראָפּאָרציעס, אַז אַן אים וואָלט די אַמערי־קאַנער קונסט, קוואַליטאַטיוו, אויסגעקוקט אַ סך אַנדערש און אָרעמער. „...מען דאַרף אויך צוגעבן, אַז אין דער אַקאַדעמיע גופא און אין קרייזן, וואָס זיינען נאָענט צו דער אַקאַדעמיע, האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פּראָגרעסיווער

פליגל, יועמעס אַרבעט עס שפּיגלט אָפּ אַ באַוואוסטזיין וועגן די נייעסטע עסטע־טישע דערשיינונגען אין דער וועלט פון קונסט."

ל. לאָזאָוויק זאָגט אויך אין זיין פאָרוואָרט: „אין דער קונסט האָט זיך אויסגעדריקט דורך דעם קרעפטיקן רעאַליזם אַ גרופּע, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אַלס די „עש־קען סקול" (די מיסטקאַסטן שולע), אָדער „די רעוואָלו־ציאָנערע שווארצע באַנדע"... די יידישע קינסטלער זיינען באַטיטלט געוואָרן ווי „קלאַסנקאַמף", אָדער „פּראָלעטאַרישע". מיינסטנס סאָציאַלע קינסטלער. זייערע ווערק באַהאַנדלען די איבלען פון דער היינטיקער אָרדענונג און דעם קאַמף קעגן לינטשינג, עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע, סטרייקס, דעמאָנסטראַ־ציעס, אימפּעריאַליזם, ראַסן־דיסקרימינאַציע." דער קינסטלער, אויב ער איז אופּריכטיק, גייט מיט דער צייט... פאַר אַ ביישפּיל לאָמיר נעמען: די ברויט־רייען, דאָס וואַרפן פון די דירות די אָרעמע מענטשן און דעם קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם אין די יאָרן פון 1929־1930."

מיר געדענקען די קאַריקאַטורן, סאַטירע, גראָטעסקן, שאַרזשן פון וויליאַם גראָפּער. און לאָמיר ניט פאַרגעסן — הגם ניט קיין יידישער קינסט־לער — די מיוראַלן אין ראַקעפעלער סענטער פון דיעגאָ ריווערא, פאַר וועלכע די בורזשואַזיע האָט זיך דערשראָקן... די פּלאַסטישע קונסט: מאַלערייען און סקולפּטורן, וואָס באַהאַנדלען אַלע טעמעס פון אַרבעטער־לעבן און אויך ביבלישע, רעליגיעזע לאַנדשאַפטן, סאָוועטישע, אויפשטאַנד אין דער וואַר־שעווער געטאָ, פּאָגראָמען, און אַזוי ווייטער.

און לאָמיר שוין פאַר איין וועגס אַריינברענגען אַ יידישן פּלאַסטיקער, וועלכער ווערט ניט אָפּגעשפּיגלט אין דעם אַלבום: בערנאַרד באַרוך זאַקהיים, וועלכער איז געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1898. ער קומט פון אַ פאַרמעג־לעכער פאַמיליע, וואָס האָט אים געגרייט צו רבנות. אָבער די נויט און אָרעמ־קייט, הונגער און דחקות, וואָס ער האָט צוגעזען אַרום אים, האָט אים פון דער היים פאַרטריבן. ער האָט אונטער שווערע אומשטענדן באַוויזן צו שטו־דירן אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע, וואו ער איז געווען געצוואונגען איבער־צורייסן זיין שטודירן. זאַקהיים איז געזעסן אין טורמע ביי די דייטשן צוליב זיין קעגנערשאַפט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָך זיין באַפרייאונג איז ער אַוועק אין סאָוועטן־לאַנד, דערנאָך קיין מעקסיקאָ, וואו ער האָט שטו־דירט אונטער דיעגאָ ריווערא. פון מעקסיקאָ איז ער אַוועק קיין פּאַריז און אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער און ווידער צוריק קיין סאָוועטן־לאַנד, שוין אַ רייפער קינסטלער פון פרעסקאָס, מיוראַלן, לאַנדשאַפטן, און איז דאָרט אנערקענט געוואָרן אַלס אַן אָנגעזענער מאַלער.

צו דעם 26טן יאָרטאָג פונעם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, האָט ער קיין לאָס אַנדזשעלעס געבראַכט פון זיין היים „פאַרם־אַרטס" זעקס סקולפּ־טורן, אין אָנדענק פון די זעקס מיליאָן מענער, פרויען און קינדער, וואָס די

נאַצישע רוצחים האָבן פאַרגאַזט. די פיגורן — הויכע, מאַסיווע, איינדרוקס־פולע, זיינען קאָנסטרוקטירט פון „רעדוואוד" (רויטע האָלץ). זיי שטעלן פאָר די יידישע מאַרטיראָלאָגיע, די ליידן פון די יידן אונטערן היטלעריזם. איין פיגור שטעלט פאָר: „איך וויל זיין נייטראַל..." דער ייד וואָס מיינט, אַז ער וועט זיך אַרויסראַטעווען ווען ער וועט ניט געבן קיין ווידערשטאַנד... נאָך אַן אַרבעט, וואָס שטעלט פאָר „אַ ייד מיט דער תורה", וואָס זוכט שלווה. די דריטע פיגור: „גענאָסיד", און אַ קינד, געבונדן אין קייטן אין שאָטן פון טויט, און אויך דער קאַמף פון מענטשן, דער גייסט, וואָס האָפט צו בלייבן לעבן... נאָך אַ סקולפּטור: אַ פרוי אין דער מלחמה, וואָס פאַרגעסט, אַז זי איז אַ פרוי און שלאָגט זיך העראָאיש קעגן שונא ווי אַ זעלנער, ווען קיין ווידער־שטאַנד־מענער זיינען שוין מער ניט געבליבן... און אַ מאַרטירערין, וועלכע טיילט צו כבוד צו מיידלעך אין אַ שולע, וואָס האָבן בעסער אויסגעקליבן דעם טויט איידער לעבן אין אַ הויז מיט נאַצים אַלס מעטרעסעס...—און די זעקסטע פיגור: „פאַר אונדזער און אייער פרייהייט". צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פאָר מאַרטירער, וואָס זיינען גרייט אויף לעבן און טויט מיטן שונא. דאָס זיינען ריזיקע פיגורן, פעסט געבויט, זיבן פוס הויך און ברייט אין דיאַמעטער, וואָס דערציילן געשיכטע...

אַ קרעאַטיווער קינסטלער איז אינטערנאַציאָנאַל, אפילו ווען ער ברענגט אַרויס אין זיין שאַפן נאַציאָנאַלע שטריכן און געפילן. ווען מיר נעמען, צום ביישפיל, די קונסט־עפּאָכעס פון איטאַליע, שפּאַניע, האָלאַנד, פראַנקרייך, זעען מיר, אַז דער קינסטלער, וואָס האָט געהאַט וויזיע, האָט זיך דערהויבן צו דער אייביקער קונסט.

ווען מיר מישן דעם אַלבום פון הונדערט יידישע קינסטלער, שטעלן מיר זיך אָפּ ביי דער שאַפונג פון מ. יאַפּע, ביי זיין מאָלעריי „ערב יום־כפור". דער זיידע בענטשט דאָס אייניקל, די באָבע ביים טיש פון ליכט־צינדן. דאָס בילד דערציילט פון אַ לעבן וואָס איז אַמאָל געווען אין דער היים, ווען מיר זיינען קינדער געווען, און דאָס יידישע לעבן איז געווען רייך און פאַרכאַפּנדיק. אָדער נעמט דאָס בילד פון אַדאָלף וואָלף: „פּלטים". קינסטלער זיינען ראָמאַנ־טיקער און אייוער פון זי איז סאַול ווילסאָן. ווען ער פּרעזענטירט זיין בילד „דער שמאָלער דורכגאַנג" זאָגט ער: די רעליגיעזע מאָלערייען פונעם פּרע־רענעסאַנס זיינען גרויס יישט דערפאַר, וואָס זיי זיינען גענומען פונעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט, נאָר צוליב זייער טיפקייט פון געפיל און זייער קינסט־לערישקייט. דזשאָן וועגנער גיט אונדז זיין בילד „צירק" און ער שטרייכט אונטער, אַז קונסט ווייסט ניט פון קיינע באַריערן און נאַציאָנאַליטעטן, גלויבן אָדער קאָליר. מאַקס וועבער שרייבט, אַז אַ קינסטלער טאָר זיך ניט פאַרשליסן אין עלפאַנטביין טורעם, אין וועלכן ניט איין טאַלאַנט איז שוין דערשטיקט גע־וואָרן צוליב „אַנגל אין ועזעלע" אַפּטלעכע וויטאַמינען, און ער זעצט פאָר: „וואָס

נעענטער דער קינסטלער איז צום פאָלק, וואָס מר ער באַטייליקט זיך אין זיינע קאַמפן זייער האָפענונגען, זיינע פריידן און זיינע זיגן איבער טיראַניי, אַלץ קרעפטיקער און פּראָדוקטיווער ווערט ער. „אין מאָלעריי, ווי אויף דער טעאַטער־בינע, ווערט די דראַמאַטישע קוואַליטעט דערגרייכט דורך קאָנפליקט." הערי שטיינבערג מאָלט „פּאַשיזם". ער איז גערעכט ווען ער זאָגט, אַז „איך וויל, אַז מיין קונסט זאָל זיין אַן אויסדרוק פון דער צייט"... פאַשיזם דאַרף ניט פּאַרטייטש ווערן. דאָס בילד איז אַ קלאָרער אויסדרוק פון טראַגעדיע, גרויל, טויט, פאַרניכטונג פון אַ פּאָלק..." דאָס איז זיין רעליגיע. מאָלן בילדער, ניט אַפּשפּעטז, אויך נישט גלאָריפיצירן דאָס אין וואָס אַ מענטש גלויבט, נאָר זיין ערלעך אין דער קונסט, ברענגען צום אויסדרוק דעם „הומאַניזם" אפילו אין די תפילות.

די יידיש־אַמעריקאַנער מאָלער זיינען כמעט אַלע „פרעמדע", געבוירענע אין פוילן, לאַטוויע, בעלגיע, רוסלאַנד, אוקראַינע, רומעניע, עסטרייך, אונגאַרן, עסטאָניע, ליטע, בעסאַראַביע, און געבוירענע אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, אין איטאַליע — וואָס האָבן אַהער אַריינגעוואַנדערט — ווער פריער, ווער שפּעטער.

„...אַ גרויסער טייל פון מיינע ווערק — זאָגט מאָזעס סאוער — איז געווידמעט דעם טאַנץ און באַלעט... אמתע קונסט איז אוניווערסאַל... ווען ער פּאַרצייכנט די ליניעס, געוואוינהייט און מנהגים פון די מענטשן און די לאַנד־שאַפט פון זייער אייגענער סביבה."

וואָס איז די אַמביציע פון אַ קינסטלער? אויף דעם ענטפערט דער סקולפּטאָר לואיס סלאָבאָדקין: „הומאַניזם", וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין רעזשי, גרים, דעקאָראַציע, דראַמע."

וויליאַם שווארץ גיט אונדז אַ בילד „איינזאַם", אַ מאַן און אַ פרוי, איר קוקט אויף דעם בילד און עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אייערע אויגן אַ קלאַסישע דראַמע, וואָס ווערט אַרויסגעבראַכט אין דער פּלאַסטישער קונסט.

ראובן רובין גיט אונדז אַ ייד, אַ הדרת פנים, אַ „שטילע תפילה". אין דער שלווה פונעם ייד איינגעהילט אין אַ טלית, ווערט דערציילט וועגן דעם לעבן וואָס איז אַמאָל געווען — און הגם דאָס וועט שוין מער ניט זיין, רופט עס אַרויס נאָסטאַלגיע, רחמנות צו די וועלכע זיינען אומגעקומען אויפן שייטער־הויפן, אונטערן קנאַפּל פון פאַרשאָלטענעם נאַציזם.

אין סעמועל ראָזענבערגס „ברויט", זעט איר אויגן און הענט, וואָס זעען ברויט און קאָנען דאָס ניט דערגרייכן. ווער קאָן זיך דאָס פאָרשטעלן, אַז אין רייכסטן לאַנד פון דער וועלט גייען צען מיליאָן מענטשן שלאָפן הונגעריק... הוויל איז דעם קינסטלער, וואָס גיט דאָס רעאַליסטישע פון פאָלקס־לעבן; דאָס טרויעריקע ווי דאָס האָפערדיקע, פון קינדער־שפּיל, דאָס געזאַנג און דאָס פריילעכע לעבן. אַזעלכע הענט זיינען געבענטשט.

אין לואיס ריבאַק׳ס „אין מיטן זומער“ שפּילן זיך קינדער. איר ווערט פאַרגאַפּט פון דער גאַנצער פּאַנאָראַמע. איר זעט ניט נאָר די קינדער שפּילן, טאַנצן, יאָגן זיך. ער גיט אייך אַ בילד מיט הייזער, אַנשטאַלטן — רעליגיעזע, רייכע, אָרעמע, און ער לאָזט אייך טראַכטן „וואָס טוט זיך דאָרט אין די הייזער. . .“

לייאָנעל ס. רייס מאָלט דעם נעגער „טאָם“, וואָס זיצט אָן האָפענונגען, מיט דער קוליע... איר גייט אַוועק פון „טאָמען“ מיט אַ געפיל פול מיט צאָרן. און באַלד אויף דער צווייטער זייט: „לעקעך מיט בראָנפן“ פון שאול ראַסקין. איר באַגעגנט אין אַלבום פון 103 אַמעריקאַנער־יידישע פּלאַסטיקער, פּייזאַזשן: „זומער“, „ווינטער“, „האַרבסט“, „פרילינג“, און איר זעט אויך דעם קונסט־קריטיקער, דעם אַלץ־ווייסער, ווי מיט גרויס גדלות שטייט ער איבער דעם שאַפן פון אַלע מייסטערס און זיין שאַרפן אויג, וואָס קוקט צו יעדן שטריך פון בילד, אָדער סקולפּטור, און באַשטימט — וועמען צום לעבן און וועמען——...

אין די מאַלערייען האָט איר „דעם פישערס שטיבל“, „מעקסיקאַנער מאַרק“. זוני מאוד, דער קינסטלער, טראָגט אַריין אַ שטיק פון זיין לעבנס־אייגנאַרט אין דער פּלאַסטישער קונסט. עס איז נישטאָ אין דער קונסט קיין באַשטימטע פאָרמולע, קיין פאַרשריפטן, וואָס אַ קינסטלער מוז נאָכפאָלגן.

יואל לעוויט גיט אונדז „שבת“; וויליאַם מייראָוויטש — „שופר־בלאָזן“. דאָס זיינען אימפּרעסיווע כאַראַקטער־מאַלערייען, וואָס דערמאָנען אין אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, באָבעס און זיידעס, וואָס דער נאַציזם האָט פאַרטיליקט...

איינדרוקספול איז „דער טאַטע וועט קומען“, צוריק... פון ס. לעוולאַנדו. די מאַמע טוליעט צו זיך די טעכטער, וואָס דריקט אויס האָפענונג און פאַרצווייפלונג. איר גייט פון בלאַט צו בלאַט, פון זייטל צו זייטל, און איר שאַצט ווי ערלעך דער פּלאַסטיקער גיט איבער „אַ הינטער־געסל“ (פרענק קליינהאָלץ), און משה קיש „פאַבריקן“. דאָס דערמאָנט אין מאָריס ווינטשעווסקיס ליד „אַ בעזים און אַ קער“, אַז ווען עקספּלואַטאַציע און אָרעמקייט וועט אָפּגעשאַפט ווערן, וועלן ניט זיין די פאַרוואָרלאָזטע מענטשן, וועלכע בלאָנקען אַרום אין די הינטערגעסלעך און ווערן אַרויסגעשטויסן פון די פאַבריקן; די הענט וועלכע שאַפן אַלץ פאַר די רויבער־אינדוסטריאַליסטן און אַליין האָבן זיי גאָרנישט.

מאַקס קאַליש ווייזט אונדז דעם מעכטיקן, געזונטן „בויערער“, וואָס דרילעוועט דעם האַרטן שטיין און ער שרייבט: „ניט שיינקייט און ניט רעליגיע, נאָר טעכניק און אינדוסטריע באַוועגן די וועלט, און דער קינסטלער מוז זיך אויסדריקן אין די טערמינען פון זיין צייט...“ מיר ווערן ווייטער אַנטציקט פון דער רייפקייט און שעפערישקייט, וואָס די פּלאַסטיקער ברענגען אַרויס פאַר דעם דור פון אונדזער צייט און פאַר די דורות וואָס וועלן קומען, אַז אויך פאַר זיי זאָל ניט פאַרלוירן גיין די געשיכטע פון היינט.

אוירויון ד. האָפמאַן מאָלט „פּלטים". איך קוק זיך איין אין די פּנימער — יינג און אַלט. אָך, וואָס פֿאַר אַן אויסדרוקן! בלויז קעפּ האָט אונדז דער מאָלער געגעבן. ער שטרייכט אונטער: „מיין הויפּט־ציל איז צו געבן אויס־דרוק מיינע מיטמענטשן מיט ווירדע און פֿאַרשטענדעניש און מיט אַזוי פֿיל פּערפֿעקציע וויפֿיל איך פֿאַרמאָג..." ווען דזשאָזעף הוירש מאָלט דעם „פּלאָם־בלאָזער", זאָגט ער: „די זאַך פֿון דעמאָקראַטיע איז די זאַך פֿון קרעאַטיווער קונסט. און דער קינסטלער פֿון היינט, ווען פֿרייהייט פֿון קונסט איז טייער, וועט דעריבער קעמפֿן פֿאַר דעמאָקראַטיע אין וועלכער די קונסט געדייעט." „שטיל־לעבן" — אַ בוקעט בלומען פֿאַר אַ מוטער, אַ געליבטע, איז ווי ליכט פֿון קלאָרן הימל, ווי דער בעסטער וויין, ווי די שענסטע רויז וואָס די נאַטור האָט באַשאַפֿן און דאָס גיבן אונדז די קינסטלער אין דעם אַלבום.

אין דער יידיש־אַמעריקאַנער פּראָזע־ליטעראַטור, ווי די סקיצע, ראָמאַן און פּאָעזיע, שפּיגלט זיך ניט אָפּ דאָס לעבן פֿון קוילן־גרעבער, מינען־בויערער, שטאָל־אַרבעטער. דאָס לעבן פֿון פּויער אין דער אַגריקולטור; מאָריס וויני־שעוווסקי, דוד עדעלשטאַט, באָושאָווער און מאָריס ראָזענפֿעלד שפּיגלען יאָ אָפּ דעם אַרבעטער אין דער לייכטער אינדוסטריע. דאָס זעלבע טוען אויך פֿיל פּראָזע־שרייבער. אָבער דער פּלאַסטיקער איז דער קונסט פֿון מאָלעריי און סקולפּטור גיט אונדז דעם פּייזאַזש פֿון דאָרף און פֿעלד, דעם קוילן־מיינער. כאָטש די פּלאַסטיקער זיינען אויך ניט געקומען אין באַרירונג מיט די אַרבעט־טער פֿון דער שווערער אינדוסטריע, האָבן זיי אָבער געהאַט וויזיע. זיי זיינען נאָך געגאַנגען אַ סך טיפֿער אין אַמעריקאַנער אַרבעטער־לעבן. איר זעט דאָס אין „אַ דאָרפֿישער פֿאַררעטער" פֿון א. האַריטאָן. ער ווייזט אייך ווי דאָרפֿישע פּרויען מיט זייערע אויפֿגעהויבענע שטעקנס און צאָרנדיקע אויסגעשרייען יוען זיי טרייבן דעם פֿאַררעטער. דער פּלאַסטיקער איז מער אינטעלעקט צו באַנעמען די סביבה. ער איז אויך מער אינטערנאַציאָנאַל אין זיין שאַפֿן, האָט אויך אפשר מער פֿאַנטאַזיע ווי דער פּאָעט און דערציילער, ווייל אין אַ מאָלעריי גיט אייך דער קינסטלער אַ ראָמאַן.

„עקספּרעסיווער פֿאָרם פֿון אַ פּאַר באַרנעס איז, לויט מיין מיינונג, וויכ־טיקער ווי די מאָלעריי פֿון אַ מינדערוויכטיקן מאָלער" — שרייבט דזשאָזעף גראָסמאַן ווען ער גיט אונדז זיין בילד „שיפּבוי", ווייזט ער אייך אַ מוסטער פֿון פּשטות און אַ פּראַכטפֿולן הינטערגרונד, שטימונג פֿון דער נאַטור, וואָס איז רייך און קאָלירפֿול.

חיים גראָס איז אַ שניצער. ער גיט אייך „אַקראָבאַטישע טענץ", וואָס פֿאַרכאַפּן מיט מייסטערשאַפֿט קאָפּ אויף קאָפּ, איין פֿוס אויף דער ברוסט, דעם צווייטן אויף די קני — דאָס איז דאָס לעבן אין צירק. דאָס האַרץ טוט אַ ציטער, עס זאָל חלילה עפּעס ניט פּאַסירן... אָן ריטם, ליניעס און פֿאָרמען, קאָן ניט זיין קיין קונסט. און דאָס באַווייזט חיים גראָס אין זיין אַרבעט פֿון אַ שניצער.

וויליאַם גראָפּערס „ציגאַרן־מאַכער“ איז אַ פֿאַרשייט בילד, וואָס פֿאַר־כאַפּט מיט זיין קלאָרקייט. גראָפּער שרייבט: „מיין קינסטלערישע אַרבעט איז אָנגערופן געוואָרן „סאָציאַלער רעאַליזם“, „סאָציאַלער באַוואוסטזיין“ און „לינקער פֿליגל“. וואָס האָט מען שוין מיך אַלץ ניט גערופן: וועגן דעם לאָמיר שוין בעסער שווייגן. איך בין געווען קעגן רעאַקציע און פֿאַשיזם נאָך מיט יאָרן איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, ווען מוסאָליני האָט איינגעפירט פֿאַשיזם אין איטאַליע און נאָך פֿריער, אין דער צייט פֿון אינטערווענציע קעגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. איך האָב געצייכנט בילדער און קאַרטונס קעגן אָט־די איבלען פֿאַר יעדער צייטשריפֿט וואָס איז געווען גרייט זיי צו דרוקן. איך צייכן אַזעלכע קאַרטונס נאָך ביז היינטיקן טאָג“. גראָפּער איז אַ גויסער שעפֿערישער קינסטלער, אַ „שמיר“ מיטן פּענזל, און איר זעט אין וועלכער צייט ער דאָס דאָס געמאָלן. דאָס לייוונט, פּאַפּיר און בליישטיפֿט רעדט... ער שרייבט: „ראַסן־האַס, פֿון די אונטערדריקונג פֿון דעם ייד און דעם נעגער, און די טרוימער, מענער, פֿרויען, וועלכע העלפֿן שאַפֿן אַ בעסערע וועלט, זעען מיר, אַז: — „קינסטלערישער פּראָגרעס קאָן געדייען נאָר דורך פּראָגרעסיווער פּאָליטישער אַקציע.“

אהרן גודעלמאַן איז פֿאַרטראָטן מיט אַ סקולפּטור „מאַידאַנעק“. דאָס איז דער „אני מאמין“, די ווירדע פּונעם מענטשן, די ערלעכקייט פֿון שאַפֿער אויסצודריקן די געפֿילן פֿון פֿאָלק אין דער צייט וואָס מיר לעבן.

ענריקאָ גליצענשטיין: „אַ פּרוי־פּיאָנער מיט אַ קירקע“. וועגן דער אַרבעט זאָגט ראַקוועל קענט אַזוי:

„זיין פּיאָנער־פּרוי, זיין געפּענטעטער מאַן, זיין וואַנדערער: זעט זיין אייפּעריקע שפּאַנישע לאַיאַליסטישע פּרוי, און זיין ביטער־איראָנישן דזשענטלמאַן פֿון מינכען, זיין פּראָפֿעטישע פֿאַשיזם־וואָרצלען פֿון צעפּאַלונג; זעט מיט וואָס פֿאַר טיפֿן מיטגעפֿיל איז זיין „סטאַלינגראַד“, וואָס פֿאַר אַ גלויבן אין זיין נאַציאָנאַלער פֿאַרטיידיקונג.“

טאַדרעס געלער אין „ירמיהו הנביא“, זאָגט אין זיין „קרעדאָ“: „דער קינסטלער שאַפֿט אַמבעסטן, ווען ער איז ניט מחויב צו דערקלערן וועמען ניט איז פֿאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבן איין וועג אָדער אַן אַנדערן אַרויסצו־ברענגען זיינע אויסגעוויילטע טעמעס“.

כאַראַקטעריסטיש איז פֿאַר פֿיל קינסטלער: עס גייט זיי נאָך די נאָס־טאַלגיע רון שטעטל, פֿון דער אַלטער היים. מיר זען דאָס אין באַריס דויטש, ווען ער גיט אונדז דאָס קלאַסישע בילד אָדער געמעל פֿון „תלמידים“, הגם נאָך זייער יונג, זיצן זיי שוין מיט אַ געקנייטשן שטערן, דאָס אבל־פּנים מיט די בלאַסע באַקן, גרויסע ליכטיקע אויגן, איידעלע, לאַנגע, דאַרע פֿינגער, וואָס האָבן נאָך אין זייער לעבן קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער ניט אַריינגעטאָן...

צווישן די אַמעריקאַנער־יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן פון יענער צייט — וועט איר כמעט ניט געפינען קיין אַבסטראַקטע קונסט. דאָס זיינען פלאַסטיקער געבוירענע אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט, וואָס האָבן געלעבט און לעבן נאָך עד־היום אין אַ רעאַלער וועלט, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די סביבה אַרום זיך: דאָס הויז, די גאַס, די געטאָ, דעם שכן און די געשעעניש; פון שטעטל; און שוין העט־שפּעטער: די גרויסע מעטראָפּאָליע, די סאָציאַלע קאָנפליקטן פון דער געזעלשאַפט, זייער אַרט־לעבן, אָרעם און רייך. דאָס אַלץ האָט די קינסטלער באַווירקט און אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער וועלט די שאַפונגען פון די קינסטלער, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קנעטן, שניצן, מיט אַ דלאָט און האַמער. אָט־די קינסטלער האָבן „אויפגעכאַפּט" דאָס לעבן אין זייער נייער היים, אַמעריקע. מיר זען דאָס אין דעם איינדרוקספולן בילד פון דזשאָרדזש בערלין: „אַ מאַרק אין ניו אָרלינס", וואו אַ „וואָגיקע" פרוי זיצט איבער אַ געשטעל פון פרוכטן און וואַרט אויף אַ קונה...

דוד בעקער, וואָס האָט שוין באַרייזט אַ וועלט, וויזט אַ בילד „חקירה". „יאָ, זאָגט ער, איך מאָל ווי אַ חסיד, מיט גלויבן און פרייד — זאָלן טאַנצן די ליניעס און לאַכן די פאַרבן, און דערקוויקן דאָס צעוויטיקט יידיש האַרץ און געמיט." די יידישע מאָלער זיינען ניט קיין אַסקעטן, זיי האָבן שטימונגען און ברענגען דאָס אַרויס אין דער עפנסטלעכקייט.

א. ס. ביילינסאָן באַווייזט אַ פרוי „אין פולער בליאונג", אין איר גאַנצער נאַקעטקייט, וואָס באַהעפט זיך מיט בליענדיקע בלומען אויף אַ טישל; און מאַקס באַנדי „פאַרגעסט אונדז ניט", שטייען מענטשן אין דער מיט פון אַ פאַרוואָלקנדיקע וועלט ווי יתומים...

דאָס יידישע פידעלע

צופעליק האָבן די צוויי מוזיקאַנטן זיך ווידער באַגעגנט אין וואַרשע, אין חודש אַפּריל, אינעם יאָרטאָג פונעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ. איינער איז צוריקגעקומען פון טרעבלינקע און דער צווייטער פון אוישוויץ. ביי דער ערשטער באַגעגעניש, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 22 יאָר צוריק, ווען זיי האָבן זיך קוים דערקענט, האָבןביידע געקוקט איינער אויפן צווייטן און געשוויגן... ערשט העט־שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך אַביסל באַרואיקט, האָבן זיי אָנגעהויבן ריידן — קוים צו הערן... זיי האָבן זיך דערמאָנט אין די פאַרגאַנגענע גרויליקע טעג, יאָרן, און אויך אין די גוטע צייטן פון אַמאָל, ווען איינער פון זיי האָט געשפּילט פידל און דער צווייטער — טשעלאָ. זיי האָבן געשמועסט וועגן די יוגנט־חלומות, וואָס זיינען אויסגערונען געוואָרן און געשאָקלט מיט די קעפּ, וואָס זיינען פריצייטיק באַדעקט געוואָרן מיט שיטערע, ווייסע האָר, וואָס איז פאַרבליבן פון זייערע פעך־שוואַרצע קוטשעראַווע, פּאַ שייטע לאָקן, וואָס זיינען געפאַלן אויפן שטערן בעתן שפּילן.

— יידן — רעדט מאַריק — זיינען גענייגט צו טשעלאָ, און ספּעציעל צו דעם פידעלע, ווייל עס ווייגט און לאַכט, עס איז צאַרט, טראַגיש און דראַמאַטיש.

— אמת — זאָגט ירוחם — אפילו בשעת אַ מגפה כאַפּט מען עס און מען לויפט... דערפאַר איז דאָס פידעלע און דער יידישער קלעזמער אַזעלכע יחסנים.

— איצט האָבן מיר ניט קיין פידעלע, איז אויס יחסן — זאָגט מאַריק.

— דאָס פידעלע איז דאָך געווען דער גרעסטער מחותן אויף יידישע חתונות. צום „באַדעקנס" האָבן מיר אונטערגעשפּילט דעם בדחן „כלהלע, כלהלע, וויין, וויין," און אויף אַן אָרעמער חתונה איז געווען בלויז איין קלעזמער און איין פידעלע... און אין קאָנצענטראַציע־לאַגער — דערמאָנט זיך ירוחם — האָבן די יידישע קלעזמער געשפּילט אַ פריילעכס, כדי צו פאַרלייכטערן דעם לעצטן וועג פון די, וואָס די דייטשן האָבן געפירט „צום הימל"...

— די פידלער פון וואַרשע, לאָדזש, לובלין, — זיי האָבן געשפּילט אויף די הויפן פון אָרעמעלייט. קיין נאָטן האָבן זיי ניט געלייענט — זיי האָבן אָבער געמוזט מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער, און אפילו אין די געטאָס און שפּעטער אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווען דער נאַצי־תליון האָט באַפוילן: שפּיל! האָבן זיי דעמאָלט אויך געשפּילט מיט האַרץ און נשמה.

אין דער קאַפע־הויז, וואו ביידע פריינט זיינען געזעסן, האָבן זיך באַוויזן דריי מענער: אַ טשעליסט, אַ פידלער און אַ האַרמאָניקע־שפּילער.

זייערע הויכע טענער האָבן זיך פאַנאַנדערגעטראָגן איבער דער גרויסער „סאַלע" פון דער קאַפע. ביידע פריינט האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל

און געקוקט מיט אַנגעשטרענגטע בליקן צו דעם פידלער, ווי ער פירט מיטן בויגן איבער די ווייכע סטרונעס און באַקאַנטע, מעלאָדישע טענער זיינען געפלאָסן איבערן זאַל און אויפגעהייטערט דעם עולם צום טאַנצן. ביידע פריינט זיינען געוואָרן באַטריבט און אין זייערע מחשבות זיך געפרעגט: — „אפשר איז דאָס מיין טשעלאָ, מיין פידעלע?"...

— לאָמיר ניט ווערן סענטימענטאַל — זאָגט מאַריץ — עס וועט נאָך צוריקקומען די פרייד פון דער יוגנט, די פרייד פון צוויט, פון שיינע עפּל־ביימער. די רויזן וועלן נאָך בליען אין יידישע גערטנער, ווי פריער...

— הלוואי — זאָגט ירוחם — דו געדענקסט די לעצטע טעג אין לאַגער, ווען די אַוויאָנען האָבן זיך באַוויזן אין די הימלען מיטן רויטן שטערן? אמת, מיר זיינען ביידע נישט געווען אין איין בלאָק, אָבער די מערדער האָבן דאָך אין אַלע לאַגערן, אין אַלע גיהנומס געהאַט איין געזעץ — מאָרד!...

— צי איך געדענק — זאָגט מאַריץ — און עס באַווייזט זיך אַ גלאַנץ פון אַ טראָפּן, וואָס שטעלט זיך אין ווינקל פון אַ פאַרטרערט אויג; מיר זיינען געלאָפן און געפאַלן, געלאָפן ווילד, מיט פרייד, אָן כוח, און געזאָגט צו זיך: „מיר זיינען פריי!"... אויפן וועג האָבן מיר געפונען אַ צעבראָכן פידעלע, עס איז געווען צעלאָמעט, פאַרבלוטיקט, האָב איך עס אויפגעהויבן, גענומען אונטער מיין אָרעם, ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיק, פאַרלוירן עופהלע. עס הענגט נאָך אויך איצט ביי מיר אויף דער וואַנט, ווי אַ געקוילעט קינד, דאָס פידעלע. איך געדענק ווען כ'בין געגאַנגען זוכן מיין אַלטער מאַמען איבער די חורבע הייזער, האָב איך זיך דערמאָנט אירע לעצטע ווערטער: — „פאַרגעס ניט, מיין זון, דיין פידל, ער וועט דיר נאָך צונוץ קומען"... מער האָב איך זי שוין ניט געזען...

— ווילסטו וויסן, ירוחם, פאַרוואָס מיר האָבן געהאַט אַזוי פיל יידישע פידלער? אין דעם פידעלע, מיין פריינט, ליגט באַהאַלטן די גאַנצע גרויליקע טראַגעדיע און דער טויזנט־יאָריקער צער און פּיין פון יידישן פאָלק... עס זינגט ווי אַ קאַנאַריקל אין שטייגל, ווי דער פאָפוגיי, ווי דער פאַפוגיי, וואָס איז פון אַ יידישער הויז פאַרוואָגלט געוואָרן אין אַ פּוילישער היים און יעדעס מאָל אַרויסגעזונגען „האָרץ, מיין האָרץ".. געדענקסטו די מעלאָדיע פון דער בלום, וואָס האָט אויפגעבליט? און אין מיטן בליען איז פאַרביי אַ שיכור און האָט איר אַ שטויס געטאָן, פאַרוואונדעט די רויז; און ווען עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי אויסגעגאַנגען...

די צוויי פריינט האָבן נישט געטראַכט צו פאַרלאָזן פוילן. זיי האָבן זיך געגריבלט אין דער טיפעניש, אין דעם כאַראַקטער פון פוילישן פאָלק... די צוויי וועלטלעכע מענטשן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אַלע נגישות, האָבן ניט געוואָלט פאַראורטיילן אַ גאַנץ פאָלק. זיי האָבן זיך דערמאָנט אין דעם גרויסן יידן־פריינט, אַדאַם מיצקעוויטש, וועלכער האָט געשריבן:

„מיין באַציאונג צו יידן איז פּאַר רעליגיעזער טאָלעראַנץ. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז די יידן זאָלן אַוועק פון פּוילן. פּונקט ווי ליטע מיט פּוילן האָבן געמאַכט מיליטעריש און פּאָליטיש גרויס אונדזער מלוכה, אַזוי גלויב איך, וועט די פריינטשאַפט פון פּוילן מיט די יידן פאַרגרעסערן אונדזער גייס־טיקן און מאַטעריעלן כוח.

די ווירקזאַמסטע צוגרייטונג פון פּוילן צום ווידערגעבורט איז דאָס פאַרניכטן די סיבה פון איר פּוילן. דאָס הייסט: פאַראייניקן און פאַרברידערן אַלע ראַסן און רעליגיעס פון אונדזער פאָטערלאַנד."

ווען פּוילן איז געפאַלן אין דעצעמבער 1939, האָבן צווי גרויפּעס שרייבער — איינע אַ פּויליש־יידישע, וואָס איז באַשטאַנען פון פּליטים פון אָקופּירטן פּוילן, און אַ צווייטע, אַ רוסיש־ווייס־רוסישע, פון מאָסקווע און מינסק — זיך געטראָפן אין געבוירן־אָרט פון אַדאַם מיצקעוויטש, אין נאָוואָגרודעק, כדי אָפּצוגעבן כבוד דעם פּלאַמיקן קעמפער פאַר פעלקער־פריינטשאַפט. דאָס איז געווען אַ פייערונג מיט אַ וויכטיקן סימבאָלישן באַטייט: אַן ענטפער די גיפט־מישער און ווילדע ראַסיסטן, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אָפּצואווישן יעדן זכר נאָך מיצקעוויטשן, פאַרבאָטן זיינע ווערק, צעשטערן זיינע דענקמעלער און פאַרשרייען דעם דיכטער אַלס משרת פון די נידעריק־ראַסיקע יידן. מיצקעוויטש איז שוין פריער, פאַר דער מלחמה, פאַרקריפּלט און געפעלשט געוואָרן דורך פאַרשידענע פּויליש־נאַציאָנאַליסטישע פּראָפעסאָרן, די היט־לעריסטן און די פּוילישע נאַציאָנאַליסטן האָבן געשטרעבט צו פאַרווישן יעדן שפּור פון דעם גרויסער דיכטער און הומאַניסט.

צווישן די יידישע שרייבער, אנטיילנעמער אין דער נאָוואָגרודעקער פייערונג, האָבן זיך געפונען: אפרים קאַגאַנאָווסקי, בינעם העלער, ישראל עמיאָט, מאַלטינסקי און בער מאַרק.

אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אין משך פון פינף יאָר, איז מיצקעוויטש געווען פאַרבאָטן אין פּוילן. אין דעם באַפרייטן פּוילן האָט אויפסניי אייפגעלעבט דער ראָמאַנטישער דיכטער מיט זיינע פאָלקס־מעשיות און פאָלקס־לידער אויף יידישע פאָלקס־מאָטיוון, וואָס ער האָט געשאַפן.

...דער דיכטער רוקט אַרויס „יאַנקלען", ווי דעם טרעגער פון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער מוזיק, פון פּוילישן נאַציאָנאַלן ליד, ווי דעם אינס־פּיראַטאָר פון פּאַטריאָטישע געפילן, ווי דער אויסדריקער פון דעם חשבון־הנפש פון פאָלק. די דאָזיקע אויפגאַבע לייזט מיצקעוויטש אין איינעם פון די פּרעכטיקסטע און סאַמע רירנדיקע פראַגמענטן פון „פּאַן טאַדעאוש" — אין באַרימטן קאָנצערט „יאַנקעליאַ"...

לאָמיר איבערגעבן אַ פראַגמענט פון אָט־דער קאָנצערט־שילדערונג אין דער יידישער איבערזעצונג פון יונה שפּער, וועלכער רופט דעם דאָזיקן פראַגמענט: „דער אַלטער קלעזמער":

„דער קלעזמער פֿאַרוואונדערט האָט זיך ניט דערקענט.
ער לאָזט אָפּ די דרענגלעך און הויבט אויף די הענט.“

„דער אַלטער צימבאַליסט ווערט אָוועקגעשטעלט דורך מיצקעוויטשן פּנים אל פּנים מיטן גענעראַל דאָמבראָווסקי — מיט דעם דאָזיקן גענעראַל, וועמען עס איז געווען דערווידער נאַפּאָלעאָנס עגאָאיסטישע פּאָליטיק, נאָר איז געגאַנגען אין דער מלחמה מיט דער האָפענונג, אַז אפשר וועט מען פּאָרט קענען געווינען די פרייהייט פון פּוילן. דער אַלטער יאַנקל זאָגט: „לאַנג האָט אויף דיר ליטע געוואַרט; לאַנג, ווי מיר יידן אויף משיחן.“ און מיצקעוויטש גיט צו: „ריידנדיק האָט ער געוויינט. דער ערלעכער ייד האָט דאָס פּאָטערלאַנד ליב געהאַט ווי אַ פּאָליאַק. דאָמבראָווסקי האָט אים דערלאַנגט די האַנט.“

מיצקעוויטש איז געווען אַ באַאָבאַכטער פון יידישן לעבן. ער האָט גוט געקאָנט זייערע זיטן, מנהגים. די פּאַרמעגלעכע, ווי די אָרעמע לייט, די קעמפער קעגן צאַריזם ווי די פּאַרטיידיקער. די דראַמאַטישע פּאָעמע „דזשאַדי“ איז ניט געווען צום האַרצן די פּוילישע „פּאַטריאָטן“ פון היינטיקן פּוילן, ווייל דער ייד ביי מיצקעוויטשן ווערט געשילדערט ניט ווי זיי מאָלן אים, נאָר אין די שענסטע פאַרבן.

„ביסט גערעכט, ירוחם, מיר באַרימען זיך מיט מיצקעוויטשעס 'פּאַן טאַדעאוש', זיין וואַרעמקייט און פּיעטעט ווי ער האָט אויסגעמייסטערוועט 'יאַנקעלעס קאָנצערט'. דאָס איז דאָך אַריין אין די ביינער, אין אונדזערע בלוטן. אַך, וואונדערלעך, גרויס! אַ געניאַלער קינסטלער איז ער דאָך געווען! דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין אונדזער צייט; איך געדענק נאָך אַ פּאָר ווערטער פון דער גרויסער פּאָעמע:

„באַרימט איז דאָך יאַנקלס טאַלאַנט און געשמאַק,
זיין גלייכנס נישטאָ נאָך אויף דעם אינסטרומענט.
מען לייגט אים זיין צימבל אַוועק אויף די קניען
און מ'עפּעיען שטאָלץ זיך די זקנישע וויען.
אַן אַלטער סאָלדאַט זיין דינסט גייט באַנייען,
און אייניקלעך גיבן אין האַנט אים כּלי־זין.“

„סקריפּקאָ!“ — האָט מאַריץ געמורמלט מיט אַ זיפץ. דער עולם איז געווען טומלדיק און באַלד שטיל געוואָרן. ווען די שפּילער האָבן זיך אויסגעשטעלט און געווען גרייט... דאָס פידעלע האָט געשפּילט אויף די נערוון פון די צוויי פריינט, ווייל עס האָט געוויינט ווי אַ קליין קינד, געלאַכט מיט חוזק, געזיינגען ווי אַ קאַנאַריקל. מאַריץ האָט פאַרגאָסן אַ טרער...

אין אַ ווייטער גאַס האָבן זעלנער מאַרשירט צום טאַקט. עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון אַ שווערן פּויק, וואָס האָט באַגלייט די מאַרשירער צו אַ גרויסער פייערונג, וואו עס איז געשטאַנען אַ פּעדעסטאַל פון זיג איבערן היטלעריזם.

די האַרמאָניקע האָט געשפּילט אויף הויכע טענער, דאָס פידעלע איז געווען ליריש, און די טשעלאָ האָט ריטמיש אונטערגעהאַלטן דעם טענאָר, וואָס האָט האַרציק געזונגען. דער עולם האָט זיך פאַרווײַלט, געגעסן און זיך געווישט דעם שווייס, ווי פון אַ שווערער, אָנגעשטרענגטער אַרבעט.

די טריאָ האָט נאָכן קורצן איבעררייס ווידער אָנגעהויבן מיט באַקאַנטע מעלאָדיעס פון אַ בלום, וואָס האָט אויפגעבליט און איז מיטן בליען איז פאַר־ביי אַ שיכור, וואָס האָט די בלום פאַרוואונדעט און ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, איז זי אויסגעגאַנגען.

„די באַשרייבונגען פון גאָר אַלטע פאָלקס־צערעמאָניעס אין דער פּאָעמע „דזשאַדי" און אַנדערע פון יידישע באַלעגאַלעס... אויסגעבויט אויף דער קאַנווע פון אַ יידישער גזלנים־מעשה. זיין פּרעכטיק ליד „דעם טאַטנס צוריקקום", האָט ער אַ דאַנק דער פאַרבינדונג מיט פּשוטע יידישע פאָלקס־געשטאַלטן, זיך אויסגעלערנט יידישע פאָלקס־לידער."...

בער מארק דערציילט, אַז מיצקעוויטש האָט געהערט צו די, וואָס האָבן אָמשטאַרקסטן אַטאַקירט די קאַטוילישע קירך און דעם מאָנאַרכיזם, אין ווילנער אוניווערסיטעט, אין 1815, צוזאַמען מיט יידישע סטודענטן פון אַ משכילישער סביבה. עס זיינען דאָרט אויך געווען כוליגאַנעס און אַנטיסעמיטן. זיי האָבן געהאַט אַ פאַרריסענע באַציאונג צו די יידישע סטודענטן און ניט געוואָלט זיצן צוזאַמען אויף איין באַנק. מיצקעוויטש האָט זיך גראַד באַ־פריינדעט מיט אַ צאָל יידישע סטודענטן און זיי געהאָלפן פירן דעם קאַמף צוזאַמען מיט אַנדערע פּראָפעסאָרן.

אַדאַם מיצקעוויטש איז געבוירן געוואָרן דעם 24טן דעצעמבער, 1798 און איז געשטאָרבן דעם 26טן נאָוועמבער, 1855. אין זיינע קרייזן האָט ער געשמט ווי אַ גוטער קענער פון יידישע פּראָבלעמען פון אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. בפרט האָט ער געגעבן דערקענט דאָס יידישע לעבן אין משך פון דער צייט, ווען ער האָט געאַרבעט אַלס לערער אין קאָוונע. שרייבט ב. מארק:

„דעת ערשטן באַנד פון אַדאַם מיצקעוויטשעס דיכטונג האָבן אויס־געזעצט יידישע דרוקער—מאַנעס און באַנטשיק. מיט די דאָזיקע יידישע ד, וקער האָט מיצקעוויטש פאַרקניפּט אַ האַרציקע פריינטשאַפט און זיי דער־מאָנט צום גוטן אין זיינע בריוו"... און ווייטער: „מיצקעוויטשעס אַ מיט־צייטלער, אַלעקסאַנדער כאָדזשקאָ, גיט איבער, אַז דער ערשטער ווען עס איז געפעלן געוואָרן מיצקעוויטשעס פּאָעזיע און וואָס האָט אויסגעדריקט אַנטציקונג מיט די „באַלאַדן און ראָמאַנסן", איז געווען דער דערמאָנטער זעצער באַנטשיק — אַ ווילנער יידישער זעצער, וועלכער פלעגט ברענגען

די קאַרעקטורן.״ מען קאָן אָן שום ספק אָננעמען, אַז צווישן אַנדערע אידעען, האָט אויך די שטעלונג פון די בעסטע דעקאַבריסטישע עלעמענטן צום יידישן פּראָבלעם, דערנעענטערט צו זיי מיצקעוויטשן, וועלכער האָט זיך שוין פון לאַנג פון זיין קאָוונער און ווילנער פּעריאָד, אינטערעסירט מיט אָט־דער פראַגע און איז געווען אַ סך מער פון אַנדערע באַפרייט פון פאראורטיילן לגבי יידן.

מיצקעוויטש איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון די דעקאַבריסטן, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער איינציקער אַקטיווער רעוואָלוציאָנערער כוח אין רוסלאַנד. אונטער זייער איינפלוס האָט ער געשריבן די פּאָעמע „קאָנראַד וואַלענראָד.״ אין דער פּאָעמע, ווי עס שרייבט בער מאַרק: „...האָט געשטעקט די דערמאָנונג פון דעם ביבלישן הערקולעס, שמשון הגיבור, און פון זיין באַקאַנטן אויסדרוק: „זאָל איך אומקומען צוזאַמען מיט די פלישתים.״

אין זיינע וואָגיקע ווערק, ספּעציעל אין „פּאַן טאַדעאוש״, ברענגט דער דיכטער אַרויס די פאראורטיילן פון פּאָליאַקן מצד יידן. בער מאַרק שרייבט:

„צו די צענטראַלע געשטאַלטן פון „פּאַן טאַדעאוש״ געהערט דער ייד יאַנקל, דער אָרעמער קרעטשמער אין סאָפּליצאַס גוט און דער טאַלאַנטירטער מוזיקאַנט. פאָרמעל איז יאַנקל אַן עפּיזאָדישע פיגור, אָבער פּאַקטיש האָט אים דער דיכטער אָנפאַרטרויט צוויי זייער וויכטיקע, צענטראַלע פונקציעס.״ יאַנקל איז באַליבט, אָבער די שלאַכטשיצע, די פּריצים, האָבן אים פיינט, הגם ער איז אַ גרויסער פּאַטריאָט, רעוואָלוציאָנער. יאַנקל ווערט אָפט בעלם, ער דער פאַרבינדלער מיט דער אונטערערדישער, פּאַטריאָטישער באַוועגונג.

„לאָמיר ניט פאַרגעסן: פּוילן איז נאָך געווען אונטערן שטיוול פון אָקופּאַנט, דער שונא איז שוין געווען געשלאָגן, די שעה האָט אָנגעזאָגט, אַז היטלערס נביאות וועגן טויזנט יאָר הערשאַפט וועט נישט מקוים ווערן... פוילישע שטעט זיינען שוין געווען באַפרייט פון די נאַצישע האָרדעס. די רויטע אַרמיי האָט זיי געיאָגט טאָג און נאַכט. מיר האָבן שוין געוווּסט וועגן דעם גורל פון אַ דריטל פון יידישן פאָלק, וואָס דער נאַציזם האָט אומגעבראַכט אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין געטאָס, אין גאַז־קאַמערן. דעמאָלט האָט דער פוילישער קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייאונג דערקלערט:

„עס האָט געשלאָגן די שעה פון נעמען רעוואַנזש, נקמה, פאַר די ליידן און יסורים, פאַר די פאַרברענטע שטעט און דערפער, פאַר די חרובע הייזער, גאַסן, שולן, קירכעס, פאַר דענקמעלער און הייליקטימער, פאַר קינד און קייט — דערמאָרדעט אין אוישוויץ, מאַידאַנעק, טרעבלינקע, פאַר מאָרדן יידן אין די געטאָס . . .

„דער פוילישער קאָמיטעט, די פוילישע מלוכהשאַפט האָט פייערלעך דעקלאַרירט אויפצושטעלן אַלע דעמאָקראַטישע פרייהייטן פון אַלע בירגער אָן אונטערשייד פון ראַסע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט.

„די אויפגאַבע פון די אומאָפּהענגיקע פּוילישע געריכטן וועט זיין צו פאַרזיכערן, אַז די פאַרברעכער זאָלן שנעל באַשטראָפט ווערן. קיין שום נאַצישער פאַרברעכער, קיין שום פאַרטעטער פון פאָלק טאָר נישט אויסמיידן די שטראָף! די יידן, וועלכע זיינען בעסטיאַליש אויסגעראָטן געוואָרן דורך די אָקופּאַנטן, וועט פאַרזיכערט ווערן די ווידער־אויפבויאונג פון זייער עקזיס־טענץ, ווי אויך די רעכטלעכע און פּאַקטישע גלייכבאַרעכטיקונג"...

„ביסט געגרעכט, מאַריץ, אָבער באַלד נאָך דער דעקלאַראַציע איז פאַר־געקומען דער קעלצער פּאָגראָם, וואָס האָט אויפסניי אויפגעטרייסלט די וועלט... מיר זיינען נאָך אַלץ געבליבן פּאַטריאָטן... דאָס יידישע פידעלע איז אויפסניי געשענדעט געוואָרן."

די צוויי פריינט זיינען נאָך אַלץ געזעסן אין דער קאַפע. גערעדט וועגן מיצקעווישן:

„...און ס'הערן זיך טויזנטער קולות פון האַסן,
פון מאַרשן, מלחמות, אַטאַקעס, געשרייען;
פון קינדערשע קרעכצן און מאַמעס יללות. עס קלינגען כלי־זין,
און שרעקלעכע זיפצן די מיידלעך דערהערן,
וואָס וועקן אויף ווייען אין האַרצן און טרערן,
דערמאָנען פון פּראַגישער שחיטה די לידער
און גליקלעך זיי זיינען, וואָס יאַנגלען ווידער..."

„אַזוי מיין פריינט ירוחם, רעדט מאַריץ אין אַ האָפערדיקער שטימונג, האָט מיצקעוויטש דערהויבן דער יידישן פידלער. אַדאַם מיצקעוויטש האָט פאַרעפנטלעכט אַ פּראָגראַם פאַר דעם פּוילישן לעגיאָן פון 1848, וואָס האָט אויך אַריינגענומען די פּונקטן:

פרייהייט פאַר אַלע רעליגיעס און גלויבנס און פולע פרייהייט פאַר רעליגיע, פרייהייט פון רעדע, פרייהייט אויסצודריקן זיך, און אורטייל דורך געזעץ, לויט די פּרוכט פון אָט־דער פרייהייט: „אַלע מיטגלידער פון דער נאַציע זיינען בירגער; אַלע בירגער האָבן דיזעלבע רעכט פאַרן געזעץ און געריכטן; גלייכע רעכט פאַר יידן אויף אַלע געביטן."

אַדאַם מיצקעוויטש האָט אין 1855, געציילטע טעג פאַר זיין טויט, דערקלערט: „עס וועט באַטראַכט ווערן אין מיינע אויגן פאַר אַן אומגליק אויב יידן וועלן אַרויסגיין פון פּוילן"...

„לאָמיך דיר אָבער זאָגן, מאַריץ, עס איז אַוועק און עס וועט מער ניט זיין דער צוויט און די רויזן, נישט פאַר דיר און נישט פאַר מיר, ווייל דער וואָס האָט איבערגעלעבט די געשרייען און יאָכצן פון מאַמעס און קינדער, דאָס שפּילן פון פידעלע ווען דער תליון האָט אין די גאַז־קאַמערן געפירט,

און די קאַמיאָן־פירער זיינען געווען פּאָליאַקן... פונדעסטוועגן זאָגט דער דיכטער דוד ספאַרד:

„ס'איז שווער מיט האַרבסטן פּוילישע זיך צו געזעגענען,
וועןביימער זיינען אָנגעטאָן אין קרוינען גילדענע,
און פעלדער ליגן אויסגעשפּרייט אין מידער זאַטקייט
אויף קישנס פּוכענע פון זון —
און שטראַלן אויס פון זיך אַ מילדע שיין,
ווי פרויען אין די ערשטע שעהען נאָך געבורט.

ווענען וועלן אלולדיקע ווינטן
אויסדערציילן איצט אויף מאַמע־לשון
דעם עלנט פון פאַרוואָרלאָזטע בית־עלמינס ?
מיט וועמען וועלן איצטער יידיש ריידן
וועלדער פּוילישע
און לויכטנדיקע בלאָע טייכן
ווי לבנות ...“

עפּיטאַפֿן...

„ערשט די רויז האָט געבליט, שוין איז אויס פון איר צוויט;
ערשט דער בוים האָט געגרינט, שוין באַרייסט אים דער ווינט.
און ער טרייבט און ער יאָגט — אָט איז נאַכט און אָט — טאָג.
נאָר עס דרייט זיך די ערד, פון דער זון שוין אַוועק,
הילט זיך איין אין דער נאַכט זיך מיט חושך באַדעקט.“

וואָס איז מענטש? די וועלט אין וועלכער מיר לעבן איז שוין ביליאָנען יאָרן אַלט. ווייסט דען עמיצער ווען עס איז געווען דער בראשית?

דאָס לעבן פון מענטש, אין פאַרגלייך מיט דער נאַטור, איז נישט מער ווי אַ בליק, וואָס טוט אַ לויכט און פאַרשווינדט... דער מענטש איז ווי די נאַטור — ליכט און שאָטן. דער מענטש איז אייביק; אַזוי איז אויך די נאַטור — ווייל אַ דור גייט און אַ דור קומט. (דור הולך ודור בא — קהלת).

די נאַטור לאָזט איבער זוימען פאַרן שפּעטערדיקן געבורט — און אַזוי טוט דער מענטש. דער באַשאַף פון דער נאַטור: זומער, ווינטער, האַרבסט און פרילינג — צעשטערט דאָס אַלטע און באַשאַפט דאָס נייע גרעזעלע, בלימעלע, מילב, עמבריאָ, גיגאַנט און קאַרליק.

אַמאָל טרעפט: עס שטאַרבט אָפּ אַ יונג ביימעלע. אַן אַלטער בוים לעבט הונדערטער יאָרן. דאָס איז אויך דער ביאָלאָגישער געזעץ פון מענטש און אַלע באַשעפענישן. גייט מיר ניט ווי לאַנג איך וועל לעבן, נאָר — וואָס האָב איך צוגעטראָגן? וועלכע גוטע מעשים לאָז איך איבער פאַר די קומענדיקע דורות? בין איך געווען אַן אינדזל? איז מיר אָנגעגאַנגען מיין נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט? בין איך געווען פאַר אָדער קעגן הומאַניזם?

דער מענטש לעבט מיט גליק און ווייטיק, מיט פרייד און טרויער, מיט אמת און פאַלשקייט. ער איז דער שטורעם פון אַנטלאַנטיק, דאָס געזאַנג פון פויגל אין פרילינג. אָט איז ער — טאָג און אָט איז ער — נאַכט... ער בויט און צעשטערט. ווען מיר וועלן דאָס געדענקען, וועט ניט זיין קיין גאַז־קאַמערן און קיין מלחמות. די נאַציאָנאַלע ווערטן פון פעלקער וועלן קיינמאָל נישט פאַרלוירן ווערן; זיי וועלן זיין מעכטיק ווי דער פּאַסיפיק און דער אַטלאַנטיק.

איך בין געבוירן אין אַ שטעטעלע אין פוילן, האַרט ביי דער גרענעץ. איז נישט געווען וואָס צו טאָן, האָבן יידן געשמייעט און געגענעצט... אין די שטעטלעך האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן געלעבט אין גרויס דחקות, איינגעקרעמפּעוועט אַרום דער שול, מקוה, מאַרק — און געלעבט מיט בטחון...

זיי זיינען געווען פאַנאַטיש פרום, זיך געגריבלט אין הייליקע ספרים, אין סתרי־תורה, מיסטיציזם, אין די סודות פון וועלט־באַשאַף...

פון די שטעטלעך זיינען אויך אַרויסגעוואַקסן קעמפער פאַר אַ גערעכטערן לעבן אויף דער וועלט. זיי האָבן אָראַפּגעריסן דעם שלייער פון דאָגמאַטיקער, פון די וועלכע האָבן געוואָלט דרייען דעם זייגער אויף צוריק. עמיצער פון אַ שטעטל האָט זיך אַרויסגעריסן פון דעם מיטל־אַלטער שטייגער לעבן און גענומען שטרעבן צו ברייטע האָריזאָנטן אין דער גרויסער, ברייטער וועלט.

דאָס שטעטל, וואָס האָט פאַרמאָגט נויט, אָרעמקייט, יתומים, הילצערנע הייזקעס, פאַדלאָגעס פון ערד, איינגעבויגענע דעכער, פאַרשלאָפענע פיצינקע געסעלעך, גראָשנדיקע געוועלבלעך, אַ יאַר־מאַרק מיט פאַרשלאָפענע פויערים, וואָס האָבן זיך געלאָזט אויפהעצן, אַז אין זייער חושכדיק לעבן, זיינען די יידן שולדיק און זיי געריי‍צט צו פּאָגראָמען...

די יידן פון שטעטל זיינען געווען באַוואוסט מיט זייער נאַרישקייט און חכמה, פיין, ליידן. מענטשן, ווי י. ל. פרץ, האָט געזאָגט:

„קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן,
זייער שעלטן, זייער בענטשן,
זייער ליבן, זייער שרייען,
זייער פלאַמען, זייער שפייען,
זייער בעטן מיט געווייִן
און דאָס קריצן מיט די ציין."

יצחק באַשעוויס אין דער דערציילונג „מיין טאַטנס חבר", פונעם בוך „גימפּל תם", זאָגט: „איך הער אָפט יידישע שרייבער ריידן וועגן אַרויסגעבן אַ בוך, פאַרשפּרייטן אַ בוך... ווי ווייניק מיין פאָטער האָט פאַרדינט, האָט ער אָבער עפּעס אָפּגעשפּאָרט אויף אַ ספר און געזאָגט: 'אַ ספר בלייבט אַ קרן קימת'..." דאָס זיינען געווען די יידן פון שטעטל.

אַ יידישער בחור איז שוין געקומען פון שטעטל אַן „אויפגעקלערטער" און מיטגעבראַכט טראַדיציע. זיין נייגונג צו וועלטלעכקייט האָט ער שוין אַרויסגעוויזן אין זיינע חדר־יאָרן מיט דערלערנען אַ שייטל עברי און אויך ויסן וויאַזוי צו האַלטן אַ פען אין האַנט, איז ער געווען אָנגעהויכט מיט וועלט־לעכקייט. די „פען אין האַנט" האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער פלעגט שרייבן פאַרן גאַנצן שטעטל בריוו צו נאַטשאַלסטווע און בריוו קיין אַמעריקע וועגן דעם שלעכטן מצב אין שטעטל.

וועלוול איז געווען שטיל, באַשיידן; ער האָט ליב געהאַט דאָס יידישע וואָרט, וואָס איז געווען ריין ווי קרישטאָל. נאָך איידער ער איז אַנטלאָפן פון שטעטל, איז ער שוין געווען גוט באַקאַנט מיט די שריפטן פון דער השכלה,

יידישע קלאַסיקער און רוסישע ראָמאַנען, און געזאָגט האָט ער: „אַ גוט בוך איז ווי קוואַליק וואַסער, וואָס מער דו טרינקסט עס אַלץ מער ווערסטו דערפרישט.“

שוין אין די יונגע יאָרן האָט וועלוול איינגעזאַפּט אין זיך דעם גייסט פון הומאַניזם, דאָס ערלעכע פון פאָלקס־מענטשן. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די שבתדיקע און וואָכעדיקע יידן. דאָס שווערע לעבן פון אַמאָל, פון שטעטל איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ געשפּענסט.

וועלוול האָט געדענקט דעם פּאָגראָם פון 1918, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון שטעטל. ער האָט גוט געדענקט די ערשטע און צווייטע וועלט־מלחמה — ספּעציעל די צווייטע, וואָס דער פאַשיזם און נאַציזם האָט געטאָן צו מענטשן אין די געטאָס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־קאַמערן. און דערפאַר וואָס וועלוול איז געווען אַ רעכטדענקנדער מענטש, איז ער געווען קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, ווייל „רעאַקציע מיידט נישט אויס דעם אינטעלעקטואַל פונקט ווי דעם פּשוטן אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, וועלכער שטעלט זיך איין קעגן פאַרפאָלגונגען אויף מינאָריטעטן און פאַרטיידיקט די דעמאָקראַטישע רעכטן פון אַלע ראַסן און קאָלירן — אַזוי האָט וועלוול געזאָגט צו די וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ טרוימער...

אַז מ'וויל קאָן מען זאָגן, אַז וועלוול איז געווען אַ בן־תורה, ניט בלויז אין חומש און רש״י, נאָר אויך אין וויסן און וועלטלעכקייט. גאַנץ אָפט פלעגט ער גיין שפּאַצירן אין פּאַרק, פאַרלייגט די קליינע, מידע הענט און שטאַרק באַ־וואונדערט די גרינע נאַטור. ער פלעגט ריידן וועגן דער השכלה־עפּאָכע, וועגן אַלטע און נייע פאָרמען און סטילן פון היינטצייטיקע און אַלטע קלאַסיקער.

וועלוול איז געווען אָפּגעהיטן מיטן יידישן לשון, געשמועסט וועגן יידישן פאָלק, וואָס איז שוין העכער פיר טויזנט יאָר אַלט: „אַ פאָלק פון אַרבעטער, האַרעפּאַשניקעס, רייכע, אָרעמע, פרייע און — ווי אַלע פעלקער“...

פריינט פאַרגעסן ניט...

דר. מאָריס לעוויט איז מיר געווען באַענט: אַ חבר, אַ פריינט. איך בין געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין דער היים פון פרידא און מאָריס לעוויט. מאָריס איז געווען אַ שרייבער, אַ פּראָגרעסיווע מענטש. ער האָט ליב געהאַט שיינקייט אין לעבן פון מענטשן, פון דער נאַטור און אירע קאָליר־פולע פאַרבן. ער האָט ליב געהאַט דאָס פאָלקס־ליד, קלאַסישע מוזיק, באַלעט; ער איז געווען פאַרליבט אין אַלץ וואָס איז שיין און ערלעך. ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך כבוד; מאָריס איז געווען באַשיידן; ער האָט ליב געהאַט די דורות־לאַנגע יידישע קולטור. כאָטש ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך, איז ער געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון די שאַפונגען פון עדעלשטאַט, באָורשאָווער, ווינטשעווסקי, פרוג, ליעסין, י. ל. פּרץ, ח. נ. ביאַליק — די דיכטער פון שיינקייט און יושר, וואָס האָבן געצאַרנט אויף טיראַנען, הערשער און באַצווינגער פון פאָלקס־מענטש.

פון פאַך איז ער געווען אַ דענטיסט. פרידאַ איז געווען זיין געהילף. ער איז אָבער געווען געצויגט מער צו דער שרייבערישער פּראָפעסיע, ווי צו זיין פאַך, כאָטש דאָס שרייבן האָט אים נישט געגעבן קיין פּרנסה. ער האָט אַרויסגעגעבן זעקס ביכער: דראַמען, איינאַקטערס, דערציילונגען. אין די צוואַנציקער יאָרן איז מאָריס שוין געווען אַן אָנערקענטער שרייבער. איר זעט אים אָפט אין דער „פרייהייט". ער שרייבט אַליין און זעצט איבער פון רוסיש — הומאָרעסקעס. ער שרייבט אין זשורנאַל „צוזאַמען", רעדאַקטירט פון אהרן און שלמה פעלדמאַן, וואו ער דרוקט פעליעטאָנען. ער שרייבט אין „דער יונגער מוזיקער". ער האָט שטאַרק ליב געהאַט נגינה. אַלס יינגל פלעגט ער זינגען ביי חזנים אין האַמעל און אָדעס. שרייבן איז געווען זיין „האָבי". ער האָט זיך געדרוקט אין זשורנאַל „מיר", אונטער דער רעדאַקציע פון י. סטאָדאָלסקי, מעיבקע קאַץ און ווילליאַם אייבראַמס — צייטשריפטן, וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

מאָריס לעוויט שרייבט אַ סך אין „דער פונק" — אַ זשורנאַל אַרויסגעגעבן אין די שפּעטע 20קער יאָרן, אונטער דער אויפזיכט פון אַרבעטער קלובן, וואָס זיינען געווען פאַרשפּרייט פון אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק. דאָס איז געווען אַ דינאַמישע יוגנט־באַוועגונג אין יידישן פּראָגרעסיוון לעבן.

דער דענטיסט, דר. לעוויט, האָט הויך געשאַצט אויך זיין שרייבערישע פּראָפעסיע. ער איז געווען דער מחבר פון די ביכער „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד" און אַנדערע דראַמען (1927), „איינאַקטערס" (1929), איינאַקטער אין ענגליש (1931), „פּערצן פּראָלעטאַרישע איינאַקטערס" (1935), „מויל־

היגיענע" (1938), „צווישן כוואַליעס" (1948). ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ היפּשע צאָל אַרטיקלען, דערציילונגען און הומאָרעסקעס אין דער „מאָרגן־פרייהייט". דר. לעוויט איז אַלע יאָרן געווען אין די פּראָגרעסיווע רייען.

מאָריס לעוויט, אַ געבוירענער אין האָמעל, האָט דורכגעלעבט צוויי פּאָגראָמען אין אָדעס, וואו ער איז געווען אַ שילער אין אַ מיטל־שול. ער איז געזוכט געוואָרן פון דער צאַרישער „אָכראַנקע". איז שפּעטער געווען פאַר־שפּאַרט אין אַ ווילנער טורמע. פּאָרט שטודירן אין היידעלבערג, קומט קיין אַמעריקע אין עלטער פון 20 יאָר; העלפט בויען דעם אַרבעטער רינג. איז אַקטיוו אין סאָציאַליסטישע קרייזן; אַרבעט אין „פּיפּלס רעליף"; ווערט אַ דענ־טיסט און היילט אויך די, וואָס קאָנען ניט באַצאָלן, אָדער קאָנען באַצאָלן בלויז טיילווייז.

ווען די „פרייהייט" ווערט געבוירן, מאַכט ער זיין ליטעראַרישן בייטראָג. ער ווערט אַקטיוו אין מאַסן־אָרגאַניזאַציעס: אַרבעטער־שולן, אַרבעטער־קלובן. שפּעטער אין יידישן פאָלקס־אָרדן. טרעט אַרויס אויף פאַרזאַמלונגען מיט לעקציעס, דער עיקר וועגן מויל־היגיענע. אין ניו־יאָרק ווערן אויפגעפירט זיינע טעאַטער־שפּילן: „קאָלווירטניקעס", „קאַנדידאַטן", „באַרג־אַרויף", „מיר סטרייקן", „אויף דער באַערי", „לאַנדלייט", און אַנדערע איינאַקטערס, וועלכע האָבן אין די דרייסיקער יאָרן און אויך שפּעטער אַ סך בייגעטראָגן צו דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט זייער אָפּשפּיגלונג פון די קאַמפן קעגן נויט, אָרעמ־קייט און הונגער.

קלמן מרמר, דער שרייבער, דער היסטאָריקער, מחבר פון „קלאַסן־קאַמף אין אַלטערטום", איבערזעצער פון אָסקאַר וואַילדס „דע פּראָפונדיס", מחבר פון „דוד עדעלשטאַט" און אַנדערע ווערק, האָט געגעבן אָפּשאַצונגען מיט ליב פאַר דעם שרייבער, דר. מאָריס לעוויט.

קלמן מרמר האָט געלויבט דר. לעוויטס פיר־אַקטיקער דראַמע „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד" אין זיינע שילדערונגען פון רעוואָלוציאָנערע העלדן.

שפּעטער, ווען דער היטלעריזם האָט זיך געגרייט צו „טויזנט יאָר הער־שאַפט", און האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון יידישן פאָלק, זעען מיר אין לעוויטס בוך „צווישן כוואַליעס" אַז עס שפּיגלט זיך אָפּ דער גרויל פון נאַציזם און פאַשיזם. דאָס זעען מיר אויך אין די דערציילונגען „עס קומט דער יום־הדין", „דער שטילער העלד", „נקמה" און אַנדערע דערציילונגען און מאָנאָלאָגן.

דר. לעוויטס ווערק שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין זיין חוש פאַר הומאָר. דר. לעוויט ברענגט דאָס אַרויס אין די הומאָרעסקעס און אין די שילדערונגען פון אָרעמען אַרבעטער־לעבן אין אַמעריקע און אין דער „אַלטער היים".

אין נומער 38 „זאַמלונגען" איז דערשינען זיין לעצטע דערציילונג. דר. לעוויט שילדערט דאָרט זייער פּאָעטיש, ווי אַזוי אַן עפּל־ביימעלע האָט זיך צעבליט „פאַר דער צייט", ווי שדים וואָלטן דאָס אָנגעטראָגן. דאָס זיינען

זכרונות פון דער אַלטער היים, די נאָסטאַלגיע פון חדר־און־קינדער־יאָרן. ער ברענגט אַרויס אין דער דערציילונג דעם אָמאָליקן פינצטערן פאַנאַטיזם און אבערגלויבן „די פּאָליציי האָט זיך דערשראָקן און דאָס בוימעלע אויס־געהאַקט״.. זייער סימבאָליש שילדערט ער, אַז אויך דאָ אין לאַנד וועלעס ווערט דורך דעם איינציקן געיעג נאָך רייכטום צעשטערט די שיינקייט פון דער נאַטור, פון דער בלום; ביימער ווערן אויסגעהאַקט, כדי דער באָדן זאָל פאַרקויפט ווערן פאַר די, וועלכע בויען פאַר זיך רייכע פּאַלאַצן אויף די העכסטע בערג אָדער אין דער „ווילדערניש״...

דר. מאָריס לעוויט האָט ליב געהאַט די יידישע שפּראַך, געצערטלט דאָס יידישע בוך פון יעדן וועלטלעכן שרייבער. ער איז געווען פאַרליבט אין יידישן פאָלקס־ליד, אין די ווערק פון י. ל. פּרץ, יהואש, ביאַליק, פרוג, ווינ־טשעווסקי און עדעלשטאַט. ער איז געווען אָנגעהויכט מיטן גייסט פון די שאַפער, וועלכע האָבן געצאָרנט קעגן אומגערעכטיקייט.

דר. מאָריס לעוויט איז געווען אַ שטילער, באַשיידענער, אַ גלויבער אין מענטשלעכקייט און יושר, אַ שונא פון מלחמה.

אויף זיין באַשיידענעם אופן האָט ער איבערגעלאָזט אַ ירושה פון אַ צאָל ביכער, וואָס דערציילן די געשיכטע פון אַ שרייבער, אַ פּאָלקס־מענטש, אויך קאַפּיטלעך געשיכטע פון יענער זייט ים און פונעם לעבן פון אָרעמע מענטשן אין אַמעריקע.

די פּען איז מעכטיקער פון דער שווערד. דער אָנגעזאַמלטער צאָרן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן דריקט דער שרייבער אויס אין פאַרשיידענע פאָר־מען, ספּעציעל אין דער דראַמאַטישער פאָרם פון טעאַטער, וואָס האָט נאָך ביי די גריכן אין די גאָר אַלטע צייטן געוועקט די יוגנט צו מעשים, צום קאַמף קעגן אונטערדריקונג. דאָס טעאַטער איז אַלע מאָל געווען דער אויסדרוק פון פּראָטעסט און האָט אָפּגעהויקט פון קעניגן, לאָרדן, הויף־דינער, וועלכע האָבן זיך אַמוזירט מיט די געפעכטן צווישן מענטש און חיה, וואָס זיי האָבן אַרויפ־געצוואונגען אויף די גלאַדיאַטאָרן אין אַלטן רוים און אין גריכנלאַנד. אונטער דעם איינפלוס פון יענע שאַפער, האָט דר. מאָריס לעוויט געמאַכט זיין ביישטייער קעגן אומגערעכטיקייטן פון מענטש צו מענטש אין אונדזער צייט.

מיר ווייסן, אַז דאָס טעאַטער איז שעפעריש, ווען די געשטעלטע פּיעסן אויף דר בינע ברענגען אַרויס די עפּאָכע אין וועלכער מיר לעבן; נאָר דאָן בלייבן די שרייבער אומשטערבלעך. דער טעאַטער — לאָמיר ניט פאַרגעסן — איז אַלע מאָל געווען אַ טריבונע פאַר גרויסע אידעאישע דיסקוסיעס.

דר. מאָריס לוויט האָט געלייענט מוזיק־נאָטן, געשפּילט טשעלאָ, דערפון האָט זיך גענומען זיין פאַרליבטקייט אין דער קלאַסישער מוזיק: סימפאָניעס, אָפּערע, באַלעט און טעאַטער.

דער ערלעכער שרייבער איז דער, וואָס האָט וויזיע און שפּיגלט אָפּ די צייט אין וועלכער מיר לעבן. דאָס זעען מיר ביי אונדזערע קלאַסיקער און אויך ביי די פון אַלע צייטן און ביי אַלע פעלקער.

מאָריס לעוויט האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען אַלטע געזעצן זיינען געוואָרן אָפּגעווישט, אַלטע געטער צעבראָכן. ער האָט געזען די צייט פון איבערבוי אין דער איצטיקער געזעלשאַפט. ער איז געווען דער מיט־מענטש פון די, וועלכע שטרעבן און קעמפן פאַר יושר און אומבייט פאַר אַ פרידלעכער וועלט. אויף דעם וועג איז געגאַנגען איינער פון אונדזער דור, ד״ר. מאָריס לעוויט.

פריינט פאַרגעסן ניט . . .

שמעון זאַכאַריאַש

דעם 4טן פעברואַר, 1970, איז אויפן קאָמונאַלן בית־עולם אין וואַרשע באַערדיקט געוואָרן דער ערלעכער באַשיידענער מענטש, דער קעמפער פאַר אמת און יושר, שמעון זאַכאַריאַש. ער איז געווען אַ געטרייער זון פון אַרבעטער־קלאַס, אַ מענטש וואָס האָט געקעמפט פאַר אַ פריי פוילן אָן אַנטיסעמיטיזם. ער איז געווען איינער פון אַ סך, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געווידמעט דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

זאַכאַריאַש איז געזעסן אין טורמעס אין דעם פאַר׳מלחמה׳דיקן פוילן; איז געווען אַן אָנגעזעענער פירער אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז געווען אַ שיינער רעדנער און שרייבער, רעדאַקטאָר און פּאָליטישער פירער פון אַ גרייסן קאַליבער, אַ הויך־ראַנגיקער מענטש אין פאָלקס־פוילן, און פאַר אַלעם ערשטנס — אַ באַשיידענער, אַ געפילפולער חבר, מיט וועמען איך האָב זיך צום לעצטן מאָל באַגעגנט אין וואַרשע אין יאָר 1968 און זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט אַז כ׳וועל מיט צוויי יאָר שפּעטער שרייבן אַ נעקראָלאָג איבער אים.

עס ליגט פאַר מיר דאָס ביכל „יוסף לעוואַרטאָווסקי, דער קעמפער און רעוואָלוציאָנער, אָרגאַניזאַטאָר פון אַנטי־פאַשיסטישן קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ״, געשריבן פון שמעון זאַכאַריאַש, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, פאַרלאַג „יידיש בוך״ 1953. דאָס ביכל איז געווידמעט דעם העלד פון דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. עס ווערט געבראַכט די געשיכטע פון אויפשטאַנד

אין דער וואַרשעווער געטאָ און די לעבנס־געשיכטע פון יוסף לעוואַרטאָווסקי.

זייענדיק אין וואַרשע, האָב איך זיך באַגעגנט מיט חברים, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין די קאַמפן קעגן רידז־שמיגלי און פּילסודסקי פּוילן. זיי האָבן מיר דערציילט וועגן דעם סטאַזש אין דער אַרבעטער באַוועגונג פון ש. זאַכאַריאַש, וואָס איז מיר יאָרן לאַנג געווען באַקאַנט, נאָר דעם מאָל איז דאָס דורך זיי אין אַ ברייטער פּאַנאָראַמע.

די בראָשור פון 40 זייטן איז אָנגעפּיקעוועט מיט געשיכטע פון אַרבע־טער־קלאַסן־קאַמפן, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע. אַ רעזאָלוציע וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן אין יאָר 1923 זאָגט זייער אַ סך:

„דאָס פּאַנאָנדערבלאָזן דעם אַנטיסעמיטיזם, איז אויסגערעכנט אויף אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די פּוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן פון די אמת שולדיקע, אין זייער נויט און צרות. דאָס טרעפט ניט בלויז אין דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר האַמעוועט דעם קאַמף פון די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים פאַר זייער אייגענער קלאַסן־באַפרייאונג."

די בראָשור פון 40 זייטן איז פול מיט געשיכטע ניט נאָר פון דעם העלד יוסף לעוואַרטאָווסקי, וואָס איז געווען איינער פון די וואָס האָבן געהאָלפן צוגרייטן דעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ, נאָר אויך פון יידישן העראָפּאַשניק אין דעם פאַר'מלחמה'דיקן פּוילן. אַ סך וואָס ווערט דערציילט אין דעם ביכל, וואו עס ווערט אָפּגעשאַצט די פּאָליטישע לאַגע, איידער דער נאַציזם האָט באַשלאָסן ענדגילטיק „לייזן" די יידן־פראַגע, איז אויך גילטיק היינט, וועגן דער צוזאַמענפליכטערונג אין יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס שוואַכט אָפּ דעם קאַמף קעגן שונא.

ווען עס איז דערשינען די „מאָרגן־פרייהייט", די אונטערערדישע צייטונג אין וואַרשעווער געטאָ, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן:

„אונדזער פליכט איז די פליכט פון דיסציפּלינירטן זעלנער, וועלכער האָט צייטווייליק פאַרלוירן די פאַרבינדונג מיט דער קאָמפּאַניע, מיט דער אָרגאַניזאַציע, פונ־עסטוועגן ווען ער וועט בלייבן שטיין אויג אויף אויג מיטן שונא, וועט ער זיך ניט אַ וואַקל טאָן אויף אַ רגע און וועט זיך ניט ניט בלויז פאַרטיידיקן נאָר דער ערשטער אַטאַקירן."

די „מאָרגן־פרייהייט", אין דער וואַרשעווער געטאָ, איז געווען דער וועגווייזער. די צייטונג וואָס האָט געהאָלפן צעמענטירן די לעצטע כוחות קעגן נאַצישן אָקופּאַנט. אין דעם ביכל ווערט דערציילט וועגן די אויפרופן פון דער פּאַרטיי צום פּוילישן פאָלק:

„די פּוילישע באַפעלקערונג און אויך די פּויערים אין די דערפער מוזן געבן הילף די אַנטלאָפענע, מוזן זיי באַהאַלטן און באַזאָרגן מיט שפּייז. עס

ווערט אויך אַרויסגעשיקט אַ רוף צו דער יידישער באַפעלקערונג, אונטער־געשריבן פון דער פוילישער אַרבעטער פּאַרטיי (פּ.פּ.ר.):

„450,000 מענטשן אין וואַרשע וואַרטן אויפן טויט. די יידישע באַפעלקערונג מוז איבעררייסן מיט דער פאַטאַלער אילוזיע, אַז דורך פּאַסיוו־קייט וועט זיך עפּעס איינגעבן ראַטעווען"...

עס איז געווען אין אַפּריל, 1968. מיר האָבן זיך שוין באַגעגנט מיט אַ צאָל חברים, טרייבער, געזעלשאַפטלעכע טוער, אַרבעטער — און אַט איז שמעון זאַכאַריאַש. מיר נעמען זיך האַרציק אַרום און שמועסן.

איך האַלט אײַנגעפּאַקט אַ פּעקל, וואָס חבר יוזשעק פון לאָס אַנדזשעלעס האָט מיטגעשיקט פאַר זאַכאַריאַשן, אַ ווערטפולע זאַך. איך דערלאַנג דאָס אים. ער צווייפלט צי ער זאָל עס נעמען. „ווער איז דאָס דער חבר וואָס האָט מיך געהאַט אין זינען, געדענקען פון מיט פופציק יאָר צוריק?" פרעגט ער. „ניין איך וועל דאָס ניט נעמען, עס איז ניט פאַר מיר, דער חבר דאַרט ביי אייך האָט זיכער געמאַכט אַ טעות". מיר האָבן זיך אַביסל געאַמפּערט און סוף כל סוף האָב איך די מתנה צוריק גענומען קיין לאָס אַנדזשעלעס.

איצט ווען איך לייען, אַז ביי אַ טרויעריקער שטילקייט און געשטיקטן געוויין פון דער משפּחה און נאָענטע חברים און פריינט, ווערט דער אָרון אַראָפּגעלאָזט אין קבר און אַז לויט'ן לעצטן וואונטש פון פאַרשטאָרבענעם ווערן נישט געהאַלטן קיין רעדעס, זע איך ווידער און נאָכאַמאָל דעם ערלעכן איבערגעגעבענעם קעמפער, דעם באַשיידענעם שמעון זאַכאַריאַש. אַזוי איז ער געווען ביים לעבן; ער האָט געוואָלט, ווייזט אויס, אַז עס זאָל פאַרבלייבן אין האַרצן פון זיין משפּחה, פריינט, מיטקעמפער, די וועלכע האָבן מיט אים געליטן, געקעמפט, אַזוי ווי ער איז געווען: — אַ געטרייער קעמפנדיקער זון פון יידישן פאָלק, אַ שטאָלצער, וואַרעמער, גוטהאַרציקער חבר און פריינט.

„ווען היטלער־דייטשלאַנד איז דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 באַפאַלן פוילן, האָט זאַכאַריאַש, צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָליטישע אַרעסטירטע, זיך אַרויסגעריסן פון דער ראַוויטשער תפיסה.

שמעון איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין פוילן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָך דער באַפרייאונג. לויט זיין איניציאַטיוו, איז געשאַפן געוואָרן אַ נעץ פון קולטור־אינסטיטוציעס. ער האָט געשטרעבט, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל געבויט ווערן אויף נייע, געזונטע יסודות. די יידן זאָלן זיך קאָנען נאַציאָנאַל אויסלעבן אין דער יידישער קולטור. ער איז געווען אין די ערשטע יאָרן אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן. אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט ער געשענקט דער דער־ציאונג פון יונגן יידישן דור.

...וועז שמעון איז נאָך געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון פּ.פּ.ר. פלעגן יידן קומען צו אים ווי צו אַ רבין: בעטן אַ דירה אָדער ווען מ׳האָט אַ יידיש קינד נישט אָנגענומען אין דער הויכשול, אַ יידישן שרייבער האָט דער פאַרלאַג אָפּגעזאָגט צו דרוקן זיינס אַ בוך, זיך האַלטן אַן עצה אין פאַמי־ליע־דראַמעס, אין פראַגן וועגן עמיגראַציע... ער האָט אַלעמען אויסגעהערט — ווי אַ פאָטער.

...ער האָט קיינמאָל נישט איבערגעריסן מיט דער יידישער סביבה, געאַרבעט אין יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, געשריבן אין „בלעטער פאַר געשיכטע״, אַרויסגעגעבן מאָנאָגראַפיעס וועגן יידישע רעוואָלוציאָנערן. ער האָט שטאַרק געליטן צוליב די באַקאַנטע אויפטרייסלונגען פון יידישן ישוב... אין דער צייט ווען מיר האָבן זיך מיט אים באַגעגנט אין יאָר 1968 אין האָטעל וואַרשאַווא. ער האָט געליטן און געשוויגן...

אָוודאי האָט אים פאַרקירצט די יאָרן אויך דאָס, וואָס עס איז פאַרמאַכט געוואָרן דער פאַרלאַג „אידיש בוך״, וואו עס זיינען שוין לאַנג געלעגן זיינע אויפגעזעצטע ביכער וועגן דעם העלד פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד, יוסף לעוואַרטאָווסקי און וועגן גרשון דוא־באַגין, וועלכער איז אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

גינאַ מעדעם

די טיר אין שפּיטאָל איז געווען ברייט אָפן. דער טאָג — קלאָר. די זון האָט דורכגעשטראַלט די גרינע ביימער און באַלויכטן דעם צימער. גינאַ מעדעם איז געזעסן אויף אַ רעדל־שטול, פאַרטיפט אין אַ בוך. זי האָט נישט באַמערקט די אַריינגעקומענע מענטשן — נאָר ערשט ווען מיר האָבן איר אַרומגענומען און זיך צעקושט, האָט זי אויפגעוואַכט ווי פון אַ דרימל, פון סיפור־המעשה אין וועלכער זי איז געווען שטאַרק פאַרטיפט.

שרה האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל, וועגן די ביימער און פייגל, וואָס קוקן אַריין צו גינאַ מעדעם דורך דעם ברייטן פענצטער און זינגען אַ סערענאַדע.

גינאַס געהער איז געווען שאַרף. זי האָט אויפגעכאַפּט דעם דינסטן קלאַנג. „דאָס איז אַ געשאַנק פון דער נאַטור, וואָס נאָר געציילטע מענטשן פאַרמאָגן אויף די עלטערע יאָרן" — זאָגט שרה.

גינאַ מעדעם האָט אויפגעהויבן פונעם בוך אירע אויגן, וואָס זיינען געווען רונדיק־גרויס און קלאָר. מיר האָבן געקוקט אויף אירע האָר — ווייס ווי פוכקער שניי, פאַרבונדן מיט אַ קאָלירטער לענטע, וואָס איז געווען אַריינ־געפלאָכטן אין אַ דין צעפּעלע, ווי ביי אַ קינד. איר פּנים — ווייס ווי קרייד, ליכטיק ווי קרישטאָל, און די געדאַנקען — קלאָר ווי מיט 45 יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין שיקאַגאָ, אין מיין וועשעריי, וואו אַ ווייטע קאָך איז געשלאָפן אויף שוואַרצע קוילן — און גינאַ מעדעם געדענקט דאָס... זי האָט פאַרמאַכט דאָס שווערע בוך און אָנגעהויבן שמועסן וועגן שרייבער, נאָוועלן, ראָמאַנען, ליטעראַטור, וועלט־פּאָליטיק און אפילו וועגן די, וואָס פליען אין די הימלען... פּלוצלונג טוט זי אַ זאָג:

— שוין זייער לאַנג ווי איר זייט דאָ נישט געווען.

— אמת, אָבער איצטער וועלן מיר קומען אָפטער.

— איר זאָלט האַלטן וואָרט. איך ווייס, איר זייט געווען פאַרנומען. ווי האַלט איר מיט אייער בוך? דאָס לעצטע מאָל ווען איר זייט דאָ געווען מיט אַ יאָר צוריק, האָב איך פאָרגעשלאָגן, אַז איך וועל שרייבן אַן אַריינפיר צו אייער נייעם בוך. מען זאָגט אָבער, אַז זינט איר זייט צוריקגעקומען פון פּוילן... וועל איך איצט דאַרפן פריער לייענען דעם מאַנוסקריפּט... ווייסט איר גאָר וואָס, חבר פּאָזנער, איר וועט לייענען אַ טייל פאַר מיר.

— זאָל זיין אַזוי — זאָג איך.

איצט, פּונקט ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זי פּלעגט זיך באַווייזן אין אַ זאַל אויף דער בינע, מיט איר פרישן וואָרט, האָט פאַרבייגעשוועבט פאַר מיר איר

לעבנס־וועג, די וועלט־רייזנדע, מיט אירע פאַרטראַגן און פלאַמיקע, באַגייס־טערטע גרוסן פון אַפריקע, ביראַ־בידזשאַן, אַרגענטינע, פּאַריז, מאַדריד, באַרצעלאָנאַ... און דערציילן פון דער טעלמאַן־בריגאַדע, פון אַנטי־פאַשיסטן, באַטווינצעס, קעמפער פון פיל וועלט־טיילן. מיר האָבן איר דערמאָלט צוגע־טראָגן בוקעטן בלומען אַלס אויסדרוק פון גרויס ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר איר געטריישאַפט און ערלעכקייט צו דעם געדאַנקען־גאַנג פון וועלכן זי איז ביז היינט נישט אָפּגעטראָטן.

עס געדענקען זיך די וואונדער־שיינע נעכט אין שיקאַגאָ, ווינטער — פראָסט און שנייען. ווי וואַרעם ס׳איז געוואָרן אין אַלע גלידער, ווען גינאַ מעדעם האָט געשילדערט אירע רייזעס און פאַרבונדן אונדז מיט די פאָלקס־מאַסן פון פוילן, פּאַלעסטינע, דרום־אַמעריקע און אַלע וועלט־טיילן מיט די קעמפערישע, ברייטע פּראָגרעסיווע מענטשן פון „פעלקער, לענדער, קאַמפן."

גינאַ מעדעמ׳ס שילדערונגען זיינען זיינען געווען און זיינען נאָך איצט פאַרבנרייך, פּאָעטיש פאַרכאַפּנד, האַרציק, מענטשלעך, הומאַניסטיש. „טו ניט קיין שלעכטס אין לעבן" — איז איר מאָטאָ. איר זיסע, מוזיקאַלישע שטימע פלעגט מיטרייסן די צוהערער. איר זכרון איז פענאָמענאַל. צו אירע לעקציעס, רעפעראַטן, ביכער־איבערזיכטן פון פילשפּראַכיקע שרייבער, איז געקומען דער ברייטער עולם. גינאַ איז צאַרט און געפילפול. עס דערפרייט איר אַ גוט וואָרט פון אַ פריינט. זי איז פשוט און פאָלקסטימלעך, טיילמאָל איז זי סאַטיריש צו די, וועלכע ווילן באַרעכטיקן זייערע שלעכטע מעשים...

באַגייסטערטע לידער האָבן דיכטער און פּראָזע־שרייבער איר געווידמעט. אַלע האָבן אָפּגעשאַצט די פאַרבנרייכע פּערזאָן — גינאַ מעדעם. עס געדענקט זיך, עס דערמאָנט זיך: צו איר 80 יאָריקן געבוירנטאָג זיינען אין 1966 אָנגעפלויגן פלאַמיקע גרוסן, טעלעגראַמעס פון אויסטראַליע, מדינת ישראל, פון אַנטלאַנטישן און פּאַסיפישן ברעג.

ווען מ׳שרייבט וועגן דער ליבשאַפט צו גינאַ מעדעם, וואָס קאָן נישט געקויפט ווערן פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, קומט אויפן געדאַנק די מעשה, וואָס ווערט דערציילט אין דער אַלטער כינעזישער געשיכטע. אין אַ דאָרף, דערציילט זיך, האָט געוואוינט אַן אָרעמער פויער מיטן נאָמען האָ־קי־מין. אָרעם — אָבער קלוג איז ער געווען, דער קליגסטער פון אַלע איינוואוינער אין דאָרף. דאָס גאַנצע דאָרף איז געקומען צו אים נאָך עצות. ביי קיינעם האָט ער גאָרנישט געבעטן פאַר זיין גוטסקייט. האָט איין מאָל פּאַסירט: פון גאַנץ ווייט איז געקומען צו אים אַ סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט פלאַקס און זיך געווענדט צו האָ־קי־מין: „זאָג מיר, קלוגער עצה־געבער, וואָס זאָל איך טאָן, כדי פאַר מיין פלאַקס זאָל איך באַקומען מער ווי איך גיב אויס אין מאַרק ביי די הענדלער. האָ־קי־מין האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, אונטערגעשפּאַרט מיט דער פלאַכער האַנט די גאָמבע. די האַנט האָט זיך

לייכט אַראָפּגעגליטש איבער ווייסן, שמאָלן, זיידן בערדל. ער האָט באַטראַכט דעם סוחר, צוגעלייגט די לינקע האַנט צום שטערן און אַזוי געזאָגט:

„זאַכן וועלכע ווערן געקויפט און פאַרקויפט, האָבן גאָרניט קיין ווערט. נאָר דאָס וואָס קאָן נישט געקויפט און פאַרקויפט ווערן, דאָס האָט די גרעסטע ווערט. די זוך בעסער די אייגנשאַפטן, וועלכע קאָנען פאַר קיין פּרייז נישט געקויפט ווערן."

דער סוחר האָט אַ ווײַלע געקלערט און געטראַכט, געצויגן דעם רויך פון זיין לאַנגער לולקע, דער דינער ווייסער טאַבאַק־רויך האָט זיך געצויגן צו דער סטעלע, זיך געדרייט ווי אַ קאָלירטע לענטע, וואָס פלאַטערט אין דער לופט, און זיך געווענדט צו דעם קלוגן פויער האַ־קי־מין אַזוי:

„זאָג מיר, קלוגער האַ־קי־מין, וואָס איז דאָס פאַר אַ סחורה, וועלכע מען קען פאַר קיין געלט נישט קויפן?"

אויפן אַלטן פויער האַ־קי־מין האָט זיך געקנייטשט דער שטערן, אַ גרימאַסע האָט זיך באַוויזן אין זיינע מויל־ווינקלען. זיינע אויגן זיינען געוואָרן גרעסער, ליכטיקער. אַ דינער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם קלוגן פויערס פּנים און האָט לאַקאָניש אַ זאָג־געטאָן:

„פרייהייט, ברידערלעכקייט, און גוטע פריינט — דאָס קאָן מען פאַר קיין געלט נישט קויפן."

דער סוחר האָט אַזוי זיצנדיק אויפן דיל, פאַרלייגט די פיס אונטער זיך, אַ שעלמישן קוק געטאָן צו האַ־קי־מין, זיך פאַמעלעך אויסגעגלייכט, און ווען ער איז שוין געשטאַנען ביי דער טיר צום אַרויסגיין, האָט ער אין דער שטיל אַ מורמל געטאָן: „ביסט גערעכט, נישט אַלץ קאָן מען קויפן פאַר געלט"...

מערי די שיינע, מערי די קליינע — אַ מתנה

מערי זאָגט, אַז זי איז אַלט 75 יאָר. אַ סימן: היינט אָונט, דעם צווייטן טאָג סוכות, זמן שמחתנו, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען הונדערטער פריינט צו איר געבוירנטאָג, נאָר קיינער גלויבט ניט אין דעם ציפער „75". די געסט ביי מיין טיש זאָגן: „מער ווי 65 גיב איך איר ניט."

מערי גייט ניט, נאָר זי שוועבט. אירע לייכטע פיס באַרירן קוים די ערד. ניט זי רעדט, נאָר זי זינגט מיט אַ לייכטן, ליטווישן אַקצענט. וואָס גיט איר צו נאָך מער חן. זיצן אין הויז, ביי מעריס טיש, איז נחת־רוח: ניט זי שמייכלט, נאָר איר גאַנץ וועזן איז פול מיט פרייד ווען עס קומען געסט. מערי גייט ניט מיט געמאָסטענע טריט, זי פליט פון איין מיטינג צום צווייטן, און תמיד ברענגט זי עפּעס מיט: אַ שטרודל, קיכלעך אַ קוגעלע, קנישעס — צו „באַשיינען" די שמחה.

מערי איז אַ פאָלקס־מענטש, וואָס האָט זיך אין איר נאָך מער אויס־געשטאַלטיקט דורך די יאָרן, וואָס זי באַטייליקט זיך אין פּראָגרעסיווע אַרבעט. זי איז שטיל, באַשיידן, טוט איר אַרבעט אָן רעש און טראָגט אַלץ אָנטקעגן אויף אַ זילבערנער טאַץ. מערי איז אפשר אַ ביסל קלענער פון מיטעלן וואוקס, אָבער איר שפּרודלדיק לעבן איז גרויס, געזונט און קרעפטיק, וואָס קאָן קלעקן מער ווי פאַר איין מערי.

מערי די שיינע, און מערי די קליינע, האָט ליב מענטשן; טראָגט זי זיי אָנטקעגן אַ ליב יעכן שמייכל אפילו דעמאָלט, ווען איר פּנים פלאַמט מיט פאַרנומענקייט פון סערווירן אירע פיינסטע מאַטראָוועס.

און ווייל מערי האָט ליב מענטשן, האָט זי געבעטן איר מאַן נייטן, אַז ער זאָל פאַר איר אויפבויען אַ שיינע, באַקוועמע היים, און דאָן האָט מערי איינגעשטעלט אַ סדר, אַז צו פרישטיק, מיטאָג און וועטשערע זאָלן אָפּט, כאָטש איין מאָל אַ טאָג, קומען געסט: געסט פון פאַרשידענע שטעט איבער אַמעריקע און געסט פון לענדער איבער ווייטע ימען. די טיר איז ביי מערין ברייט אָפן. ווען איר קומט צו איר דאָס ערשטע מאָל, זאָגט זי: „פאַרגעסט ניט דעם אַדרעס..."

מעג דאָס זיין אַ פּראָפעסאָר, אַ דאָקטאָר, אַ פּשוטער פאָלקס־מענטש, אַן אַרטיסט, אַ שרייבער, אַ כלל־טוער — ער דאַרף נאָר זיין אַ גוטער מענטש — איז די טיר ברייט אָפן. היינט פּראָוועט מען מעריס געבורטסטאָג. דער גרויסער זאַל איז איבערגעפּאַקט מיט הונדערטער מענטשן. מערי קושט זיך מיט יעדן גאַסט; ווען עס זאָלן אפילו קומען טויזנט מענטשן, וואָלט זי יעדן מאַן און פרוי אַנטקעגן געטראָגן אַ קוש און אַ וואַרעמען האַנט־דרוק.

היינט איז מעריס יום־טוב און אויך דער יום־טוב פון אירע אומצאָליקע פריינט. קומען אָן באַגריסונגען פון נאָענט און פון ווייט. מערי איז אָנגעטאָן אין אַ פשוט ווייס קלייד, שוועבט זי אַרום די טישן און פרייט זיך פאַר דעם כבוד, וואָס מען טיילט איר צו. אין זאַל הערשט אַ פייערלעכע שטימונג. מעריס אויגן שיינען, נעמט זי אַרום די הונדערטער מענטשן מיט אירע וואַרעמע בליקן; מענטשן, וואָס זיינען געקומען זיך טיילן מיט איר פרייד.

אַ טראַנספּאַראַנט, וואָס הענגט אויף דעם פאָרהאַנג פון דער בינע, פּראָקלאַמירט, אַז מערי איז היינט יונג געוואָרן 75 יאָר — אָבער קיינער גלויבט דאָס ניט. ווען מערי ווערט גערופן זיך זעצן ביים הויפּט־טיש, געפינט זי זיך אין אַ פאַרלעגנהייט... זי וואָלט גאָר אַליין בעסער געהאָלפן סערווירן, איידער אויסהערן די פאַרדינטע שבחים. און אפשר וואָלט זי גאָר געוואָלט זיין אין דער גרויסער קיך פון זאַל, צענעמען אירע פלינקע, געבענטשטע הענט און אַרויסהעלפן פונקט ווי זי טוט עס אַ גאַנץ יאָר... שטייען אָבער ביי דער שוועל שומרים, וועכטער, און זאָגן: „ניט היינט, טייערע מערי!“...

דערווייל שוועבט זי איבערן זאַל, האַלדזט זיך, קושט זיך מיט די געקומענע צו דער גרויסער פייערונג. מעריס אויגן לויכטן. זי איז היינט אָוונט נאָך שענער פון די רויטע רויזן, וואָס געפינען זיך אויפן טיש; אַ ליכטיק, רונדיק פנים, אָן אַ פעלדעלע; דער עולם פאָלגט נאָך איר יעדן ריר...

מערי איז טעטיק אין יעדן ווינקעלע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מערי וואָלט זיך אפשר פאַרגינען צו האָבן אַן אַרויסהעלפערין אין איר הויז, וואָס זאָל באַקן, קאָכן, ראַמען, באַדינען די אָפטע געסט — איז וואָס־זשע וועט זי טאָן?... איר זעט מעריין אומעטום, אַלץ שטייט איר אָן; אַלץ וואָס ברענגט נוצן די לייען־קרייזן, קינדער־שולן, עמאַ לאַזאַרוס, קולטור־קלובן, איקוף און אַנדערע. פּאָליטיק לאָזט זי איבער צו איר מאַן נייטן. זעלטן ווען מערי מישט זיך אַריין אין אַ שטרייט... אַ וואָרט איז פּערל ביי מעריין... דאָס וואָס זי זאָגט אַרויס, פאַרמאָגט וואָג און אַ פונק הומאָר, לאָזט זיך געדענקען.

מערי איז געבוירן געוואָרן אין אַ זיידן העמדל... ווי זי זאָגט עס אַליין אויף איר חנעוודיקן אופן: „איך האָב זיך געאיילט קומען אויף דער וועלט וואָס פריער, כדי עמיצער אַנדערש זאָל ניט אויפכאַפּן נייטענען...“

היינט, דעם 28טן סעפּטעמבער, איז מעריס געבוירנטאָג און איר מאַן נייטן זאָגט: „מיר־ניט דיר־ניט, איז מערי געוואָרן 75 יאָר...“

דאָס איז געווען אַ פייערונג, פול מיט ליבשאַפט, ווירדע, מוזיק, געזאַנג פון הויכן, גוטן אויסוואַל, לכבוד מעריס זיס לעבן.

„מערי די קליינע, מערי די שיינע“ — זאָל דיין לעבן ווייטער זיין פול מיט פרייד, ביז אין אַ גאָר טיפן עלטער; צוזאַמען מיט דיין מאַן נייטן, משפחה און אַלע דיינע גוטע פריינט!

דאָס ליד איז געבליבן...

יעקב לאַנין איז געבוירן געוואָרן אינעם קליינעם שטעטל, געלערנט אין דער ישיבה; ווערט שפּעטער פאַרוואָגלט אין יעקאַטערינאָסלאַוו; אַרבעט אין פּאַטערס געוועלבל; קומט אָן קיין קאַליפאָרניע אין עלטער פון 24 יאָר; לערנט זיך און לערנט אַנדערע דאָס, וואָס ער האָט פּראַקטיצירט זיין גאַנץ לעבן.

אין יאָר 1916 איז אין לאָס אַנדזשעלעס דערשינען יעקב לאַנינס אַ בוך לידער: „די ערשטע פּרוכט.״ דעמאָלט איז דאָס געווען אַ געשעעניש. אַ יונגער, ייט פאַרהייראַטער בחור, אַ שטילער, באַשיידענער, אינטעליגענטער, שעמעוודיקער אַרבעטער, האָט אויף אייגענע הוצאות אַרויסגעגעבן אַ בוך פּאָעזיע, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אַנזען אין די ליטעראַרישע קרייזן און אויך צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן. מיט דריי יאָר שפּעטער האָט לאַנין חתונה געהאַט און אָפּגעלעבט פופציק יאָר אַן אידיליש לעבן מיט זיין פרוי העלען. און 49 יאָר נאָך דער דערשיינונג פון זיין ערשטלינג, איז אַרויסגע־געבן געוואָרן זיין צווייטער בוך.

יעקב לאַנין אין אין „געהיים״ געווען אַ לערער פון העברעאיש, אַ ליב־האָבער פון דער רוסישער, יידישער קלאַסישער ליטעראַטור, און היינט־צייטיקע שרייבער. איידער ער איז אַוועק אין דער אייביקייט, האָט ער איבערגעלאָזט אַ בוך לידער „צו ליכט און פריקהייט״. דאָס איז אַ ווערטפולע שאַפונג פון 146 זייטן אָפּגעקליבענע לידער, וואָס זיינען געשריבן אַזוי, אַז יעדער אַרבעטער, יעדער יידישער פאָלקס־מענטש, זאָל די לידער קאָנען פאַרשטיין און הנאה גרויס הנאה האָבן פונעם ליד און קלאָרן וואָרט.

דער דיכטער, יעקב לאַנין, דערציילט אייך וועגן זיך און זיין סביבה, וועגן זיינע מיטמענטשן, וועגן פרייד, צער און נויט: „כ׳בין אַ קינד פון די אָרעמע מאַסן. וואָס מיען זיך פאַר אַ שטיקל ברויט. כ׳בין גוט באַקאַנט מיט זייערע פריידן,ליידן, צער און נויט.״

ווי אַיינער פון די אָרעמע מאַסן, האָט דער דיכטער אַ שאַרף אויג, וואָס זעט דאָס שווערע לעבן פון האָרעפּאַשניק; ער האָט אויערן, וואָס הערן, ווי קינדער וויינען פון הונגער פאַר אַ שטיקל ברויט. ער כאַפּט אויף זיין ליד יעדן ניואַנס פון אַ קינד, אַ מענטש, וואָס רופט אַרויס פרייד אין זיין לעבן.

אַלס מענטש און דיכטער, איז ער געווען זייער געפילפול צו קינדער, צו דעם יונגן דור, וואָס האָט געבראַכט פרייד, געלעכטער מיט זייער טאַנץ און שפּיל.

דער שרייבער איז אַליין אויך פול מיט ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג ווען ער פאָרט אויף וואַקאַציע: אַ קליינינקייט, אַ שערער פון פאַך, וועלכער

האַט שוין יאָרן־לאַנג געשטרעבט צו אַזאַ רו און וואוילטאָג... — נעמט ער ווייב און קינד, פאַרגעסט וועגן די זאָרגן און זאָגט: „אויב לעבן, זאָל זיין געלעבט!“...

„איצט איז פרילינג, נאָך אַ רעגן — גראָזן, בלומען וואַכן אויף.
פון פאַרבאָרגענע פאָנטאַנען שפריצט אַ באַלזאַם — דופט אַרויף.“

* * * * *

יעקב לאַנין איז באַגייסטערט פון דער נאַטור; ער קאָן זיך גאָר ניט אָנזעטיקן מיט דער שיינקייט: דער בלויער, לויטערער הימל, דער ים, דאָס ווייסע זאַמד, בערג און טאָלן — איז דאָס לעבן זיס און ליב, ווייל זיין פרויס צאַרטע האַנט „גלעט מייקאָפּ... פאַר ביטער און פאַר זיס... פאַר אַלץ וואָס איך געניס.“

יעקב לאַנין, ווי שטאַרק פאַרכישופט ער זאָל ניט זיין פון דער נאַטור־צויבער, לעבט ער ניט אין קיין אויסגעחלומטער וועלט — ער זעט ווי „קריגס־שיפן גרוי, געפאַנצערטע ריזן, געטרייע שומרים פון געלן מעטאַל, קרעמער פון מלחמה“. מיט דעם גאַנצן שווינדל פאַר גאָלד און געלט, וואָס איז פאַראַן „וואָלט איך געטוישט פאַר אַביסל רו ביים ים.“ און הגם „דער דרויסן איז אַזוי פינצטער — איז מיין יעדער ווינקל לער; איך הער ניט מער זיין שטימע, זיין פנים שטראַלט ניט מער“... (פון ליד „מיין קינדס יאָרצייט“).

ווען עס האָט געטראָפן אַזאַ צער, וואָס איז באַפאַלן זיין הויז, די שטימונג איז אַ טרויעריקטע, שרייבט ער אַן אָדע צו זיין פרוי העלען:

„אין דיין נאָענטקייט און צויבער, ווען ליידן איז מער נישטאָ קיין כוח... ווערן די שמערצן לייכטער מיט דיר.“

דאָס הויז, די טיר פונעם דיכטער איז ברייט אָפן — פריי פאַר פריינט, חברים, ווייל ער האָט ליב מסיבה. אַ שטרענגער וועגעטאַריער, זאָגט ער צו זיין גאַסט, אַז עס „שטייט פאַר דיר, מיין גאַסט, די שפייז שוין אָנגעגרייט: אַ ביסל גרינס, פרוכט און מילך, שוואַרצע ברויט, וועסט דיין הונגער שטילן, דאַן דערצייל מיר... פריינט, פון וואַנען קומסטו, וואוהין דיין וועג פירט היינט“?

די מענטשן, וועלכע פלעגן קומען צום דיכטער אין הויז, האָבן געבראַכט יום־טוב און פרייד: „זיי וועקן פון שלאָף און רופן צום קאַמף קעגן שונאים“, וואָס פירן מלחמות קעגן דער גערעכטער מענטשהייט.

דער דיכטער לאַנין האָט האַרציק ליב געהאַט מענטשן, זיין פנים האָט געשטראַלט פאַר פרייד, ווייל — „אַ האַנט־דרוק און אַ גלעט איז מער ווי די שענסטע פערזן פון אַ פּאָעט“...

ביי דער אַרבעט איז די פרייד פון דיכטער גרויס. ווען עס באַווייזט זיך אַ קינד צו שניידן די האָר, ווינטשט ער אים: „לעבן זאָל דאָס קינד הונדערט

יאָר.״ ער האָט גרויס הנאה, יעקב לאַנין, און ער דריקט דאָס אויס אין זיין ליד. דאָס פרעמדע קינד איז אים ליב און טייער. ער שרייבט:

„איינגעוויקלט אים אין ווייסן,
צוגעגרייט אַ קעמל־שער...
הויב איך אָן די האָר צו שניידן...
און איך אַרבעט זייער שווער״...

זיינע לידער זיינען אָפט ריטמיש, האָפערדיק, און ווען ער זעט פרייד ביי יענעם, איז דאָס אויך זיין פרייד.

זעט וויפיל פרייד עס איז פאַראַן אין דעם ניגונדל „טראַ־לאַ־לאַ״:

„ווען אַ פרילינג־רעגן גייט,
פילט זיך אָן מיין האַרץ מיט פרייד.
טראַ־לאַ־לאַ און טראַ־לאַ־לאַ —
פרעגט מיך ניט פאַרוואָס, פאַרווען?
וואָס איז פלוצלונג מיר געשען?
טראַ־לאַ־לאַ און טראַ־לאַ־לאַ.״

יעקב לאַנין איז אַ הייסער חסיד געווען פון דער פרייער נאַטור. ער האָט ממש פאַרגעטערט דעם רעגן, דעם ווינט, ווען ר׳איז געמיטלעך און גלעט ס׳פּנים פון מענטש און דער בלום, און אַלץ וואָס איז שיין אין דעם נאַטור־באַשאַף, וואָס ברענגט פרייד דעם מענטשן.

איז דעריבער: „הוליע, הוליע, ווינטעלע, פריילעך זאָלסט נאָר זיין; ברענג אונדז פרי אַ רעגנדל, אַ פרילינגדיקס אַ פיין.״

יעקב לאַנין איז צו אַלץ פילבאַר. ער הערט דעם נאַטיגאַל טרעלן, ער זעט דעם שמעטערלינג מיט זיינע רייכע, קאָליר־פולע פאַרבן, דאָס פּיצינקע פייגעלע, נאָר־וואָס אויסגעבריט אין דער נעסט; גרינע גראָזן, געלן בלעטער־פאַל, און אַלץ וואָס איז שיין און גוט אין דער נאַטור.

יעקב לאַנין איז געווען אַ גרויסער הומאַניסט. וואָרנט ער דאָס פייגעלע, אַז עס זאָל זיין געהיט — זיך היטן פון דער פרומער קאַץ, וואָס זוכט זיך צו באַ־לעקן... זיינע לידער זיינען אויך וואָרנונגען צו דעם זינדיקן מענטשלעכן לעבן אויף דער ערד. ער רעדט וועגן די אכזריותן פונעם שונא, צו די היטלער־קאַניבאַלן: „דו האָסט לעבנס צעשטערט, ביסט געפאַלן אין בלוט פון דער באַשטראָפנדער שווערד.״

דער דיכטער איז געווען נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט ליב געהאַט מדינת ישראל, שטאַרק געהאַסט דעם אַנטיסעמיטיזם, דיסקרימי־נאַציע. ראַסן־האַס איז אים געווען דערווידער — אַלע מענטשן זיינען ברידער.

קורצע אויסצוגן פון קריטיקער וועגן רפאל פאָזנערס ביכער

ר. יוקלסאָן, אין „זאַמלונגען":

„ווען איר לייענט רפאל פאָזנערס בוך, זייט איר אונטערן איינדרוק, אַז אויך איר גייט־מיט מיט פאָזנערן. דאָס איז ניט קיין געמיטלעך גיין, און אוודאי ניט קיין שפּאַציר. דאָ זעט איר ווי אַ מענטש גייט — ריכטיקער: ער שפּאַנט מיט ברייטע און פעסטע שפּאַן..."

„די שפּראַך, אין וועלכער רפאל פאָזנער דערציילט די פאַרשיידענע עפּיזאָדן און איבערלעבונגען, איז אַ פּשוטע, ניט קיין מליצהדיקע, אָבער אַ ריינע און אַ קלאָרע, וואָס איז דאָ־און־דאָרט דורכגעפלאָכטן מיט עלעמענטן פון הומאָר און איז מאָמענטנווייז אויך באַהויכט מיט קאָליר און גלאַנץ."

י. ב. ביילין — „מאָרגן-פרייהייט":

„אַ מענטש איז אַ פאַרמאַכטער בוך. מען וואָלט איינער דעם אַנדערן אַזוי פיל בעסער דערקענט און פאַרשטאַנען, ווען מיר וואָלטן נישט געווען אַזוי פאַרזויקלט אין 'געבונדן אין טאָוולען'... דער אויטאָר וויזט אין געוויסע ערטער, אַז ער האָט אַ חוש פאַר דראַמאַטיזם. רפאל פאָזנער דערציילט זיין מעשה מיט אָפּגעהאַקטן אָטעם. אַ שיינע מעשה וואָלט דאָס געווען, ווען ער וואָלט דאָס געוועזן, ווען ער וואָלט אייך אַלץ דערציילט. עס וואָלט געדאַרפט פאַרנעמען גאַנצע בענדער. וואָס ער דערציילט יאָ — זיינען פּאַראַן אַזעלכע, וואָס פאַראינטריגירן אייער אויפמערקזאַמקייט און אפילו אַזעלכע, וואָס שמידן אייך צו און איר וועט האָבן פאַראיבל ווען עמיצער וועט אייך אין מיטן פון זיי אָפּרייסן.

דער מענטש האָט דורכגעמאַכט גלותן מער ווי די יידן, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שפּאַניע. ער האָט דורכגעמאַכט מער ווי צוויי מאָל אַזויפיל ווי „בנימין דער ערשטער."

שמואל הורוויטש — „פאָלקס-שטימע", וואַרשע:

„רפאל פאָזנער האָט אַן אָפן אויג און אויער. קודם־כל פאַר געזעל־שאַפטלעכע רעאַליטעטן, אָבער אויך אַ פיין־פילנדיק האַרץ און געפיל פאַר דער שיינקייט פון דער נאַטור, וועלכע ער מאָלט מיט וואַרעמע און מילדע פאַרבן. די ליבע צום מענטש און צו דער נאַטור גיסן זיך ביי אים צונויף

אין האַרמאָנישער גאַנצקייט. דער מחבר אָפּעריִרט מיט אַ גאַנץ ברייטער גאַמע פון שפּראַך־אויסדרוקן און פאַרגלייכן ביים מאָלן נאַטור־בילדער.

„מיט עטלעכע פּעדערשטריכן קומט אַן עפּאָכע און אַ דור, וואָס איז אין אונדזער אַלעמענס געדעכעניש; וואָס יעדע קינסטלערישע דערמאָנונג רירט אָן אין אונדז אידעאַלע האַרץ־סטרונעס, וואָס מאַכט גליווערן אונדזער בלוט און שטאַרקט אונדזער ווילן צו וועלן פאַרזעצן זייערע גרויסע טראַדי־ציעס, ווייל ער באַמיט זיך גאַרנישט צו פאַרלירן פונעם געזעענעם, דעם קאָלאָריט. אָפט מאָל רופט דער מאַטעריאַל אַרויס ביי רפאל פאַזנערן היס־טאָרישע רעמיניסענצן און דאָס פירט אים אַרויף אויפן וועג פון פּאַראַלגע־מיינערונגען און אונטערפּרעטאַציעס. דאַרף מען טאַקע אונטערשטרייכן, אַז די גוטע אָבסערוואַציע־פעאיקייטן פונעם מחבר, זיין חוש פאַר קינסטלערישער און פּאָעטישער אינטואיציע, פּרעדיסטינירן אים אַרויסצוקומען מיט אימ־פּרעסיעס, וואָס שפּיגלען אָפּ די רעאַלעווירקלעכקייט, נישט געקוקט אויף דער כּפּעציפיק פונעם זשאַנער.“

גינאַ מעדעם — „מאָרגן-פרייהייט“:

„רפאל פאַזנער, דער מחבר פון „אַ מענטש אין וועג“, האָט אָנגעשריבן „דער קאַמף אין געטאָ“ — אין אַלע זיינע טראַגישע און העראָאישע אַנט־וויקלונגען. דער ‚פּעדזשענט‘, די נאַראַציע איז באַגלייט פון מוזיק און כאָר־געזאַנג, צוגעגרייט און האַרמאָניזירט פונעם טאַלאַנטפולן מוזיקער און דירי־גענט, סאַני וועיל. די סאַמע דראַמאַטישע מאָמענטן פון דער דראַמע זיינען איבערגעפלאָכטן מיט די לידער פון הירש גליק און פאַרגעשטעלט פון די קינסטלער פון דער היגער „פאָלקס־בינע“. די מוזיק צעקלינגט זיך איבער די נאַכטיקע גאַסן פון מוראַנאָוו, ניזקע, גענשע.

„דער זאַל פון דער עמבאַסי אוידיטאָריום איז שטיל. די שפּאַנונג איז אומגעהויער. יענע נאַכט קומט אַהער איבערן ים דער לעצטער בונקער, דער לעצטער ייד; די לעצטע פאַרטיידיקער — געפאַלן...

„די רעזשי איז געמאַכט געוואָרן פון שמעון רוסקין, שוישפּילער פון האָליוואוד. די געטאָ־בילדער און דעקאָראַציעס — פון אַברהם פּאָלאַנסקי.“

יהודית קאַלמאַן — „נייע פּרעסע“, פּאַריז:

„היים און וועלט“ פון רפאל פאַזנער דערמאָנט אין דעם ווערק מיטן זעלבן נאָמען, פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, וואָס האָט אין די צוואַנציקער יאָרן אויסגעאיבט אַן אויסערגעוויינלעכן צויבער אויף דער יוגנט. אָבער דער

יידישער שרייבער האָט נישט קיין „מאַהאַראַדזשעס" אין דער משפּחה. זיין וועג איז נישט געבעט אויף רויזן; ער איז אַ זון פון צער און פּיין.

„דאָס בוך שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנצע רייע סילועטן, באַשרייבונגען וועגן פּאַריז, וואָס רעגן אָן צו לייענען באַלזאַקן, וויקטאָר הוגאָ. בליצשנעל אויפגענומענע איינדרוקן. פאַראַן אויך גאָר אינטערעסאַנטע אָפּהאַנדלונגען וועגן קלמן מרמר, משה לייב האַלפּערן, אפרים קאַגאַנאָווסקי און אַנדערע יידישע שרייבער.

„אַ בוך, וואָס לייענט זיך לייכט, שנעל און מיט אינטערעס."

מונע גלייזער (פון מאָסקווע) — „מאָרגן-פרייהייט":

זייער חשובער פריינט און טאַלאַנטפולער שרייבער, ח' רפאל פאָזנער!

„ווי אַ געטרייער זון פון פאָלק, וויטיקט איר אויס אין אייער בוך „היים און וועלט" די טאָטאַלע פיזישע פאַרניכטונג פון דעם מיליאָנענדיקן יידישן פאָלק! וועגן דעם פאַרגעסט איר ניט, ניט אין אייערע זכרונות און ניט אין אייערע עסייען. איר האַלט הויך די פאָן פון וואַרשעווער געטאָ־קדושים און פילט אויס זייער צוואה: „קיינמאָל ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט מוחל זיין!"

„...רייזע־איינדרוקן, זכרונות — קאַליידאָסקאָפּיש געשילדערטע, עסייען און ליטעראַרישע מיניאַטורן — דאָס אַלץ איז אַן אָנציענדיקער דערציִיל־מאַניר און אין אַ רייִנער, זאַפטיקער און מחיהדיקער ליטעראַרישער שפּראַך. דאָס איז אַ פיינע מתנה דעם יידישן לייענער אומעטום. איר פאַרמאָגט אַ געניטע באַאָבאַכטונגס קראַפט, אַ ריכטיקן אַנאַליטישן חוש און אַ קלאָרע, אמתדיקע אָפּשאַצונג פון די דערשיינונגען און געשעענישן, וואָס ווערן געשילדערט אין בוך."

רפאל פאָזנער בוך־קאָמיטעט

אייב קאָרן, קאַסירער • יוסף קאָרן, סעקרעטאַר

דר. חיים לובין, פּאַרזיצער

• ערן־ספּאָנסאָרס:

עוועלין אַלעקסאַנדער
פרידאַ לעוויט־אַקסלראָד
דזשאָו און איידאַ באַרנשטיין
מעקס גראָס
ג. און גרעיס גערטלער
מאַקס און בלומע גראָסבערג
דזשייקאָב דאָבזשינסקי
יאַנקל און דאָראַ לעש
חיים און פעי לובין
רבקה און נאַדיע לון
העלען לאַנין
אַדאָלפאַ און רחל ליבערמאַן
ראַלף און סילוויאַ פּאָזנער
פּעטערסאָן
וויליאַם פרידמאַן
אייב און פּאָליאַ קאָרן
אָסקאַר קאַראַבעלאַ
אין כבוד פון זיין פאָטער און מוטער, יוסף און סאָניאַ
אירווינג און פרוי קראַמאַן
דזשאָו און לילי קאָרן
מערי ריטשמאַן
מאיר און ליבי שולמאַן
מלך און מאַשע ניזשינסקי
פרידאַ קינג
אין כבוד פון איר מאַן עד
אסתר מילער
אין כבוד פון איר שוועסטער
אַנאַ גאַרקער
שרה סענטנער
אין כבוד פון איר מאַן מאָריס
מערי סמאָלאַ
אין כבוד פון איר מוטער מאָלי

סעם און ענאַ פעלדמאַן
אין כבוד פון זייער זון מאָריס
בעסי פינקלשטיין
אין כבוד פון איר מאַן אייב
ס. סילווער
אין כבוד פון ציפּורה טשעלניק
רעגינאַ גאָלדראַט
אין כבוד פון איר מאַן הערי
פּאולין וויטמאַן־גורעוויטש
אין כבוד פון איר שוועסטער סאָניאַ
ראַלף לעוויט
אין אָנדענק פון זיין פרוי עטל
שיקאַגאָ
העלען וואָלפסאָן און פרידאַ קינג
אין אָנדענק פון באַרני און ענאַ פלאָם — עלסינאָר
מערי קרעין
אין כבוד פון איר מאַן דזשאָו
יאָסל און סאָפיע גראַנאַס
אין כבוד פון ירחמיאל גראַנאַס
פּאַריז
שרה פּאָזנער
אין אָנדענק פון אירע ברידער
לייב און מאָריס סאָלאָמאָן
שיקאַגאָ
מאָלי — אין כבוד פון איר מאַן
שמעון טרייבוש
דאָראַ בייראַק
אין כבוד פון איר זון ראָבערט
שרה וויצמאַן
אין כבוד פון איר מאַן הערשל
משה שעק
אין כבוד פון זיין פרוי פּירל

איוואַ פראַנצבלוי
אין כבוד פון איר מאַן שמואל
מעקס וואָלמאַן
אין כבוד פון זיין פרוי ענאַ
הערי קאַפּלאַן—אין כבוד פון רבקה
איידאַ — אין כבוד פון דזשעק
יאַניאַ פּאָלאַנסקי
אין כבוד פון איר מאַן אברהם
בעלאַ און אירווינג ראַי —
אין אָנדענק פון עטל ראַי, אַ קרבן
פון די מעקאַרטי מכשפה־צייטן

חנה שטיינהאַרט
אין כבוד פון איר מאַן אהרן
לילי גאָלוב — איר כבוד פון אירע
ברידער און זייערע פרויען
האָוזער
פאַמיליע טאַלמי — שיקאַגאָ
אין אָנדענק פון אייזיק טאַלמי
לאָס אַנדזשעלעס
אידיט גאָרעליק
אין כבוד פון איר מאַן אהרן,
מחבר פון „שטורעמדיקע יאָרן"

• ספּאָנסאָרס

איוואַ אַרקין
ט. און א. אַלטהאַוז
מאָלי און מאָריס איינסטאַס
נייטן אייעראָף
סאָפיע און מאַקס אַגראַנאָווסקי
חוה און בען בענאָוויץ — מיאַמי
ליאַ ברוקס
אייזיק און איידאַ בענק
וויקטאָר באָראָוויץ
לינאַ און מעקס ברייטמאַן
רבקה בערגמאַן
ש. און א. בעלסקי
לואי בעס
משה און עלקע בלאַט
לואיס און דזשעני ברין—עלסינאָר
סעם באָרנשטיין
דוד בעל
מאַניאַ בענדער
חברים באלקין
ד. און ט. באָטעק
היים און חנה בוקרינסקי
סיימאָן גאָלדמאַן
א. און איטאַ גאָלדבערג
נייטן געלעס
לילי גאָלדבערג
מ. און פּ. געלער
אהרן גראָסבערג
דזשעק און סעראַ גוטפריינט
גדליה און שרה געלער

יוסף גרינבערג
קלמן גינזבורג — פּאַריז
אַרט גאָרדאָן
אין אָנדענק פון זיין פרוי סאָניע
מערי און נייטן גאַרפילד
ס. גאָרסקי
סעראַ גאָלדוואַלד
מ. און ר. גאָלדין
מלכה און סעם דאָרדיק
ב. און ד. דוואָרין
דייווידסאָן
סעם און העלען דראזנין
וויליאַם און שרה היימאַן
דר. הערבער — אין אָנדענק פון
זיין מוטען פרידאַ לאָק
ס. און מ. וואולף — שיקאַגאָ
ראָוז דאָרפמאַן
ד. דראָנזש
מ. און ש. הערשפעלד
א. העלפאַנד
ה. העליגמאַן
א. און דזשוליוס ווייס
ראָוז ווייס
טשאַרלי וועקסלער
חברים וואנעטיק
מעקס זענזיבאָר
ז. און ס. זעלפמאַן
מ. און ר. זאַליץ
נאַאום און לילי טשערנאַי

גאָלדע טשערניצקי
מ. טאַרלאָ
א. און מ. טאַרגאָן
סעם און עטל ליפשיץ
סעם און אַנאַבעל ליפּצין—ניו־יאָרק
חיים און מילדרעד לאסניק
הערי לעין
ראַכיל ליסט
ד. לעדערמאַן
פרידאַ לאָק
ענאַ מענדעלמאַן
נינאַ מען
מאָרי מענקאָוו
נתניאל מיימאָן — עלסינאָר
ראָוז מאַרקוס
רעי מענדעלסאָן
אילאַי און קלאַראַ ניומאַרק
אידיט און כ. נאָוויק
חיים שלמה נאגאָשינער
נייטן און בראָניע סעמיועל
אברהם סאָבעל
פרידאַ סנאָו
חיים און פרידאַ סטיין
חנה סאַפראָן — מיאַמי
סימע סוחר
י. און מ. סיימאָן — וועניס
הילדאַ און ה. טענגער
עזרא סטיין
היימי ערענבערג
מיני פאַלער
מאָלי פלאָטקין
פרענציס און דוד פיזמאַן
שושנה פּאַדיאַצעווא
ד. פרייס
בערט און דזשאָו פּאָזנאַן — פּאַריז
טשאַרלז פרידמאַן — אָוקלאַנד
דזשעק פּאַלמער
פּאַלאַנסקי
דזשין דעיל
אין כבוד פון איר מאַן ראָבערט
י. טראַכטנבערג

מיני און מאָטל פרענקל
דזשעני און סעם פאָגל
פּ. און א. פייגעלסאָן
ציפּורה, סערע סימע, עליאַ
ל. קלאָפּערמאַן
פיליפּ קיפּניס
ד. און א. קיפּניס
ע. און י. קליינמאַן
חוה און י. קאַנאָווסקי
רעגינאַ קאָטלער
קאַרל און רייזל קאָהן
א. און ח. קאַרץ
סעם קאָופמאַן
בערטאַ קאַפּלאַן
ענאַ קרייצער
טאַניאַ און אייב קליין
ל. און א. קעץ
ס. און ד. קוגלער
אייזיק קאַפּלאַן
נייטן קאַרפּילאָוו
סעם קאַפּלאַן
יוזשעק און זאָשע ראַבינס
איידאַ און אהרן ראַבינסאָן
משה ראָזען
מאָריס רעזניק
מאַקס ריטש
ד. ריוואָל
א. ריכטיקער
דזשאַנעט צעינעוו־רובין
רבקה און סעם ראָס
נייטן ראָזענבערג
נייטן און ענאַ שאַפּירא
ראָוז שלייפערמאַן — וועניס
סעם שאַבוסאָוו
ישראל און דאַיען שוואַרץ
ציליע און טשאַרלי שוואַרץ
מ. און פ. שטראַסבורגער
אַלעקס שוואַרצקאָפּ
דזשוליע און סעם סניידער
שרה לעוויטאָוו

● אָרגאַנזאַציעס:

שיקאַגער יידישער קולטור קלוב

סיטי טערעס יידישער קולטור קלוב

יידישער קולטור קלוב—עלסינאָר

דבורה טאַראַנט לייען־קרייז

ז. וויינפער לייען־קרייז

חנה סענעש לייען־קרייז—עלסינאָר

האָליוואוד עמאַ לאַזאַרוס

בעווערלי־פעירפעקס עמאַ לאַזאַרוס

מידטאַון עמאַ לאַזאַרוס

זוויהילער לאַנדסמאַנשאַפט
און מיטגלידער:

שמחה ראָטענבערג
מאָריס קאָהן
הערי בראָנפמאַן
אידאַ בערגער
בעסי אייבראַמסאָן
פרידאַ לעוויט — אין כבוד פון
איר מאַן הערמאַן
גאָסי בראָדי
לינאַ האָלפערין
ס. ראָטענבערג
בערטאַ קאַפלאַן

אינהאַלט

אַריינפיר — — — דר. חיים לובין

אין וועג

וועגן זיך — — — — — — — — 7
אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן — 10
שיקאַגאָ — — — — — — — 12
טאָראָנטאָ — — — — — — 15
אויף דער שיף — — — — — 17
דענמאַרק — — — — — — — 21
וואַרשע — — — — — — — 24
לאָדזש — — — — — — — 29
טשענסטאָכאָוו — — — — — 34
אוישוויץ — — — — — — — 39
פּראָג — — — — — — — — 43
פּאַריז — — — — — — — 57
דער יידישער אויפבוי
קעגן נאַציזם — — — — — 63
אין מאַרטירער־הויז — — — 65
מיט דר. משה סנה אין פּאַריז 69
בריסל, בעלגיע — — — — — 76
ראָטערדאַם — — — — — — 79

לאַם אַנדזשעלעס

ווען האָליוואָוד איז געווען
אַ ווילדערניש — — — — 83
אין שאָטן פון האָליוואָוד — — 88
אַ קינד וויינט — — — — — 92
די צערודערטע יוגנט — — 99
אַ באַגעגעניש — — — — — 100
אַ שלום־קאַרניוואַל — — — 101
נאַרקאָטיקער — — — — — 102
אין אַ פילם־סטודיאָ — — 104
אַ יידישע קינסטלער־משפחה 107
אַ פּרילינג־טאָג אין הארבסט 110
צען קינדער און אַ בוים — 111
אָרעמע מענטשן — — — 112
מענטשן אוןביימער — — 113
שוירלי און איר מוטער — — — 114
אַ חתונה ביי „היפּיס" — — — 115
מען וויל לעבן — — — — — 116
אַ טאָג ביים ים — — — — — 117
אַפּרו־טעג — — — — — — 120
מציאות — — — — — — — 124
צווישן הימלאַזע — — — — 127
אויפן אינדזל — — — — — 130
דער גרעסטער פּאַרק — — — 133
קאַליפאָרניע—מעקסיקאָ — 136
ווען מען גיט אונדז דאָס געלט 138
דער גליטשיקער וועג — — — 140
אַ דיכטער פאַלט פון עראָפּלאַן 142
אין נעגער־געטאָ — — — — 144
די גרויסע רעגנס — — — — 147
זעקס פייגעלעך — — — — — 151
אַלמאָ — — — — — — — — 154
לא אַמות כי אחיה — — — — 159
אסתר און מאַרלאָ — — — — 165
פאַרלוירן אַן אוצר — — — 170
אין אַ זונטיק ביי טאָג — — — 175
אַ רייזע אין מדבר — — — — 180
דאָס גרויסע געפינס — — — 183

אימפּרעסיעס

יידן און די ווערק פון
נעגערישע שרייבער — — 189
דער ייד אין דער אַמעריקאַנער
פּלאַסטישער קונסט — — 197
דאָס יידישע פידעלע — — — 207
עפּיטאַפן — — — — — — 215
פּריינט פאַרגעסן ניט — — — 218
שמעון זאַכאַריאַש — — — 221
גינאַ מעדעם — — — — — 225
מערי די שיינע — — — — 228
דאָס ליד איז געבליבן — — 230
וועגן פאַזנערס ביכער — — 233